STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06574

GEZAMELTE SHIFTEN

B. Gorin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. גאָרין אין יאָהר 1923.

געזאַמעלטע שריפטען

פון ב. גאָרין

(י. גוידאָ)

אריאם פרעס, יוניאן פרינטערס, 54 קאנאל סטריט, נויארק.

ב. גאָרין
(י. גוידאָ)

געזאַמעלטע שריפטען

דריטער באַנד

צוויי וועלטען
ערצעהלונגען און סקיצען

ארויסגעגעבען פון עליזאבעט גארין
ניו יאָרק, 1927

פאָלקס-אויסגאַבע

געדרוקט בלויז זיבען הונדערט עקזעמפּלאַרען.

Copyright — 1927
by
ELIZABETH GORIN
Brooklyn, N. Y.

אינהאַלט:

זייער גוטער לאַנדסמאַן 7
די שטודירענדע שנאָרערין 22
נעלי האָט זיך פאַרזאָרגט 34
סאָפּיע 48
עלסי 75
סעמקע 94
די געפאַלענע 107
פה נקבר 113
אָפּגעטראָגען 123
נאָך דער חתונה 128
וואָס האָט זי צו איהר? 133
אַ חסרון דער יחוס 138
ביידע גליקליך 144
און זי האָט איהם געפאָלגט 153
דער שטן מקטרג 167
דער אומגעבעטענער גאַסט 171
דער איוזעל 177
די קליינע מאַמעלע 180
דער הויזקיפּער 183
געמאַכט צום נאַר 188
אַ זול אויף ציבעלע 194
מיין חלום 198
דער נסתר 202
אויס שידוך 205

קאַלטענעס 210
זיינע פּרינציפּען 215
איהר נחמה 219
די אַלטע הויזען 223
די אומזיסטע טוי־טרינקערין 229
ווען דער צויבער איז אַריבער 234
אָהין אַן אויג 239
אַ גליקליכער חלום 244
דער דייטש 249
דער ספּאָרט 255
דער בעל קנאה 259
אוי די קינדער 262
די נקמה 267
צוגאַנגען 277
מיין לאַנדסמאַן 286
געטאַנצט אויף ביידענס חתונות 292
די גוטע מערכה 296
די האַנאָראָוואַטע 301
דער לענדלאָרד 307
די טאָכטער 312
אַבי חתונה געהאַט 317

זייער גוטער לאנדסמאן

צווישען די צווישענדעק פאסאזשירען אויף דער שיף „וויקטאריא” האט מען ניט געקענט באמערקען קיין איינציג־פרעהליכע געזיכט. אלע פנימ׳ער זיינען געווען פארוואלקענט, פארכמורעט, פונקט ווי דער הימעל אויבען. אלע האבען זיך ארומגעדרעהט מיט פארשלאסענע מיילער און זעלטען ווען עמיצער האט זיך ארויסגעכאפט מיט א ווארט אדער מיט א קליינע באמערקונג. זיי האבען זיך געפונען ווי ניט אויף זייערע ערטער; די איינע מאטראזען זיינען ארומגעלאפען ווי היימישע, בלייבענדיג שטעהן נעבען יעדע מיידעל, וואס האט זיך זיי אנגעטראפען אויפ׳ן וועג און סטארענדיג זיך צו פארציהען עפעס א געשפרעך.

א דראבנער הערבסט־רעגען האט געשפריצט און ניט געלאזט דעם עולם שטעהן אויפ׳ן דעק. די שיף האט זיך גערוקט פאוואליע, איבערלאזענדיג הינטער זיך א לאנגען ווייסען עק.

נאר אט האט זיך דער הימעל גענומען לייטערען און די בלייענע וואלקענס זיינען צורונען געווארען. עס האט א שיין געטאן די זון און די פאסאזשירען האבען זיך ארויסגעשאטען אויפ׳ן דעק. א נייע הויט האט ארויפגעצויגען דער טיפער קומער פון בענקען נאך דער פרישער היים, וואס זיי האבען אקארשט אוועקגעלאזט אין א פארבארגענער מורא פאר דעם גרויסען, אומענדליכען ים, פון וועלכען מען דערצעהלט זיך אן אזוי פיעל שרעקען, און פאר דער אומבאקאנטער לאנד, וואו, ווער ווייסט, וואס וועמען עס ערווארטעט,—דער טיפער קומער איז נאך ניט פארשוואונדען געווארען; ער איז נאך געבליבען ביי אלעמען אויף די געזיכטער, אין די אויגען, אבער דער אויסגעלייטערטער הימעל האט דאך געמאכט א געוויסע ווירקונג און פאנאנדערגעעפענט א ביסעל די מיילער.

דער עולם איז פאַרבליבען אויפ׳ן דעק ביז מען האָט אָנגע־הויבען צו קלינגען צו מיטאָג. די גוים אין איינע איילעניש האָבען גענומען לויפען ארונטער.

— זיי וועלען פאַרזאַמען די מציאה! — האָבען אַ פּאָר אידלאַך אַ זאָג געטאָן מיט פאַרקרימטע נעזער. און דאָך האָבען זיך די אידלאַך, איינציגוויז, אויך אַרונטערגעלאָזט אונטען זעהן אויף טשיקאַוועס, וואָס אַ שטייגער, גיט מען אויף אַ שיף עסען. עס איז כדאי אַזאַ זאַך צו זעהן, בפרט, אַז דאָס קאָסט קיין געלט ניט.

אויפ׳ן דעק זיינען נאָך פאַרבליבען אַ יונגע פּאָר פאָלק. זיי זיינען געשטאַנען מיטביידע הענט אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן פּאַראַנץ פון שיף און געקוקט דאָ אונטער, אויף די רעגענבויגענדיגע קאָ־לירען, וואָס האָבען זיך געטונקט אין וואַסער פאַזע שיף, און דאָ אויפ׳ן ברעג, וואָס זעהט זיך נאָך פון דערווייטענס, און דאָס האַרץ האָט זיי געסטשימעט פון בענקעניש.

נאָך פריש איז זיי געשטאַנען פאַר די אויגען די היים מיט אַלע וואַרימע ערינערונגען און זיי האָט איצט געדוכט, אַז די היים איז ניט קיין שטיקעל ערד פאַרבויט מיט הייזלאַך און באַזעצט מיט באַקאַנטע מענשען — ניין, די היים און די זכרונות אין זיי גופא זיינען אַלע צוזאַמען איין אויסגעגאָסענער קערפּער און דער גאַנצער קערפּער ליגט דאָרט, וואָס אַלץ מעהר און מעהר דערווייטערט זיך פון זיי און נאָר אַ שטיקעלע פון דעם גרויסען קערפּער האָט זיך אָפּגעריסען און איז פאַרוואָרפען געוואָרען אין אַן אומבאַקאַנטען אָרט און דאָס טראָגט זיך איבער דער רירעוודיגער, רירעוודיגער שוואַרצליכער מאַסע...

זיי זיינען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אַן די פּאַרענצען, זייענדיג פאַרזונקען אין אַ קומער, און איבערגעלעבט אין געדאַנקען פיעל, פיעל סצענעס פון זייערע פאַרגאַנגענע יאָהרען. קוקענדיג אונטען אין וואַסער, האָבען זיי זיך דערמאָנט אַן זייערע שפּאַציערס אין אַ לאַדקע איבער׳ן שטעדטעלשען טייכעל אין די שעהנע זומערדיגע פאַרנאַכטען, צווישען הויך־באַוואַקסענע מיט שמעקעדיגען גראָז סענאָזענצען. „וניז פּאַ מאַטושקע פּאַ וואָלגע״ פלעגען זיי ביידע זינגען און ווייט, ווייט איבער די סענאַזענצען פלעגען זיך קייקלען

די שטימען און, דאַכט זיך, אַפּשלאָגען זיך אַן בלויען וועלדעל און קומען צוריק אַלס אַן עכאָ.

האָבען זיי דעמאָלט געחלומ׳ט פון אַזאַ מין רייזע?

דעמאָלט האָבען זיי געקוקט אויף דער וועלט מיט די אויגען פון אַ יונגע ליעבענדע פּאָר; דעמאָלט איז ער געווען וואַסערשטיין דעם סעלצערמאַכער׳ס זון און זי גאָלדבערג דעם דיסטילאַטאָר׳ס טאָכטער, ביידענס עלטערן — די גבירים פון שטעדטעל, שפּילען די גרעסטע ראָליע; דעמאָלט איז ער געווען ניט לאַנג אַראָפּגעקומען פון נ..., וואו ער האָט דערצויגען ביז׳ן זעקסטען קלאַס גימנאַזיום און האָט דאָס אָפּגעגעבען מיט אַ גרינגע האַרץ, ווייל איהר האָט זיך געגלוסט מעהר ליעבען ווי לערנען; דעמאָלט איז זי געווען די איינציגע אין שטעדטעל, אויף וועמען אַלע מיידלאַך האָבען געקוקט מיט גרויס קנאה, דעמאָלט האָבען זיי ביידע, ער און זי, געקוקט אויפ׳ן לעבען, ווי אויף אַ קינדער־שפּיעל, האָבען ביידע געלעבט אין אַ וועלט פון חלומות, זיסע האָפענונגען, און האָבען חתונה געהאַט.

נאָך דער חתונה האָט ער זיך אַריינגערוקט מיט אַ קניה אין אַ וואַלד און באַגראָבען אַ פּאָר טויזענד גלייך דאָס ערשטע יאָהר. דאָס צווייטע יאָהר איז ווייטער אָוועקגעגאַנגען אַהן אַ פּאַרדינסט און אויפ׳ן דריטען יאָהר האָט ער זיך מיט׳ן ווייב מיישב געווען, אפשר זאָלען זיי גאָר פּרוּאווען דאָס מזל אין אמעריקאַ.

— אַ וועלט מיט מענשען פאָהרט אַהין, מסתמא איז דאָך דאָרטען עפּעס.

ובפרט אַז זיי דאַרפען ניט פאַרזעצען זייערע בעטגעוואַנד אויף הוצאות. זיי קענען נאָך מיט זיך ברענגען אַ קליינעם קאַפּיטאַל אין אמעריקאַ — זיי קענען גיכער האָפען אויף עפּעס ווי אַנדערע.

זיי זיינען דורכגעדרונגען מיט אַ קומער וועגען דער אַלטער וועלט. די נייע וועלט געהט זיי נאָך אפילו אויפ׳ן זינען ניט אַרויף.

זיי שטעהען שטיל. די דעק ווערט דערווייל באַלעבט. נאָכ׳ן מיטאָג האָבען זיך די פּאַסאַזשירען גענומען אַרויפקלויבען אין דער הויך. אַ יונגער דייטש האָט גענומען שפּילען מיט׳ן מויל אויף

אַ קליין האַרמאָניקעל און יונגע קריסטליכע פאַרלאַד האָבען גע־נומען טאַנצען. אַ פּאָר אַלטע ווייבער, וואָס זיינען געפאָהרען צו קינדער, האָבען גענומען בטל׳ען אַלע בייזע חלומות צו די טענ־צערס קעפּ און געבויגען זיך מיט׳ן גאַנצען קערפּער אין דעם זייט געגענאיבער די טענצער, וועלענדיג מיט דעם איינהאַלטען די גלייכ־געוויכט פון שיף.

דאָס יונגע פּאָר, וואָס איז געשטאַנען נעבען פאַרענץ, איז גע־בליבען שטעהן אויפ׳ן זעלבען אָרט, האָט זיך געהאַלטען פון דער־ווייטענס און ניט געמישט זיך, ניט צו די אידען און ניט צו די קריסטען.

— דאָס זיינען יחסנים! — האָבען יענע אידלאַך, וואָס האָבען געוואָלט פאַרציהען מיט זיי אַ רייד און זיינען אַוועק מיט אַ טרו־קענעם ענטפער, געזאָגט צו זייערע חברים און געקרימט מיט דער נאָז אויף דאָס יונגע פּאָר פאָלק.

* * *

אין אַ פיער־שטאָקיג טענעמענט הויז אויף הענרי סטריט, אויפ׳ן פערטען פלאָר אין די בעק, זיצט וואַסערשטיין אין אַ ראָקינג־טשער, אָנגעהאַלטען מיט בײדע הענט אָן די שפּיצען פון רוקען פון שטול אַזוי, אַז זיינע עלענבויגענס פאָרמירען אַ צווייטע פּאָר משופּע־דיגע פאַרענצען צום טשער, און וויגט זיך. דער קאָפּ איז איהם אַ ביסעל פאַרוואָרפען אָן אַ זייט, די אויגען אויסגעשטעלט אויף עפּעס אַ פּינטעל אין דער לופט, די ליפּען פאַרביסען. ער רעכענט, נאָר ער רעכענט ניט, וואָס איצט איז, נאָר וואָס עס איז געווען. ווען ער וואָלט איצט געדאַרפט דורכמאַכען דאָס פאַרגאַנגענע לעצטע יאָהר, וואָלט ער אַ סך, אַ סך קליגער געפיהרט. ער גיט צו, אַז געפיהרט האָט ער, ווי אַ נאַר. גענומען דאָס ביסעל געלט, וואָס איהם איז פאַרבליבען פון די ערשטע פינף חדשים לעדיג־געהן תיכף נאָך זיין קומען, און אַריינגערוקט אַ פּרעמדען... ניט נאָכגעפרעגט אפילו ווי געהעריג איז, ווער ער איז... און איבערהויפּט האָט ער געדאַרפט וויסען, אַז אַ פּעדלער־טראָסט מיט אַ פּאַרטנער איז ניט פאַר אַזאַ מענשען, ווי ער.

א נאַר ער איז! טאַמער איז זיין אייגען געלט קאַרג געווען פאַר׳ן פאַרטנער, האָט ער נאָך געדאַרפט שרייבען א היים, מען זאָל איהם אַרויסשיקען א ביסעל געלט, און דאָס זאָל אויך אריין אין געשעפט און א פּעני דערפון ניט באַקומען צוריק... דורכאויס, דורכאויס, געפיהרט ווי א נאַר! ווען ער זאָל האָבען איצט דאָס געלט, וואָלט ער שוין קיין פּעדלער־סטאָר ניט געמאַכט! איצט איז ער שוין מעהר ניט גרין... נאָך דעם יאָהר, וואָס ער האָט דאָ געהאַט, וואָלט ער זיך מעהר ניט געלאָזט פאַרפיהרען...

טאַקע א נאַר געווען! מען האָט איהם דעמאָלט, ווען ער איז לעדיג געגאַנגען און געזוכט א ביזנעס, רעקאָמענדירט א סטענד... ער האָט דעמאָלט, ווי איהם האָט געדאַכט, פאַר גאָר ניט קיין געלט געוואָלט צאָהלען... ביי איהם ווייזט זיך א ביטערער שמייכעל אויף די ליפּען: געגעבען געלט האָט ער טאַקע אויף א זאַך, פאַר די „פּעדלער־סטאָר“!

— סאַשאַ, דו וועסט געהן עסען? — האָט זיך דערהערט א קול פון קיטשען.

וואַסערשטיין האָט זיך אויפגעהערט צו וויגען אין טשער, האָט זיך פויל אויפגעהויבען און פּאַמעלאַך אריין אין נעקסטען צימער, אין קיטשען.

ער איז ניט הונגעריג און דאָס עסען קריכט איהם ניט אין האַלז. דער געדאַנק: „וואָס טוט מען?“ גיט איהם ניט קיין רוה. איהם אַרט ניט אַזוי פיעל פאַר זיך, ווי פאַר איהר. פאַר וואָס זאָל זי נעבאַך ליידען? איהם ווילט זיך אפילו דאָס מויל ניט עפענען, נאָר ער טוט איהר ווידער צוליעב און מאַטערט זיך עסען. ער ווייסט, אַז אָהן איהם וועט זי אויך צום טיש ניט געהן.

ער לייקענט פון איהר זעהר פיעל. ער סטאַרעט זיך צו מאַהלען פאַר איהר זייער לאַגע אין שעהנערע פאַרבען, און דאָס שרעקט איהם נאָך מעהרער. ער זעהט ווי די נויט טרעט אַלץ פעסטער און פעסטער צו זיי. זיין הוט איז שוין אָפּגעבלאַקירט, די פּלייצע פון רעקעל אַזוי שטאַרק אויסגעריבען, אַז עס האָט באַקומען א גלאַנץ. זי טרייבט איהם אַלץ קויפען א נייעם סוט און פאַר־שטעהט ניט, אַז מען קען די לעצטע פּעני אויף דעם ניט אויס־

געבען. ער וויל איהר קיין שכל ניט איינגעבען, זאָל זי בעסער ניט וויסען. נאָר דאָס וואָס ער טראָגט אַליין אויפ'ן הארצען און קען פאַר איהר ניט אויסדערצעהלען, פּרעסט איהם ווי א שווערע משא און לאָזט איהם ניט רוהען.

— וואָס וועט אָבער זיין דער תכלית?

ער זעהט ווי ער זינקט, וואָס ווייטער, אַלץ טיפער אין דעם אַפּגרונט פון אָרימקייט און ער מוז זיך זעהן וואָס גיכער אַרויס־רייסען, און אַרויסרייסען זיך קען ער סיידען ביי דער אַרבייט. נאָר ווי דערצעהלט מען איהר וועגען אַרבייט? דעמאָלט וועט זי אויף ריכטיג ערפאהרען ווי זיי האַלטען אין דער וועלט, און דאָס איז איהם געווען ערגער ווי דער טויט.

נאָר ווי לאַנג וועט ער זיך פון איהר קענען פאַרבאַהאַלטען? וועט דען זיין גרינגער פאַר איהר צו דערוויסען זיך פון זייער לאַגע, ווען אין שטוב וועט ניט זיין קיין שטיקעל ברויט און דער לענדלאָרד וועט זיי אַרויסוואַרפען אין סטריט?

ער קלייבט זיך שוין עטליכע טעג רעדען מיט איהר, נאָר ווי עס קומט דערצו פאַרפעהלט איהם מוט און ער לעגט אָפּ דאָס געשפּרעך אויף אַן אַנדערש מאָל. איהם דאַכט זיך אַלץ, טאָמער וועט ער זיך קענען אַרויסדרעהען פון זיין איצטיגער לאַגע און זי זאָל ניט וויסען. אָה, אַז ער וואָלט איצט געהאַט געלט... איצט וואָלט מען איהם שוין מיט קיין ביזנעס ניט אָפּגענאַרט...

* * *

— סאַשאַ!

— וואָס, מיין לעבען?

— די היצען ווערען דאָ אַזוי גרויס!

— יאָ.

— לאָמיר אַרויספאָהרען אין א קאָונטרי.

— און געלט?

— און געלט! — האָט זי אַנגעבלאָזען איהרע ליפּען — וואָס איז? דאָ קאָסט ניט? דאָ קאָסט נאָך א סך מעהרער.

— ניין. מיר קענען ניט פאָהרען אין א קאָונטרי.

— פאַר וואָס?

— פאר וואס, מען קען נים.

— מסתמא איז דיר נים היים.

דאס איז געווען צו הארט. ער האט זיך אזש אומגעביטען אין געזיכט פון אזא אומזיסטיגע באשולדיגונג און האט אנגעהויבען מיט א ביטערקייט:

— ווען דו זאלסט וויסען... — נאר דא האט ער זיך אפגע־האקט.

שטיל.

— וואס? — האט זי ווייטער איבערגעפרעגט — זאג, וואס?

— גארנים, — האט ער געזאגט מיט א קול, וואס רייסט זיך ארויס פון האלז, ווען טרערען הויבען דארט אן צוצוטרעטען.

— זאג, סאשא, — איז זי צו איהם צוגעשטאנען און גענומען גלעטען איהם די האר, דאס געזיכט, — זאג, סאשא!... דו האסט מיר עפעס צו זאגען, נאר דו באהאלטסט זיך, זאג!...

ער האט אראפגעלאזט דעם קאפ און נים געענטפערט.

— דו וויינסט? — האט זי אויסגעשריען צושראקען, דערפיהלענ־דיג אויף איהרע הענט א פאר ווארימע טראפענס טרערען.

שטיל. ער הויבט דעם קאפ נים אויף.

— דו וויינסט! — האט זי שוין נים געפרעגט, נאר קאנסטאנ־טירט א פאקט און איינגעבויגען זיך צו זעהן פון אונטען אין געזיכט.

זי האט דערזעהן ווי די טרערען קאפען איהם פון די אויגען. די ערשטע עטליכע מינוטען האט זי זיך געסטארעט איהם איינ־צונעהמען און באלד זיך אליין צעוויינט.

איצט האט ער איהר געמוזט א ביסעל באקאנט מאכען מיט דער לאגע. צו זיין גרויס וואונדער, האט דאס איהר נים איבער־ראשט אזוי שרעקליך, ווי ער האט ערווארטעט. די גאנצע ערצעה־לונג האט אויף איהר כמעט קיין שום איינדרוק נים געמאכט. ווי עס שיינט, האט זי נאך נים פארשטאנען די שווערע באדייטונג פון זיין אהן געלט. און כאטש ער האט געוואלט באהאלטען פון איהר דעם פאקט פון זייער איצטיגע שלעכטע לאגע, האט דאך איהם אזש פארדראסען איהר גלייכגילטיגקייט, מיט וועלכע זי האט אויסגע־

הערט זיינע ווערטער. נאָר ווען ער איז געקומען דערצו, אַז איצט וועט ער מוזען געהן זוכען אין אַ פּעקטאָרי אַרבייט, האָט זי זיך צעוויינט אויפ׳ן קול:

— ניין, איך וועל קיין מאָל דערצו ניט דערלאָזען, — האָט זי געשריען און געקלאָגט.

— אַבער אונזער...

— איך וויל פון קיין זאַך אַבער ניט וויסען, איך וועל דיר ניט לאָזען געהן אַרבייטען און גע׳פּטר׳ט.

יעדעס וואָרט איהרס האָט איהם געשניטען אין הארצען. איהר אומלאַגישקייט און נאַאיוקייט האָט ווייטער גענומען וועקען טרערען אין זיינע אויגען.

— נאַרעלע, אַבער וואָס ווּעלען מיר טאָן? — האָט ער זיך געבעטען — אָהן געלט און אָהן אַרבייט וועלען מיר דאָך אויסגעהן פון הונגער.

— נישקשה, אַבער דיר אַרבייטען וועל איך ניט לאָזען געהן.

ער האָט געוואוסט, אַז מיט איהר וועט איצט קיין טענות ניט העלפען און האָט אָפּגעלעגט דאָס געשפּרעך אויף שפּעטער. דער־ווייל האָט ער גענומען טראַכטען צו וואָס פאַר אַ אַרבייט ער זאָל זיך נעהמען.

* * *

— סאָשאַ, דו ווייסט? — האָט זי אין אַ פּאָר טעג אַרום גע־זאָגט צו וואַסערמאַן — דו ווייסט? איך האָב זיך די פּאָר טעג צוגעקוקט צו אַ שכנה דאַון־סטעירז. אַלע טאָג טראָגט זי אַרויס פון שטוב אַ פּעקעל אַרבעל. זי מאַכט דערפון מסתמא אַ לעבען. ווי דענקסטו?

— מסתמא מאַכט זי דערפון אַ לעבען, — האָט ער צוגעגעבען.

— אויפ׳ן מאַשין נעהען קען איך. אויפנעהען אַז אַרבעל איז קיין ווערדע ניט, איך וועל זיך נאָכפרעגען וואו מען נעהמט די אַרבייט און וועל אויך נעהמען אַרבייט...

— ווער? דו!

— יאָ.

— און איך וועל אַרומגעהן לעדיג?

— דו וועסט דערווייל עפּעס אויסזוכען.

— דיר אַרבייטען וועל איך ניט לאָזען.

— נאַרעלע, איך קען נעהען אויף אַ מאַשין און דאָס איז ניט שווער. איך פלעג אַפּט מאַכען אַ קלייד פאַר זיך אַליין...

— אויב עס איז ניט שווער, וועל איך זיך אויסלערנען נעהען.

דער פּלאַן איז איהר געפעלען געוואָרען. זי האָט איהם אויס־געפונען. זיי וועלען איצט ביידע זיצען און אַרבייטען. ער אַ ביסעל און זי אַ ביסעל.

זי שטעלט זיך פאָר ווי ער, סאַשאַ, וועט זיצען ביי דער מאַשין און נעהען דאַמסקע אַרבעל.

— דו אַ נייטער! — זאָגט זי צו איהם און לאַכט זיך פאַנ־אַנדער.

ער האָט זיך אויך צולאַכט און איהם איז גרינגער געוואָרען אויפ'ן האַרצען. איצט איז די הויפּט־זאָרג אַראָפּ. אַן אַרבעטער מאַכט דאָ זיינע צעהן־צוועלף דאָלאַר אַ וואָך, וועלען זיי ביידע פאַרדינען צוועלף דאָלאַר און אפילו ניט צוועלף, איז אויך גוט. מיט זעקס־אַכט דאָלאַר וועלען זיי זיך אויסקירעווען, אבי נאָר קיין הונגער ניט ליידען און ניט זיין אַרויסגעוואָרפען אויפ'ן גאַס. און אַזאַ קליינע סומע וועלען זיי, צוויי מענשען, געווים אויסמאַכען.

ער איז געבליבען זעהר צופרידען. דער פּלאַן איז טאַקע זעהר אַ גוטער, וואָרים ער ווייסט אפילו ניט וואָס פאַר אַן אַרבייט צו זוכען און וואו צו זוכען. איצט איז די גאַנצע שוועריגקייט אַראָפּ.

דערגעהן וואו מען געפינט אַרבייט, איז געווען זעהר לייכט און ווער עס זאָל געהן נעהמען די אַרבייט איז אויך גלייך באַ־שלאָסען געוואָרען. דאָס דאַרף זי טאָן. איהם וועט זי פאַר קיין פאַל אַזאַ זאַך ניט לאָזען טאָן. זעהט איהר, אויפ'ן וועג צו העלפען טראָגען, דאָס יאָ, אָבער אין שאָפּ געהן — בשום אופן ניט. סאַשאַ האָט געגען דעם גאָר ניט געהאַט און טאַקע באַלד האָבען זיי אָנ־געהויבען נאָכצופרעגען, וואו מען קען באַקומען אַרבייט, די פּרייזען, וויפיעל מען קען דערביי פאַרדינען און אַזוי ווייטער.

מען האָט איהר אַנגעצייגט אויף אַ שאָפּ און זי איז אוועק בעטען אַרבייט.

דער באָס פון שאָפּ, וואו זי איז געגאַנגען בעטען אַרבייט, האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר זעהר אַ גוטען מאַן. ער האָט גלייך גע־דענקט, אַז זי איז ניט קיין אַרבייטערקע (ער האָט איהר דערווייל געגעבען אַ פּאָר קאָמפּלימענטען און זי איז דערפון געווען העכסט צופרידען) און האָט איהר באַוויזען, ווי צו מאַכען אַן אַרבעל און געגעבען איהר דעם סעמפּעל מיט זיך. ער האָט איהר געזאָגט, אַז איצט איז סלעק און אַרבייט איז פאַראַן זעהר ווענינ, דערפאַר אָבער וועט זיך באַלד אָנהויבען ביזי. דאָך האָט ער איהר פאַר־שפּראָכען פאַר א י ה ר צו זעהן אַפילו איצט אויסגעפינען אַרבייט.

פון שאָפּ איז זי אַרויס אַ גליקליכע. זי האָט גוט געטאָן, וואָס זי האָט סאַשאַ'ן ניט געלאָזט געהן. ער וואָלט געווים ניט גע־קראָגען.

זי האָט זיך געאיילט מיטצוטהיילען איהר שמחה סאַשאַ'ן און זי האָט זיך געזעצט צום נעה־מאַשין, אַ געניצטען, וואָס זיי האָבען געקויפט פאַר די לעצטע עטליכע דאָלאַר.

זי האָט באַטראַכט דעם סעמפּעל און גענומען צונעהען אַ מאַנקעט צום אַרבעל. דער שטאָף איז אַרויס גוט, נאָר דער נאָט איז עפּעס אויסגעקומען אויפ'ן רעכטען זייט.

— וואַרט, וואַרט, וואַרט! — האָט זי געזאָגט צו סאַשאַ'ן, וואָס איז געשטאַנען איבער איהר אָנגעבויגען — וואַרט, איך פאַרשטעה שוין דעם פעהלער.

— לאָז מיר! — האָט סאַשאַ געזאָגט.

— דו שטערסט מיר שוין, — האָט זי געענטפערט אַ ביסעל נערוועז — דו פּיהרסט מיר איבער די אַרבייט מיט דיין קוקען.

ער האָט זיך אַ ביסעל אָפּגערוקט פון מאַשין און זי האָט גע־פּרואווט אַ נייעם מאַנקעט צונעהען. עס איז ווייטער אַרויס דאָס־זעלבע, מיט'ן נאָט אויפ'ן רעכטען זייט.

זי האָט אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ אין סאַשאַ'ס זייט און באַגעגענט זיך מיט זיין בליק.

— געה אַוועק פון דאַנען, — האָט זי גענומען טופּען מיט די פיס און אין די אויגען זיינען איהר געשטאַנען טרערען — פאַר

וואָס לאָזטו מיר ניט אַרבייטען?

ער איז אַפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג פון איהר און ניט געענט־פערט קיין וואָרט.

דער נאָט האָט אָבער בשום אופן ניט געוואָלט אָפּטרעטען פון דעם רעכטען זייט.

זי איז געבליבען זיצען אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אַן מאַשין און מיט'ן קאָפּ אַן די הענט. ער איז צו איהר צוגעגאַנגען און געפרעגט, וואָס איז די מעשה.

— איך מוז אָפּגעבען די אַרבייט!... איך קען ניט, איך קען ניט אַרבייטען, — האָט זי זיך צעוויינט.

— לאָז מיר אַ קוק טאָן!... זיי ניט אַזוי צוקלעמט.

— קוק, — האָט זי געענטפערט און אָפּגעטראָטען איהם דאָס אָרט ביים מאַשין.

ער האָט באַטראַכט אַ ווײַלע דעם סעמפּעל, געזעהן וואָס פאַר אַן איינפאַכע אַרבייט דאָס איז, און באַמערקט, אַז דאָס איז גאָר אַ חוזק.

— אַ חוזק! אַבי איך קען ניט מאַכען, — האָט זי געענטפערט פאַרצווייפעלט.

— קען מען דאָך אויסגעפינען.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און ער האָט אויסגעפונען אין וואָס עס ליגט איהר פעהלער. איהר געזיכט איז גלייך ליכטיג געוואָרען, פון די אויגען פאַרשוואונדען די פאַרצווייפלונג, און זי האָט גע־זאָגט:

— אַ נאַרעלע, יע? אַ נאַרעלע בין איך. גיב מיר אַ קוש!

די אַרבייט איז אַוועק אויסגעצייכענט גוט. די אַרבעל זיינען געלאָפען איינע נאָך די אַנדערע. זי האָט גענעהט, ער האָט זיי געקעהרט, און אַז ער האָט איהר געוואָלט אומבייטען ביים נעהען, האָט זי ניט געלאָזט. דאָס נעהען איז געגאַנגען אַזוי גוט, אַז איהר האָט זיך ניט געגלוסט אָפּטרעטען פון מאַשין.

— אַמעריקאַ איז פאָרט אַ גוטע לאַנד! — האָט ער געזאָגט, זעהענדיג ווי די אַרבעל לויפען איינע נאָך די אַנדערע, — אַז מען וויל דאָ אַרבייטען, קען מען דאָ פאַרדינען.

זי איז געווען גליקלאַך. אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך באַ־וויזען אויף איהר געזיכט, ווען זי האָט אַ קוק געטאָן אויף די מאַסע אויסגעקעהרטע אַרבעל. איהר האָט אויסגעוויזען, אַז פאַר־דינען דאָ איז ניט שווער.

— לאָז מיר אַ ביסעל אַרבייטען, — האָט ער געזאָגט שוין דאָס צעהנטע מאָל.

— דו וועסט זיך לערנען ביי נאַכט, ווען קיין אַרבייט וועט ניט זיין.

ביז פאַרנאַכט האָבען זיי זיך איספּראַוועט מיט זייער אַרבייט. דער באַנדעל, וואָס זי האָט געבראַכט, איז שוין געווען פאַרטיג. ער האָט זיך דערוויייל געסטאַרעט צונויפלעגען זיי שעהן, סי־מעטריש. אָפּטראָגען זיינען זיי ביידע געגאַנגען און געהיט זיך טראָגען אַזוי, אַז קיינער זאָל ניט זעהן, וואָס פאַר אַ באַנדעל דאָס איז, און צוריק פון שאָפּ איז זי אַרויס מיט אַ ביכעל און דאָרטען איז געווען פאַרצייכענט, אַז געמאַכט האָט זי דריי דאָזען און זיי זיינען רייכער געוואָרען מיט אַכצעהן סענט...

— סך הכל דריי דאָזען? — האָט סאַשאַ ניט געגלויבט זיינע אויערען. — דאָרט איז דאָך געווען אַזאַ פּאַק!

— איך ווייס? ! — האָט זי געענטפערט ווי אַ זינדיגע, אַזוי ווי איהר שולד איז געווען, וואָס אין דעם פּאַק זיינען געווען אַזוי ווענינ דאָזענס.

זיי האָבען ביידע געחשבונ׳ט און גע׳חשבונ׳ט און קוים אויס־געפונען, אַז אַ דאָזען אַרבעל מיינט פיער־און־צוואַנציג.

נאָר די ענטדעקונג האָט איהם פרעהליכער ניט געמאַכט. אויב אַזוי, וואָס קענען זיי פאַרדינען אַ וואָך?

אויף מאָרגען איז זי געקומען פון שאָפּ ווייטער מיט אַ פרעה־ליכע בשורה: דער באָס האָט איהר געזאָגט, אַז ווען מען טרייט זיך איין אין דער אַרבייט, קען מען פאַרדינען צעהן מאָל אַזוי פיעל.

— דאָס איז אַן אַרבייט פאַר פּראָסטע פּראַצעוואַטע מייד־לאַך — האָט זי סאַשאַ׳ן איבערגעגעבען. דער באָס האָט איהר גע־זאָגט: „אָבער ניט פאַר אייך. פאַר אייך האָב איך גאָר אַ גרינגע

אַרבייט. פאַר אייך איז דאָס טראָגען די באַנדעלס אויך אַ שווערע זאַך, ניט אמת? אייך וועל איך געבען בענדס, אַ קליינינקער פּע־קעלע. ערשטענס צוועלף און ניט פיער און צוואַנציג אַ דאָזען און צווייטענס באַצאָהלט זיך דאָס דריי מאָל אַזוי פיעל".

* * *

אַ וואָך דריי האָט זיך אָפּגעצויגען און זיי האָבען קיין בענדס ניט געקראָגען, נאָר דערווייל האָבען זיי געהאַלטען אין איין חשבונ'ען, וויפיעל זיי קענען אויסמאַכען אַ טאָג און וויפיעל זיי וועלען דערפון קענען האָבען. דער חשבון האָט באַוויזען זעהר גוט. ס'האָט באַוויזען אויף אַ דאָלאַר דריי אַ טאָג אַרבייט.

— ווען איינע צעהן וואָכען זאָל אָנהאַלטען אַזאַ פּאַרדינסט, — האָט סאשאַ גענומען רעכענען, — וועלען זיי קענען אָפּשפּאָרען אַ שעהנע פּאַר דאָלאַר און ער וועט זעהן גלייך צו קויפען אַ סטענד: דאָס איז די איינציגע זאַך וואָס איז דאָ פאַרבליבען פאַר אַ מעהר אָדער ווייניגער אינטעליגענטען מענשען און דעמאָלט וועט ער איהר שוין ניט לאָזען אַרבייטען...

— איצט מעגסטו גלייך קויפען אַ סוט, אַ העט אויך, דו נעהטער מיינער, ניט אמת? — האָט זי צו איהם געזאָגט.

— ניין, מיין לעבען. איצט וועלען מיר ניט ספּענדען קיין איבעריגען סענט. מיר וועלען זעהן קאַרגען, ווי ווייט מעגליך איז, כדי אַרויסצורייסען זיך פון דער פאַרפלוכטער אַרבייט.

ענדליך האָבען זיי דערלעבט דעם טאָג, ווען זי איז געקומען מיט'ן באַנדעל בענדס אין האַנט. דער באַנדעל איז טאַקע געווען אַ קליינער און זעהר גרינג צו פאַרשטעלען איהם פון פרעמדע אויגען.

— דו ווייסט ווער אונזער באָס איז? — האָט זי סאַשאַ'ן גע־פרעגט מיט אַ טיפען שפּור פון קומער אויפ'ן געזיכט.

— ווער?

— טרעף.

— ווי אַזוי קען איך דאָס טרעפען?

— אונזערער אַ לאַנדסמאַן.

— אָ, איצט וועלען זיי וויסען אין דער היים, — האָט זיך ביי סאשאַ'ן ארויסגעריסען פון האַלז.

זי האָט אראָפּגעלאָזט די אויגען, פּונקט ווי זי וואָלט געווען אין דעם שולדיג.

— ווער איז ער פון דער היים? — האָט סאשאַ אין אַ ווײַלע ארום געפרעגט.

— זאַלמאַנאָוויטש, זאָגט ער, — האָט זי געענטפערט.

— איך קען איהם ניט. — האָט סאשאַ באַמערקט.

— ער קען דיר יאַ. ער זאָגט, אַז ער האָט אַ פּאָר מאָל פאר אייער הויז געגעהט. ער איז געווען אַ דאַמסקי שניידער.

— איך געדענק איהם ניט. מסתמא האָט ער אין דער היים געהייסען שמואל'קע אָדער פייסקע.

— ער קען אונז אַלעמען. ער איז ניט זעהר לאַנג פון דער היים.

די ארבייט ביי די בענדם האָט זיי אַ ביסעל פרעהליכער געמאַכט. עס איז טאַקע אַ סך לייכטער צו ארבייטען ביי דעם, איידער ביי ארבעל, און מען קען דערפון מאַכען אַ לעבען. זיי ארבייטען נאָך ערשט דעם ערשטען טאָג און זיי וועלען שוין היינט מאַכען דערביי אַ וואַסער דאָלאַר.

אָפּגעטראָגען די ארבייט האָט זי זעהר צופרידען, נאָר...

* * *

סאשאַ האָט צוגעגרייט עסען. דעם גאַנצען טאָג האָבען זיי זיך ניט פאַרגונען אָפּרייסען זיך פון דער ארבייט און געהן צום טיש. ער האָט אויסגעוואַשען די נעפּעס, געגרייט צום טיש און אַ ביסעל אויפגעראַמט אין שטוב. די טיר האָט זיך האַסטיג אָן עפען געטאָן און זי איז אריינגעלאָפען. זי האָט אַ ריס געטאָן די הוט פון קאָפּ, אַ שליידער געטאָן איהר אויפ'ן טיש און אליין זיך אַ וואַרף געטאָן אין בעט.

סאשאַ איז צו איהר צוגעגאַנגען. זי איז געלעגען מיט'ן געזיכט איינגעגראָבען אין קישען און ניט אָפּגעקעהרט זיך.

— מאַשאַ, וואָס איז דאָס מיט דיר?

זי ענטפערט ניט.

— מאַשאַ, — האָט ער איהר געגומען גלעטען — זאָג מיר, וואָס איז דיר?

— מאַשאַ, פּלאָג מיר ניט, זאָג מיר, וואָס איז דיר?

ער האָט געזעהן, ווי איהר בוזים האָט זיך גענומען הייבען און אראָפּלאָזען זיך האַסטיג. דער אָטעם איז געוואָרען קורץ. זי האָט אָפּגעכאַפּט דאָס געזיכט פון קישען און האָט אויסגעשאָסען אין אַ ביטערען, האַרצרייסענדען געוויין.

— וואָס איז די מעשה?

— איך וויל ניט אַמעריקאַ. אַ היים, אַ היים לאָמיר פאָהרען. איך וויל ניט די אַרבייט.

— אָבער זאָג, וואָס איז די אורזאַכע?

— ער, דער פאַרכאַטי שניידער...

— וואָס ער? — האָט סאַשאַ געפרעגט און אין די פּיס האָט איהם געכאַפּט אַ ציטער.

— ער, דער פאַרכאַטי שניידער... — האָט מאַשאַ ווייטער אָנגעהויבען — נאָר די טרערען האָבען איהר ניט געלאָזט ווייטער רעדען.

— נו!

— דער פאַרכאַטי שניידער, דער פאַרכאַטי שניידער... האָט מיר אַ גלעט געטאָן...

— דער לומפּ! ווי אַזוי האָט ער דאָס געוואָגט?! — האָט סאַשאַ געשריען און מאַשאַ האָט געכליפּעט.

.1896

די שטודירענדע שנאַרערין

אננא איז געווען אַ שניידערין פון דעם היים, נאָר ניט קור־
קענדיג אויף דעם, האָט זי דאָ אין דעם נייעם לאַנד קיין חשק
צו דער ארבייט ניט געהאַט. דוקא דאָ האָט זי דאָס גערעכענט
איז ניט נאָך איהר כבוד נאָך.

און זי איז געווען באַלד גערעכט.

זי איז שוין אין דער היים געווען ניט אַבי אַ שניידערין, זי
האָט שוין דאָרט געהאַט איבערגעלייענט עטליכע ביכלאָך און דוקא
ניט קיין ראָמאַנען און געקענט אריינמישען זיך אין אַ „סעריאָזנעם"
געשפרעך.

זי האָט, אַ שטייגער, געוואוסט אי פון דאַרווינען אי פון ספּענ־
סער'ן, אי פון באָקלען, און געוואוסט האָט זי ניט נאָר בלויז די
נעמען — זי האָט אפילו געוואוסט, אַז דאַרווין וויל האָבען, אַז
דער מענש קומט ארויס פון אַן אַבעזיאַנע...

זי איז געווען איינע פון יענע אָרימע מיידלאַך, וואָס פינסטערן
אָפּ אין אָרימקייט און אין אומוויסענהייט זייערע בעסטע טעג און
יאָהרען, פּלוצים אין איין פריהמאָרגען גיט אויף זיי אַ שיין אַ
שטראַהל פון בילדונג און אין עטליכע טעג ווערען זיי „ראַזוויטע" *).

ביז אַ יאָהר אַכצעהן־צוואַנציג איז זי געזעסען און גענייט ביי
איהר „מאַסטעריצע" און פאַרדינט פון אַ גילדען אַכט ביז צעהן
אַ וואָך. אַ נס וואָס זי האָט געהאַט טאַטע־מאַמען ביי דער זייט
און האָט געקענט געפינען אַ ווינקעל צום שלאָפען ביי זיי אין
קעלער און אַ מאָל עפּעס אָפּצועסען, ווען זי פּלעגט קומען ביי
נאַכט פון דער ארבייט, אַז ניט וואָלט זי בשום אופן ניט געקענט

---

*) ענטוויקעלט.

אויסקירעווען זיך מיט איהרע פאַרדינסטען. פון אַ הוט און אַ רעכטען קלייד איז שוין ניטאָ וואָס צו רעדען און דעריבער איז זי געווען איינע פון די יענע שטילע מיידלאַך, וואָס היטען דעם שוועל און געהען ערגעץ ניט אַרויס.

שבת פלעגט פאַר איהר זיין אַן אָפּקומעניש, איבערהויפּט ווען די פּאַגאָדע איז געווען שעהן און דער עולם אויסגעפּוצט „אין עסיג און אין האָניג" פלעגט זיך אַרויסלאָזען שפּאַצירען איבער די ווילנער גאַסען. זי פלעגט זיצען ביים פענסטער מיט אונטער־געלעגטע פיס אונטער זיך אויפ׳ן טערקישען אופן אָדער שטעלען זיך ביים בראָהם אַנגעשפּאַרט אַן דער וואַנט און קוקען מיט קנאה׳דיגע אויגען אויף די שפּאַצירענדע.

און נאָך מעהר איז איהר דער שבת געווען אַן אָפּקומעניש, וואָס זי האָט זיך ניט געקענט פאַרגעסען אַן די אינטערעסאַנטע ראָמאַנען. לייענען האָט זי ניט געקענט און דער פרייער טאָג האָט אין איהרע אויגען געדויערט פיעל מעהר ווי דער אידישער גלות.

אַ מאָל איז צו איהר „מאַסטעריצע" אַנגעקומען אַ נייע מיידעל. נאָך אַ קורצער באַקאַנטשאַפט האָט איהר די לעצטע געגומען מוסר׳ן, וואָרום זי לערענט זיך גאָר ניט, און אויפ׳ן ענטפער, אַז זי קען ניט צאָהלען, האָט איהר יענע געזאָגט, אַז מען קען קריגען לעהרער אומזיסט.

— ווי אַזוי? — האָט אַננאַ, דעמאָלט חייקע, געפרעגט.

— דאָס איז אַ סוד־מעשה. נאָר איך וועל דיר פאַרשאַפען אַ לעהרער.

און אין אַ קורצע צייט אַרום האָט מען געקענט זעהן עטליבע מאָל אין וואָך אָבענד־צייט און שבת־ביי־טאָג, ווי אַננאַ איז גע־גאַנגען מיט ביכלאַך אונטערן אָרעם, אַנפאַנגס אַ ביסעל שעמעוודיג, דערנאָך אָלץ שטאָלצער און שטאָלצער און איז אין גיכען געוואָרען אַ „ראַזוויטע".

גלייך ווי זי האָט נאָר אַנגעהויבען צו לייענען האָט זי זיך גענומען צו קלוגע ביכלאַך. דער אינהאַלט איז געווען אפילו פאַר איהר מעהר ווי פינסטער, נאָר דאָס מאַכט ניט אויס, אַז עס בלייבט

כאָטש אַ פּאָר ווערטער איז אויך גוט. און ווידער האָט איהר נאָך אַזאַ לעזען אַ קורצע צייט זיך אָנגעהויבען צו דאַכטען, אַז זי כאַפּט שוין פאַרשטעהן....

און באַלד האָט זיך גענומען אַרויסווייזען די פּעולה, וואָס דאָס הערען און לעזען האָט אויף איהר געמאַכט. ווי אַלע פינסטערע אומגעבילדעטע מענשען, וואָס שמעקען זיך אָן מיט זאַכען, פון וועלכע זיי האָבען פריהער קיין באַגריף ניט געהאַט, כאַפּען וואָס גיכער אַרויסצווייזען, וואָס זיי ווייסען, אַזוי האָט אויך אננאַ אָנ־געהויבען פּיהלען אַ נויטווענדיגקייט אַרויסצואווייזען דאָס וואָס איהר האָט זיך געדאַכט אַז זי וויים און האָט ליעב געקראָגען פאַר־ציהען לאַנגע שמועסען מיט איהרע אַלטע חבר׳טעס, וכוחים מיט איהרע נייע באַקאַנטע און איהרע קלאָגעדיגע פאַרדינסטען פון נעהען זיינען נאָך קלאָגעדיגער געוואָרען.

נאָר איצט האָט איהר ווינציגער געאַרט איהר ניט פאַרדינען ווי פריהער. איצט, אַז זי איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ צוריסענעם קליידעל, האָט זי געקוקט אויף זיך מיט גדלות. די אָפּגעריסענקייט האָט ווי שטיל עדות געזאָגט אויף ענטוויקלונג. איצט האָט זי געקענט לאַכען פון די אָנגעבלאָזענע קליידער, פון די היט... זי האָט גענומען געהן מיט שטייפערע טריט, כאָטש די פּאַדעשוועס זיינען געווען אויסגעטראָטען און הויבען דעם קאָפּ העכער, כאָטש דאָס היטעלע איז געווען ניט פיעל שעהנער פון יענע, וואָס וואַל־גערן זיך אויפ׳ן סמיעטניק.

און וואָס ווייטער האָט זי זיך אַלץ מעהר אַריינגעצויגען אין די וכוחים. די אַרבייט האָט זי באַלד אין גאַנצען פאַרלאָרען. מיט די „מאַסטעריצעס" פלעגט זי זיך רייסען אין בלוט און ניט געקענט איינזיצען אויף איין אָרט אַ וואָך צייט.

נאָר דערפון איז איהר לאַגע ניט ערגער געוואָרען. די עט־ליכע גראָשען וואָס זי האָט געדאַרפט האָבען צום עסען, האָט זי שטענדיג געקראָגען „לייהען" און ווייטער האָט זי קיין זאַך ניט געברויכט.

* * *

ניט קוקענדיג אויף איהר אויסערליכע צופרידענהייט מיט איהר אָפּגעריסענקייט און לייהעניש, האָט אננאַ דאָך געזוכט עפּעס אַ בעסערען לעבען און זי האָט זיך גענומען קלייבען אין אמעריקאַ. אַ האַלב יאָהר איז געגאַנגען אַן איבערשרייבעניש מיט באַקאַנטע אין אַמעריקאַ וועגען אַ שיפסקאַרטע און אַז די געווינשטע קאַרטע איז אָנגעקומען האָט זי קיין שהיות ניט געמאַכט און איז גלייך אַוועק. דאָ האָט זי זיך באַלד געזעצט צו דער אַרבייט און גענומען פאַרדינען גוטע געלט. די ערשטע צייט איז זי געווען אומצופרידען. די עטליכע דאָלאַר אַ וואָך פּיי, וואָס זי האָט באַקומען, האָבען איהר אויסגעוויזען ווי אַ גאַנצער אוצר. דערנאָך, וואָס מעהר זי האָט זיך גענומען אויסגרינען, האָט איהר אַלץ מעהר די אַרבייט גענומען דערעסען און זי איז אַלץ מעהר אומצופרידען געוואָרען מיט אַמע־ריקאַ. זי האָט אַרויסגעזעהן, אַז זי שפּיעלט דאָ ביי דער אַרבייט פּונקט די זעלבע ראָלע ווי מיימי די פינישערין, ווי סיידי די באַ־טענהאָל מייקערין, ווי דזשעני די סליפּ־וואָרפּערין... פּאַרקערט, זיי שטאָלצירען נאָך איבער איהר מיט זייער „געלקייט“, און זי האָט גענומען טראַכטען עפּעס וועגען אַנדערע זאַכען, וואָס זאָלען זי אַרויספיהרען אויף אַ ברייטערען, בכבוד־יגערען וועג.

אַמעריקאַ איז אַ פרייע לאַנד. דאָ איז אַלץ פאַר דיר אָפען, און וואָרום זאָל אננאַ, וואָס האָט נאָך אין דער היים אַזוי פיעל גערעדט וועגען דער פרויען־פראַגע, וועגען זעלבסטשטענדיגקייט, וואָס האָט אַריינגעקוקט אין „סעריאָזנע“ ביכער און געקענט אַריינ־שטעלען אַ וואָרט וועגען דאַרווינען און ספּענסערן — וואָרום זאָל זי ניט נעהמען און אַנקומען אין אַ קאַלעדזש? פאַר וועמען נאָך ווי איהר איז דער קאַלעדזש ווי אָנגעמאַסטען?

אמת, איהר לעהרער האָט איהר אַ מאָל געזאָגט, אַז ביי איהר איז דער קאָפּ אָנגעשטאָפּט מיט קאַטשאַנעס, נאָר מאַלע וואָס איהר לעהרער האָט געזאָגט. ער איז געווען אַ טשאַכאַטשאַטשניק און דעריבער אַ גרויסער כעסן. זי שטעלט זיך וועניג אויף זיין וואָרט... זי מוז אַריינטרעטען אין קאַלעדזש און טאַקע באַווייזען איהם.

זי האָט גענומען פאַרשען, נאָכפרעגען ביי באַקאַנטע וועגען שטודירען. אָנפאַנגס האָבען איהר די פאַרשונגען, די נאָכפרעגעניש

בלויז, שווער געמאַכט דאָס האַרץ. יעדער איינער האָט איהר גע־זאָגט, אַז מען דאַרף דערצו האָבען אַן אוצר מיט געלט. נאָר אַזוי ווי זי האָט ניט געהאַט קיין באַגריף וועגען דער גרויסקייט פון דער סומע געלט, וואָס מען ברויכט צו שטודירען, האָט זי גיך אין די גע־דאַנקען אָפּגעראָמט די שוועריגקייטען פון וועג און האָט ווייטער געטומען ארבייטען מיט חשק, קלייבען אַ סענט צו אַ סענט, באַ־זוכען אַ נאַיט־סקול און מאַכען ווייטערע פאַרשונגען וועגען שטו־דירען.

און פאַרשען, נאָכפרעגען, האָט זי געמוזט. דאָס איז פאַר איהר געוואָרען פונקט אַזאַ נויטווענדיגקייט ווי אַ מאָל אין רוסלאַנד דאָס רעדען וועגען הויכע געגענשטאַנדען. אין דיעזע מינוטען פלעגט איהר דאַכטען, אַז זי טוט זעהר פיעל פאַר איהר צוקונפט.

ענדליך האָבען איהר די פאַרשונגען געבראַכט צו אַ געוויסען רעזולטאַט. זי האָט זיך דערוואוסט, אַז אָנקומען אין האַי־סקול, איבערהויפּט פאַר אַ „פאַריינער" איז ניט זעהר שווער און אויב מען קען קריגען, קען מען לייכט אויסכלאַפּאָטשען אַ סקאָלערשיפּ.

נאָך אַזאַ מין ענטדעקונג האָט זי גענומען אָטעמען פרייער. אויב אַזוי, האָט זי געטראַכט, איז זי גאָר ניט ווייט פון ציעל. אויפ׳ן איינפאַכען לעבען קען מען שטענדיג פאַרדינען, אַבי נאָר מען זאָל ניט דאַרפען צאָהלען, און וואָס איז שייך צום קריכען, וועט שוין דערפון קיין מניעה ניט זיין...

* * *

א יאָהר איז אריבער.

כמעט אַ גאַנצען יאָהר האָט זי זיך געטרייסט מיט ראָזענע האָפנונגען. די שטונדען, וואָס זי איז געזעסען ביי דער אַרבייט, זיינען געפלויגען אין זיסע חלומות, און איהר קאַפּיטאַל, וואָס זי האָט געשפּאָרט פון טאָג צו טאָג, איז שוין אויסגעוואַקסען אין אַ ניש־קשה־דיגער סומע.

די גאַנצע צייט האָט זי גאָר אַנדערש ניט גערעכענט, אַז זי איז אַ סטודענטקע און האָט אויף זיך געקוקט ווי אויף אַ זעלבער.

נאָר די לעצטע עטליכע וואָכען פאַר די עקזאַמענס, גראָדע דעמאָלט ווען איהרע האָפנונגען האָבען, דאַכט זיך, געדאַרפט ווערען

שטאַרקער, איז איהר דער מוטה געפאַלען און זי האָט אָנגעהויבען עפּעס ווי מורא צו האָבען. אָנפאַנגס שוואַך דערנאָך אַלץ שטאַרקער האָט איהר אָנגעהויבען גריזשען דער וואָרים וואָס הייסט צווייפעל. איהר האָט זיך איצט געדאַכט, אַז זי איז אַ סך ווייטער פון שטודירען, אַלס דעמאָלט, ווען זי איז נאָך געווען אַ פּראָסט מיידעל און געלאָפען איינקויפען אין די קראָמען פאַר איהר בעל־הבית׳טע די נייטאָרקע. איצט האָט זי שטאַרקער אָנגעהויבען גלויבען אין דעם, וואָס איהרע לעהרערקעס און חבר׳טעס פלעגען איהר זאָגען, אַז זי האָט אַ צו גראָבען קאָפּ און דאָס ערשטע מאָל האָט זי, מיט אַ טיעפען קומער איצט צוגעגעבען אָהן כעס, אַז גערעכט איז געווען איהר לעהרער, וואָס האָט געזאָגט, אַז ביי איהר איז אַ קאָפּ אָנגעשטאָפּט מיט קאָטשאָנעס... איצט האָט זי אָנגעהויבען מורא צו האָבען, אַז איהרע האָפנונגען וועגען שטודירען וועלען קיין מאָל ניט פאַרווירקליכט ווערען און איהר אַרבייט ביים נעהען איז געגאַנגען לאַנגזאָם.

צום עקזאַמען איז זי געגאַנגען מיט אַ סך אַ שווערערען האַרץ ווי אַ פרומער איד, וואָס פיהלט אַז ער איז ניט ריין פון עבירות, געהט יום־כפור אין שוהל. נאָך אַ מאָל האָט זיך אין איהר אָפּגערופען, אָבער זעהר שטאַרק, איהר גאַנצע דערשלאָגענקייט, שפּלדיגקייט, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין דער היים און האָט זיך אָן דעם געטוליעט אין קאָפּ, עפּעס ווי זי וואָלט וועלען פאַרקלענערען איהר זינד, פאַר די פאַרבייגעהענדע, דערפאַר וואָס זי איז, קען זיין, עטוואָס גרעסער אויסגעוואַקסען און ווי ווילענדיג מיט׳ן טוליען זיך מאַכען אַביסעל קלענער... זי האָט געהאַלטען די אויגען אַראָפּ און אויב זי האָט אויפגעהויבען און באַגעגענט זיך מיט עמיצען מיט די בליקען איז זי רויט געוואָרען פאַר חרפה. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז יענער ווייס, ווער זי איז, וואָס פאַר אַ גראָבען קאָפּ זי האָט און וואו זי געהט איצט און לאַכט דעריבער... יענער קען זי אפילו ניט און האָט זי קיין מאָל ניט געזעהן. נאָר דאָס מאַכט ניט אויס. זי זעהט קלאָהר אין זיינע אויגען, אַז ער האַלט זיך קוים איין פון לאַכען...

נאָר געשראָקען האָט זי זיך גאָר אומזיסט. אַלס א „פּאַריינער“ האָט מען איהר געשאָנקען פיעלע זאַכען ביים עקזאַמען און עטלי־כע געגענשטאַנדען האָט מען איהר גאָר אָפּגעלעגט אויף שפּעטער און דערווייל איז זי אַריינגעטראַטען אין סקול און בכן איז דער ערשטער און שווערסטער טריט צום ציעל געווען געמאַכט.

א שטעבעדיגער אָסיענדיגער רעגען האָט געשפּריצט אין דרויסען. די גאַסען זיינען געוואָרען קויטיג; א כמאַרע איז א גאַנצען טאָג געהאַנגען איבער דער שטאָדט און איצט איז זי געוואָרען נאָך גערדיכטער. אננא איז געגאַנגען, אונטערגעהויבען דאָס קלייד, מיט א פּאָר ביכער אונטערן אָרעם און געשלאַנדערט אין בלאָטע. איהרע אויסגעטראָגענע שיך מיט אויסגעלעכערטע פּאָדעשוועס האָבען דורכגעלאָזט די ברודנע פייכטקייט צו די פיס. זי איז געגאַנגען מיט א טרויעריגען פּנים און ניט אומגעקוקט זיך. זי איז איצט געווען זעהר בייז. ווען זי זאָל קענען ספּענדען סך־הכל איינע פינף סענט וואָלט זי גענומען די קאַר, נאָר דאָס איז ניט געווען נאָך איהרע כחות נאָך, און זי מוז צופוס מאַכען אין אַזא פּאַגאָדע וואַסערע 60—70 בלאָק פון קאָלעדזש אַהיים. אננא איז בייז, נאָר זי האָט ניט קיין אויסגעשטעלטע פּערזאָן פאַר איהר בייזקייט. זי איז אין כעס, ווי מען זאָגט, אויף דער גאַנצער וועלט. זי געהט און טראַכט וועגען קיין זאַך ניט. זי איז אין גאַנצען פאַרנומען מיט׳ן זוכען מיט די אויגען עפּעס א שטיקעל טרוקענערען אָרט אויפ׳ן סייד־וואָק אום צו שטערען די קאַמאַשען אין זייער שלינגען דאָס ברודנע וואַסער, און אויב עס פּאַלט איהר יא עפּעס אַריין א געדאַנק, איז דער געדאַנק דורכאויס א רעוואָלוציאָנערער, און דאָס טרעפט פּונקט דעמאָלט, ווען ניט קענענדיג זיך איינהיטען מיט די צוריסענע קאַמאַשען פון אַריינרוקען דעם פוס אין א שי־טערע בלאָטקע, דערפילט זי פּלוצים די גאַנצע אומאַנגענעמליכקייט פון אַזא מין אָפּעראַציע און דערהערט די ווייט ניט אַמוזאַנטע מוזיק, וואָס דערגרייכט צו איהר פון די שיך, אין וועלכע עס בולבען זיך די דורכגענעצטע פיס. דעמאָלט דוכט איהר, אז ביים ערשטען רעוואָלוציאָנערען סיגנאַל, וואָלט זי אַריינגעשפּרונגען צוויי־שען די ערשטע רייהען פון די קעמפּענדע און געשאָסען אָהן רחמנות

אויף די רייכע. מאַנכעס מאָל ווערט זי אַזוי שטאַרק אַנגעצונדען פון דעם געדאַנק, אַז זי פאַרגעסט אַן אַלעס, לאָזט אַרויס דעם עק קלייד פון דער האַנט און פאַרקוועטשט דעם קולאַק, פונקט ווי זי קלויבט זיך עמיצען צושלאָגען.

אהיים איז זי געקומען שוין גוט פינסטער. זי איז געפאַלען אויפ׳ן שטול אָהן כח און מיט גרויס שווערינקייט אַראָפּגעצויגען די קאַמאַשען און די זאָקען. פאַר׳ן דונקעלען שיין פון אַ קליין לעמפּעל האָט זי נאָך אַ מאָל באַקוקט די שפּאַלטען אין די קאַמאַשען און די לעכער אין די פאַדעשוועס און האָט אַזוי געפיהלט דאָס זעלבע, וואָס אַ גענעראַל, ווען ער באַטראַכט זיין צושלאָגענע אַרמעע, און דאָ איז דער שונא אויף דער נאָז.

זי איז געזעסען אָהן מאַכט און האָט אפילו קיין כח ניט געהאַט צו זיין אין כעס. נאָר לאַנג איז זי אין אַזאַ לאַגע ניט פאַרבליבען. דער אַפּעטיט האָט זיך ביי איהר דערוועקט און אין צימער איז ניט געווען אפילו מיט וואָס אַ מויז צו דערווערגען. מען דאַרף עפּעס אויסזוכען וואָס צו עסען. געדאַנקען ווענען לייהען, באָרגען, האָט זי שוין לאַנג געוואָרפען. וואו זי האָט נאָר נעקענט האָט זי זיך שוין אַזוי פאַרשולדיגט, אַז אַ צווייטען מאָל וועט זי שוין דאָרט ניט קריגען. נאָר מיט׳ן עסען איז דאָרט ניט אַזאַ דאגה. וואָלטען נאָר די קאַמאַשען געווען גאַנצע! איצט אַרויפציהען די נאַסע זאָקען אויפ׳ן דערוואַרימטען פוס און אַרויסגעהן אין גאַס ווייטער שלאַנדערן אין בלאָטע — ווען ניט דער הונגער, וואָלט זי דאָס בשום אופן ניט געטאָן. זי געהט אַרויס און בלייבט אַ ווייל שטעהן. דער רעגען האָט ניט אויפגעהערט און די בלאָטע ווערט אַלץ גרעסער. זי טראַכט, וואָס זאָל זי איצט טאָן. דער אַפּעטיט טרייבט זי צו ראָזענצווייג׳ן, דאָרט איז איצט סאַפּער און זי וועט האָבען אַ זאַטען מיטאָג. די קאַמאַשען אָבער האַלטען זי אָפּ און ווילען זי פיהרען צו נאָכמענזאָן, ניט ווייט פון איהר דירה. דעם הונגער וועט זי דאָרט קענען פאַרשלאָגען, אָבער עסען ניט. נאָך אַ קורצען נאָכדענקען, האָט אַננאַ באַשלאָסען נאָכצוגעבען די קאַמאַשען און זי האָט זיך פאַרנומען צו נאָכמענזאָן, נאָר אויפ׳ן וועג האָט איהר שטאַרק פאַרשמעקט דער סאַפּער, ווערליג זי האָט

אויסגערעכענט, מען האָט היינט געקאָכט ביי ראָזענצווייג׳ן, ווייל דאָרט זיינען געווען איינגעפיהרט אויף יעדען טאָג באַשטימטע געריכטען און זי האָט געוואוסט, אַז היינט וועט זיין אַ פיש אַ בראָטען און אויסדריקענדיג נאָך אַ מאָל איהר אומצופרידענהייט, פאַר וואָס די ראָזענצווייגס האָבען זיך פאַרקליבען אַזוי ווייט, און אַוועקשיקענדיג אויף זייער אדרעס אַ זידעל־וואָרט, האָט זי זיך פאַרקירעוועט אין אַ צווייטער זייט.

צו ראָזענבערג׳ן געהט זי אַריין ווי אַ שטוביגע. דער מיטאָג איז נאָך ניט פאַרטיג. נאָר זי ווייס וואו עס שטעהט די פוטער, וואו עס ליגט דאָס ברויט, פרעגען דאַרף זי ניט, און בייסט דער־ווייל צו.

מיט מאַדאַם ראָזענצווייג האָט זי כמעט ניט וואָס צו רעדען. יענע איז פאַרנומען מיט איהר בעל־הבית׳ישקייט, מיט איהרע קינ־דער און זי האָט איהרע געשעפטען. מיט דער געוועהנליכער פראַגע אפילו: וואָס מאַכט איהר? — קען זי זיך אויך ניט באַגריסען. זיי זעהען זיך צו אָפט, אַז זיי זאָלען מאַכען אַזאַ פראַגע. דער איינציגער און שטענדיגער געגענשטאַנד, וועגען וועלכען אננאַ׳ן קומט אויס צו רעדען זיינען די קינדער... שטענדיג, נאָך אַ לאַנגער פויזע פוןביידע צדדים, הויבט אננאַ אַן צו מוסר׳ן פאַר וואָס מאַדאַם ראָזענצווייג קוקט ניט אויף די קינדער, אַז זיי זאָלען זיך באַהייוען גוט...

זיי וואַקסען דאָך אוים דיקאַרעס...

די קינדער האָבען וואַרשיינליך באַמערקט אין די מאַמעס און פאַפעס בליקען אַן אומצופרידענהייט אין באַצוג צו אננאַ׳ן און זיי האָבען דעריבער פאַר איהר קיין דרך־ארץ ניט געהאַט.

ביים סאַפער פיהלט זי זיך גאַנץ היימיש. ניט איהרע מיי־נונגען וועגען די שפייזען און פאַרבלייבט נאָכ׳ן עסען אַ וויילע זיצען, העלפט אַראָפנעהמען פון טיש און אויסוואַשען די דישעס און געהט אַרוים.

„וואָס פעהלט איהר?״ טראַכט אננאַ אַרויסגעהענדיג פון ראָזענצווייגען וועגען דער מאַדאַם. — דער מאַן אַרבייט, ברענגט איהר די ווידזשעס און זי זיצט זיך ווי אַ פאַניע.

זי איז איהר שטאַרק מקנא. ווען זי זאָל דאָס האָבען איינעם, וואָס זאָל זי מיט אַלץ באַזאָרגען, וואָלט זי פאַרשפּאָרט אַזוי פיעל צו ברעכען דעם קאָפּ.

נאָר דער זאַטער מיטאָג האָט אויף איהר געהאַט זיין ווירקונג און זי הערט אויף צו זיין בייז. וואָס ווייטער ווערט זי אַלץ רוהיגער און פאַרגעסט באַלד אפילו אַז דער שלעכטער פּאַגאָדע, אַז די צוריסענע קאַמאַשען און געהט שלאָפען צופרידען. דעם לאָמפּ לעשט זי ניט אויס, זי דאַרף נאָך איבערקוקען די לעקטשורס, נאָר דאָס בוך ליגט בלויז פאַר אַן עדות נעבען איהר זייט. איהרע געדאַנקען זיינען ווייט פון דעם בוך.

און זי טראַכט וועגען זיך, וועגען איהר גבורה און בלייבט העכסט צופרידען מיט זיך.

— אַ קונץ איז צו שטודירען מיט געלט! — טראַכט זי צו זיך אַליין, — אדרבא, זאָל ווער פּרואווען ווי איך, אָהן אַ פּעני געלט דערגרייכען דאָס וואָס איך.

איהר ביסעל געלט האָט זי באַלד גע׳פּטר׳ט נאָך אין האַי־סקול. די אָרימע פאָר דאָלאַר וואָס זיינען איהר נאָך פאַרבליבען האָט זי אַריינגעלעגט אין באַנק און איצט געהט זי שוין אויפ׳ן צווייטען קורס אָהן אַ פּעני געלט.

ווען זי זאָל קענען, וואָלט זי זיך אַליין אַ קוש געטאָן אין באַק. אַלץ אַליין! וואו האָט זי ניט דערלאַנגט, אום אויסצו־כלאַפּאָטשען אַ סקאָלערשיפּ? אַז אַנדערער אויף איהר אָרט וואָלט זיך שוין לאַנג דערפון אָפּגעטרייסעלט און וואָלט געבליבען פוילען ביי דער אַרבייט...

זי ציהט זיך אויס איבער איהר גאַנצער לענג און הויבט אָן מיט ביידע הענט צו גלעטען בהרחבה דעם בוזים.

עס ווייזט זיך ביי איהר אויף אַ רגע אַ שמייכעל אויף די ליפּען.

זי איז היינטיגס יאָהר שלעכט דורכגעגאַנגען דעם עקזאַמען. זי האָט מורא געהאַט פאַר איהר סקאָלערשיפּ, נאָר איצט ווייסט זי שוין אַלרייט. די סיבה זיינען געוועזען ביכער. זי האָט קיין מאָל ניט געהאַט אַ בוך אויף גענוג צייט אויף אויסלערנען די לעק־

טשורס... איצט האָט זי אַרויסגעקראָגען אַ צעטעל ביים פּראָפע־סאָר אויף ביכער... זי האָט איהם אָנגעבלאָזט וועגען איהר היים, וועגען איהרע רייכע עלטערן... נאַר וואָס? ער גיט דען זיינע?... אַ פולע וועט דאָס איהם קאָסטען... זי וועט איהם שוין מאַכען אַ גוטען חשבון... איצט וועט זי זיך קענען אויסרעכענען מיט איהר מיסעס... אַ שוואַרץ יאָהר אויף איהר! רוהען האָט זי איהר ניט געלאָזט... אין גאַנצען וועט זי איהר בשום אופן ניט געבען... זי וועט קענען וואַרטען...

— וואָס גלויבען זיי אַזוי די שיין ניט? — פרעגט זי זיך אַליין, טראַכטענדיג וועגען דער מיסעס און וועגען אַלע יענע, וואָס טרע־נען איהר די אָדערען פאַר איהרע חובות... וואָס גלויבען זיי אַזוי די שיין ניט? ווען זי וועט ענדיגען איהר שטודיום, וועט זי אַלעמען באַצאָהלען.

זי פאַרקלערט זיך אַ רגע. עס לויפט איהר דורך אַ געדאַנק, צי וועט דער פּראָפעסאָר ניט זיין אין כעס, פאַר וואָס זי וועט אויס־קלייבען די ביכער פון דער בעסטער עדישאָן.

— זאָל ער! אַ דאגה איהרע! סיי ווי וועט ער איהר אַ צווייטען מאָל קיין ביכער ניט געבען...

זי כאַפּט זיך, אַז דאָס לעמפּעל ברענט נאָך.

אויף די קעראָסין, וואָס ברענט גלאָט אַזוי, רייסט איהר דאָס האַרץ. דאָס איז אַזאַ זאַך, וואָס נעהמען ערגעץ קען זי ניט, דאָס מוז מען קויפען.

זי האָט אויסגעלאָשען דאָס פייער און אין גערדעט, וואו זי האָט געוואוינט, האָט זיך באַלד געלאָזט הערען אַ שטאַרקער כראָפּען.

אַננאַ איז ניט געוועזען געגאַרט אין חשבון, ווען זי האָט גע־דענקט, אַז פון קריכען וועט ביי איהר קיין מניעה ניט זיין. זי האָט געהאַט אַ זעלטענע פעהיגקייט דערקריכען דער שוואַרץ יאָהר ווייסט וואוהין. דורך אַ צעהנטע האַנט האָט זי געקענט אַרויס־קריגען אַ רעקאָמענדאַציע און אויסציהען אַ נוץ אפילו פון אַ טרוקענעם שטיין. און אַ דאַנק טאַקע דער זעלטענער פעהיגקייט און דער געוואַלטיגער קראַפט אַריבערצוטראָגען, דולדען, ליידען,

וואָס באַגעגענט זיך דאָס רוב ביים המון, האָט זיך אננא דער־שלאָגען צו איהר ציעל און געענדיגט דעם קאָלעדזש.

עס איז ערשט אַ קורצע צייט, ווי זי האָט געענדיגט דאָקטאָר. מיט גרוים מיה איז איהר געלונגען עפענען אַ קליינעם אָפיס און אנכאַפּען וואו נאָר זי האָט געקענט, אויף איינצאָהלען רענט. זי זיצט פון פריה ביז פאַרנאַכט אין ראקינג־טשער און קוקט אויס, טאָמער וועט אריינקומען אַ פּאַציענט. זי זיצט און פאַרוויגט דעם הונגער און קוקט און וואַרט, טאָמער וועט זיך כאָטש אַנדרעהען אַ באַקאַנטער. מיט'ן טיטול דאָקטאָר קען זי ניט אריינגעהן אין גראָסערי נאָך אַ ברויטעל און אַ שטיקעל הערינג און זי קוקט און זי וואַרט, ווען וועט שוין דער רוח אַנטראָגען אַ גליקליכען באַקאַנטען אָהן אַ טיטול און זי וועט איהם קענען בעטען די טובה, ער זאָל איהר מאַכען אַזאַ פּאַקופּקע.

נעלי האָט זיך פאַרזאָרגט

אין דער היים האָט זי געוואוסט, אז ער איז דער שטעדטעל־שער לעהרער און הייסט זאראַכאָוויטש און ער האָט געוואוסט, אז זי איז אַ שניידעריין און איהר נאָמען איז געלקע. אָפּיציעל באַקאַנט אַז ביים באַגעגענען זאָל ער איהר דאַרפען באַגריסען אדער ציהען פאַר איהר די הוט, זיינען זיי ניט געווען. אביסעל נעהענטער זיינען זיי ערשט באַקאַנט געוואָרען נאָר דעמאָלט, ווען איבער'ן שטעדטעל האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגען די נייעס, אַז צווישען די וואָס קלויבען זיך פאָהרען קיין אַמעריקא געפינען זיך אויך געלקע די נייטערקע און דער לעהרער זאראַכאָוויטש, וואָס האָט מורא געהאַט צו גנב'ע־נען דעם גרענעץ און וואָס האָט אַבער אַליין ניט געקענט דערוויזען, מאַכען פאַר זיך אַ גובערנער פּאַס, איז אַריין צו געלקען מיט אַ פאַרשלאַג, זי זאָל פאָהרען מיט איהם אויף איין פּאַספּאָרט אַלס אַ שוועסטער. זי איז אויף דעם מרוצה געוואָרען און געגעבען איהם צושטייער אויפ'ן פּאַס. דעם גאַנצען וועג אויף די באַהנען און אויפ'ן שיף זיינען זיי געפאָהרען צוזאַמען און ווען זיי זיינען אַראָפּגעקומען קיין ניו יאָרק האָט זיי געדוכט, אַז זיי זיינען שוין יאָהרענלאַנג באַקאַנט.

זי האָט גלייך געקראָגען אַרבייט און געמאַכט, ווי מען זאָגט דאָ אין אַמעריקא, אַ לעבען. ער, דאַגעגען, איז אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען לעדיג און געשטאַרבען זיבען מאָל אַ טאָג פון הונגער.

ער פּלעגט צו איהר אָפט אַריינקומען מיט אַ באַזוך, ווי צו אַ גוטע באַקאַנטע, און פּלעגט קריגען אָפט לייען עטליכע סענט.

קומען פּלעגט ער צו איהר אַבענד־צייט, ווען זי איז געווען לעדיג פון איהר אַרבייט, און אַריינקומען פּלעגט ער מיט דעם

באוואוסטזיין, אַז ער טהוט איהר אַן אַ כבוד מיט זיינע באַזוכען. ווי דען? ער איז פאָרט אַ מענש אַ געבילדעטער און זי אַ פּראָסטע מיידעל. ער פלעגט פאַררייסען, אויף׳ן אַמעריקאַנעם אופן, די פיס ביז צום טישעל און האַלב־ליגענדיג אין ראָקינג־טשער מיט׳ן קאָפּ עטוואָס אַן דער זייט, פלעגט ער מיט איהר פיהרען אַן איי־ביגען געשפּרעך וועגען אַמעריקאַ. קיינעם פון זיי איז דאָס נייע לאַנד ניט געווען געפעלען. ער האָט געהאַט טענות, פאַרוואָס אַ כאַמולע, אַ גראָבער יונג פון דער היים, פאַרדינט דאָ די שווערע דאָלאַרס... און זי, אויב זי האָט זיך אויף דעם ניט געקענט קלאָגען... האָט זי געהאַט אַנדערע אורזאַכען, פאַרוואָס די נייע לאַנד איז איהר ניט געווען געפעלען: מען פּיהלט זיך עפּעס אַזוי פרעמד, פאַרוואָרפען, עלענד, שטום...

איין אבענד, אַ מאָל, פיהרענדיג זייער אייביגען שמועס וועגען אַמעריקאַ, האָבען זיי זיך אַזוי לאַנג געקלאָגט אויף די נייע לאַנד און אַזוי לאַנג געשאָלטען קאָלומבוס׳עס יאָהרען, ביז זאַראַכאָוויטש האָט ענדליך אויפמערקזאַם געמאַכט נעלקע׳ן:

— און דאָך איז אַמעריקאַ אַ גאָלדענע לאַנד, מען קען דאָ פאָרט מאַכען אַ לעבען.

— ווי אַזוי? — האָט נעלקע געפרעגט פאַרוואונדערט, וויסענ־דיג, אַז ער האָט ניט איין טאָג ווי איבערצוקומען, און דאָס וואָס ער כאַפּט ניט אַריין ביי באַקאַנטע, האָט ער ניט.

— אַמעריקאַ איז פאָרט אַ פרייע מדינה! — האָט זאַראַכאָ־וויטש געענטפערט און אביסעל ווייטער אַרויפגערוקט די פיס אויף׳ן טיש. — דאָ איז אַלץ פאַר דיר אָפען און דו קענסט דערגריי־כען וואָס דו ווילסט...

— נו, אדרבא? פאַר וואָס זשע טהוט איהר ניט? — האָט נעלקע געפרעגט נייגעריג.

— הערט איהר! — האָט זאַראַכאָוויטש געענטפערט אַראָפּלאָ־זענדיג די אויגען פון איהר און קוקענדיג פון דער זייט אויף די קאַמאַשען. אָט דאָ ליגט טאַקע דער הונט באַגראָבען... וואו נעהמט מען געלט?

— טאָ וואָס זשע רעדט איהר?

איך ווייס וואָס איך רעד, — האָט זאַראַכאָוויטש געזאָגט און אויפגעהויבען די אויגען אויף איהר. — איך וואָלט דאָ זעהר לייכט געקענט ענדיגען דאָקטאָר, ווען איך זאָל האָבען שטיצע. קיין גרויסע געלט דאַרף מען דערצו ניט האָבען... ווען א שטייגער איך זאָל האָבען איינע, קאַטאַראַיאַ וועלכע זאָל איינוויליגען צאָה־לען פאַר מיר אין קאָלעדזש... ווי דענקט איהר, איז דאָ שווער צו געפינען אַזעלכע?

— איך ווייס? — האָט געלקע געענטפערט שטאַמלענדיג און אַליין ניט צו וויסען פאַר וואָס זי איז רויט געוואָרען און אַראָפּ־געלאָזט די אויגען צו דער ערד.

זאַראַכאָוויטש איז נאָך א קורצע ווייַלע געזעסען, נאָר ווייטער האָט זיך דאָס געשפּרעך ביי זיי ניט געקלעפּט, פּונקט ווי ביי זיי ביידע זיינען פאַרלעגט געוואָרען די העלזער און אַרויסבערענגען א וואָרט וואָלט געווען שווער ווי דער טויט. ענדליך האָט ער זיך אויפגעהויבען, געבעטען לייהען א דאָלאַר און איז אוועק.

* * *

די נאַכט נאָך דעם געשפּרעך האָט געלקע ניט געקענט איינ־שלאָפען. זי האָט פאַרשטאַנען זאַראַכאָוויטש׳עס לייכטע אָנצוהער־רעניש און דאָס איז געווען פאַר איהר זעהר א שווערע רעטעניש. קריגען א דאָקטאָר פאַר א מאַן איז ניט קיין געלעכטער, די צו־קונפט מיט אַזאַ מאַן הויבט זיך אָן צו מאָהלען אין שעהנע פאַרבען. זי זעהט זיך אַלס ליידי, אַרומגערינגעלט מיט כל טוב, מיט רייכע פוירניטשור, מיט א שעהנע קאַרעטע, מיט א פיינעם פערד, מיט א קוטשער...

דאָס בלוט אין איהרע אָדערען הויבט אָן פליסען שנעלער און דאָס האַרץ הויבט איהר אָן קלאַפּען האַסטיגער, פאַר איהרע אויגען הויבען אָן אַרויסטרעטען מעהר בולט די דעטאַלען פון דער בילד: די ווייכע קישענס פון דער קאַרעטקע גלאַנצען ווי א שוואַרצער לאַקירטער שוך און מען קען אין איהם קוקען ווי א שפּיגעל (דער דאָקטאָר וואָס פלעגט קומען צופאָהרען צו איהר מיסעס, ווען זי איז געגאַנגען צו קינד, האָט געהאַט אַזאַ קאַרעטקע). נאָר דער קוטשער איז ניט קיין נעגער — פע, א נעגער

האָט זי פיינט! — זי וועט בשום אופן ניט דערלאָזן „איהרען״ נעהמען אזא קוטשער... זי קלייבט און סדר׳ט באַצייטענס די מעבעל... ביים דאָקטאָר, ביי וועלכען זי איז אַמאָל געווען אַלס א פּאַציענט, האָט זי געזעהן נעבען די פענסטער הויכע, שמאָלע, פיינינקע טישעלאַך, פון אלע פיער זייטען מיט באַגילטע קייטלאַך באַהאַנגען מיט שעהנע וואָזעס פון אויבען... זי וועט אויך זעהן, אַז אין שטוב זאָלען אַזעלכע טישעלאַך זיין... אַ שפּיגעל וועט זי אויך אויפהענגען אזוי, אַז עס זאָל אויסקומען ווי אַ מגן דוד נאָר מיט פיער שפּיצען... זעהר שעהן אַזוי...

עס ווערט איהר היים און זי ציהט אַראָפּ אַביסעל די קאָלדרע איבער זיך.

זי קלויבט איבער אין די געדאנקען אַלע איהרע חבר׳טעס, וואָס האָבען חתונה געהאַט אין דער היים — קיינע פון זיי האָט אפילו ניט חתונה געהאַט פאַר אַ קענער. אַלץ שניידער, סטאָליערס, שוס־טער — פּראָסטע בעלי־מלאכה׳ס. נאָר איהר געדאנק בלייבט ניט שטעהן אויף איהרע חבר׳טעס אַליין. ער גראָבט זיך ווייטער און זוכט צווישען אַלע שטעדטעלדיגע מיידלאַך שוין פון העבערען גראַד, וואָס קלויבען זיך צו ווערען כלות — קיינער פון זיי חלומ׳ט זיך אפילו ניט חתונה צו האָבען ניט נאָר פאַר אַ דאָקטאָר, נאָר אפילו ניט מיט עטליכע שטאַפּעל דאַרונטער... סיידען גרינבערג דעם סטיליאַטער (דיסטיליאַטאָר׳ס) וואָס פאַרמאָגט זיינע צוואַנ־ציג טויזענט, זיין טאָכטער אפשר....

עס ווערט איהר נאָך הייסער און זי הויבט אָן וואַרפען מיט די פיס, כדי אַראָפּצוציהען מעהר די קאָלדרע. איהר שכנה פון בעט, וואָס איז די גאַנצע צייט געשלאָפען געשמאַק, דערפיהלט אַ קעלט און וועקט זיך אויף.

— וואָס איז היינט פאַר אַ וואַרפעניש אויף דיר? — פרעגט די שכנה האַלב פאַרשלאָפען, האַלב אין כעס.

— דו שלאָפסט ניט, יעטע? — פרעגט איהר געלקע.

— דו האָסט מיך אויפגעוועקט מיט דיין וואַרפען זיך.

— הער, יעטע, דאָ אין אַמעריקא קען טאָקע יעדער שטודירען דאָקטאָר, זאָג?

— וואָס פאַר אַ משוגעת וועט דיר איינפאַלען? שטודירען נאַר! לאָז מיך שלאָפען! — און מיט די ווערטער האָט זיך די שכנה אומגעקעהרט צו איהר מיט'ן רוקען.

פריהער האָט זי נאָך פאַרשטאַנען. פריהער, ווען זי האָט זיך פאַרגליכען מיט איהרע חבר'טעס, און האָט אויסגעפונען, אַז זיי האָבענדיג שניידערס, שוסטערס פאַר מאַנען, וועלען איהר מקנא זיין, וואָס זי וועט האָבען אַ מאַן אַ דאָקטאָר, האָט זי נאָך פאַרשטאַנען: דערפאַר איז זי אין אמעריקא. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז מיידלאַך זיינען דאָ יחסנ'טעס; נאָר ווען אויף איהר גערדאַנק איז ארויף חנה'לע דעם דיסטילאַטאָרס, דעם גביר'ס איינציגע טאָכטער, וואָס, ווערליג מען זאָגט, פאַרשטעהט פיעל לשונות, וואָס שפיעלט אויף אַ פאָרטעפּיאַן, וואָס האָט אַ נדן אודאי אין צעהן טויזענט און זי וועט ערשט קוים קריגען אַ דאָקטאָר... דאָ איז זי אריינגעפאַלען אין אַ צווייפעל: איז דאָס דען אַ הוה אמינא, אַז זי, געלקע די שניידערקע, זאָל קריגען אַזאַ מאַן ווי חנה'לע?... אמת, זי איז אין אמעריקא, אָבער...

אַ ווייִלע גלויבט זי, אַז דאָס איז מעגליך, דערפאַר אָבער פאַלען די אמעריקאַנער דאָקטוירים שטאַרק אַראָפּ אין פּרייז.

— מסתמא איז דאָ אַ דאָקטאָר ניט אַזאַ טהייערע מציאה...

— אודאי אַזוי! אודאי איז דאָס דאָ ניט אַזאַ גרויסע מציאה! — גיט זי זיך גלייך אויף דער שטעל צו אַ תוקף. אַז ער, דער לעהרערעל פון איהר שטעדטעל, וואָס פלעגט געבען לעסאַנס פאַר צעהן גילדען אָדער צוויי רובעל אַ חודש, און איבערהויפּט וואָס איז מיט איהר דעם גאַנצען וועג פון יוראָפּ אַהער געפאָהרען און וואָס האָט איהר אַזוי „אָנגעזשעוועט“, איהר, געלקע דער שניידערקע, אַז ער קען אַזוי לייכט דערשלאָגען זיך צו דאָקטאָר, מסתמא איז דאָקטאָריי ניט אַזוי גרויסע מציאה... מען קען ניט זאָגען, אַלץ בעסער ווי צו שרייבען אַהיים, אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אָפּערייטאָר, אָבער...

און דאָ הויבט אָן די פּראַכטפאָלע קאַרטינע פון דער גאָלדענער צוקונפט ווערען דונקעלער און דונקעלער, ביז עס ווערט

אײנגאַנצען פאַרשװאונדען און אַ צװײטע קאַרטינע שטעלט זיך פאַר איהרע אויגען:

זי װעט זיצען און האַרעװען און האַרעװען, שפּאָרען אַ גראָ־שען צו אַ גראָשען און איהר גאַנצע פּראַצע אװעקגעבען איהם, װאָס אַ שטײגער װעט זי טאָן אָבער, אַז אין אַ יאָהר צי אין צװײ יאָהר אַרום װעט ער צו איהר זאָגען: יאַ טעבי ניע בענדאַ? האַ? װאָס װעט זי איהם דעמאָלט טאָן, װאָס? זי װעט געהן און אָנשיטען איהם זאַלץ אויפ'ן עק? האַ?...

עס װערט איהר ענג די האַלבע בעט און זי הויבט זיך אָן װאַרפען פון אײן זײט אויפ'ן צװײטען. די שכנה פון בעט הויבט זיך װײטער אָן טשובען.

— דו שלאָפסט, יעטע, דו שלאָפסט? — פרעגט געלקע.

— האַ, װאָס איז? — ענטפערט יעטע פאַרשלאָפען.

— דו שלאָפסט ניט? הער...

— װאָס?

— הער, אַז מען זאָגט דאָ צו חתונה האָבען — קען מען דער־נאָך פּרימושען?...

— װאָס נאָך פאַר אַ משוגעת'ן װעלען דיר הײנט אײנפאַלען? לאָז מענשען שלאָפען.

— זאָג, זעה, איך בעט דיך, יעטעלקע...

— געה צו אַ דזשאַדזש און פרעג, האָט יעטע געענטפערט מיט כעס.

— זײ ניט, יעטעצקע, אין כעס...

— לאָז שלאָפען, איך דאַרף מאָרגען געהן פריה צו דער ארבײט.

— טאַקע אַ משוגעת! — טראַכט געלקע מיט זיך, — װעל איך דען מאָרגען ניט אויספּײען צו פרעגען?... מען דאַרף פריה אויפ־שטעהן צו דער ארבײט... — מיט דעם געדאַנק האָט זי פאַרמאַכט די אויגען, אײנגעגראָבען דעם קאָפּ אין קישען און געמאַטערט זיך אײנצושלאָפען. זי האָט לאַנג אויפ'ן שלאָף ניט געװאַרט און דער גוטער מלאך, װאָס איז ממונה אויף גוטע חלומות, איז באַלד

נעקומען און האָט איהר עפּעס איינגערוימט אין אויער און אַ גליק־ליכער שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף איהרע ליפּען.

וואָס האָט זי געחלום'ט? — וויים נור דער גוטער מלאך אליין...

* * *

א פּאָר חדשים זיינען אַריבער.

געלקע האָט זיך אונטער דער צייט מעהר אויסגעגרינט און נעביטען איהר נאָמען אויף נעלי. איצט האָט זי שוין געוואוסט וואָס א „בריטש און פּראָמיס" קיים איז און האָט שוין קיין מורא ניט געהאַט טאָמער וועט זאַראַכאָוויטש איהר ענדליך זאָגען: „יאַ טעביע ניע בענדאַ". דער איינציגער ספק וואָס איז איהר פאַר־בליבען איז געווען, טאָמער וועט זאַראַכאָוויטש ניט קענען דער־ווייזען אויף דאָקטאָר און דעמאָלט איז קאַפּוט איהר גאַנצע געלט, וואָרים דאָס האָט זי שוין גוט פאַרשטאַנען, אַז דאָ אין דער גאָל־דענער לאַנד איז אַ גוטער אַפּרייטער טייערער פאַר צעהן היימישע לעדיג־געהער. אָבער דאָך, נאָך אַ לאַנגען ישוב הדעת האָט זי באַשלאָסען צו ריזיקירען און פּרובירען דעם מזל.

דאָס נעקסטע מאָל, וואָס זאַראַכאָוויטש איז צו איהר געקומען, נאָכהער ווי זי איז געקומען צו איהר לעצטען באַשלוס, האָט זי מיט איהם פאַרצויגען אַ געשפּרעך וועגען שטודירען.

— איז דאָס טאַקע אַזוי לייכט צו שטודירען ווי איהר דער־צעהלט? — האָט זי איהם געפרעגט מיט אַ ווייכע מינע.

— נאָך ווי לייכט! דאָ געהען אַזעלכע „בוידזשעלעס" אין קאָ־לעדזש, אַז עס איז פּראָסט אַ שאַנדע... אָט ווייס איך דאָ אַן אָפּע־רייטער, אַ פּראָסטער אַפּערייטער, וואָס איז געזעסען דאָ ביי דער מאַשין און געקלאַפּט, ענדיגט שוין באַלד דעם קאָלעדזש און וועט באַלד זיין דאָקטאָר. — ענטפערט זאַראַכאָוויטש פאַר'דאַגה'ט.

— אויב אַזוי? פאַר וואָס זאָלען אַלע ניט שטודירען אויף דאָקטוירים?

ביי דער פראַגע ווערט נעלי רויט. איהר דוכט, אַז זי האָט געפרעגט אַ נאַרישע פראַגע. אויב אַלע וועלען זיין דאָקטוירים, האָט זי אַ קלעהר געטאָן מיט זיך, טאָ וואו וועלען זיך נעהמען די קראַנקע? זי האָט ערוואַרטעט, אַז אָט־אָט שיסט זאַראַכאָוויטש

אויס אין אַ געלעכטער, נאָר ער האָט אפילו קיין שמייכעל ניט געטאָן און געענטפערט:

— און מיטלען?

— דאַרף דען דאָס קאָסטען פיעל? — פרעגט זי צופרידען, וואָס איהר פראַגע איז איהר אָפּגעגאַנגען גלאַט.

ער האָט געמאַכט זעהר אַ גרינגען חשבון. אין אַ יאָהר אַרום וועט ער שוין קענען אַליין פאַרדינען. סך הכל איין יאָהר וועט ער דאַרפען האָבען שטיצע.

איז דאָס אויך ניט אין גאַנצען. ער קען שוין געבען לעסאָנס אין ענגליש.

— איך רעכען, אַז איהר וואָלט זעהר גרינג געקענט קריגען אַ פריילין, וואָס זאָל מרוצה ווערען אונטערשטיצען אייך די צייט פון שטודירען. — האָט נעלי געזאָגט און גענומען מיט די אויגען ווי עפּעס זוכען אויפ'ן טיש.

— איך צווייפעל גאָרניט! — האָט ער געענטפערט מיט גרויס גדלות, פּונקט ווי טויזענטער פריילינס האָבען זיך שוין געוואָרפען צו זיינע פיס מיט אַזאַ פאָרשלאַג, נאָר ער וויל ניט — איך צווייפעל גאָרניט, אַז אַזעלכע פריילינס וואָלטען זיך געפונען זעהר גרינג, נאָר...

— נאָר וואָס? — פרעגט נעלי אומגעדולדיג.

— נאָר וואָס? — האָט ער ווידערהאָלט איהר פראַגע, פאַרלעגענדיג די פיס ווייטער אויפ'ן טיש — איך וועל דאָך ניט נעהמען מיט אַבי־וועמען און פאַרבינדען זיך...

נעלי איז געבליבען זיצען שטיל. וואָס פאַר אַ מיינונג האָט ער וועגען איהר? צי רעכענט ער זי אויך פאַר איינע פון יענע, מיט וועמען ער וואָלט זיך ניט געוואָלט פאַרבינדען? ביז איצט האָט איהר דורכאויס געשיינט, אַז ער גיט איהר אַנצוהערעניש, נאָר איצט האָט זי אַנגעהויבען צווייפלען, אויב ער מיינט נאָר איהר.

אַרויסגעהענדיג פון נעלי'ן האָט זאַראַכאָוויטש שיער ניט צו־ביסען די ליפּען פאַר כעס. דאָס גאַנצע געזיכט האָט איהם געצופּט און ער האָט זיך זעלבסט אַזוי פיעל געזידעלט, פיעל ער וואָלט אַ צווייטען געוויס ניט ערלויבט. ווען ער זאָל ניט האָבען גע־

פֿראַוועט אַזאַ מין גדלות היינטיגען אָבענד, קען זיין, אַז ער וואָלט שוין געוואוסט, אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט ער איז. ניין, ער צוויי־פֿעלט גאַרניט, ער ווייס זיכער, אַז נאָך היינטיגען אָבענד וואָלטען אַראָפּ אַלע זאָרגען פֿון זיין קאָפּ. וואָס איז? ער פֿאַרשטעהט דען ניט, וואָס זי האָט געמיינט מיט איהר ענטפֿער, „אַז עס וואָלט זיך גרינג געפֿונען אַ פֿריילין, וואָס זאָל מרוצה ווערען צו שטיצען איהם"? דאַרף מען דען האָבען אַ קלעהרערען ענטפֿער? פֿאַרוואָס האָט ער זיך ניט באַנוצט מיט דער געלעגענהייט און ניט געשמידט דעם אייזען, ווען ער איז געווען הייס?

די נאַכט האָט ער געהאַט אַ צושטערטע. איהם האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז ער האָט שוין געהאַלטען דאָס גליק אין האַנט און אַליין אַרויסגעלאָזט און וואָס מעהר ער האָט זיך געטרייסט, אַז ער קען נאָך פֿאַרריכטען זיין פֿעהלער, אַלץ מעהר האָט זיך איהם געדוכט, אַז זיין גליק איז פֿון איהם אַנטלאָפֿען.

נאָר דאָס איז געווען אַן אומזיסטער שרעק. אויף מאָרגען, דערוואַרטענדיג זיך מיט גרויס אומגעדולד אויפ'ן אָבענד, ווען נעלי קומט פֿון דער אַרבייט, איז ער מיט שנעלע טריט געגאַנגען צו איהר באַנייען דאָס נעכטיגע געשפּרעך און צו זיין גרויס פֿרייד האָט זי איינגעוויליגט צו שטיצען איהם די צייט פֿון שטודירען.

* * *

נעלי האָט געוואוסט, אַז זי וועט איהם קענען פֿאַרקלאָגען אויף בריטש און פֿראַמיס, אויב ער וועט זיך וועלען פֿון איהר אָנט־זאָגען, נאָר פֿון דעסטוועגען, ליתר בטחון, זי זאָל זיכער זיין אײַנ־גאַנצען איז זי אַוועק מיט איהם אין קאָורט.

— וואָס קען דאָס שאַדען?

גלייך נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען האָט זי אַרויסגענומען איהרע עטליכע דאָלאַר פֿון סייווינגס באַנק און איבערגעגעבען זיי זאַראַכאָוויטש'ן מיט אַ לייכטען ציטער אין די הענט, נאָר דאָך איז זי געווען צופֿרידען. זי איז געווען צופֿרידען מיט דעם, וואָס זי האָט געקענט שרייבען אַהיים, אַז איהר חתן איז אַ סטודענט (זיי האָבען זיך דערוויייל נאָך גערעכענט פֿאַר חתן־כלה, ניט קוקענדיג אויף דער חתונה אין קאָורט) און מיט

דעם, וואָס זי האָט געקענט פאַר איהרע חבר'טעס דערצעהלען די גרויסע גבורות פון איהר חתן אין לערנען. ווענען וואָס מען האָט ניט אָנגעפאַנגען צו ריידען איז זי שטענדיג אַרויפגעקומען אויף איהר חתן און רעדען וועגען איהם איז איהר קיינמאָל ניט מיאוס געוואָרען.

ווען זיי פלעגען אַרויסגעהן אָבענד־צייט שפּאַצירען, פלעגט זי איהם פיהרען דוקא איבער יענע רוישיגע גאַסען, וואו דער עולם שיט זיך פון אַלע זייטען, און וואו זי האָט מעהר געקענט האָפען אויף אַ באַגעגעניש מיט באַקאַנטע מיידלאַך. ביי יעדע אַזעלכע באַגעגענישען פלעגט זי קריגען פּוטערנע אויגלאַך און יעדער האָט לייכט געקענט זעהן אויף איהר געזיכט, אַז זי איז די גליקלאַכסטע באַשעפעניש אויף דער וועלט.

* * *

אין פיער יאָהר אַרום.

אויף אַ שמאָלע שוואַרצע ברעטעלע, וואָס איז צוגעשלאָגען צו דער טיר פון אַ פּריוואַט־הויז אויף איינעם פון די מעהר רוהיגע בלאָקס אויף אַ סטריט פון ניו־יאָרקער אידישען קוואַרטאַל, קען יעדער איבערלייענען: דאָקטאָר זאַראַכאָוויטש.

די גאַס, אין ערד נאָך, איז אַ גאַנץ שטילע; דער בלאָק נאָך אַ רוהיגער, די צוויי שטאָקיגע הויז מיט איהר שטענדיג פאַרשלאָסענע טיר קוקט בשלום צום דרויסען, נאָר טאָקע צוליב דעם פריד־ליכען אויסזעהן וועקט זי אין די פאַרבייגעענדיגע אַ רוח קנאה.

אין דער הויז וואוינט דאָס גליקליכע פּאָר פּאָלק, דער געוועזענער ראַפּשאַנסקער לעהרערל זאַראַכאָוויטש און די געוועזענע נייטערקע נעלקע.

— שוין אַ יאָהר ווי ער האָט געענדיגט דאָקטאָר, נאָר איינגע־פיקסט אַן אָפיס האָט ער ניט לאַנג, איז דאָס אַ נס וואָס נעלי האָט געאַרבייט די גאַנצע צייט שוין נאָכ'ן ענדיגען. ער האָט זיך אַריינגעמאַכט אין עטליכע לאָדזשעס און שוין געקראָגען אַ גוטע פּראַקטיק.

נעלי'ס פאַנטאַזיעס האָבען זיך שוין היבש פאַרווירקליכט, ביז אַ קאַרעטקע מיט פערד האַלט עס נאָך אפילו ניט, נאָר מיט

די מעבעל און מיט די שמאַלינקע און הויכע טישלאַך פון אַלע פיער עקען ביי די פענסטער און מיט אַ שפּיגעל, וואָס הענגט אויפ'ן וואַנט ווי אַ פיער־שפּיציגע מגן־דוד האַלט שוין אַל־רייט.

נאָר צי זיינען זיי טאַקע גליקליך? זעהן זעהט דאָס ניט אויס אַזוי. עפּעס צופיעל האָט ער די לעצטע צייט זיך אָנגעהויבען צו כעס'ענען. עס גערען ניט אריבער קיין צוויי מינוטען, אַז זיי זאָלען זיין צוזאַמען און ער זאָל ניט אויסזוכען עפּעס אַן אורזאַך פאַר וואָס מיט איהר זיך צו קריגען. ווי אַזוי עס הויבען זיך אָן די קריעגערייען, קען זי בשום אופן ניט פאַרשטעהן. דאַכט זיך, זי היט זיך ווי פאַר פייער און וויל אויסמיידען סצענעס, און דאָך דאַרפען זיי נאָר אומבייטען זיך מיט אַ פּאָר ווערטער און עס הויבט זיך שוין אָן אַ גאַנצער טאַראַראַם, און נאָך מעהר איז צו באַוואונדערן, וואָס כמעט שטענדיג הויבט זיך אָן דאָס געשפּרעך גאַנץ פריינדליך, לכל הפחות פון איהר זייט.

נעלי זיצט ביים פענסטער, אָנגעשפּאַרט מיט'ן קאָפּ אָן דער לינקער האַנט און טראַכט. ניט לאַנג האָט ער אַ בריאַזג געטאָן מיט דער טיר און איז אַוועק מיט כעס. פאַרוואָס? אַ קשיא אויף אַ מעשה: אפשר איז זי טאַקע שולדיג. זי וויל זיך דערמאָנען דאָס גאַנצע געשפּרעך, ווי עס הויבט זיך אַלע מאָל אָן די קריי־געניש, קען זי ניט געדענקען. נאָר היינט, דאַכט זיך, געדענקט זי. זי זוכט עפּעס אויף זיך אַ שולד, זי וויל זעהר אויסגעפינען, אַז די גאַנצע שולד איז אין איהר; זי געדענקט זעהר גוט אַלע דעטאַלען פון היינטיגען קריג. ער איז געקומען פון אַ חולה. זי ווייסט אפילו פון וואַנען. דאָרט איז אַ דיפטעריע קיים. געקומען איז ער פרעהלאַך... מסתמא וועט זיך די קראַנקהייט נאָך ציהען... ער האָט געבעטען אַ גלאָז טיי מיט מילך און איז אריין אין קיך צעוואַשען די הענט... ווען ער איז אריינגעקומען צוריק, האָט שוין די טיי אויף איהם געוואַרט. זי איז געזעסען איהם אַנטקעגען איבער אַ ראָקינג־טשער און געקוקט, ווי ער זיצט ביים טיש, לייענט אַ פּייפּער און מישט, מיט דעם לעפעלע די טיי. פּלוצים האָט ער אָפּגעקערט דעם קאָפּ צום גלאָז און ארויסכאַפּענדיג דאָס לעפעלע פון טיי האָט ער עס אַ שליידער געטאָן אָן דער ערד.

— דו האָסט מורא די זילבער וועט זיך אָפּנוצען, וואָס דו גיסט מיר דאָס בלעכענע לעפעלע? — האָט ער געזאָגט מיט כעס.

— און מיט דעם לעפעלע קען מען זיך פאַר׳סמ׳ען? — האָט זי זיך ניט איינגעהאַלטען און געענטפערט איהם צוריק.

— דיין טאַטען וועסטו קאַרמענען מיט אַזאַ לעפעלע! — האָט ער איהר געזאָגט.

— זעה, וואַרף זיך ניט אַזוי מיט מיין טאַטען! אין יחוס, האָב איך מורא, וועלען מיר זיך נאָך אויסגלייכען.

— עפען ניט אַזוי דיין בריטאַנסקען מויל! וואָס ווילסטו מיר ווייזען, אַז דו ביזט פון יאַטקעווער גאַס?...

— און פון וואַנען שטאַמסטו אָפּ, פּריץ גרויסער?

וואָס ווייטער זי האָט געזאָגט געדענקט זי ניט. זי געדענקט נאָר, אַז באַלד האָט ער אַ בריאַזג געטאָן מיט דער טיר און איז אַרויס, איבערלאָזענדיג די טיי אויפ׳ן טיש.

„עס קען זיין, אַז זי אַליין איז שולדיג", פאַלט איהר איין אַ געדאַנק. ווען זי זאָל איהם ניט האָבען געענטפערט און דערלאַנגט דאָס זילבערנע לעפעלע, וואָלט צו קיין קריג ניט געקומען...

איהר ווערט אַביסעל גרינגער אויפ׳ן האַרצען, וואָס די שולד איז פון איהר. דער אָטעם פון געזיכט הויבט אָן צו פאַרשווינדען...

„אָבער וואָס איז געווען נעכטען?" פרעגט זי באַלד זיך אַליין. נעכטיגען קריג געדענקט זי אויך גוט. זיי זיינען געקומען פון אַ באַל. שוין זייענדיג אין שטוב האָט ער געזאָגט, אַז איינע אַ באַקאַנטע פרוי זעהט אויס זעהר אַריסטאָקראַטיש און רעדט זעהר קלוג. זי האָט אויף דעם געענטפערט, אַז איהר דאַכט זיך פאַרקערט, אַז יענע איז זעהר גראָב און איז נאָר אַ גרויסע באַל־בעטוניכע.

— דו לכל הפחות האָסט געדאַרפט שווייגען... אפילו פאַר־שטעהסטו!...— האָט ער איהר געענטפערט מיט כעס.

— ווען ביזטו געוואָרען דער גרויסער פאַרשטעהער? — האָט זי איהם צוריק געענטפערט.— פאַרוואָס ביזטו ניט געווען אַזאַ גרויסער פאַרשטעהער, איידער איך האָב דיך אַריינגעבראַכט אין קאַלעדזש...

וואס ער האָט איהר געענטפערט, געדענקט זי ניט. זי געדענקט נאָר, אַז דערפון איז ארויסגעקומען אַ פייערדיגע קריעג...

„איז זי נעכטען אויך געווען שולדיג?“ פרעגט זי זיך אַליין.

„ניין, דאָ קען זי זיך ניט באַשולדיגען. זי קען ניט דערלאָזען, אַז ער זאָל פון איהר מאַכען מיט בלאָטע צוגלייך, און זי זאָל נאָר הערען און שווייגען. וואס איז זי ביי איהם, אַ דיענסט?... און דאָ אין אמעריקא טאָר מען אפילו אַ דיענסט אויך ניט זידלען... איידער אַזא לעבען איז בעסער גאָרניט.

די פינסטערניש אויף איהר געזיכט ווערט וואס ווייטער געדיכטער. זי טראַכט אַ רגע, פאַר וואס ער איז ביז איצטער ניט געווען אַזוי. אמת, ער האָט איהר שוין געוואָרפען אַ טעלער אין קאָפּ מיט אַ יאָהר צוריק. נאָר דעמאָלט איז געווען עפּעס אַנדערש...

עס גיט איהר אַ האַק אין קאָפּ ווי אַ בליץ. פאַרפלאָנטערטע געפיהלען, וואס האָבען צייטענווייז געבלאָנדזשעט ביי איהר אין הארצען, זיינען מיט אמאָל קלעהרער געוואָרען. איהר דוכט פּלוצים אַפּ, אַז די גאַנצע מחלוקת ביי זיי האָט זיך אָנגעהויבען פון יענעם אבענד מיט אַ חדשים צוויי צוריק, ווען זיי זיינען געקומען פון אַ מאַסקאַראַד־באָל. ער האָט איהר דעמאָלט גענומען לערנען דרך־ארץ. מיט אמאָל האָט ער אויסגעפונען, אַז זי קען די נאָז ניט שנייצען: זי ווישט די נאָז מיט'ן פינגער... דעמאָלט איז געווען די ערשטע סצענע... אויף יענעם באָל האָט ער אויך גערעדט מיט דער אריסטאָקראַטישער פרוי, וואס „רעדט זעהר קלוג...“ אַן אומבאַקאַנטער פייער צינדט זיך איהר אָן מיט אמאָל אין הארצען...

* * *

נעלי איז געוואָרען אייפערזיכטיג ווי אַ טייוועל. און אייפערזיכטיג איז זי געוואָרען ניט נאָר צו יענער „אריסטאָקראַטישער פרוי, וואס רעדט זעהר קלוג“, נאָר צו אַבי־וועלכער פרויענצימער, וואס האָט מיט איהם גערעדט, מיט וועלכער ער האָט געשפּאַסט. זי האָט זיך זאָגאָר ניט געפוילט אריינרייסען זיך אין אָפּיס צו איהם, ווען ער האָט זיך דאָרט פאַרזעסען מיט אַ פּאַציענטקע אביסעל לענגער ווי איהר האָט זיך געדאַכט, איז

די שטוב געוואָרען א גיהנום. ווי נאָר זיי זיינען געבליבען אונטער פיר אויגען האָבען זיי זיך איינע אויף די אַנדערע ארויפגעוואָרפען מיט אַזאַ כעס, אַז יעדעס מאָל האָט זיך געדוכט, דאָס עס וועט קומען צו אַ געשלעג. און באַלד איז דערגאַנגען דערצו, אַז די שטוב איז פאַר זיי ביידען געוואָרען צו ענג: איינער פון זיי האָט געמוזט אפּטרעטען...

* * *

עס איז קוים אריבער אַ יאָהר ווי דאָקטאָר זאַראַכאָוויטש האָט געעפענט זיין אָפיס, און אין קאָורט איז פאָרגעקומען אַ דיוואָרס־קיים פון איהם מיט זיין פרוי נעלי. דער קאָורט האָט צוגעפּסק'ענט, ער זאָל איהר צאָהלען פופצעהן דאָלאַר אַ וואָך אַלימאָני און באַצאָהלען לאָיערשע אויסגאַבען.

זאַראַכאָוויטש צאָהלט אפילו פּינקטליך דאָס געלט, אָבער נעלי איז ניט זעהר צופרידען...

סאַפּיע

— מר. קאַפּעל, אַ דעפּעש, אַ דעפּעש! — האָט אויסגעשריען די מיסעס.

קאַפּעל איז אַרויס פון זיין רומקע, וואו ער איז געלעגען האַלב אָנגעטאָן אין בעט און געמאַטערט זיך אַרויסצוקריגן דעם תּוך פון אַ דייטשער בראָשורקע, פון וואַנען ער האָט געוואָלט שעפּען מאַטעריאַל פאַר אַ לעקטשור. אויפ׳ן וועג צום מעסענדזשער האָט ער אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען די אַראָפּגעלאָזטע שלייקעס און אַ קראַץ געטאָן זיך הינטער דער פּאָטילניצע.

די דעפּעשע האָט ער אויפגעריסען ניט איילענדיג זיך. ער האָט געוואוסט אָהן לייענען, פון וואַנען זי איז און וואָס אין איהר איז.

— אייער כלה איז אָנגעקומען מיט מזל! — האָט די מיסעס געפּרעגט האַלב באַשטעטיגט און האָט דערביי געוויזען זעהר אַ הנאה׳דיגען שמייכעל, וואָס עס איז שטענדיג דער פאַל מיט ווייבער פון מיטעלע יאָהרען, ווען זיי קומט אויס צו האָבען עפּעס אַ מחותנ׳עשאַפט צווישען אַ חתן־כלה. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז די דעפּעשע איז פון עלים איילאַנד, ווייל אין יענע טענעמענט הייזער קריגט מען קיין מאָל ניט קיין אַנדערע דעפּעשען.

דאָס וואָרט „כלה" האָט איהם אַ שניט געטאָן אין די אויערען. דאָס איז אַ צו־פאַרצייטיגער נאָמען און ער איז שוין פאַרצויגען מיט שימעל.

— זעהט, זעהט, ווי ער מאַכט זיך כלומרשט אַז איהם אַרט גאָר ניט — האָט די מיסעס געזאָגט מיט אַ שטראַהל פון שמחה אויפ׳ן פּנים. — נישקשה, איהר וועט מיך ניט אָפּנאַרען. איך וויים עס טיאַבקעט אין האַרצען. נאָר איין מאָל אין לעבען איז מען חתן־כלה.

ביי די לעצטע ווערטער האָט זיך דער שטראַהל פון שמחה פאַרביטען מיט אַן אויסדרוק פון ביינקעניש.

— געהט — האָט זי געזאָגט — און איך ראַם אויף אין שטוב — און זי האָט זיך תיכף גענומען צו דער אַרבייט.

פון אַנטאָן זיך האָט ער קיין פּאַראַד ניט געמאַכט און דערצו האָט איהם אפילו ניט געקענט באַוועגען די באַגעגעניש מיט זיין כלה.

איבעריגענס, די באַגעגעניש מיט זיין כלה האָט ביי איהם קיין שמחה ניט אַרויסגערופען. ער איז גיכער געפאָהרען איהר באַגעגענען ווי אַ פאַר׳משפט׳ער, איידער ווי אַ חתן וואָס האָט זיין כלה ניט געזעהן אַ פּאָר יאָהר.

אין קאָפּ איז ביי איהם געווען אַ גאַנצער פּלאַנטער. ער האָט זיך אַליין געמוזט מודה זיין, אַז ער האָט איהר געשריבען, אַז זי זאָל קומען. אמת, ער האָט עס געטאָן מיט אַ האַלבען מויל און זיין האַרץ איז דערביי ניט געווען, נאָר ווער האָט איהם געשטופּט צו שרייבען אַזאַ בריעף? אַ יאָהר צייט האָט ער איהר קיין איינ־ציג וואָרט ניט געשריבען, און צייט ער האָט זיך דאָ אַזוי אינטים באַקאַנט מיט רעבעקאַ שלאָסבערג איז ביי איהם געווען פעסט באַשלאָסען, אַז ער מיט סאָפיע׳ן וועלען בעסער בלייבען פריינד פון דער ווייטענס. סאָפיע האָט געוואוסט, אַז ווען זיי האָבען זיך באַקענט אין דער היים, אַז ער איז ניט קיין סענטימענטאַלער בחור, וואָס שווערט אייביגע ליעבע ביים שיין פון דער לבנה. סאָפיע האָט זעהר גוט געוואוסט, אַז היינט קען ער איהר ליעבען און מאָרגען ניט. און איצט איז איהם געפעלען רעבעקאַ. פאַ־זאָקאַזו קען מען ניט ליעבען, און סאָפיע איז גענוג פאַרגעשריטען, אַז זי זאָל עס ריכטיג פאַרשטעהן און צו איהם קיין טענות ניט האָבען. ער האָט איהר ליעב געהאַט, זי האָט איהם ליעב געהאַט. מה רעש? זיי האָבען ביידע הנאה געהאַט דערפון. ער פיהלט זיך איצט גאַנץ גוט מיט רעבעקאַ׳ן. און זי וואָלט זיך דאַרטען גע־פיהלט גאַנץ גוט מיט אַן אַנדערען. וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָהר האָט איהם אונטערגעשטופּט צו שרייבען איהר אַזאַ בריעף?

נאָר פע, אויף סאָפיע׳ן האָט ער זיך עס ניט געריכט!

זי איז געווען אזא שטאָלצע, אזא האַנאָרעוואַטע, אז ער פלעגט איהר רופען „פוילישע שלאַכטיטשקע". איהרע הויך און סימעטריש געוועלבטע נאָז־פליגלען האָבען אויסגעדריקט אזא גדלות, אז ער האָט זיך געפיהלט קליין און אומבאַדייטענד אין איהר אַנוועזענ־הייט. ציניש און גראָב ווי ער איז ניט געווען, האָט ער זיך גע־דאַרפט היטען פאַר איהר מיט א וואָרט ווי פאַר פייער. זי איז געווען אזוי פאַרביסען, אז ווען ער האָט איהר מיט עפּעס דער־רגז׳ענט האָט קיין טענה׳ן, קיין רעדען, קיין פאַרענטפערען זיך ניט געהאָלפען. וואָכענלאַנג האָט געקענט אַנהאַלטען איהר ברוגז און זי האָט איהם אפילו קיין בליק ניט געשענקט. פאַר דער צייט פון ברוגז איז ער איהר אין גאַנצען פרעמד געוואָרען. אויף דער שטאָלצקייט איהרער האָט ער געדופּעט, אויף די פאַרביסענקייט האָט ער זיך פאַרלאָזט, ווען ער האָט איהר מיט א וואָך זעקס צוריק אַוועקגעשיקט דעם בריעף, אז אויב זי וויל, קען זי קומען קיין אַמעריקא, ווייל ער וועט זיך קיין רוסלאַנד מעהר ניט צו־ריקקעהרען. ער האָט איהר ניט געשריבען, אז ער בענקט נאָך איהר, אז ער וויל איהר האָבען נעבען זיך. דער בריעף איז געווען אזוי קאַלט, אז דאָס אַליין האָט געדאַרפט זיין א וואָרונג ניט צו ריהרען זיך פון אָרט. און דעם בריעף האָט ער געשיקט נאָכדעם ווי ער האָט א יאָהר צייט קיין איינציג בריעף ניט גע־שריבען. ער האָט געהאָפט, אז זי וועט איהם פרעגען „ס׳קאָנט, פּאַני?", פאַר וואָס האָט ער פון זיך ניט געלאָזט הערען א גאַנץ יאָהר. ער האָט זאָגאַר ערוואַרט צו הערען א פאַרביטערטען טאָן, א סאַטירישען ענטפער, אז ער האָט געמיינט, אז ער דאַרף נאָר א רוף טאָן און זי פליהט העגדום־פּעגדום ווי א משוגע׳נע ארויפצו־וואַרפען זיך איהם אויפ׳ן האַלז. נאָר גיכער האָט ער ערוואַרט, אז זי וועט איהם גאָר ניט ענטפערען. דעמאָלט וואָלט ער איהר געלאָזט זיין אונטער ברוגז און ער וואָלט יוצא געווען לכל הדעות. צום סוף — נאַ דיר! א פיינע קאַשע האָט זי איהם איצט פאַר־קאָכט!

פּע, פּע, אויף איהר האָט ער זיך עס בשום אופן ניט גערעכנט.

ער האָט פּלוצים דערפּיהלט, ווי אַ האַנט האָט אָנגעריהרט זיין קניע. די האַנט איז געווען אַ דאַרע, אַ שניידענדע. ער האָט אומצופרידען אַ קעהר געטאָן דעם קאָפּ צו דער זייט, פון וואַנען די האַנט איז געקומען און ער האָט דערזעהן אַ אידעל מיט אַ שיטער בערדעל מיט אַ פּאָר טרויעריגע אויגען, אַז ער האָט פאַר־געסען זיין אומצופרידענהייט און האָט געפרעגט מיט אַ פריינד־ליכען קול:

— וועל?

— צרות, האַ? — האָט דער איד מעהר באַשטעטיגט ווי גע־פרעגט. — אַי, זאָל קיין איד פון זיי ניט וויסען!

דער פּראָפעסאָר איד האָט גערעדט אויפ׳ן געוועהנליכען אידישען שטייגער; מעהר אויפ׳ן וואונק, ווי מיט ווערטער; נאָר קאַפּעל, הגם אליין פון פאָלק, איז אָבער שוין אַוועק ווייט פון פאָלק, און ער האָט איהם ניט פאַרשטאַנען. ער האָט איהם געפרעגט:

— פון וועמען? פון די עמיגראַנטען?

— וואָס רעדט איהר, גאָט איז מיט אייך! איך מיין די אַפּיסערס. אַי, האָט מען פון זיי געבערענטע ליידען. צעהן טעג, ניט פאַר אייך גערעכט, ניט פאַר קיין אידען גערעכט, וואַלגערט זיך שוין דאָרטען מיין ווייב און אַ צוויי קינדער. איך פאָהר שוין ס׳וויפיעלטע מאָל און גאָט ווייסט, וואָס דער סוף וועט זיין. איך בין ניט קיין עושר, מען מאַכט, גאָט צו דאַנקען, אַ לעבען, נאָר אַז איך צושלאָג אַ טאָג איז צוויי דאָלאַר פון קעשענע אַרויסגע־נומען — וועמען האָט מען ביי אייך פאַרהאַלטען? — האָט דער איד געפרעגט, אומבייטענדיג תוך־כדי־דבור דעם טאָן פון קלאָגען זיך אויף אַ טאָן פון אמת׳ן אַנטייל אין דעם צווייטענס צרה.

— ביי מיר? — האָט קאַפּעל געפרעגט פאַרוואונדערט. — ביי מיר האָט מען קיינעם ניט פאַרהאַלטען.

— טאָ וואָס זשע דאַגה׳ט איהר? גאָט צו דאַנקען! נאָך אַלע־מען איז מען דאָרטען ניט קיין רוצחים. טויזענדער אידען קומען און מען לאָזט זיי אַרונטער אָהן שאלות און מענות. איהר דאַגה׳ט גאָר אומזיסט. הערט מיין וואָרט, איידער איהר וועט זיך אַרומ־קוקען, וועט איהר שוין — ווער קומט צו אייך — אַ ברודער?

— ניין! — האָט קאַפּעל געענטפערט זעהר אומצופרידען. איהם איז ניט געווען געפעלען וואָס ער האָט איהם געזאָגט, אַז ער איז פאַר׳דאגה׳ט, איהם איז ניט געווען געפעלען, וואָס ער האָט אויס־געטייטשט די פאַר׳דאגה׳טקייט, אַז מען האָט ביי איהם עמיצען פאַרהאַלטען; איהם איז ניט געווען געפעלען, וואָס ער ווייזט איהם ארויס סימפּאַטיע און נעהמט זיך אזוי צום הארצען, ווי ער מיינט, זיין צרה, איהם איז ניט געווען געפעלען, וואָס ער טרייסט איהם און איהם איז ניט געווען געפעלען, וואָס ער שטעקט זיין נאָז אין פרעמדע ביזנעס.

— אַ קרוב? — האָט זיך דער איד ניט איינגענומען.

קאַפּעל האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, כדי זיך אָפּצוטשעפּען.

דער איד אָבער, מיט׳ן צוטרוי פון איין אידען צום צווייטען, האָט ניט באַמערקט די אומצופרידענהייט און האָט פאַר איהם אויסגעגאָסען זיין הארץ און אין דערזעלביגער צייט ניט פארגעסען צו טרייסטען איהם. ער האָט איהם אויך געשטעלט עטליכע פראַ־געז און האָט אפילו ניט באַמערקט, אַז קאַפּעל ענטפערט איהם ניט אויף זיי.

קאַפּעל האָט זיך עטליכע מאָל געוואָלט ארויסדרעהען פון איהם, נאָר דער איד איז איהם נאָכגעגאַנגען. דערווייל איז די באָוט אָנגעקומען אין עליס איילאנד, און דער איד, וואָס איז שוין געפאָהרען דעם וויפיעלטען מאָל אויף דער אינזעל האָט ווי אַ געניטער איהם געוויזען, וואו אריינצוגעהן, וואו אויפצוואַרטען.

— איך מוז געהן אָהער — האָט זיך דער איד פאַרענטפערט, פאַר וואָס ער קען לענגער מיט איהם ניט בלייבען און מוז געהן אין אַן אַנדער ריכטונג. — זאָל דער אויבערשטער אייך העלפען און איהר זאָלט גרינג אָפּנעהמען אייער קרוב.

נאָך אַ קורצען וואַרטען האָט מען אויסגערופען זיין נאָמען און מען האָט איהם אריינגעלאָזט אין אַ לאַנגען אָספּאַלטענעם דורכ־גאַנג, וואו עס האָט זיך שווער געהערט דער גערוך פון שיף און דיזעפעקטאַנטען. אַן אינספּעקטאָר האָט ביי איהם אָפּגענומען אַ רעכענונג, ווי ער הייסט, ווי אַלט ער איז, וואו ער וואוינט, און וואָס איז די קרובה׳שאַפט פון דער אָנגעקומענער מיידעל מיט איהם.

— ווען‏עסט איהר דערקענען?

אין אַ מינוט איז זי אַרויסגעקומען צו איהם פון דער אַנדער העלפט צימער, וואָס איז געווען אָפּגעצאַמט מיט אַ נידעריגע אייזערנע גראַטקע. זי איז געווען הויך און שלאַנק, מיט אַ קלאָהרע הויט און געזונטע פאַרב אין די באַקען. איהרע שוואַרצע האָר זיינען געווען קורץ געשאָרען. קאַפּעל האָט באַמערקט, אַז איהרע שוואַרצע אויגען זיינען געווען אַנגעלאָפען מיט עפּעס אַ פאַרדעכטיגקייט און ביי עפּעס אַ באַמערקונג, וואָס עמיצער האָט געמאַכט, האָט זי מיט אַ זעלטענער פלינקייט אַ קעהר געטאָן דעם קאָפּ אין דער ריכטונג, פון וואַנען די באַמערקונג איז געקומען. אין איהר פּאָסטאַציע און אין איהרע לאַנגע, דאַרע, ווייסע הענט איז געווען עפּעס פּריצה׳שעס.

אַ שמייכעל פון צופרידענהייט האָט זיך געוויזען אויף זיין פּנים. דאָס איז געווען די צופרידענהייט פון באַזיצען עפּעס אַזוינס, פאַר וואָס די באַקאַנטע וועלען איהם מקנא זיין, אָדער, ווי ער האָט בשעת מעשה געטראַכט: זיי וועלען פאַר איהר די כפּרה ווערען. אין דער מינוט האָט ער פאַרגעסען, וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער ווייזען רעבעקאַ׳ן און מיט וואָס וועט ער זיך פאַר איהר פאַרענטפערען. ער האָט איהר געוויזען זיין ברייטען שמייכעל, ביי וועלכען זיין לאַנגליכע, אויסגעבויגענע נאָז האָט כמעט פאַרשטעלט די אויבערשטע ליפּ. דער שמייכעל האָט געדאַרפט אויסדריקען, אַז ער איז צופרידען מיט איהר קומען, הגם דער שמייכעל זיינער האָט מעהר פאַרטראַגען צו אַ סטשירעניש און געהאַט אין זיך מעהר איראָניע ווי פריינדליכקייט, מעהר בייסיגקייט ווי אמת׳ע שמחה. נאָר סאָפיע האָט געוואוסט, אַז דאָס איז זיין געוועהנליכער שמייכעל. דאָס איז געווען דער זעלביגער שמייכעל, וואָס אין דער אַלטער היים, אויף יענער זייט ים, פלעגט ביי איהר אַרויסרופען אַן אַנגענעמע, רייצענדע אומרוהיגקייט. זי פלעגט אין דעם שמייכעל זעהן עפּעס מעפיסטאָפאַלישעס, סאַטאַנישעס, גרויסעס, און דאָס איז געווען דער שמייכעל, וואָס האָט געוואונען איהר הארץ, פאַר וואָס זי האָט זיך בלינד איהם איבערגעגעבען.

און דאָך האָט עפּעס אַ ריס געטאָן איהר די אויגען עפּעס אַזוינס וואָס לאָזט זיך ניט אָנכאַפּען, אויסטייטשען, דעפינירען. ווען מען זאָל איהר בשעת מעשה פרעגען, וואָס אַזוינס האָט איהר אַ צופּ געטאָן אין האַרצען, וואָלט זי ניט געקענט ענטפערען. איהר קאָפּ וואָלט ניט געאַרבייט אַנאַליטיש, עס איז געווען ניט מעהר ווי אַן איינדרוק, און צי דער איינדרוק איז געקומען פון אַ מין פאַרטראַכטקייט, וואָס איז געווען אין זיין בליק און בשעת זיין פּנים האָט זיך פאַרקרימט אין אַ שמייכעל זיינען די אויגען געבליבען פון דער ווייטענס, ערגעץ אַנדערשוואו, צי פאַר עפּעס אַן אַנדער אויסדרוק אויף זיין געזיכט, נאָר דערפיהלט האָט זי, אַזוי ווי מען וואָלט מיט אַ קאַלטען פינגער באַריהרט איהר וואַרעמע לייב.

דער דאָזיגער איינדרוק האָט געדויערט אפשר ניט מעהר ווי איין סעקונדע און איז ערגעץ באַלד פאַרשטופּט געוואָרען אַן אַ זייט, ווי עס פּאַסירט שטענדיג מיט אַזעלכע איינדריקע, וואָס געדויערען אַ סעקונדע. מען מיינט, אַז זיי ווערען פ אַ ר ש ו ו א ו נ ד ע ן. אָבער זיי ווערען נאָר אָפּגעשטופּט אַן אַ זייט און לאָזען זיך ניט מערקען און ניט פיהלען; נאָר ווען אַ סך חברים קלייבען זיך צוזאַמען אין איהם, שווימען זיי ביי אַ שטאַרקען שטוים אַרויף פון אויבען און פון די קליינע פאַרשטויסענע רינגעלאַך ווערט אַ גאַנצע קייט.

די אינזעל פון טרערען מיט די הונדערטע אויגען איז ניט געווען קיין פּלאַץ, וואו חתן־כלה זאָלען קענען אַרויסווייזען זייערע געפיהלען נאָך אַ שיידונג פון אַ פּאָר יאָהר. אין דער קורצער ווײַלע, וואָס זי איז געזעסען און געוואַרט אויף איהם, האָט זי געזעהן, ווי דער עולם האָט געלאַכט, ווען אַ גרינער מיט אַ געלער האָבען זיך ניט געקענט באַהערשען און אַרויסגעוויזען זייערע געפיהלען. די באָוט איז אויך ניט געווען דער פּלאַץ פאַר אַן אינטימען געשפּרעך, הגם זי האָט געפיהלט, אַז עפּעס אַן ענדערונג איז אין איהם פאַרגעקומען. אַמאָל פלעגט ער ניט דורכלאָזען אַ געלעגענהייט, ווען ער האָט איהר געקענט אין דער שטיל אַ דריק טאָן

די האַנט אַדער אויף וועלכען־עפּעס־עס־איז אופן אַרויסווייזען זיין ליעבע צו איהר.

— פאַר וואָס האַסטו איצט אַזאַ צייט ניט געשריבען? — האָט זי ענדליך געפרעגט — דיין לעצטער בריעף איז אויך געווען אַזוי טרוקען.

— פיין דערמאָנט זיך! — האָט ער געענטפערט פּלוצים אויפ־געבראַכט און געוואָלט זאָגען, אַז וועגען דעם האָט זי געזאָלט טראַכטען, איידער זי איז געקומען, נאָר ער האָט זיך אָפּגעהאַלטען.

— וואָס מיינסטו דערמיט?

— גאָר ניט.

ער איז געוואָרען צורייצט. אַ ביטערקייט געגען איהר האָט זיך אויפגעהויבען טיעף אין זיין הארצען און ער האָט זיך גע־ריסען צו זאָגען איהר עפּעס, וואָס זאָל איהר אָוועקגעהן שטעכענדיג אין אַלע גלידער. נאָר אַנשטאָט דעם האָט ער איהר געפרעגט, ווי איז איהר געגאַנגען די רייזע.

דער געשפּרעך האָט זיך צווישען זיי ניט געקלעפּט. נאָר ווען זיי זיינען אַנגעקומען אין זיין דירה, איז איהם די מיסעס געקומען צו הילף. זי האָט זיך אמת דערפרעהט מיט דער כלה און זי האָט איהר פאַרשאָטען מיט אַזוי פיעל פּראַקטישע עצות, אַז סאַפּיע האָט קוים צייט געהאַט אויסצוהערען אַלץ און ענטפערען אויף איהרע פראַגען.

— אַסור, אויב איהר זייט ווערטה אַזאַ כלה, — האָט די מיסעס געזאָגט. ווען זי איז אַ ווייל‏ע געבליבען אַליין מיט קאַפּעל'ן, און געזאָגט האָט זי עס ניט אַזוי מפּני דרכי שלום וועגען, נאָר ווייל אַזוי האָט זי געפיהלט, — מען קען דאָך אין איהר ליכטיגען פּנים ניט קוקען.

קאַפּעל איז געווען אַ קליינס, אַ דאַרס, מיט אַ דראַבנעם פּנים, מיט אַ לאַנגער, אויסגעצויגענער נאָז, מיט אַ קליינער שוואַרצער בערדעל. זיינע האָר זיינען קיין מאָל ניט פאַרקאַמט, די ציינער קיינמאָל ניט געוואַשען, אָבער צי דאָס איז געווען פון פוילקייט, נאַכלעסיגקייט אָדער ניהיליזם, איז געווען שווער צו באַשטימען. זיין קאָפּ איז געווען שטענדיג אַנגעבויגען. איז איהם עפּעס גע־

ווארען קשה, האט ער זיך געקראצט אונטער דער פּאטילניצע און דערביי איין באק פארקרימט אזוי, אז זי האט אויסגעזעהן ווי אויפ־געלאפען. ווען ער איז געווען עפּעס פארטראכט, האט ער געצופּט זיין בערדעל. ווען ער האט ניט געוואוסט ווי אנצוהויבען א גע־שפּרעך, האט ער זיך א קראץ געטאן אהן הענט, דאס הייסט, גע־נומען דרעהען מיט די אקסלען אזוי, אז די העמד האט זיך געריבען אן זיין רוקען, און דערביי געסטשירעט מיט די ציינער.

די מיסעס האט דעריבער גאנץ ערנסט געמיינט, אז ער איז ניט ווערטה אזא כלה. זי האט אפט באמערקט, ווי ער מאכט מחזקות מיט דער מיאוס׳ער מויד, ווי זי האט גערופען רעבעקא׳ן, וועלכע פלעגט א מאל קומען צו איהם, און ווען זי האט איצט געזעהן סאפיע׳ן און גערעדט מיט איהר, האט זי איהר געזאגט א העלפט, וואס זי דענקט. די צווייטע העלפט איז געווען: „ווייבער, ווייבער, וואס פאר נאראנים איהר זייט“. נאר דאס האט זי ניט ארויסגעזאגט, ווייל דאס האט זי געדארפט זאגען סאפיע׳ן, און זי האט איהר ניט געוואלט שווער מאכען דאס הארץ.

קאפּעל׳ס באקאנטע האבען ארויסגעוויזען צו סאפיע׳ן א גרויסע פריינדשאפט. זי האט ניט געקענט בלייבען קיין צוויי סע־קונדען מיט איהם אליין און דורכרעדען זיך ווי געהעריג איז. מען האט איהר ארומגעפיהרט פון איין באקאנטען צום צווייטען. און זי האט גלייך דערפיהלט, אז זי איז צווישען גוטע פריינד, אזוי ווי זי וואלט מיט זיי שוין יאהרען־לאנג געווען באקאנט. די צו־רודערטקייט, צוטומעלטקייט, אין וועלכע דער וואנדערער פאלט געוועהנליך אריין די ערשטע פאר טעג, האבען איהר באלד אפּגע־לאזט און זי האט מיט א שמייכעל באמערקט:

— אבי מען האט געזאגט, אז דא אין אמעריקא איז א טאטע קיין טאטע ניט, א מאמע קיין מאמע ניט, א שוועסטער קיין שוועס־טער ניט. און איך פיהל זיך מיט אייך, אזוי ווי איך וואלט זיך מיט אייך אויפגעהאדעוועט מיין גאנץ לעבען.

איהר איז זעהר געפעלען געווארען די חבר׳שאפט, די ברוי־דערליכקייט צווישען די באקאנטע. אלע האבען גערעדט אויף „דו“ און אלע האבען זיך געפיהלט ווי אין א היימישען „קרוזשאק“.

דאָ און דאָרט איז איהר אויסגעקומען צו כאַפּען דעם קלאַנג פון אַ וואָרט, וואָס איז געזאָגט געוואָרען אונטער׳ן אָטהעם, אָדער אַ שטילע באַמערקונג הינטער׳ן פּלייצע, וואָס זיינען ניט געמיינט געוואָרען פאַר איהרע אויערען און זי האָט האַסטיג אַ קעהר געטאָן דעם קאָפּ, האָט זי באַמערקט אַ בליק פון רחמנות אויף איהר. דאָס האָט איהר געמאַכט אומרוהיג. זי האָט אויך באַמערקט, אַז ווען די פּאַרזאַמעלטע האָבען ענטוזיאַסטיש גערעדט וועגען דעם מאַלצייט פון הערינג, ציבעלע און טיי, וואָס מען וועט מאַכען לכבוד זייער חתונה, און יעדער האָט דערביי געזאָגט אַ וויץ און די הויז איז געוועזן פול מיט געלעכטער, איז עפּעס ווי אַ שטומעניש מיט אַ מאָל אַנגעפאַלען אויף אַלעמען, ווען די טיר האָט זיך געעפענט און אין צימער איז אַריין אַ סטאַלנע מיידעל, מיט אַ ברייטען פּנים, פולען בוזים און גראָבע הענט. דאָס מיידעל איז לכל הדעות געווען אַ מיאוס׳ע, נאָר ווען זי האָט אויפגעהויבען איהרע שוואַרצע געדיכטע ברעמען, האָבען זיך באַוויזען אַ פּאָר שוואַרצע אויגען, באַצויגען מיט אַ לייכטען טוי און האָבען ווי פאַר׳כשופ׳ט יעדען, וואָס האָט אין זיי אַריינגעקוקט. דעמאָלט האָט מען קיין אַנדער זאַך ניט געזעהן, ווי נאָר די אויגען. מען האָט איהר פאָרגעשטעלט, אַלס מים שלאַסבערג.

סאָפּיע האָט באַמערקט, אַז אַ היבשע צייט נאָך איהר אַריינ־קומען האָט זיך דער געשפּרעך ניט געקלעפּט. זי האָט אויך באַ־מערקט, אַז קאָפּעל האָט צו אָפט אָנגעהויבען צו קראַצען זיך אונ־טער דער פּאָטילניצע, און דאָס האָט איהר געמאַכט אומרוהיג. נאָר באַלד איז דער עולם ווידער געוואָרען פרעהליך, און סאָפּיע האָט געלאַכט צוזאַמען מיט אַלעמען.

ביי די פּראַקטישע געשפּרעכען האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז סאָפּיע האָט געבראַכט מיט זיך הונדערט רובעל, און עס איז דעריבער גלייך באַשלאָסען געוואָרען, אַז זיי זאָלען גלייך נעהמען פיער רומס, די נויטיגע מעבעל און מאַכען אַ חתונה פון פּרייע, פאַרגעשריטענע קבצנים, דאָס הייסט, צוזאַמענרופען די באַקאַנטע און מכבד זיין אַלעמען מיט בראַנפען, הערינג, ציבעלע, ברויט און טיי. עס איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז זיי זאָלען נעהמען פיער

רומס און ניט קיין דריי, און אין דעם פיערטען רום וועלען זיי אריינגנעהמען א באַרדערקע און דאָס וועט זיין א שטיקעל הכנסה, ווייל אזוי וויט האָט קאָפּעל זיך נאָך ניט אויסגעלערענט צו מאַכען א לעבען.

ווען זיי האָבען זיך שפּעט אין אָבענד צוריקגעקעהרט אויף דער דירה, איז זי אַרויפגעלאָפען די טרעפּ, אַזוי ווי די פיס וואָלטען זיך אַליין געהויבען. זי איז געווען זעהר אויפגעראַמט, מונטער און פרעהליך.

— נו, וואָס וואָלסטו געטאָן, לא יוצלח, אַז איך וואָלט מיט זיך ניט געבראַכט דאָס ביסעל געלט? — האָט סאָפּיע געזאָגט און אַרומגעכאַפּט איהם אַרום האַלז מיטביידע הענט. זי האָט דאָס וואָרט „לא יוצלח" אַרויסגעזאָגט מיט אַזוי פיעל ווייכקייט, מיט אַזוי פיעל ליעבע, אַז די אמת׳ע באַדייטונג פון איהם איז פאַרשוואונדען געוואָרען.

— וואָלט געווען לא צחקתי — ניט געפּידעלט! — האָט ער געענטפערט מיט אַ פאַרשטיקטען קול, ווייל איהר אָרעם איז געלעגען אויף זיין מויל.

ער האָט אַריינגעשטעלט זיינע ציינער אין דעם ווייכען לייב איהרען איבער׳ן עלענבויגען. נאָר דאָס איז ניט געווען קיין ביס. דאָס איז נאָר געווען כדי צו פאַרזוכען דעם טעם פון איהר לייב.

— דו חיה! — האָט זי געזאָגט און אַראָפּגענומען די הענט.

זיי זיינען געזעסען שפּעט און זי האָט איהם אויסגעפרעגט וועגען יעדען באַקאַנטען באַזונדער, און הגם ער האָט פויל געענטפערט, האָט ער דאָך ווי וויט ער האָט געקענט געגעבען אַן אויספיהרליכע כאַראַקטעריסטיק פון יעדען איינעם. נאָר ווען עס איז געקומען צו מיס שלאָסבערג, האָט ער געענטפערט, אַרויסמאַכענדיג זיך:

— אַ מיידעל ווי אַלע מיידלאַך.

די פרעהליכע שטימונג האָט זיך דאַ געענדיגט, און נאָכדעם ווי זי האָט עטליכע מאָל געפּרובירט אויספרעגען איהם פון פאַרשידענע זייטען וועגען מיס שלאָסבערג, האָט זי קיין קלאָהרען ענטפער ניט באַקומען, און זי האָט איהם געזאָגט אַ קאַלטען „גוטע

נאַכט״ און איז אַריין אין פֿראָנט־רום, וואו די מיסעס האָט פֿאַר איהר געמאַכט אַ נאַכט־לעגער.

מיט דער הילף פֿון עטליכע באַקאַנטע, וואָס האָבען געפּראַוועט סלעק, האָט מען אויף מאָרגען גענומען רומס, געקויפט די סאַמע נויטיגע מעבעל און צושטעלט, איינגעקויפט די וויכטיגסטע בעל־הבית׳שקייט פֿאַר דער קיך און אַנטקעגען אָבענד האָט שוין דער אויוועז געברענט, און סאַפּיע איז געשטאַנען און פֿאַרקאָכט טיי פֿאַר די געסט, אויף וועלכע זיי האָבען זיך גערעכט.

— טשודנאַיאַ סטראַנקאַ (אַ וואונדערבאַרע לאַנד), האָט זי צום וויפילטען מאָל ווידערהאָלט. ערשט נעכטען בין איך נאָך געוועז אויפ׳ן שיף און איצט האָבען מיר שוין אַן אייגענע דירה, אייגענע מעבעל, אַן אייגענעם אויוועז, כאַ־כאַ־כאַ! און אפילו שוין, ווי רופט איהר עס, „אַ באָרדערקע״! נאָר אין אַמעריקאַ קען אַזאַ זאַך געמאָלט זיין. די מאַמע וועט מיינען, אַז איך בין אַראָפּ פֿון זינען, אַז איך וועל איהר דאָס שרייבען.

מיט דעם פּזמון האָט זי באַגעגענט יעדען גאַסט באַזונדער און איהר איז נאָר ניט געפֿעלען געוואָרען, וואָס מען קאָכט דאָ טיי אין אַ טשייניק אויפ׳ן אויוועז.

— וואָס פֿאַר אַ טעם קען האָבען אַזאַ טיי?

אַ זייגער ניין אין אָבענד איז שוין געשטאַנען אין קיך אַ געדיכטער רויך פֿון סיגאַרעטען און די באַקאַנטע און פֿריינט זיינען געזעסען און געשטאַנען אַרום דעם טיש. אַנדערע זיינען געזעסען און געשטאַנען אין פֿראָנט־רום און מען האָט גערעדט, דעבאַטירט, געררופען איינער דעם אַנדערען: „פֿאַרד״, „לומפּ״, „שורקע״, „איד־דיאָט״, נאָר דאָס איז אַלץ געזאָגט געוואָרען ניט חס־ושלום אין אַ טאָן פֿון באַליידיגונג, נאָר אין די בעסטע פֿריינדשאַפֿט.

סאַפּיע איז געוועז אין איהר בעסטען מוט. אַ זיסער, פֿאַרגעניגענדער שמייכעל האָט ניט פֿאַרלאָזען איהרע ליפּען. זי האָט די מענער אַרויסגעטריבען פֿון קיך, און די ווייבער האָבען איהר געהאָלפֿען גרייטען צום טיש, און ווען זיי זיינען געוואָרען פֿאַרטיג האָט זי אויסגערופען:

— גאָספּאַדאַ, עס איז צייט פאַר דער סעודה!

אַלע זיינען אַריינגעקומען אין קיך. אויפ'ן טיש זיינען געשטאַנען אַ פּאָר פלעשלאַך בראַנפען מיט אַ דריי קיילעשאַקס, אַ פּאָר טעלער מיט צושניטענע הערינג מיט עסיג און ציבעלע, און צושניטענע ברויט.

— אַט דאָס איז די גאָלדענע יאַיך, נאָר איהר וועט מוזען פאַרצייהען: איך האָב ניט גענוג גאָפּעל.

— מען וועט זיך שוין אַן עצה געבען, האָט קיין מורא ניט! — האָט זיך אָפּגערופען בערקאָוויטש, אַ הויכער יונגערמאַן, מיט אויסגעסטאַרטשעטע סקולעס, איינגעשרומפּענע באַקען און גרויסע אויערען, וואָס זיינען אָפּגעשטאַנען פון קאָפּ, און ער האָט פאַרקאַשערט דעם מאַנקעט און אויפ'ן חסידישען אופן אַריינגערוקט די פינגער אין טעלער און אַרויסגעשלעפּט אַ שטיקעל הערינג.

— פּאַרדאָמטער לומפּ איינער! — האָט אויסגערופען דער חתן. — ווי וועט מען עסען דעם עסיג?

— דאָס איז ווייניג ברויט פאַר אַזאַ האָפּטע. העי, יאַנקעלע, כאַפּ זיך אַרונטער און ברענג אַריין נאָך אַ פּאָר ברויטלאַך.

— נאָר פרעסט ניט אויף די הערינג אָהן מיר.

— אַט איז געלט! — האָט געזאָגט סאָפּיע, ניט קענענדיג נאָך אין גאַנצען אַריינלעבען זיך אין דעם גייסט פון ברודערשאַפט, און רעכענענדיג פאַר אַ פּחיתת הכבוד, וואָס ביי איהר אין שטוב וועט אימיצער אויסגעבען געלט אויף ברויט.

דער עולם האָט זיך צולאַכט.

— נעה, יאַנקעלע, און מאַך עס אויף איין פוס.

— נאָר! — האָט זיך אָנגערופען דער חתן — דיין געלט איז צו ווייניג אָנצוקאַרמענען אַזעלכע הלעיטנים.

— האַ? וואָס האָט זי געזאָגט? — האָט געפרעגט קאַנטאָר, אַ יונגערמאַן מיט אַ קיילעכדיגען פּנים, צושטעלענדיג די לינקע האַנט צום לינקען אויער, ווי עס טוען געוועהנליך די וואָס הערען שווער.

— דאַכט זיך, דאָס האָסטו געדאַרפט הערען, — האָט זיך אָנגערופען שטורמאַן, אַ דיקער אָדער ריכטיגער געזאָגט, אַן אָנגע-

געסענער יונגערמאַן, מיט אַן אויסגעוואַקסענע אונטערשטע ליפּ, — דו הערסט ־דאָך גאָר ניט, ווען מען זאָגט „גיב“ און דאָ האָט זי געזאָגט „נעם“.

דער עולם האָט ווידער געלאַכט.

— איצט, מיינע הערשאַפטען, האָב איך אַ וויכטיגע פראַגע, — האָט געזאָגט סאַפּיע.

— שאַט, רבותי, שאַט, די כלה־לעב וויל פרעגען אַ וויכטיגע פראַגע, — האָט זיך אָנגערופען שמולעוויטש, אַ יונגערמאַן מיט אַ קורצזיכטיגען בליק און שטענדיג מיט אַ לייכטען איראָנישען שמייכעל אין דעם רעכטען ווינקעל פון מויל.

— ארויף אויפ׳ן טעלער!

— מעג מען מכבד זיין מיט קיכלאַך אויך? — האָט געפרעגט סאַפּיע מיט אַ געלעכטער.

— קיכלאַך? — האָט זיך אָנגערופען מרס. וויינטרויב. — קיכלאַך איז אפילו אַן אריסטאָקראַטישע אכילה, נאָר אַז מען האָט, מעג מען עסען.

— איך האָב געבראַכט קיכלאַך מיט זיך. די מאַמע האָט מיר אָפּגעבאַקט אויף דער רייזע.

— פרעג ניט קיין שאלות! — האָט זיך אָפּגערופען דער, וואָס האָט שווער געהערט, — און שטעל זיי אַלע ארויף אויפ׳ן טיש.

— אהאַ! ער האָט דערהערט, אַז מען האָט געזאָגט „נעהם“!

— אַז אָפּנעהמען זאָל דיר דער צונג.

— זיי זיינען ניט קראַנק צו עסען ברויט! — האָט זיך אָפּגערופען דער חתן.

דער, וועמען מען האָט גערופען יאַנקעלע, האָט זיך צוריקגעקעהרט מיט אַ פּאָר ברויטלאַך מיט קעזלאַך. די קעזלאַך האָט ער געקויפט מיט אַ געוויסען מיין, און דער עולם האָט הערצלאַך געלאַכט.

— לאָמיר גאָר עפּעס זינגען, — האָט זיך אָנגערופען קאַנטאָר נאָכ׳ן צווייטען גלעזעל.

— שלעכט, ברידער, — האָט געזאָגט שטורמאַן, — מיר וועלען זיך שוין ניט אויסקויפען פון „גליאַדיאַ נאַ לוטש פּורפּורנאַוואַ זאַקאַטאַ“. דאָס קומט געוועהנליך נאָכ׳ן צווייטען גלעזעל.

און ווירקליך, איידער ער האָט געענדיגט זיין באַמערקונג, האָט זיך שוין דערהערט קאַנטאָר'ס צובראָכענער קול:

„גליאַדיאַ נאַ לוטש פּורפּורנאַוואַ זאַקאַטאַ".

— דאָס איז אַ זמר נאה לחנוכה! — האָט צו איהם געשריען שמולעוויטש.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ טערקישער לשון? — האָט געפרעגט שטורמאַן.

נאָר קאַנטאָר האָט ניט אויפגעהערט זינגען.

— על פי דין, על פי יושר, על פי צדק דאַרף איצט זיין כלה־באַזעצענס. — האָט ווידער געזאָגט שמולעוויטש.

— דהעטס ראַיט! דהעטס ראַיט! דהעטס ראַיט! — האָט מען אָנגעהויבען צו שרייען פון אַלע זייטען, און דער געשריי איז געוואָרען אַזאַ, אַז קאַנטאָר האָט דערהערט, און איז אויף אַ רגע אַנטשוויגען געוואָרען.

— נו, — האָט זיך שטורמאַן געווענדעט צו שמולעוויטש'ן — דו האָסט געמאַכט דעם פאָרשלאַג און איצט ווייז, וואָס דו קענסט.

שמולעוויטש האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש.

— וואו איז די כלה? — האָט ער געפרעגט.

— בלינדער באָק! זי איז דאָך פאַר דיין נאָז.

— אַז בלינד און טויב זאָלסטו ווערען. שאַט, שטילער אַבי־סעל. זעץ זיך, כלה, און איך וועל דיר באַזעצען.

הער, כלה, הער, וואָס איך וועל דיר געבען אַ זאָג.
היינט איז ביי דיר אַ שמחה, היינט איז ביי דיר אויך אַ קלאָג.
אַ חתן איז דומה לכלב און ווי אַ כלב דאַרף מען איהם האַלטען,
אַז ניט וועסטו פון איהם גאָר ניט קענען אויסהאַלטען.
דיין חתן הייסט יאַנקעלע קוצאַק,
און איז'ן איז ער אַ גרויסער דוראַק.
וויין־זשע, וויין־זשע, כלה, וויין,
דו וועסט פאַר איהם האָבען אַ לעבען ביטער ווי כריין.

די טיר האָט זיך געעפענט און אין צימער איז אריין רעבעקאַ גראַסמאַן.

— שאַט, שטילער אַביסעל, מאַכט אַ וואָרע, מורי ורבותי,

אַט קומט די מחותנתטע, די מיאוסקייט די גרויסע.
איהר כּשר'ער נאָמען איז מרת ריווע,
איהרע האָר דערמאָנען אַ פּערדישע גריווע.

נאָר די פרעהליכקייט איז שוין איבערגעריסען געוואָרען. שמול־לעוויטש האָט זיך צוריקגעזעצט צום טיש, און מען האָט אפילו פאַרגעסען צו פּאַטשען איהם בראַוואָ. די ווייבער און מיידלאַך האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקען. דער חתן האָט אַראָפּגע־לאָזט די אויגען און גענומען צופּען דאָס בערדעל.

— פאַר וואָס אַזוי שפּעט? — האָט געפרעגט די כלה.

— איך וועל מיין צייט אויסזיצען. — האָט רעבעקא געענט־פערט.

נאָר דער געשפּרעך האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט, און אַ ווייל־ע איז שטיל געוואָרען.

— וואָס פאַר אַ שטומעניש איז דאָס אויף אייך אַנגעפאַלען? — האָט זי געפרעגט — איהר זיצט דאָך גאָר עפּעס ווי אנשטענדיגע מענשען! אהאַ! אַ גאַנצער טיש מיט כּבוד! זאָל עס אייך נאָר באַקאָם אַרויסגעהן, טאַטעלע דערבאַרעמדיגער!

זי האָט גענומען פון טיש אַ קיכעל, און צוגעמאַסטשעט זיך אויפ'ן שטול נעבען דעם דיקען יונגענמאַן.

— פון מיר אַליין ווייס איך ניט, צי דער טשער וועט אויס־האַלטען, נאָר פון אונזביידען געווים ניט!

דער עולם האָט אַלץ געטרייעט צו מאַכען זיך לוסטיג, נאָר עס האָט שוין געפעהלט די נשמה. פריהער איז אַלץ געוועזן אַ וויץ, אַ גראָבער וואָרט פון יאַטקעווער גאַס, אַ קללה פון אַ סעדיכע, אַ שטאָך מיט אַ פּאַק־נאָדעל, יעדער האָט געפיהלט אונטער זיך אַ שטייפען באָדען און געוואוסט, אַז יעדער וועט אַלץ אַראָפּשלינגען. נאָר איצט האָט מען זיך געדראָפּט היטען מיט אַ וואָרט, מען זאָל עס שלעכט ניט אויסטייטשען און יעדער האָט געפיהלט, ווי ער שטעהט אויף אַ גליטש.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און דער עולם האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש און צושפּאָלטען זיך אין קליינע גרופּען. אייניגע זיינען געבליבען אין קיך, אַנדערע האָבען

זיך פאַרקליבען אין בעד־רום און אויסגעזעצט זיך אויפ׳ן בעט, אויפ׳ן קאַסטען; ווידער אַנדערע זיינען אַריין אין פראַנט־רום און דאָרטען פאַרטגעזעצט די אומענדליכע דעבאַטען. אייניגע האָבען גענומען אַפשייד און זיינען אַוועק. די גרופּען האָבען זיך אַלע ווײַלע געביטען און דער עולם איז וואָס ווייטער אַלץ שיטערער געוואָרען.

סאָפיע איז געבליעבען אין קיך מיט אַ פּאָר ווייבלאַך און זיי האָבען גערעדט וועגען בעל־הבית׳שקייט.

— אַ פיינע לאַנד אַמעריקא! — האָט סאָפיע אַלץ ניט געקענט אָפּ׳חדוש׳ן זיך פון די היגע פּאַראַנדקעס. איהר וועט גלויבען, אין דעם מאַגאַזין וואו מיר האָבען געקויפט אונזער ביסעל מעבעל האָט מען אונז געוואָלט געבען פיעל מיר ווילען, אויף קאַנטע. זיי האָבען אונז קיין מאָל אין די אויגען ניט געזעהן, און מיר האָבען שוין קאַנטע. נאָר אין אייער אַמעריקא קען אַזאַ זאַך גע־מאַלט זיין.

— נו, נו, אַז איהר וועט דאַרפען אליין אויסוואַשען אַ וואַש־טאָב גרעט, וואַשען דעם פלאָר, מאַכען דעם אייוועז, וועט איהר אויסגעפינען, אַז פאַר אונז ווייבער איז אַמעריקא גאָר ניט אַזאַ טהייער לאַנד. — האָט געענטפערט מרס. וויינטרויב.

— מען וואַשט דאָ אַליין גרעט? — האָט סאָפיע געפרעגט פאַר־חדוש׳ט.

— די רייכע וואַשען אַליין קיין גרעט ניט, נאָר אין אונזער שטאַנד ערלויבען די אַמעריקאַנער גרויסע פאַרדינסטען ניט אַוועק־צוגעבען וואַשען. אַט גיט אַ קוק!

מיט די ווערטער האָט מרס. וויינטרויב זי צוגעפיהרט צום פענסטער און געוויזען אויף די ליינס, וואָס האָבען זיך אַרומגע־וויגט פון ווינט.

נאָר סאָפיע איז געווען אין אַזאַ שטימונג, אַז איהר אויפמערק־זאַמקייט איז ניט צוגעצויגען געוואָרען צו דער שייכות פון דער ליין צו איהר גרעט וואַשען, נאָר צו די אַמעריקאַנער פּאַראַנדקעס, און זי האָט זיך ניט געקענט אָפּוואונדערען פון אַזאַ איינפאַכען

איינפאַל, פון וועלכע מען ווייסט ניט אין די מקומות, פון וואַנען זי איז געקומען.

דער עולם איז דערווייל אַלץ קלענער און קלענער געוואָרען און עס זיינען נאָר פארבליבען קאַפּעל׳ס עטליכע אינטימע גוטע פריינט.

— איך גלויב, אַז עס איז שוין צייט צו געהן אַהיים, — האָט געזאָגט מרס. וויינטרויב — העי, מיסטער וויינטרויב, זייט אַזוי גוט און מאַכט זיך פאַרטיג צו דער רייזע.

— וואָס איילט איהר זיך? — האָט געפרעגט סאַפּיע.

— עס איז שוין צייט צו געהן.

— איידער איהר געהט, וועל איך אייך ווייזען אונזער ביסעל בעל־הבית׳שקייט, וואָס מיר האָבען זיך איינגעשאַפט.

פון קיך זיינען זיי אַריין אין בעד־רום, וואו די עטליכע פאַר־בליבענע געסט זיינען מיט פאַרפלאָמטע פנימ׳ער, צוהיצט, פאַר־קאַכט געשטאַנען און געסטאַרעט זיך איבערצושרייען איינער דעם צווייטען, אָנבאַפּענדיג אַלע ווײַלע איינער דעם צווייטען ביי דער קלאַפּע, ווי וועלענדיג דערמיט צווינגען, אַז דער אַנדערער זאָל אויסהערען, וואָס ער האָט צו זאָגען.

— ווער זאָגט עס פילאָזאָפּיע? דאָס איז א געדאַנק און מען קען זעהן, ווי ער שוועבט אין דער לופט.

— אַט איז לופט, — האָט געזאָגט שטורמאַן, אויסשטרעקענדיג די האַנט אין דער הויך מיט אויסגעשפּרייטע פינגער, ווי וועלענדיג כאַפּען אַביסעל לופט, — נאָר איך זעה דעם געדאַנק ניט און קען איהם אפילו ניט אָנטאַפּען.

— דו ביזט א פערד —

— און דו ביזט אַ בלאָפער. דאָס איז נאָר געשאַטען זאַמד אין די אויגען. דאָס איז גערעדט און גאָר ניט געזאָגט.

סאַפּיע, און צוזאַמען מיט איהר מרס. וויינטרויב און מרס. בראַון און מיס העלמאַן זיינען אַ ווײַלע געבליבען שטעהן און צו־געהערט זיך צו די דעבאַטאַנטען. זי האָט געוואָלט כאַפּען דעם פאַדעם פון דעם געשפּרעך, נאָר זי האָט ניט געקענט קלוג ווערען.

— סעם, דו וועסט מאַרגען ענדיגען די דעבאַטע. — האָט גע־זאָגט מרס. בראַון צו איהר מאַן.

— באַלד, באַלד.

— אהא! — דו האָסט געבראַכט היבש בעט־געוואַנד, — האָט באַמערקט מרס. וויינטרויב — עס זעהט אויס ווי א היימישע בעט. איך האָב שוין קיין פּערענע ניט געזעהן זייט איך בין אין אמע־ריקא.

— דאָס האָט מיר די מאַמע מיטגעגעבען.

— קיין גרויסע מעלה איז דאָס ניט אין די ענגע טענעמענט־הייזער, — האָט געזאָגט מרס. בראַון.

— פאַר וואָס? — האָט געפרעגט סאָפיע.

— איהר וועט שוין אויסגעפינען.

אין בעד־רום איז מעהר ניט געווען וואָס צו ווייזען און זיי האָבען זיך געלאָזט געהן צום פראָנט־רום.

זיי זיינען אָבער ווייטער פון דעם שוועל ניט געגאַנגען. אין פראָנט־רום זיינען געווען צוויי פּערזאָנען, דער חתן און מיס שלאָס־בערג. ווען זיי זיינען אריינגעגאַנגען, האָט דער חתן געהאַלטען מיס שלאָסבערג אַרומגענומען און גערעדט צו איהר, ווי מען נעהמט איין א קינד:

— שריי ניט, מען קען נאָך דערהערען.

זי האָט איהם געשטויסען פון זיך און מיט א כליפּ אין קול געשריען:

— זאָל מען הערען. וואָס אַרט מיר? איך האָב זיך ניט וואָס צו שעהמען. עס איז דו — דו — דו —

ווען דער חתן איז אָפּגעשפּרונגען פון מיס שלאָסבערג, האָט סאָפיע באַמערקט, אַז ביי דער מיידעל איז דער פּנים געווען פאַר־וויינט. זי האָט אין א סעקונדע באַגריפען ניט נאָר די סצענע, וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט, נאָר אויך וואָס עס איז פאָרגע־קומען פאַר דער סצענע, איידער זי איז געקומען קיין אמעריקא. די פאַרשטויסענע, פאַרשטופּטע איינדריקע, וואָס זיינען געלעגען רוהיג אין איהר מאַרך, האָבען איצט געקראָגען דעם נויטיגען שטויס און זיי זיינען אַלע אַרויסגעשוואומען פון אויבען. איהר איז איצט

מיט אַ מאָל קלאָהר געוואָרען, פאַר וואָס האָט איהר אַ ריס געטאָן אין הארצען ביי זייער ערשטער באַגעגעניש; איהר איז מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרען די באַדייטונג פון די אָפּגעריסענע ווערטער און שטילע באַמערקונגען, וואָס האָבען דערגרייכט צו איהר; איהר איז מיט אַ מאָל קלאָהר געוואָרען, פאַר וואָס ער האָט איהר אַ יאָהר צייט ניט געשריבען, און דער ערשטער געדאַנק, וואָס איז איהר דורכגעלאָפען איז געווען: „מיט אַזאַ מיאוס׳קייט!“

מיס שלאָסבערג האָט אויסגעווישט די טרערען און איז געבלי־בען שטעהן ווי ניט איהר מיינט מען. דער חתן איז געוואָרען צומישט, צוטומעלט און האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען. זיין פאַרלאָרענקייט און צוטומעלטקייט שטעלט איהם אין דער לאַגע פון אַן אָפּגעשמיסענעם אינגעל און אַ כעס האָט זיך אויפגעהויבען ביי איהם אין הארצען געגען סאָפּיע׳ן. „בעסער אַזוי! בעסער אַזוי!“ — האָט ער צו זיך גערעדט אין געדאַנקען — נאָר זאָגען עפּעס אין דער הויך האָט ער ניט געקענט.

סאָפּיע איז געבליבען שטעהן ווי צוגעשמידט צו איהר פּלאַץ. זי האָט קיין זילבע ניט אַרויסגעלאָזט. דער גליקליכער שמייכעל איז פאַרשוואונדען געוואָרען, די נאָז־פּליגלען האָבען אַ ציטער גע־טאָן, איהר דינער מויל האָט זיך שטייפער פאַרצויגען און אין די ווינקלען פון די ליפּען האָבען זיך געלעגט ניט קיין גוטע קאַרבען. זי האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט, האָט זיך אַ קעהר געטאָן און געלאָזט זיך געהן צו דער קיך. אַלע זיינען געגאַנגען נאָך איהר. ביים חתן עטוואָס מעהר דער קאָפּ אָנגעבויגען און מיס שלאָסבערג האָט זיך אין הארצען געפרעהט.

אין ערשטען בעד־רום האָט נאָך די דעבאַטע אָנגעהאַלטען אַזוי פייעריג, ווי פריהער.

— וואָס זאָגסטו, קאָפּעל? — האָט זיך דערפרעהט איינער פון די דעבאַטאַנטען.

דער חתן האָט זיך דערפרעהט, וואָס ער האָט איצט אַ גע־לעגענהייט אַריינצומישען זיך אין אַ געשפּרעך און געווינען צייט. מיט די מאַנסביל האָט ער זיך איצט געפיהלט זיכערער, נאָר די ווייבער האָבען זיך אַריינגעמישט און געמאַכט אַ סוף פון דער

דעבאַטע. מרס. וויינטרויב איז צוגעגאַנגען צו איהר מאַן, אַרויפ־געלעגט איהר האַנט צו איהם אויפ׳ן מויל און געזאָגט:

— מעהר קיין וואָרט ניט. עס איז צייט צו געהן אַ היים.

— לאָז! — האָט מר. וויינטרויב געדרעהט מיט׳ן קאָפּ. — איין סעקונדע.

— ניין, מעהר ניט!

ווען די עטליכע וואָס זיינען פאַרבליבען האָבען זיך גענומען אַנטאַן, איז מרס. וויינטרויב אַריין אין קיך און געזאָגט שטיל:

— ער איז אַ שמאַטע, ניט קוקענדיג וואָס ער האָט אַזאַ גרויסע געמבע. דו וועסט איהם אַריינגעהמען גאָר גיך אין די הענט. איך האָב געזעהן, אַז ער האָט פאַר דיר מורא.

סאָפיע האָט ניט געענטפערט.

— אַהאַ! איהר האָט זיך שוין ווייטער געשטעלט דעבאַטי־רען! — האָט מרס. וויינטרויב געזאָגט און אַהן צערעמאָניעס איי־נעם פון די דעבאַטאַנטען צוגעשלעפּט צו דער טיר און אַרויסגע־שטופּט, און די איבעריגע האָבען זיך אַליין געלאָזט געהן.

— אַ גוטע נאַכט, כלה! — האָט זיך אָנגערופען בערקאָווסקי, דער יונגערמאַן מיט די אויסגעסטאַרטשטע אויערען און ער האָט נאָך געוואָלט צוגעבען עפּעס פעפערדיגס, נאָר אין דער סעקונדע האָט ער דערפיהלט אַ טראָט אויף די הינער־אויגען און ער איז אַנטשוויגען געוואָרען.

— אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט!

די טיר האָט זיך פאַרמאַכט הינטער די לעצטע געסט און אין הויז זיינען געבליבען חתן־כלה און די באָרדערקע.

די באָרדערקע האָט זיך שטיל פאַרקליבען אין איהר בעד־רום און שטיל געזונגען אַ לידעל, כדי צו געבען חתן־כלה די מעגליכקייט דורכצורעדען זיך אין דער שטיל און זיי זאָלען וויסען, אַז קיינער הערט זיך צו זיי ניט צו. דאָך זיינען איהרע אויערען געגען איהר ווילען געוועזען אויסגעשפּיצט און איהר האַרץ האָט געקלאַפּט האַסטיג, ערוואַרטענדיג אַ ברויזענדע סצענע.

סאַפּיע איז געבליבען זיצען אויפ׳ן שטול אין קיך, די פינגער איינגעקלאַמערט איינער אין אַנדערן און אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן ווייכען אויבערשטען טייל פון לינקען פוס, די קאָפּ עטוואָס אַנגעבויגען, די אויגען אויסגעשטעלט אויף עפּעס אַ פּינטעל אין דער לופט.

דער חתן איז אַרומגעגאַנגען הין־און־צוריק אין פראָנט־רום און האָט זיך אַליין אַריינגעטריבען אין אַ כעס.

וואָס פאַר אַ רעכט האָט זי צו ווערען אין כעס! — האָט ער צום וויפיעלטען מאָל געזאָגט צו זיך. — וואָס מיינט זי זיך, אַז ער וועט איהר קומען פּרעגען, צי ער זאָל מיט דער רעדען, צו יענער אַ שמייכעל טאָן; ער וויל ניט האָבען איבער זיך קיין בעל־הבית, און ער וועט טאָן ווי איהם געפעהלט. און נאָך אַלעמען, וואָס האָט ער געטאָן? רעבעקאַ האָט אויף איהם געהאַט אַזאַ רעכט ווי זי, און עס איז געוועזן ניט מעהר ווי מענשליך, ער זאָל איהר איינשטי־לען, טרייסטען. אויב ער איז שולדיג, איז דאָס געגען רעבעקאַ׳ן, און סאַפּיע האָט געדאַרפט זיין דאַנקבאַר, וואָס ער האָט רעבעקאַ׳ן פּאַרוואָרפען פאַר איהר. ניין, טויזענד מאָל ניין! דאָס וועט ניט געהן! ער וועט זיך ניט לאָזען פיהרען ביי דער נאָז. און זאָל זיך די וועלט איבערקעהרען, וועט ער פון זיינע פּרינציפּען ניט אָפּטרעטען.

און דאָך האָט ער מורא געהאַט אַריינצוגעהן אין קיך. וויפיעל מאָל האָט ער זיך געמאַכט האַרץ און צוגעגאַנגען ענטשלאָסען ביז צום שוועל פון פראָנט־רום, נאָר ביים שוועל האָט איהם פאַר־פעהלט מוט און ער איז געבליבען שטעהן.

— אפשר איז בעסער איבערצוּוואַרטען, ביז דער שטורם וועט אַריבער. ער וועט בעסער אָפּוואַרטען נאָך עטליכע מינוט.

און ער איז ווידער אַרומגעגאַנגען הין־און־צוריק און ווידער זיך אַריינגעטריבען אין אַ צאָרן.

ענדליך האָט ער זיך געמאַכט האַרץ און מיט אָנגערוקטע ברע־מען, פאַרביסענע ליפּען, פאַנאַנדערגעבלאָזענע נאָז־לעכער האָט ער זיך געלאָזט געהן צו דער קיך. ער וועט איהר ווייזען, אַז ער איז ניט קיין איינגעל און וועט ניט לאָזען זיך פיהרען פאַר דער נאָז.

ער האָט צוזאַמענגעקליבען אַלע זיינע קרעפטען אַפּצושטויסען פון זיך דעם שטורם, וואָס ער האָט ערוואַרט. איין מאָל פאַר אַלע מאָל דאַרף אין דעם אָבענד באַשלאָסען ווערען, צי ער האָט אַ רעכט אויף זיין אייגענעם פרייען ווילען, צי דער ווילען באַלאַנגט צו איהר.

ער האָט אויף איהר אַ שטאַרקען קוק געטאָן פון אונטער די אַנגערוקטע ברעמען און דער קוק האָט אַזוי פיעל, ווי געזאָגט: נו, אַרויס מיט'ן לשון!

ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען די הענט אין די קעשענעס און געקוקט אויף איהר מיט בייזע אויגען, נאָר קיין מוסקעל האָט זיך אין איהר פּנים ניט געריהרט. זי איז געבליבען אין דער זעלבער פּאָזיציע ווי פריהער.

— וואָס מאַרודעט זי? — האָט ער געטראַכט.

אין דער קליינער קיך איז ניט געווען קיין פּלאַץ אַרומצוגעהן הין און צוריק, דאָך האָט ער מיט די הענט, נאָך אַלץ אין די קעשענעס, געפּרואווט אַ דרעה טאָן זיך אַ פּאָר מאָל און דאַן האָט ער אַרויסגענומען די הענט פון די קעשענעס און אַנידערגעזעצט זיך, האַלב אויסגעצויגען, פּאַרוואַרפענדיג איין פוס איבער'ן צווייטען, מיט איין האַנט אַרומגענומען דעם עק פון רוקען שטול און מיט דער צווייטער אַנגעשפּאַרט אָן טישעל אין אַ פּאָזע — איך־האָב־אייך־אַלעמען־אין־דער־ערד.

די קאָנצענטרירטע בייזקייט אין די אויגען איז זיך צוגאַנגען, די טיפע פאַרביסענע ווינקלען פון מויל האָבען זיך אויסגעגלייכט און די ברעמען האָבען זיך אויפגעהויבען.

ער האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף איהר. דער בליק איז געווען אַ דורכדרינגליכער און ער האָט זיך פאַרוואונדערט צו זעהן, אַז אין איהר געזיכט איז ניטאָ קיין כעס, קיין פאַרביסענקייט, קיין פאַרוואונדערטער שטאַלץ. ער האָט ניט געוואָלט גלויבען זיינע אויגען.

— וואָס איז דאָס מיט איהר?—האָט ער געטראַכט און איז געוואָרען אומרוהיג.

דער פוס האָט זיך ביי איהם אָראָפּגעגליטשט פון דעם צווייטען, די האַנט האָט זיך אָראָפּגערוקט פון רוקען־שטול, די צווייטע האַנט האָט ער אויפגעהויבען פון טיש און ער האָט זיך טיפער אריינגערוקט אויפ׳ן שטול.

ער האָט ווידער אויף איהר אַ קוק געטאָן, און צו זיין גרויסער ערשטוינונג האָט ער באַמערקט, אַז איהר פּנים האָט זיך אין גאַנצען געענדערט. דאָס הייסט, דער פּנים איז געבליבען דער זעלביגער, נאָר עפּעס אַ פאַרשטיינערטקייט איז אויף איהם אויסגעגאָסען, אַזוי ווי דאָס גאַנצע לעבען איז פון איהר אַוועק און עס איז נאָר געבליבען אַ מאַסקע.

עס האָט אַ ריס געטאָן אין הארצען. ער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן הינטער דער פּאַטילניצע און ארויסגעשטאַמעלט:

— סאַפּיע!

זי איז געבליבען זיצען אין דער זעלביגער פּאָזע, ניט געמינעט אין געזיכט.

— האָט זי געהערט?—האָט ער זיך געפרעגט און עפּעס אַ שרעק איז איהם דורכגעלאָפען איבער׳ן לייב.

— סאַפּיע!—האָט ער געזאָגט העכער.

קיין ענטפער.

ער איז צוגעגאַנגען צו איהר, האָט ארויפגעלעגט זיין האַנט צו איהר אויפ׳ן אַקסעל און געזאָגט:

— סאַפּיע!

זי האָט אַ קעהר געטאָן דעם קאָפּ אין זיין זייט און אַ קוק געטאָן אויף איהם. אין איהר בליק איז ניט געווען קיין כעס, קיין שנאה, נאָר ער איז געווען ווי פאַרגליווערט.

— סאַפּיע, אויף מיין עהרען־וואָרט, איך בין ניט שולדיג. דאָ איז געווען אַ מיספאַרשטענדעניש.

— געה אוועק! — האָט סאָפיע ארויסגערעדט אזוי קאַלט, אזוי ווי עס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען אַן אַבסטראַקטע פראַגע.

ער איז ווידער אין כעס געוואָרען, נאָר אזוי ווי זי האָט איהם קיין זאַך ניט געזאָגט, צו וואָס ער זאָל זיך קענען צוטשעפּען און ענטפערן, איז ער אוועק אין פראָנט־רום.

די מינוטען פון פראָנט־רום האָבען זיך געצויגען ווי פון פעך. אַ ווײַלע איז ער אַרומגעגאַנגען מיט האַסטיגע טריט איבער'ן צי־מער, די הענט פאַרלעגט אַהינטער, און אַ ווײַלע איז ער געבליבען שטעהן ביים פענסטער מיט'ן עלענבויגען פון דער רעכטער האַנט אין דעם דאַלאָן פון דער לינקער און מיט דער רעכטער האַנט גע־גלעט זיך דאָס בערדעל, און דאַן ווידער פאַרלעגט די הענט אַהינטער און האַסטיג געגאַנגען איבער'ן צימער, און ווען עס האָט איהם אויסגעוויזען, אַז אַ לאַנגע צייט איז שוין אַריבער, איז ער ווידער אַריין אין קיך, צוגעגאַנגען צו סאָפיען, וועלכע איז געזעסען אין דער זעלבער פּאָזע און האָט געזאָגט מיט האַרץ:

— הער אויף צו מאַכען לייטישע געלעכטער!

קיין ענטפער.

— דו הערסט וואָס איך רעד צו דיר? — האָט ער געפרעגט אומגעדולדיג.

קיין ענטפער.

— סאָפיע!

קיין ענטפער.

ער האָט אַרויפגעלעגט די האַנט צו איהר אויפ'ן אַקסעל, גע־געגעבען איהר אַ טרייסעל און געזאָגט:

— סאָפיע, דו הערסט וואָס איך רעד צו דיר?

— געה אוועק! — האָט סאָפיע געזאָגט מיט דער זעלבער קאַלטקייט, ווי פריהער.

— הער אויף צו מאַכען דיינע הינטישע שטיק!

קיין ענטפער.

— אל־רייט! — האָט ער געזאָגט מיט כעס. מיר וועלען זעהן, וועמען דאָס וועט נמאס ווערען: דיר צו מיר. איצט וועסטו וואַרטען ביז איך וועל צו דיר נאָך אַ מאָל צוגעהן.

ער האָט מיט כעס אָפּגעבונדען זיין האַלז־טוך, מיט רוגזה אָפּ־געשפּילעט דעם קראַגען און ארונטערגעריסען איהם, און אריינגע־גאַנגען אין בעד־רום, האָט אראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם רעקעל, ארונטערגעשלעפּט איין שוך פון פוס און א שליידער געטאָן איהם אויפ׳ן פלאָר, דאָן דעם צווייטען און אריינגעוואָרפען זיך אין בעט.

— נו, נו, דו וועסט ביי מיר שפּעטער זינגען מיט אַן אַנדער קול.

א היבשע צייט איז ער געלעגען, וואַרפענדיג זיך מיט א בייז־קייט פון איין זייט אויף דער צווייטער, אַז דאָס בעט אונטער איהם האָט געסקריפּעט, און וואָס ווייטער האָט איהם זיין האַרץ אויף איהר אַלץ מעהר געקאָכט. ער וועט איהר קיינמאָל ניט פאַרגעסען, ווי זי האָט איהם צוגעשפּיעלט... ער וועט זיך מיט איהר אָפּרעכענען, און זי וועט טהייער דערפאַר באַצאָהלען. ער האָט עטליכע מאָל געוואָלט אויפשפּרינגען פון בעט, נאָר יעדעס מאָל האָט ער זיך אָפּגעהאַלטען. און ענדליך איז ער איינגעשלאָפען.

בייזע חלומות האָבען געשטערט זיין שלאָף און אין דער פריה האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיט א פאַרשטיקטען קרעכצען. עס האָט איהם גענומען עטליכע סעקונדען, ביז ער האָט זיך געקענט ער־קלעהרען, וואו ער איז אין דער וועלט, און ווען ער האָט זיך דער־מאָנט, איז ער אראָפּ פון בעט זעהן וואו סאַפּיע איז.

ער האָט איהר געטראָפען אויף דעם זעלבען שטול, די פינגער איינגעקלאַמערט איינער אין אנדערן און אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן וויי־כען אויבערשטען טהייל פון לינקען פוס, די קאָפּ עטוואָס אָנגע־בויגען און די אויגען אויסגעשטעלט אויף עפּעס א פּינטעל אין דער לופט. קיין כעס, קיין צוקאַכטקייט, קיין פיינטשאַפט, קיין טרויער האָט זיך ניט געזעהן אויף איהר געזיכט. דער פּנים ווי פאַרשטיינערט, די אויגען ווי פאַרגליווערט, אזוי ווי אַלע געפיהלען זיינען ביי איהר אָפּגעשטאָרבען.

* * *

יאָהרען זיינען אריבער זייט יענער נאַכט.

דער פאַרשטיינערטער אויסדרוק פון סאַפּיע׳ס געזיכט האָט זיך א ביסעל אָפּגעריבען, נאָר אין גאַנצען איז ער ניט פאַרשוואונ־

דעו. קיינער פון די באַקאַנטע האָט קיין מאָל ניט געהערט, אַז זי זאָל זיך קלאָגען אויף איהר מאַן, זאָגען אויף איהם אַ שלעכט וואָרט, קיינער פון די שכנים האָט קיין מאָל ניט געהערט, אַז זי זאָל מאַכען אַ סצענע איהר מאַן. נאָר דערפאַר האָט קאַפּעל קיין מאָל ניט געהערט מעהר ווי איינצעלנע ווערטער, ווי: „יאָ“, „ניין“, „באַלד“, אויב זי האָט זיך לחלוטין ניט געקענט באַגעהן אָהן זיי.

די ערשטע צייט האָט ער זיך געסטאַרעט אַריינצוציהען איהר אין אַ געשפּרעך. עס האָט איהם געריסען דאָס האַרץ צו זעהן אַ פאַרגליווערטע זאַך, וועלכע ער האָט פריהער אַזוי גוט געקענט אַלס אַ לעבעדיגע פרעהליכע וועזען, און אַז זיין פריינטליכקייט איז געבליבען ניט געענטפערט איז ער בייז געוואָרען און האָט זיך געסטאַרעט אַרויסברענגען איהר פון זיך, אַריינטרייבען איהר אין כעס, אַבי זי זאָל עפענען דאָס מויל אין זיין געגענוואַרט. אָבער דאָס איז איהם אויך ניט געלונגען. זי איז געבליבען רוהיג, קאַלט, אַזוי ווי די געפיהלען וואָלטען ביי איהר אָפּגעשטאָרבען. וואָס אַ טאָג ווייטער האָט ער זיך אָנגעהויבען דורכצודריננגען מיט אַ מורא פאַר דעם לעבעדיגען שווייגענדיגען פאַרוואורף, וואָס איז אַרומ־געגאַנגען אין דער געשטאַלט פון סאָפיע'ן און האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען ניט היימליך אין די פיער ווענט מיט איהר. ער האָט פאַרלאָרען יעדען חשק צו וועלען אויפהויבען דעם שלייער און כאַ־פּען אַ בליק אין איהר האַרצען. איהר שווייגען, איהר שטילקייט האָט איהם געדריקט און איהם האָט אויסגעוויזען, אַז פון יעדען ווינקעל טייטעלט אויף איהם אַ באַשולדיגונגס־פינגער.

יאָהרען זיינען אַריבער זייט יענער נאַכט, און דער מורא'דיגער ברוגז האָט אָנגעהאַלטען ווי אין דער ערשטער נאַכט. זי איז צו איהם ניט ווייכער געוואָרען; זי האָט איהם ניט פאַרגעבען; נאָר דאָס האָט זיי ניט געשטערט צו ווערען טאַטע־מאַמע און האָבען אַ האַלבען טוץ קינדער.

.1910

עלסי

באַזאַנאָוויטש איז אַרויס פון אָפּיס מיט אַ געפיהל, אַז די וויכטיגסטע ספּרונגדזשינגע אין דעם סדר העולם האָט געפּלאַצט. מיט אַ קורצער צייט פריהער האָט איהם דער מענעדזשער אַריינ־גערופען און אין קורצע ווערטער ערקלעהרט, אַז איהם טוט זעהר לייד, וואָס ער איז געצוואונגען צו פאַרקירצען די הוצאות פון דעם געשעפט און אָפּזאָגען איהם פון זיין שטעלע. דער קריזיס האָט זיי שטאַרק צוגעקוועטשט און זיי ווייסען ניט, ווי אַזוי זיי וועלען איבערשטופּען די שווערע צייט.

צו זאָגען, אַז דאָס איז געקומען אומגעריכט ווען ניט זיין ריכטיג. אין יעדען געשעפט האָט מען זיך יעדען טאָג געריכט אויף דאָס ערגסטע. קיינער איז ניט געווען זיכער, אַז ווען ער וועט מאָרגען קומען אין געשעפט, וועט ער ניט טרעפען די טירען פאַרשלאָסען. עס האָבען געקראַכט איינגעפונדעוועטע הייזער, וואָס האָבען געפיהרט געשעפטען אויף די שווערע מיליאָנען, און מיט יעדען נייעם קראַך האָט מען אַלץ געפיהלט, ווי עס גליטשט זיך אוועק דער באָדען פון אונטער די פיס.

און דאָך האָט באַזאַנאָוויטש ערשט איצט דערפיהלט דעם ריכטיגען טעם פון ווערען אַן אַרויסגעוואָרפענער אין אַ צייט פון אַ קריזיס. ווען ער איז אַרויס פון טיר אין גאַס און האָט דערזעהן, ווי מענשען האָבען זיך געאיילט, געשפּאַרט, געיאָגט אַזוי ווי אַלע מאָל, האָט ער זיך אָהן זיין וויסען איינגעקאָרטשעט, ווי וועלענדיג זיך פאַרענטפערען, פאַר וואָס ער פאַרנעהמט אַן איבעריגען פּלאַץ.

די גאָס איבער וועלכער ער איז איצט געגאַנגען איז געווען בראָדוויי. זיין אָפּיס איז געווען אין אַ זייטיגע גאָס נעבען בראָדוויי. געוועהנליך זיינען זיינע טריט געווען שטייף און זיכער און ער

פלעגט לעבעדיג מאַכען מיט די הענט, און מיט אַנטשלאָסענהייט דורכשפּאַרען זיך דורך די מאַסע; נאָר איצט זיינען די טריט געווען שוואַך, די הענט האָבען זיך קוים באַוועגט און ער האָט יעדען אָפּגעטראָטען דעם וועג, ווי מורא האָבענדיג, אַז ער זאָל עמיצען ניט אַנריהרען.

פון דער סאַרער מאַסע, וואָס האָט זיך געצויגען איבער'ן גאַס ווי אַ גרויסער שטראָם, האָבען אָנגעהויבען אַרויסצעווייזען זיך אינ־דיווידועלע געזיכטער און כאַזאַנאָוויטש האָט באַמערקט, אַז די געזיכטער זיינען די זעלביגע מענשליכע, וואָס ער האָט געזעהן נעכטען און פאַראַכטאָגען און מיט אַ מאָנאַט און מיט אַ יאָהר צוריק. אויף איניגע זעהט מען אַ שמייכעל, אויף איינעגע אַ געלעכטער, אויף איניגע פאַרהאָוועטקייט, אויף אייניגע אַ רוהיג־קייט, אויף איניגע אַ צופרידענהייט — דאָס הייסט, מענשען מאַכען נאָך המצאות, מענשען לאַכען נאָך פון אַ וויץ, מענשען פיהרען נאָך געשעפטען; מיט איין וואָרט — די וועלט געהט נאָך ניט אונטער, און כאַזאַנאָוויטש האָט דערפיהלט אַ דערלייכטערונג.

— נאָך אַלעמען איז די וועלט אַ וועלט און היינט פאַרלירט מען אַ שטעלע און מאָרגען געפינט מען אַן אַנדערע.

פּלוצים איז זיין בליק געפאַלען אויף אַ גרויסע געביידע פון שטיין און מאַרמאָר, וואָס האָט שטענדיג אַרונטערגעקוקט מיט אַ קאַלטער שטאָלצקייט סיי אויף די קלענערע און איינפאַכערע גע־ביידען און סיי אויף די אומגעהויער הויכע געביידען, וואָס זעהען אויס, ווי „דזשעקס", וואָס זיינען ערשט אַרויסגעשפּרונגען פון אַ באָקס. די דאָזיגע מאַרמאָרנע געביידע האָט שטענדיג געאָטעמט מיט אַ רוהיגקייט און רחבות'דיגקייט אין דעם סאַמע מיטען פון דעם קאָכעדיגען קעסעל־גרוב און האָט ווי געשפּאָט פון דער האַ־וועניש, שפּאַרעניש אַרום, און איצט איז זי געווען דער צענטער פון אומרוהיגקייט און פאַרצווייפלונג. דער איינדרוק איז געווען נאָך שטאַרקער דערפון, וואָס געוואוינליך אין דער צייט פון טאָג זיינען שוין די גרויסע גרינע בלאַינדס געווען אַרונטערגעלאָזט, און קיין לעבעדיגער מענש האָט ניט געשטערט איהר רוה, און איצט זיינען אַרום און אַרום דער געביידע געווען אויסגעשטעלט מענשען,

רעדלאַר האָבען זיך אַלע ווײַלע פאַרזאַמעלט אַרום זײ און פּאָליס־לײַט האָבען שווער געאַרבײַט צו האַלטען די מאַסע אין מעהר אָדער ווענינער אָרדנונג.

— די באַנק אויך! — האָט זיך בײַ כאַזאַנאָוויטש׳ן אַרויסגע־ריסען, און דער שוואַכער שטראַהל פון האָפנונג, וואָס האָט איהם פריהער אַ שײַן געטאָן, האָט זיך איצט אויסגעלאָשען.

ער האָט זיך מיט זײַנע אומענטשלאָסענע טריט געלאָזט געהן צום בריק, וואו ער פלעגט שטענדיג נעהמען זײַן טרײַן. נאָר ווען ער איז אַרויף אויף די טרעפּ און געקויפט אַ טיקעט, האָט ער חרטה געהאַט און איז אַרונטער צוריק אין גאַס.

ער קען אַהיים ניט געהן. ער האָט זיך נאָך ניט צוגעגרײַט, וואָס ער זאָל זאָגען זײַן ווײַב. זי וועט זיך דערשרעקען צום טויט און וועט מײנען אַז די וועלט געהט שוין אונטער. ער קען זיך פאַר איהר ניט ווײַזען מיט דעם פּנים, זי וועט גלײַך אין איהם דערקענען, אַז עפּעס אַ צרה איז געשעהן, און ער מוז פריהער קומען צו זיך.

כאַזאַנאָוויטש האָט געוואוסט, אַז די ווײַב וועט אויף איהם אויסקוקען די אויגען און זי וועט זײַן זעהר אומרוהיג, ווען ער וועט ניט קומען צו דער צײַט. ער האָט געוואוסט, אַז אַזוי גיך ווי דער זײגער שלאָגט פינף, דאָס הײסט די שטונדע, ווען עס ענדיגט זיך די אַרבײַט אין אָפיס, שטעלט זי זיך בײַם פענסטער, פון וואַנען מען קען זעהן די וועג, איבער וועלכען ער דאַרף קומען און טרעט ניט אָפּ פון דאָרטען, ביז וואַנען ער ווײַזט זיך. דאַן הויבט זי אָן דריקען דאָס קנעפּעל, וואָס עפענט די טיר אונטען און דריקט אַזוי לאַנג, ביז ער איז שוין אויפ׳ן דריטען, פיערטען טרעפּ. און ווען ער פאַרשפּעטיגט זיך אַ מאָל און זי האָט קײן צײַט ניט אָפּצוּוואַשען דאָס פּנים, טרעפט ער איהר מיט פאַרווײנטע אויגען און באַקען, און הגם ער מאַכט איהר דערפאַר אַ סצענע און זאָגט אַז מיט׳ן האַרבען וואָרט, אַז אויב נאָך אַ מאָל וועט ער איהר טרעפען אַ פאַרווײנטע, וועט ער מעהר קײן מאָל ניט קומען אין דער צײַט אַ הײם, און וועט בכיון פאַרבלײַבען שפּעט דאָן טאָן, און בשעת זי פאַרשפּרעכט איהם וואָרעם, אַז זי וועט שוין קײן מאָל מעהר

ניט וויינען, ברעכט זי פּלוצים אויס אין אַ יאָמער און כליפּעט: „איך קען ניט, איך קען ניט. אַלערליי שרעקען קומען מיר אַרויף בשעת מעשה אויפ׳ן זינען. דאָ טרעפען זיך אַזוי פיעל אומגליקען מיט די באַהנען, אַזוי פיעל מענשען ווערען איבערגעפאָהרען פון אויטאָמאָבילס. איך קען ניט! איך קען ניט!“ און דער סוף איז, אַז ער מוז איהר איינגעהמען און באַרוהיגען.

נייז, ער קען אַזוי אַ היים ניט פאָהרען. די בשורה וועט צוברעכען איהר האַרץ. ער מוז זיך באַהערשען אַזוי, אַז זי זאָל אין זיין פּנים גאָר ניט דערקענען.

פּלוצים האָט זיך אויפגעהויבען אַ פאַרביטערונג אין זיין האַר־צען געגען זיין ווייב. דאָס האָט ער איהר צו פאַרדאַנקען פאַר זיין איצטיגער לאַגע. ער האָט עטליכע יאָהר נאָכאַנאַנד געהאַט אַ גוטע שטעלע, פאַרדינט גרויסע וויידזשעס און ניט אויפגעהערט צו רעדען איבער איהר, אַז מען דאַרף זיין עקאָנאָמיש, מען קען קיין מאָל ניט וויסען, וואָס מאָרגען וועט זיין, און מען דאַרף זאָרגען וועגען דעם מאָרגען. זיי האָבען יעדעס יאָהר געקענט אָפּשפּאָרען פיינע עטליכע הונדערט דאָלאַר און וואָלטען איצט געהאַט אַ היב־שען קאַפּיטאַל, אַלענפאַלס גענוג קאַפּיטאַל, אַז זיי זאָלען ניט פיהלען די שאַרפע ציינער פון דעם קריזיס. נאָר פיעל ער האָט מיט איהר ניט אַריינגעג׳טענה׳ט האָט ניט געהאָלפען, און זיי בליי־בען איצט אין אַזאַ שרעקליכער צייט כמעט אָהן אַ סענט ביי דער נשמה.

ווען די דאָזיגע פאַרביטערונג האָט זיך ביי איהם אויפגעהויבען געגען זיין ווייב, האָט איהם אָנגענומען אַ שטאַרקער חשק צו פאָהרען גלייך אויסשיסען די נייעס און ער האָט דערביי געפיהלט עפּעס אַ מין פאַרגעניגען פון דעם שרעק, וואָס די בשורה וועט אויף איהר אָנוואַרפען. נאָר דער געפיהל האָט ניט לאַנג אָנגע־האַלטען און ער האָט באַלד זיך גופא אויפגעוואָרפען פאַר אַזעלכע ברוטאַלע געדאַנקען.

דער גערויש, די קאָכעניש, דער רעש, דער הו־האַ פון די כוואַליעס מענשען, וואָס האָבען זיך געצויגען אַ היים, פון די גרויסע טראָקס וואָס האָבען זיך געשלעפּט אין אַלע פיער זייטען,

פון דעם אומגעדולדיגען אומאויפהערליכען קלינגען פון די מאָ־טאָרמען אויף די קארס, אז די טראָקס זאָלען ניט פארשפּאַרען דעם וועג, איז שוין לאַנג שטיל געוואָרען; דער פינאַנשיעל דיסטריקט איז געוואָרען פאַרלאָזט, אָפּגעשטאָרבען, און די פינסטערע פענסטער פון די הויכע געביידען האָבען געקוקט בייז, אימה׳דיג אַרום און אַרום. כּאַזאַנאָוויטש האָט שוין מעהר קיין כח ניט געהאַט אַרומ־שלעפּען זיך און ער איז אָוועקגעפאָהרען אַ היים.

דער טיק־טאַק פון דעם דריקען דאָס קנעפּעל, וואָס עפענט די טיר האָט איהם באַגלייט ווי שטענדיג איבער עטליכע טרעפּ, נאָר ער האָט איצט געהאַט עפּעס אַ אומעדיגען האַפנונגסלאָזען קלאַנג.

— דו האָסט איצט געוויינט? — האָט ער געפרעגט מיט אַ שטרענגען טאָן, ווי נאָר ער איז אַריין אין צימער.

— דו ביזט געווען אַזוי שפּעט, — האָט עלסי האַלב פאַרענט־פערט זיך און האַלב אויפגעוואָרפען איהם.

זי האָט ערוואַרט דעם געוועהנליכען סטראַשונאַק, אַז פון היינט אָן וועט ער בכיון קומען שפּעט, כדי זי זאָל זיך דערצו צוגעוואוי־נען, נאָר צו איהר פאַרוואונדערונג, האָט ער קיין וואָרט ניט גע־ענטפערט און קיין באַמערקונג ניט געמאַכט. דאָס האָט איהר גע־געבען מוט צו פרעגען:

— פאַר וואָס ביזסטו געקומען אַזוי שפּעט?

די איינפאַכע פראַגע האָט איהם צורייצט און ער האָט מיט מעהר ביטערקייט געענטפערט, ווי ער האָט אין זינען געהאַט:

— איך קען דיר פאַרזיכערען, אַז איך האָב זיך ניט געשפּילט.

— האָט... האָט עפּעס... — האָט זי אָנגעהויבען צו שטאַמלען מיט אַ ציטערדיגען קול און אַ פחד האָט זיך געוויזען אין איהרע אויגען.

— ניין, קיין זאַך ניט, — האָט ער זיך געאיילט צו פאַרגלעטען דעם איינדרוק. — איך האָב געמיינט אין אַלגעמיין.

זי האָט פאַרדעכטיגט געזוכט זיינע אויגען און ערשט נאָכ־דעם, ווי ער האָט איהר עטליכע מאָל געגלעט איבער׳ן געזיכט און האָר האָט זי זיך באַרוהיגט און ביים סאַפּער האָט זי ניט אויפגע־

הערט צו פּלאַפּלען און דערצעהלען, וואָס נאָר עס האָט זיך איהר פאַרקאַלאַטשעט אין קאָפּ.

געוועהנליך איז איהם דאָס פּלאַפּלען פון זיין ווייב געווען אַנגענעם ווי דאָס צוויטשערן פון אַ פויגעלע, נאָר איצט האָט דאָס איהם אַלע ווייַלע אַ הויב געטאָן און אין דעם פאַרלויף פון סאַפּער האָט ער אַ פּאָר מאָל גראָב איבערגעהאַקט, נאָר זי האָט עס ניט באַמערקט.

נאָכ'ן סאַפּער האָט זי גענומען אַן אָבענדס צייטונג, אַנידערגע־זעצט זיך נעבען איהם, אַנגעוויזען איהם אַן אַנגעצייכענטען אַד־ווערטייזמענט.

— דו זעהסט, די דאָזיגע פירמע אדווערטייזט פּרינץ־אַלבערטס צו אָרדער. ניט אַלע מאָל מאַכט זיך אַזאַ געלעגענהייט. דו זעהסט ווי ביליג? און דו מוזט זיך איצט מאַכען אַ סוט.

— ניין, איך וויל ניט קיין פּרינץ־אַלבערט, — האָט ער געענט־פערט מיט אַ שמייכעל — דער ערשטער שמייכעל פאַר'ן גאַנצען טאָג. דער פאָרשלאַג וועגען פּרינץ־אַלבערט איז געווען אַזוי קאָמיש ביי זיין איצטיגער לאַגע, אַז ער האָט געמוזט שמייכלען.

זי האָט דעם שמייכעל פאַרשטאַנען אַנדערש און געזאָגט מיט אַ קאַפּריזער מינע.

— דו מוזט, דו מוזט, דו מוזט באַשטעלען אַזאַ סוט. מיר בענקט זיך שוין נאָך מענשען, איך וויל זעהן באַקאַנטע, און מיר ווע‍לען געהן אויף אַ פּאָר בעלער.

— מיר טאָרען איצט ניט. אַזעלכע שלעכטע צייטען. קיינער ווייסט ניט, וואָס מאָרגען קען זיין.

די ווערטער האָבען אויף איהר געהאַט אַ מאַגישען עפעקט. זי איז גלייך אַנטשוויגען געוואָרען, מיט אַ שאָטען פון אומעט אויף איהר געזיכט. די לעצטע צייט האָט זי אָפט געהערט וועגען דעם קריזיס און זי האָט שטאַרק מיטגעפיהלט מיט אַלעמען, וועמען דער קריזיס האָט אָנגעריהרט. זיי זיינען אַזוי געזעסען שטיל, די צייטונג אויף איהר שויס, די אויגען אין דער לופט, ווי מען וואָלט אַ בר־מינן דערמאָנט. דאָן האָט דער שאָטען פון אומעט ביס־

לאכווייז אנגעהויבען צו פארשווינדען, איהרע אויגען זיינען ווידער געפאלען אויפ׳ן ארוועטייזמענט, און זי האט געזאגט שטיל:

— דו ווייסט, ווען איך האב היינט אנגעטאן די פאר און ביז ארונטער איינקויפען איז דער גאנצער אקסעל געווארען באדעקט מיט האר. די פאר קריכט אויס.

* * *

די גאנצע נאכט איז ער ניט געשלאפען. ער איז געלעגען מיט אפענע אויגען און געטראכט. ער קען די לאגע ניט באהאלטען פון זיין ווייב, און דאך האט ער ניט דאס הארץ צו זאגען איהר. ער האט זיך צוגעהערט צו איהר רוהיגען, שטילען אטעמען און איהר מיידעלש, אדער ריכטיגער — קינדעש, געזיכט איז ערשינען פאר זיינע אינערליכע אויגען. איהם האט באנג געטאן ביז טרערען פאר׳ן כעס און צורייצטקייט, וואס ער האט איהר געוויזען דעם גאנצען אבענד. נאך אלעמען איז זי ניט מעהר ווי א קינד. ער האט איהר ארויסגענומען פון א גוטע הויז אין דער היים, געגען דעם ווילען פון איהרע עלטערען, און זי קען ניט באגרייפען די פינסטערע זייט פון לעבען. און אויב זי האט ניט געשפארט קיין געלט, איז דאס געווען זיין אייגענע שולד. ער האט געדארפט ווייזען מעהר מוט, ווען ער האט מיט איהר גערעדט וועגען עקאנאמיע. האט ער אזא מוט געוויזען? און נאך אלעמען, וואס פאר א גליקען האט זי דא געהאט פאר איהם אין אמעריקא! די גליקען פון ווידזשעס, פון געצעהלטע גראשען! עס וואלט מעהר געווען אן אכזריות פון זיין זייט אפצוזאגען איהר אין עפעס, וואס פארשאפט איהר פאר־געניגען. און דאס פארגעניגען וואס זי האט געהאט פון דער מינ־דעסטער זאך, וואס זי האט זיך איינגעשאפט אין שטוב איז ווערט געווען יעדע אנשטרענגונג. עס מאכט ניט אויס וואס פאר א קלייניגקייט זי האט זיך איינגעשאפט, צי דאס איז געווען א שניפס, וואס זי האט געקויפט פאר איהם, צי דאס איז געווען א ראג אין שטוב, צי א קלייד פאר זיך, פלעגט זי נאך יעדער אזא קניה, ווען זי פלעגט איהם ווייזען, אנבויגען דעם קאפ עטוואס אין א זייט, אויפ׳ן געזיכט האט זיך געוויזען א געדיכטע פארב און אין די אויגען אזא שעמעוודיגקייט און גליק, אז ער האט נאר געוואונ־

שען, ער זאָל איהר קענען פאַרשאַפען מעהר אַזעלכע פאַרגעניגענס. און טאַקע ווען ער האָט פאַרגעסען דעם „תכלית“, וואָס ער האָט איינגעזויגען מיט דער מאַמעס מילך, פלעגט ער איהר אַליין צו־געבען חשק און אָנמוטען זי זאָל זיך עפּעס איינשאַפען. קיין אויס־ברענגערקע איז זי ניט געווען. איהר איינציגע שוואַכקייט איז געווען דער אַדווערטייזמענט. אין דער צייט, וואָס פאַר איהם זיינען אַדווערטייזמענטס געווען שטאָף וואָס מען דאַרף ניט ליי־ענען, זיינען ביי איהר די אַדווערטייזמענטס געווען דער עיקר אין דער צייטונג, און די מציאות האָבען שטאַרק גערעדט צו איהר האַרצען און זיינען געווען אַ שטענדיגער קוואַל פון אַנגענעמע ער־רעגונג, ערוואַרטונג, פאַרגעניגען און אויך ענטוישונג. ער האָט דאָס פאַרגעניגען ביי איהר ניט געקענט אַוועקנעהמען.

ער איז איינגעשלאָפען לאַנג נאָכדעם ווי די מילך־וועגען האָ־בען מיט זייער גערויש איבערגעריסען די שטילקייט פון דער נאַכט און אָנגעזאָגט, אַז דער טאָג איז שוין ניט ווייט. דער שלאָף איז געווען אַן אומרוהיגער, נאָר ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פיעל דער־לייכטערט, מיט אַ פעסטען באַשלוס, אַז ער וועט זיין ווייב גאָר ניט זאָגען. נאָך אַלעמען איז די וועלט ניט אונטערגעגאַנגען. מענ־שען פאַרלירען שטעלען און מען געפינט ווידער שטעלען. אַזוי איז געווען אַלע מאָל און אַזוי איז איצט אויך.

זיין פּלאַן איז שוין געווען פאַרטיג. ער וועט אַוועק אין דער פריה ווי אַלע מאָל און זוכען אַרבייט. וועט ער ניט קריגען אַזאַ שטעלע, ווי ער האָט געהאַט פריהער, וועט ער זיין צופרידען מיט אַ קלענערע, און שפּעטער וועט ער שוין זעהן וואָס ער האָט צו טאָן. די ערשטע פאַר יאָהר אין אַמעריקאַ, אָהן אַ צונג, אָהן באַ־קאַנטע, איז ער אויך ניט פאַרפאַלען געוואָרען.

ביים ברעקפעסט האָט ער זיך געפיהלט גענוג פרעהליך צו פאַרטרייבען דעם שלעכטען איינדרוק, וואָס דער נעכטיגער אָבענד האָט איבערגעלאָזט אויף עלסי׳ן און ער האָט צו איהר געזאָגט:

— נו, שוין געלייענט די אַדווערטייזמענטס? האָסטו געזעהן, וואָס איז היינט די גרעסטע מציאה? מען צאָהלט אַ פרעמיום פאַר קעש. האָסטו עפּעס אָנגעקליבען אַ קניפּעל?

— הלואי וואָלט איך געהאַט אַ קניפּעל, — האָט זי געענטפערט אומעטיג.

— נו, נו, פאַרטרייב שוין דעם וואָלקען. ליכטיגע וואַרימע שטראַהלען פּאַסען זיך בעסער פאַר דיין פּנים.

— דו ביזט געווען שלעכט, שלעכט, שלעכט, — האָט זי געזאַגט און אַ קוק געטאָן אויף איהם פון אונטערן שטערן.

ער איז צו איהר צוגעגאַנגען און אַ גלעט געטאָן איבער'ן קאָפּ, ווי מען נעהמט איין אַ קינד, און בשעת ער האָט איהר אַזוי גע־גלעט, איז זי האָט געהאַלטען דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף זיין אַקסעל, האָט אַ צופרידענער שמייכעל געשפּיעלט אויף זיינע ליפּען. און דער שמייכעל האָט ווי געזאָגט: ווען דו זאָלסט וויסען, וואָס נעכטען איז געשעהן, וואָלסטו שוין ניט געזאָגט, אַז איך בין שלעכט.

פון דעם טאָג אָן האָט זיך אָנגעהויבען אַ דזאָשב זוכעניש. ער האָט אַלע מאָל געוואוסט, אַז צו קריגען אַ דזשאָב, ווי זיינעם, אַלס קאָרעספּאָנדענט, איז זעהר שווער, בפרט אין אַ צייט פון אַ קריזיס. דאָך איז ער דעם ערשטען טאָג אין דער פריה אַרויס־געפאָהרען פון דער היים מיט אַ שטאַרקער האָפנונג, אַז ער וועט זוכען, וועט ער געפינען. מיט יעדען סטיישאָן וואָס ער האָט זיך דערנעהנטערט צום דאַון־טאַון, איז די דאָזיגע האָפנונג אַלץ שוואַ־כער געוואָרען, און ווען ער האָט אַראָפּגעשטייגט אין דעם פינאַנ־שיעל־דיסטריקט, האָט ער אין גאַנצען פאַרלאָרען דעם מוט צו געהן נאָכפרעגען זיך וועגען אַ דזשאָב. ער האָט זיך באַנוגענט דערמיט, וואָס ער האָט אָפּגעוואַרט עטליכע באַקאַנטע דינער־צייט, און גע־בעטען זיי, אַז זיי זאָלען איהם לאָזען וויסען, ווען זיי וועלען הערען וועגען אַ וואַקאַנס.

מיט יעדען טאָג איז די האָפנונג געוואָרען שוואַכער און שוואַ־כער. ער איז טאָג־איין, טאָג־אויס אַרויסגעפאָהרען פון דער היים אין דער פריה, ווי ער וואָלט זיך געאיילט צו דער אַרבייט, האָט פאַרבראַכט דעם גאַנצען טאָג דאַון־טאַון אין געהן פון איין אָפיס צום צווייטען, נאָר אומעטום האָט ער געהערט דעם זעלביגען ענט־פער: „נאָטהינג דואינג".

אין א זיבען־אַכט טעג אַרום, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט א היים אין זעהר א פאַרצווייפעלטען מוט, איז עלסי אַראָפּגעלאָפען באַגעגענען איהם אויפ׳ן צווייטען טרעפּ און אָהן אַן אָטעם איהם דערצעהלט, אַז דער פלעט וואָס זיי האָבען אַזוי שטאַרק געוואָלט קריגען די גאַנצע צייט איז איצט לעדיג.

— דו ווערסט זיין צופרידען, אַז מיר וועלען קענען צאָהלען די רענט אין דיעזען פלעט, — האָט ער געזאָגט זעהר ביטער.

— וואָס... וואָס איז געשעהן? — האָט זי געפרעגט אין א צושראָקענעם קול.

אין די לעצטע זיבען־אַכט טעג האָט זי געפיהלט, אַז עפּעס איז ניט גלאַט. עלסי׳ס נערוועז זיינען געווען ווי קוועק־זילבער אין א טערמאָמעטער. זיי האָבען אויפגעכאַפּט די מינדעסטע ענדערונג אין דער אַטמאָספערע, וואָס האָט אַרומגערינגעלט איהר מאַנ׳ס נשמה. מיט זיין אַנשטרענגען זיך צו באַהאַלטען פון איהר די ענדערונג, וואָס איז פאַרגעקומען, איז איהם נאָר געלונגען אַראָפּ־צושלאָגען איהר פון דעם סליאַד. נאָר איצט איז דאָס שוין ניט געווען קיין געפיהל — זי האָט געוואוסט, אַז עפּעס שרעקליכעס איז געשעהן.

ווען זיי זיינען אַריין אין צימער האָט זי איהם א קוק געטאָן גלייך אין די אויגען און געפרעגט מיט א לייכטען ציטער אין קול:

— וואָס איז געשעהן?

ער האָט געטרייעט צו פאַרגלעטען דעם איינדרוק, נאָר דאָס איז איהם ניט געלונגען.

— איך וויל וויסען דעם אמת, דעם גאַנצען אמת, — איז זי צוגעשטאַנען צו איהם.

— ער האָט ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה און דערצעהלט, אַז ער האָט פאַרלאָרען זיין שטעלע.

און הגם זי איז געווען גרייט צו הערען דאָס ערגסטע, איז אָבער דער קלאַפּ געווען אַזאַ שטאַרקער, אַז זי איז געבליבען ווי א פאַרשטיינערטע. דאַן האָט זי זיך א וואָרף געטאָן צו איהם אויפ׳ן ברוסט און האָט אויסגעקרעכצט:

— וואס וועלן מיר איצט טאן? וואס וועלן מיר איצט טאן?

— נאך אלעמען, איז דאס ניט אזא אומגליק. מענשען פאר־לירען שטעלען און געפינען נייע שטעלען יעדען סעזאן — האט ער איהר געטרייסט.

— איך ווייס, איך ווייס, איך בין שולדיג אין דעם. דו האסט מיר די גאנצע צייט געווארענט, אז איך זאל זיין עקאנאמיש, און איך האב דיר ניט געפאלגט. איצט זיינען מיר פארלארען. מיר וועלען אויסגעהן פון הונגער און מען וועט אונז ארויסווארפען פון דער דירה, און אלץ צוליעב מיר — האט זי געוויינט.

פאר איהרע אויגען איז איצט ערשינען א סצענע פון דער איסט־סייד, וואו די בעביכעס זיינען ארויסגעשטעלט געווען אין גאס און ווי א פרוי זיצט שטום פאר א טעלער און די דורכגעהער ווארפען פעניס, ניקעלס, דיימס.

— האלטען מיר טאקע אזוי שלעכט? — האט זי פלוצים גע־פרעגט און אויפגעהערט צו וויינען.

— וואס דיר קען איינפאלען.

א היבשע ווײַלע זיינען זיי געשטאנען שטיל. פלוצים האט זי אויפגעהויבען דעם קאפ, אויסגעווישט די טרעהרען פון די אויגען און געזאגט:

— איצט, מארים, וויל איך דיר בעטען: טו מיר א טובה און זארג ניט. מיר וועלען שוין ווי עס איז דורכקומען. זאג מיר צו, מארים, אז דו וועסט ניט זארגען.

— איך בין ניט קיין ארויסגעווארפענער. ניט היינט — מארגען קריג איך אן אנדער שטעלע און איך האב ניט וואס צו זארגען — האט ער זיך געאיילט צו בארוהיגען איהר.

— אזוי איז גוט. דו געדענקסט, ווען מיר זיינען געקומען קיין אמעריקא האסטו א היבשע צייט קיין שטעלע ניט געקראגען, און מיר זיינען פונדעסטוועגען דורכגעקומען. מען דארף נאר דעם מוט ניט פארלירען.

— געוויס, געוויס, — האט ער אונטערגעכאפט און ניט געוואלט איהר אויפמערקזאם מאכען, אז דעמאלט זיינען זיי דורכגעקומען

מיט אַ דאָלאַר דריי אַ וואָך, און פאַר די לעצטע יאָהרען האָט ער יעדע וואָך געבראַכט פערציג דאָלאַר ווייזשעס.

אַ ווײלע זיינען זיי געבליבען שטיל. עס איז געווען קענטיג, אַז איהר מאָרך אַרבייט זעהר שנעל. דאַן האָט זי געזאָגט:

— איך וועל לאָזען אַ צעטעל דעם מילקמען, אַז פון מאָרגען אָן זאָל ער איבערלאָזען די פּ. (פּאַסטעאורייזד) מילך אַנשטאָט די פּ. פּ. (פּערפעקט פּאַסטעאורייזד), דאָס וועט מאַכען אַן אונטער־שייד אין צוויי סענט אַ טאָג.

זי האָט עטוואָס אָנגעבויגען דעם קאָפּ און געקוקט פריהער אין זיין זייט, דאַן אין אַ צווייטער, ווי עס איז געוועהנליך געווען מיט איהר דער פאַל, ווען זי האָט זיך געשעמט, ניט וויסענדיג, צי איהר פאָרשלאָג איז די ריכטיגע תרופה צו זייער קראַנקער לאַגע.

ניט קוקענדיג אויף דער גאַנצער טרויעריגקייט פון דער סי־טואַציע, האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון אַ שמייכעל און ער האָט מורא געהאַט צו עפענען דאָס מויל, אַז ער זאָל ניט אויסשיסען אין אַ געלעכטער. ווען דער קיצעלדיגער געפיהל איז אַריבער, האָט ער געענטפערט ערנסט:

— פאַר אַן אָנהויב איז דאָס ניט שלעכט. און איך פון מיין זייט וועל אויך אָנהויבען צו רויכערען ביליגערע סיגאַרעטען.

— ניין, ניין ניין! דאָס איז ניט נויטיג! — האָט עלסי פּראָ־טעסטירט. — דו פאַרלאָז זיך אין גאַנצען אויף מיר, און איך וועל שוין זעהן אויסקומען.

— דו ווייסט גאָר ניט וואָס פאַר אַן אוצר דו ביזט! — האָט ער געזאָגט און האָט אויסגעשאָסען אין אַ געלעכטער.

דער שווערער באַרג וואָס איז די לעצטע טעג געלעגען אויף זיינע פּלייצעס האָט זיך איצט אָראָפּגעקייקעלט און ער האָט מיט אַ מאָל דערפיהלט אַ דערלייכטערונג.

* * *

די כאַזאַנאָוויטשעס זיינען ניט געזונקען מיט אַ מאָל. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט זיך יעדען טאָג צוריקגעקעהרט מיט אַ טיפערען יאוש אין האַרצען, האָבען זיי דאָך ניט געוואָלט גלויבען, אַז תמו כל הקצין, אַז עס איז שוין אַן עק פון דער וועלט,

און מען האָט זיך געלאָזט אויף קאָמפּראָמיסען מיט׳ן דחקות. כל זמן די עטליכע דאָלאַר מזומן האָבען געדויערט, איז די עקאָנאָמיע אין שטוב געווען אויף קליינינקייטען און מען האָט זיך באַנוגענט דערמיט, וואָס מען האָט אָפּגעקירצט ווי ווייט מעגליך די זייטיגע הוצאה. דער געפּלאָנטער פרינץ־אַלבערט פאַר מאָריס׳ן און די פּאָר פאַר איהר זיינען פאַרגעסען געוואָרען. מען האָט אויך פאַרגעסען אַז די פּאָר בעלער, אויף וועלכע מען האָט גערעכענט צו געהן. אַ שפּאָר האָט מען געמאַכט אין געז, אין לאָונדרי, אין די קליינע זאַכען, וואָס אַ בעל־הבית׳ישקייט פאָדערט כמעט יעדע שטונדע אין טאָג און וואָס אַ מאַנסביל רעכענט קיינמאָל ניט אויס, ווען ער זעהט ווי די ווייזדושעס זיינע ווערען צורונען. בכלל אָבער איז די ווירטשאַפט אָנגעגאַנגען ווי פריהער, מען האָט נאָך געוואוינט אין דער זעלבער דירה און אַ זייטיגער וואָלט ניט געקענט באַמערקען, וואו דער שוך קוועטשט די כאָזאַנאָוויטשעס.

ווען די מזומן איז אויסגעגאַנגען און מען האָט געדאַרפט פאַרזעצען די פּאָליסי אין דער אינשורענס קאָמפּאַני, איז באַשלאָסען געוואָרען אַראָפּצוזינקען נאָך אַ טרעפּעל נידעריגער, אָבער טאָקע ניט מעהר ווי איין טרעפּעל. מען האָט זיך איבערגעצויגען אין אַ ביליגערע דירה, אָבער מיט אַן אויג אויף געוויסע באַקוועמליכקייטען, די גאַס אַ רוהיגע, די הויז מיט אימפּראָוומענטס, די צימערען ליכטיגע און דערביי זיינען ערקלעהרט געוואָרען אַלס לוקסוס אַזעלכע זאַכען, וואָס מיט איין חודש צוריק זיינען זיי געווען פאַררעכענט אַלס נויטווענדיגקייט. ביי דעם ערשטען קאָמפּראָמיס האָט מען אויפגעהערט צו געבען וועש אין דער לאָונדרי און מען האָט אריינגענומען אַ פרוי אין שטוב צו וואַשען און העלפען רייניגען די הויז. ביים צווייטען קאָמפּראָמיס האָט עלסי אויסגעפונען, אַז זי קען זיך באַגעהן אָהן אַ פרוי און ווען מאָריס האָט פּראָטעסטירט, איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז זי וועט איהם ערלויבען צו העלפען דרעהען דאָס נרעט און ווען זי וועט וואַשען די פענסטער, וועט ער איהר האַלטען פאַר די פיס. עלסי האָט אויך אויסגעפונען, אַז עס איז אַ היבשע נפקא מינה אין די הוצאה

פון געהן אַליין איינקויפען און פון וואַרטען אַז דער גראָסערי־מאַן און דער בוטשער זאָלען קומען נאָך אָרדערס.

די ערשטע פּאָר חדשים האָט כאַזאַנאָוויטש געזוכט אַ שטעלע אין זיין פאַך און האָט וועגען אַן אַנדער אַרבייט ניט געטראַכט. שפּעטער אָבער, ווען ער האָט פאַרלאָרען יעדע האָפנונג צו קריגען אַזאַ שטעלע, האָט ער אָנגעהויבען צו זוכען וואָס עס איז פאַר אַן אַרבייט. ער האָט געגלויבט, אַז ער דאַרף נאָר אָפּמאַכען ביי זיך צו נעהמען אַ פּראָסטע אַרבייט, וועט מען זיך מיט איהם דערפרעהען. נאָר ער האָט באַלד אויסגעפונען זיין טעות. אין די שעפּער, אין די פאַבריקען זיינען אויף יעדען דזשאָב געווען טויזענדע קאַנדידאַטען און ער האָט ניט געהאַט דעם מינדעסטען שאַנס צו זיין דער גליקליכער צו קריגען דעם דזשאָב.

וואָס ווייטער האָט איהם אַלץ מעהר דער מוט פאַרלאָזען. ער האָט געפיהלט, ווי מיט יעדען טאָג בויגט זיך אַלץ מעהר אַן דער קאָפּ, די אַקסלען לאָזען זיך אַרונטער, די טריט ווערען שוואַכער און זיין מענשליכע ווירדע פאַלט. ער האָט געפיהלט, אַז ווען ער קומט בעטען אַ דזשאָב, פרעגט ער ניט ווי איינער וואָס וויל אויס־בייטען זיין אַרבייט אויף געלט, נאָר ווי אַ נכנע וואָס קומט בעטען אַ נדבה. און ווען ער האָט דערשפּירט אַזאַ געפיהל אין זיך, האָט זיין האַרץ אָנגעהויבען צו קאָכען מיט כעס אויף זיין ווייב. ער האָט איהר באַשולדיגט, אַז זי האָט איהם געבראַכט דערצו, און זעהר אָפט האָט זיך אויפגעהויבען אַ ביטערקייט געגען איהר אין זיין האַרצען.

דאָס זינקען איז אָנגעגאַנגען שטופּענווייז און אין אַ האַלב יאָהר צייט האָבען שוין די כאַזאַנאָוויטשעס געהאַט רומס אין בראַנזוויל. דער בעסערער טייל מעבעל איז פאַרשוואונדען געוואָ־רען און די הוצאה איז הויז איז געוואָרען גאָר אַ קליינינגקייט, נאָר צו האָבען די דאָזיגע קליינע הוצאה איז ניט געווען מיט וואָס, און איצט האָט זיך פאַר איהם אָנגעהויבען אַ נייער דזשאָב: געהן זוכען באַקאַנטע צו לייען ביי זיי עטליכע דאָלאַר.

און דאָ האָט ער ווידער דערפיהלט די זעלבע שפּליקייט, וואָס ביים זוכען אַרבייט. ווען ער פלעגט קומען צו אַ באַקאַנטען, ביי

וועלכען ער וואָלט אין אַן אַנדער צייט בעטען מיט אַ שמייכעל לייהען אַ פּאָר צעהנדליג דאָלאַר, אַ סומע וואָס וואָלט איהם איצט געהאַלטען אויף די פּיס שעהנע עטליכע וואָכען, איז איהם איצט די סומע אויסגעוויזען אַזוי גרויס, אַז ער האָט עס פאַר די ליפּען ניט געקענט ברענגען, און ער פלעגט ענדיגען דערמיט, וואָס ער פלעגט אָפּציטען אַ שטונדע צייט און שמועסען וועגען אַ טאָג־פראַגע און אַוועקגעהן גאָרניט דערמאָנענדיג קיין הלוואה אָדער האָט גע־בעטען ווי אַ נדבה אַ דאָלאַר אָדער צוויי און אַ מאָל גאָר קלייניגקעלט, ווייל איהם האָט כלומר׳שט פאַרפעהלט אויף הוצאות אַ היים.

אין די דאָזיגע טעג פון יאוש, שפלות און הכנעה איז עלסי פאַר איהם געווען אַ קוואַל פון ערמונטערונג. ער האָט זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן ווי זי, די שוואַכע, די איידעלע, די קינדישע עלסי האָט איהר מוט ניט פאַרלאָרען און געהאַט גענוג האָפנונג און פרעהליכקייט אין זיך ניט צו לאָזען איהם אַראָפּזינקען אין געמיט אין גאַנצען. אָפט האָט ער געטראַכט, אַז אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס זי איז אַזוי קינדיש און זי באַגרייפט ניט, ווי פאַר־צווייפעלט זייער לאַגע איז.

איין ענדערונג האָט ער יאָ באַמערקט אין איהר. איידער דער אומגליק איז אויף זיי געקומען, פלעגט זי קיינמאָל ניט געהן אַליין און האָט אָהן איהם בשום אופן ניט געוואָלט מאַכען ערגעץ אַ וויזיט, נאָר די לעצטע צייט, ווען ער פלעגט זיך צוריקקעהרען פון דער אומזיסטער דזשאָב־זוכעניש אָדער פון זוכען אַ גמילת־חסד אַ ביסעל פריהער ווי מען האָט גערעכענט, פלעגט ער איהר אָפט ניט טרעפען אין דער היים.

— דו ביזט שוין דאַ? — פלעגט זי פרעגען אין אַזאַ פאַל און עס איז געווען קענטיג, אַז זי איז געווען אין אַ פאַרלעגענהייט.

— וואו ביזטו געווען?

— אַ, איך האָב געמאַכט אַ וויזיט. מיר ווערט אומעטיג אַז איך זיץ אַליין.

איין טאָג, ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון מיטען וועג און איז אַריין אין הויז אומערוואַרטעט, האָט ער געטראָפען זיין

יונגע ווייבעל זיצען ביים טיש, וואָס איז געווען פאַרוואָרפען מיט טאַשמעס סוטאַש, איינגעבויגען איבער אַ פעטערן.

— וואָס איז דאָ? וואָס טוט זיך דאָ? — האָט ער געפרעגט פאַרוואונדערט. — עס זעהט אויס ווי אַ שאָפּ.

איהר פּנים איז באַגאָסען געוואָרען מיט אַ שעמעוודיגע פאַרב און די פאַרב האָט פאַרדעקט אויך דעם שטערן און אַ טייל האַלז ביז די אויערען.

— איך... איך... האָב זיך אויסגעלערענט די אַרבייט.

— דו? ווען? וואו?

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז באַלד נאָכדעם, ווי זי האָט זיך איבערצייגט, אַז עס וועט זיין שווער פאַר איהר מאַן צו קריגען אַזוי גיך אַ שטעלע, און אַז עס קומט אָן אַ שווערע צייט, פלעגט זי פון איהר זייט אויך פאָהרען דאַון־טאַון זוכען אַרבייט.

לייענענדיג די אַדוועַרטייזמענטס, פלעגט זי זיך אָפט אָנשטויסען אויף „פאַרלאַנגטס", וואו מען זאָגט צו פרויען הרים וגבעות פאַר גרינגע אַרבייט, וואָס זיי קענען טאָן אין דער היים. זי האָט אָנגעהויבען צו ענטפערען אויף די דאָזיגע אַדוועַרטייזמענטס און הגם עס האָט זיך אַרויסגעוויזען ניט מעהר ווי זייפענבלאָזען, האָט זי די זוכעניש ניט אויפגעגעבען, ביז זי האָט געטראָפען אַ פּאָזאַמענטור פּלאַץ, וואו מען האָט איהר אָנגעבאָטען צו קומען יעדען טאָג אין שאָפּ און אויסלערנען זיך די אַרבייט, און נאָכדעם וועט מען איהר צאָהלען. אין דעם ערשטען פּלאַץ וואו זי איז דורכגעגאַנגען דעם קורס, האָט זי געאַרבייט אַ צוויי וואָכען אומזיסט, פאַר'ן לערנען, און נאָכדעם האָט מען איהר געזאָגט, אַז צוליעב דער שלעכטער צייט איז קיין אַרבייט ניטאָ. די זעלביגע ערפאָהרונג האָט זי געהאַט ביי נעקטיים און ווען זי האָט זיך די אַרבייט אויסגעלערענט, האָט מען איהר ערקלעהרט, אַז איצט איז סלעק און ווען די צייט וועט ווערען בעסער, וועט מען נאָך איהר שיקען. ענדליך האָט זי דאָך געקראָגען אַרבייט ביי פּאָזאַמענטור און זי פאַרדינט אַ דריי דאָלאַר אַ וואָך שוין איבער אַ חודש צייט, און וועדליג זייער הוצאה איז איצט אַזוי קליין, וועלען זיי קיין נויט ניט פיהלען.

ווען זי האָט דאָס איהם אַלץ דערצעהלט, האָבען זיך פאַרשידענע געפיהלען געביטען ביי איהם, געפיהלען פון גרונדלאָזען רחמנות צו איהר פאַרוואונדעטען שטאָלץ, באַוואונדערונג פון איהר מוט און שאַנדע, וואָס זי האָט געפונען אַרבייט און ער ניט, און ער האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

זי האָט אַ וואָרף געטאָן אַ פאַר׳גנב׳עטען בליק אויף איהם און געפרעגט:

— דו ביזט ניט אין כעס אויף מיר?

— אין כעס? פאַר וואָס זאָל איך זיין אין כעס? — האָט ער געענטפערט.

— דו ביזט אומצופרידען —

— וועל, — עס איז ניט קיין פאַרגעניגען צו זעהן, ווי דו אַר־ בייטסט און פאַרזאָרגסט מיר מיט חיונה.

— דו דאַרפסט אַזוי ניט רעדען. דו טוסט מיר וועה אומזיסט. איך האָב דעם גרעסטען פאַרגעניגען ווען איך ווייס, אַז איך קען דיר מיט עפּעס העלפען. און אַזוי גיך ווי דו קריגסט אַ שטעלע, וואַרף איך אַרויס די אַרבייט פון שטוב.

פון דעמאָלט אָן האָט ער געאַרבייט אומגעשטערט. ווען ער האָט זיך אַרויסגערופען צו העלפען איהר, האָט זי מיט גרויס עקשנות איינגעשפּאַרט זיך, אַז ער זאָל זיך דערצו ניט צוריהרען. „דאָס איז אַ ווייבערשע אַרבייט", האָט זי גע׳טענה׳ט, אַז זי וויל ניט, אַז איהר מאַרים זאָל ווערען פאַרווייבערט.

— ווייסטו וואָס, — האָט זי איהם געזאָגט — אויב דו ווילסט דוקא עפּעס טאָן פאַר מיר, לייען מיר די אַדווערטייזמענטס.

— וועלכע?

— פון די דעפּאַרטמענט סטאָרס.

ער האָט איהר אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— איך מיין ניט צו קויפען — האָט זי זיך פאַרכאַפּט — איך וויל נאָר הערען וואָס פאַר באַרגיינס זיינען איצט דאָ.

ער האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

אין שטוב איז געוואָרען פרעהליכער. מען האָט אָפט גע־ הערט אַ געזאַנג, אַ מאָל שטיל געברומט אונטער דער נאָז און אַ

מאָל גאַנץ הויך. ער פלעגט אָפט מאַכען שפּאַס דערפון, וואָס זי שטעקט אַרויס די שפּיץ צונג, ווען די אַרבייט האָט זיך ביי איהר פאַרטשעפּעט און איז ניט געגאַנגען אַזוי גלאַט, ווי זי האָט גע־וואָלט. די איינציגע אומאָנגענעמליכקייט וואָס זי האָט געהאַט איז געווען, וואָס די פינגער זיינען ביי איהר געוואָרען פאַרגרעבט און פון דעם גיפט פון דער פאַרב האָבען זיך געוויזען עטליכע בראָדעווקעס אויף זיי.

כאַזאַנאָוויטש האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו קלינגען דאָס גלעקעל ביים צוריקקעהרען אהיים פון זיין דזשאָב־זוכעניש, אַזוי ווי ער וואָלט גערעכענט, אַז זיין קומען אַ היים דאַרף אַרויסרופען אַ פרייד ביי זיין ווייב, און ער פלעגט אַריינקומען אַזוי שטיל ווי מעגליך.

עלסי, ווידער, האָט איצט אויך ניט געקענט זיצען ביים פענס־טער און וואַרטען ביז זי וועט איהם דערזעהן, ווייל זי האָט גע־וואָלט אָפטאָן אַזוי פיעל אַרבייט ווי נאָר מעגליך בשעת ער איז אין דער היים ניטאָ. נאָר איין טאָג, ווען ער האָט זיך צוריקגע־קעהרט פון דאַון־טאַון האָבען אַלע רומס אָפּגעקלונגען מיט אַ כפול־שמונה־דיגען קלונג. זי האָט דערקענט, אַז דאָס איז זיין קלונג. זי האָט אַ וואַרף געטאָן די אַרבייט און איז געלאָפען באַגעגענען איהם, ווי עס איז פריהער געווען איהר געוואוינהייט. נאָר איידער זי האָט דערגרייכט די טיר, איז ער שוין געווען אינעווייניג.

— אַ שטעלע געקראָגען! — האָט ער אויסגעשריען און אויס־געשטרעקט זיין האַנט און געוואָלט איהר אַרומנעהמען. נאָר זי האָט זיך באַפרייט פון זיין האַנט, איז אַרויפגעשפּרונגען אויפ׳ן וואַש־טאָפּ און אוועקגעלאָזט זיך אין אַ טאַנץ, וואָס אויף קיין ביהנע האָט מען נאָך ניט געזעהן.

— פאַרריקטע! — האָט ער אויסגעשריען מיט אַ געלעכטער, אַרומגענומען איהר ווי אַ קליין קינד און אַנידערגעשטעלט איהר אויפ׳ן פלאָר.

עטליכע מינוט האָט געדויערט אַ שפּרינגען, האַלזען זיך, קושען זיך און ווען זי איז עטוואָס שטילער געוואָרען, האָט ער גענומען איהרע ביידע קליינע הענט אין זיינע און געזאָגט:

— איצט הויב איך ווידער אָן צו פאַרדינען און מיר וועלען איצט ביידע קליגער זיין. מיר וועלען דאַרפען זיין עקאָנאָמיש, כדי נאָך אַ מאָל, ווען איך פאַרליר די ארבייט, זאָלען מיר ניט בלייבען אויסגעשטעלט. מיר וועלען איצט שפּאָרען אַזוי פיעל, ווי נאָר מעגליך, מיר האָבען זיך איצט צוגעוועהנט צו דחקות און דאָס וועט אונז זיין ניט שווער צו דערווייזען. דער לעסאָן, וואָס מיר האָבען געהאַט, איז איבער גענוג.

עלסי האָט אויף איהם אַ קוק געטאָן מיט גרויסע צושראָקענע אויגען און האָט אָנגעהויבען צו שטאַמלען.

— דדד... דו... דו שפּאַסט! זאָג, מאָרים, אַז דו שפּאַסט. אין די שלעכטע צייטען האָבען מיר זיך געפּלאָגט, מיר זיינען אַרום־געצויגען געוואָרען, מען איז געגאַנגען אָפּגעריסען, געלעבט ווי חזירים און... און... און אין די בעסערע צייטען וועלען מיר זיך ווידער פּלאָגען, ווידער אָפּזאָגען זיך פון אַלץ?!

זי האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען צו איהם און גרויסע טרערען זיינען אין זיי געהאַנגען.

— ניין, ניין, דו האָסט עס ניט געמיינט. ניין, איך זעה, דו האָסט געשפּאַסט. וואָס פאַר אַ נאַר איך בין!

די טרערען זיינען אַרויסגעפאַלען און ווידער האָט איהר גע־זיכט געשיינט פון פרייד און גליק.

ניין, ער קען ניט צושטערען דעם צוטרוילינבען גליקליכען שמיי־כעל. נאָך אַלעמען, ווער דאַרף זיך קימערען וועגען דעם מאָרגען, ווען היינט קען מען זיין גליקליך, און ער האָט געענטפערט:

— געוויס האָב איך געשפּאַסט.

.1910

סעמקע

— גאָלדע! — האָט דער קראַנקער גערופֿען.

— וואָס איז? — האָט זיך גאָלדע אָנגערופֿען פֿון קיך, וואו זי איז געשטאַנען פֿאַר׳ן „סינק" און האָט געשאַבען קאַרטאָפֿעל פֿאַר וועטשערע.

— וואו איז סעמקע?

— אין סטריט. וואו זאָל ער זיין! — האָט זי געענטפֿערט אין דער הויך און דערביי שטיל אָפּגעזיפֿצט, און דער זיפֿץ האָט גע־דאַרפֿט באַדייטען: דער טאַטע ליגט טויט־קראַנק און דעם זוהן ליגט עס אפֿילו אין דער לינקער פּאה ניט, ער שפּילט זיך אין גאַס.

— רופֿ איהם אַריין!

גאָלדע האָט אָפּגעשווענקט דעם אָפּגעשאָבענעם קאַרטאָפֿעל, וואָס זי האָט געהאַלטען אין האַנט, אונטער׳ן קראַן פֿון סינק, אַריינגעוואָרפֿען איהם אין אַ שיסעלע, אַ וויש געטאָן די הענט מיט׳ן פֿאַרטוך און איז אַריין אין צימער, וואו דער קראַנקער איז געלעגען און וואָס איז אַרוים מיט די פֿענסטער אין גאַס. זי האָט אַרויס־געקוקט דורכ׳ן פֿענסטער אין דרויסען אין דער האָפֿענונג, אַז זי וועט סעמקען דערזעהן און אַריינרופֿען. נאָר ער איז ניט געווען נעבען שטוב.

— וואָס דאַרפֿסטו איהם? — האָט זי געפֿרעגט.

— איך דאַרף איהם! — האָט דער קראַנקער געענטפֿערט צו־רייצט, ווי עס איז שטענדיג דער פֿאַל מיט קראַנקע, ווען מען טוט ניט גלייך, וואָס זיי בעטען.

— איך וועל אַרונטערגעהן אַריינרופֿען איהם — האָט גאָלדע געזאָגט אומצופֿרידען.

ניט דערשלאָפֿן, איבערגעאַרבייט, האָט זי זיך קוים געהאַלטען אויף די פֿיס. און יעדע איבעריגע אָנשטרענגונג איז איהר געווען שווער ווי דער טוידט. זי האָט געפֿיהלט, אַז זי טוט מעהר ווי איהרע כחות לאָזען איהר, און לויפען איבער די טרעפ אַראָפּ און אַרויף איז אונטער געוועהנליכע אומשטענדען געווען שווער פאַר איהר, און די איצטיגע שליחות האָט ביי איהר אויסגעזעהן, ווי אַן איבעריגע אכזריות פון דעם חולה. זי האָט אָבער איהר אומ־צופרידענהייט אַראָפּגעשלונגען און, אַפּקאַטשענדיג די אַרבעל פון יאַקעל, איז זי אַרויס פון טיר און געלאָזט זיך געהן זוכען סעמקען.

זי האָט איהם געטראָפען אין אַ קאָמפּאַניע פון עטליכע אינגלאַך מיט אַ קורצען פּלעקעל אין האַנט, אין אַ שאַרפען דיספּוט איבער אַ העלצעל, צי ער איז געפאַלען פאַר'ן תחום צי איבער'ן תחום, און דערביי האָבען אַלע געשריען מיט קוויטשיגע רייסענדע קולות און יעדער האָט זיך שרייענדיג אַלע ווייל אָנגעבויגען צו דער ערד און געוויזען מיט'ן פינגער צי מיט אַ פּלעקעל אויף אַן אַנדער פּונקט און גערופען זיך איינע די אַנדערע מיט ניט קיין פיינע נעמען.

— סעמקע! — האָט גאָלדע אויסגעשריען, נאָר איהר געשריי האָט זיך פאַרלאָרען אין דעם כאָר קוויטשיגע קולות פון די אינגלאַך.

— דער טאַטע רופט דיך! — האָט זי געזאָגט, דורכשפּאַרענדיג זיך צווישען די קינדער און אַרויפלעגענדיג איהר האַנט צו איהם אויפ'ן אַקסעל.

— האַ! — האָט סעמקע געפרעגט אומצופרידען. — דער טאַטע? וואָס וויל ער?

ביי דער לעצטער פראַגע האָט סעמקע איינגעצויגען די ליפען אַזוי, אַז די אויבערשטע האָט זיך אויסגעוועלבט.

— קום, וועסטו הערען.

סעמקע האָט מיט כעס אַ שליידער געטאָן דאָס פּלעקעל און, אויסשרייענדיג צו די חברים, אַז ער קומט באַלד צוריק, האָט ער זיך געלאָזט געהן אָנגעבלאָזען נאָך דער מאַמען.

— גוט אזוי, הא? — האָט די מאַמע אנגעהויבן צו רעדן איבער איהם. — דער טאַטע, רחמנא ליצלן, ליגט ביים שטאַרבען, און דיר ליגט אין זינען ארומצולויפען איבער די גאסען, שפּילען זיך מיט שטעקעלאַך און שלאָגען זיך מיט די לויפערס.

— איך האָב זיך היינט ניט געשלאָגען.

— דער טאָג איז נאָך גרויס. דו וועסט נאָך דאָס דייניגע דערוויייזען. איך וויים ניט, וואָס דו האָסט זיך אזוי אָנגעזעצט אויף מיר. דער טאַטע ליגט שוין דריי חדשים, די עטליכע טאַלער האָט ער שוין פאַרקרענקט. אין גראָסערי בין איך שולדיג, דעם בוטשער בין איך שולדיג, וואו מען האָט נאָר געקענט, האָט מען שוין אָנגעכאַפּט, קיין רענט שוין דעם צווייטען חודש ניט געצאָהלט, איך וויים ניט, וואָס מיט אונז וועט דאַ זיין, און דו —

— דו האָסט שוין ווידער אָנגעהויבן! אַיל גאַ עוועי! — האָט סעמקע געזאָגט און זיך אָפּגעשטעלט אין מיטען וועג.

— וואָס איז, איך רעד? מיינע צרות רעדען. דו ווילסט קיין זאַך נישט וויסען. דו האָסט ניט גאָט אין הארצען. ערשט מיט צוויי וואָכען צוריק האָט דער שוסטער פאַרריכט דיינע שיך — זעכציג בלוטיגע סענט האָט ער ביי מיר ארויסגעריסען, און איצט זיינען זיי שוין ווידער צוריסען. גזלן, וואו וועל איך עס נעהמען?

— אי וואוד נאָט גאָ, ענד דאַט׳ס אָלל! — האָט סעמקע געזאָגט ענטשלאָסען און געקוועטשט דעם טראָפּ אויף יעדען וואָרט באַזונדער און האָט זיך דערביי אַ קעהר געטאָן צו געהן.

גאָלדע האָט אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— נו, קום, איך וועל שוין מעהר גאָרנישט זאָגען.

ווען זיי האָבען זיך אויסגעגלייכט מיט׳ן הויז, וואו זיי האָבען געוואוינט, האָט גאָלדע געפרעגט:

— האָסטו ניט געזעהן די קינדער?

— זיי האָבען זיך דאַ פריהער געשפּילט.

גאָלדע איז געבליבען אין גאָס זוכען די קלענערע צוויי קינדער. צייט דער טאַטע איז קראַנק געוואָרען, האָט זי זיי כמעט אין גאַנצען ארויסגעלאָזט פון אויג. אַזעלכע עופה׳לאַך!

סעמקע איז מיט פולע טריט אַרויף אויף די טרעפּ, שטיל אַריין אין צימער און מיט אַ זייט, ברוגז׳דיג צוגעגאַנגען צום בעט און אַזוי ווי ער האָט זיך געריכט אויף אַ נייע לעקציע, האָט ער מיט אָפענער אומצופרידענהייט, ניט קוקענדיג אויפ׳ן טאַטען געפרעגט:

— וואָס ווילסטו?

דער קראַנקער האָט אויף איהם לאַנג געקוקט און קיין וואָרט ניט אַרויסגעזאָגט.

סעמקע האָט געפיהלט דעם קוק, הגם ער האָט איהם ניט געזעהן און איז געוואָרען אומרוהיג.

— סעם!

סעמקע האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן אויפ׳ן טאַטען. ער האָט געזעהן, ווי דער קראַנקער הויבט לאַנגזאַם אויף זיין אויסגעדאַרטע האַנט און ווישט אוים די טרערען, וואָס זיינען געשטאַנען אין זיינע אויגען.

די דאָזיגע שטומע סצענע האָט אויף סעמקען געמאַכט אַ שווערען איינדרוק. אויף זיין יונג פּנים׳ל האָט זיך אָפּגעטונקט שרעק, פּיין, רחמנות, ליעבע און ער האָט מיט געפיהל אויסגערופען:

— דאַנ׳ט קראַי, פּאַפּאַ, פּליז, דאַנ׳ט!

דער קראַנקער האָט געשלונגען האַרט. קענטיג, אַז ער האָט געוואָלט אַרונטערשלינגען די טרערען, נאָר דאָס איז איהם ניט געלונגען.

— קינד מיינס, — האָט דער קראַנקער אָנגעהויבען און דאָס האַלז איז איהם פאַרשנירט געוואָרען, די טרעהרען האָבען גענומען רינען איבער׳ן באַק פאַרביי דער נאָז און ווען זיי זיינען צוגעקומען צום נאָז־לאָך האָבען זיי אַרויסגערופען אַ קיצעל, פון וואָס דער קראַנקער האָט אַ פּאָר מאָל אַ טרייסעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ, און דער צווייטער באַק, וואָס איז געווען מעהר אָנגעבויגען צום קישען, זיינען זיי איבער די באַקען־באָרד געקומען צום אויער, וואו זיי זיינען געוואָרען, איבערלאָזענדיג אויף די האָר פון באָרד קליינע טראָפּענס, ווי טוי אויף גרעזעלאָך.

סעמקע האָט זיך צעוויינט.

— ווייז ניט, — האָט דער קראַנקער געזאָגט — קענסט פאַר־שטעהן, וואָס איך וועל דיר זאָגען?

— יעס, פּאַפּאַ, יעס.

— איך שטאַרב —

— דו שטאַרבסט? — האָט סעמקע געפרעגט מעהר פאַרוואונ־דערט, ווי געריהרט.

וועגען דער מעגליכקייט, אַז דער קראַנקער זאָל שטאַרבען, האָט סעמקע שוין לאַנג געהערט פון די שכנים, און אָבענד צייט אויף די טרעפּלאַך ביים אריינגאַנג אין הויז האָט ער מיט די חברים גע־שמועסט לאַנג און ברייט וועגען די געהיימנישען, וואָס באַגלייטען א טוידט, און אין אָבענד, ווען א חבר האָט איהם געפרעגט, צי ער וועט וואַגען צוצולעגען דעם אויער צום שוועל, ווען דער מת וועט ליגען אויף דער ערד, כדי צו הערען די שרעקליכע קולות פון דעם בר־מינן פון דעם שטרוי, וואָס שטעכט איהם ווי נאָדלען, האָט סעמקע פייערליך צוגעזאָגט, אַז ער וועט עס טאָן, און האָט אפילו אָנגעבאָטען די חברים, אַז זיי זאָלען דעמאָלט קומען צו איהם און זיי וועלען אַלע צולעגען די אויערען צום שוועל, און ווען דער טאַטע האָט איהם איצט געזאָגט, אַז ער שטאַרבט, האָט זיך זיין האַרץ א צאַפּעל געטאָן פון נייגעריגער ערוואַרטונג, אַז אַט־אַט עפענט זיך דער מיסטעריעזער פאָרהאַנג.

— יאָ, איך שטאַרב, מיין קינד. גאָט ווייסט, איך האָב גע־אַרבייט שווער, איך האָב געוואָלט מאַכען פון אייך מענשען. —

דער קראַנקער האָט פאַרשנירט די ליפּען און איז אנטשוויגען געוואָרען. א קוואַל טרערען האָט זיך א גאָס געטאָן פון זיינע אויגען.

— איך האָב ניט אויף וועמען אייך איבערצולאָזען. דו, מיין בכור, ביזט נאָך א קינד, און אייק און סיידי זיינען דאָך נאָך גאָר עופ׳עלאַך. וואָס וועט פון אייך ווערען —

— שטאַרב ניט, פּאַפּאַ! — האָט סעמקע אויסגעבראָכען אין א יאָמער.

— אַזוי איז אָנגע׳חתמ׳עט, — האָט דער קראַנקער געענטפערט

שוואך — פארגעס ניט, מיין קינד, צו זאגען קדיש. זאל איך כאטש דארטען אפרוהען.

— איך וועל זאגען, פאפא.

— און... פארגעס ניט, סעמעלע, אז דו ביזט איצט דער קליי־נער טאטעלע.

דער קראנקער האט פארמאכט די אויגען, נאר פון אונטער די פארמאכטע אויגען זיינען די טרערען אלץ גערונען און געצויגען זיך איבער׳ן זעלביגען וועג, וואס די ערשטע טרערען האבען אויס־געטראטען אויף די באקען. דאס געזיכט פון דעם קראנקען איז גע־ווען אזוי רחמנות׳דיג הילפלאז, אז דאס יונגע הערצעל ביי סעמקען האט זיך ממש צוריסען.

* * *

א שטיפעריש קינד איז סעמקע אריינגעקומען אין צימער פון דעם קראנקען טאטען. ברוגז האט מען איהם אפגעריסען פון מיטען שפיל, קינדיש צו זעהן א צאצקע אין די פודעלקעס, אין וועלכע פיליולען זיינען געלעגען און ניט צו פארשטעהן די טראגעדיע, וואס די פיליולען האבען באדייטעט. גדלות׳דיג וואס די מאמע מיט איהרע ציטעריגע הענט טרויט זיך ניט צו גיסען די רפואות פון פלעשעלע טראפענווייז אין א לעפעל וואסער און וואס ער איז דער גיסער און מעסטער פון די רפואות. אין דער גאנצער קראנק־הייט פון דעם טאטען האט ער נאר געזעהן אן אויסצייכענונג, מיט וואס ער האט זיך געקענט באריהמען פאר זיינע חברים און מיט וואס ער איז געווארען פאפולער אין זיין גאס: זיין טאטע איז קראנק, צו זיין טאטען געהט יעדען טאג א דאקטאר, זיין טאטענס רפואות קאסטען א סך געלט, זיין טאטע האט פארלארען דרייסיג פונט וואג אין א פאר חדשים. און ווען מען האט גערעדט וועגען טאטענס טוידט, האט ער די שרעקליכקייט דערפון ניט געקענט באגרייפען און ער האט בשעת מעשה געטראכט וועגען דעם עפעקט, וואס וועט מאכען אין גאס, ווען ער און די מאמע און אייק און סיידי וועלען פאהרען נאך דער לויה אין א קארעטע. עס איז אמת, אז די מאמע האט איבער איהם גע׳טענה׳ט און זי האט איהם גע׳מוסר׳ט און ערקלעהרט איהם זייער שרעקליכע לאגע,

נאָר ער האָט געוואוסט, אַז די מאַמע טענה'ט שטענדיג און מוסר'ט שטענדיג און קלאָגט.

נאָר די קורצע סצענע צווישען איהם און דעם טאַטען, די קורצע ווערטער, אַ טייל פון וועלכע ער האָט ניט פאַרשטאַנען, דער שטומער אויפרוף פול מיט די ביטערע טרערען, און מעהר ווי אַלץ דאָס, וואָס דער גרויסער טאַטע האָט איהם איבערגעגעבען זיין פלאַץ, דאָס אַלץ האָט מיט אַ מאָל פון איהם געמאַכט אויס קינד. זיינע יונגינקע פּלייצעס האָבען פּלוצים דערפיהלט דעם שווערען יאָך פון אַ שטוב אָהן אַ פאַרדינער, די שרעקליכע טראַגעדיע פון פאַרלירען צו נייך־צעהן יאָהר אַ טאַטען. די סימנים פון וועלכע זיינען שוין דריי חדשים אַזוי בולט געשטאַנען פאַר זיינע אויגען, האָט ער איצט צום ערשטען מאָל דערזעהן און דערפיהלט. ערשט איצט האָט ער צום ערשטען מאָל באַגריפען דעם צוזאַמענהאַנג פון די פּיליולען און רפואות מיט דעם טאַטענס איינגעפאַלענע באַקען, אויסגעדאַרטע הענט, מיט'ן געהן אויף די שפּיץ פינגער בשעת דער קראַנקער שלאָפט, מיט דער בייזקייט פון דעם קרעמער און דעם קצב, ווען די מאַמע שיקט איהם קויפען „אויפ'ן בוך“ — ער און סיידי און אייק בלייבען אָהן אַ טאַטען. זיי וועלען מעהר שוין קיין טאַטען ניט האָבען.

עס האָט זיך דערהערט אַ שטיל כראָפּען פון דעם קראַנקען, ווען די לאַמפּ … ווען דאָס קורצע געשפרעך האָט אויסגעמאַטערט. סעמקע האָט פּלוצים דערפיהלט, אַז דאָס הערצעל ברענט איהם אַזוי, אַז ער מוז אויסשיסען אין אַ יאָמער. ער האָט זיך אויף די שפּיץ פינגער אַרויסגעכאַפּט פון צימער, פאַרשטופּט זיך אין אַ ווינקעל אין קאָרידאָר, צונויפגעדרעהט זיך ווי אַ קנויל און האָט ביטער געכליפּעט.

* * *

די גאַנצע צייט פון שבעה האָט זיך סעמקע אַרומגעדרעהט אין די צימערען ווי אַ שאָטען. דאָס קליין פייערל פון דעם גאַז, וואָס האָט געברענט סיי טאָג און סיי נאַכט אין רעהר, דער פאַרהאַנגענער שפּיגעל, דאָס שטילע רעדען, ווען קיין פרעמדע זיינען ניט געווען. די פּלוצליכע אַנפאַלען פון צערטליכקייט, ווען די

מאַמע פּלעגט די אַלע דריי יונגע יתומים׳לאַך אַרומנעהמען און צוטוליען צו זיך און אויספּלאַצען אין אַ יאָמער: „וואָס וועט פון אייך ווערען, עופעלאַך מיינע, אָהן אַ טאַטען?“, די בייגעל, וואָס די שכנות האָבען געבראַכט, דאָס זיצען אויף אַ פּוס־בענקעל — דאָס אַלץ האָט מעהר פאַרשטאַרקט דעם אומעט און טרויער, וואָס האָבען אָנגעפילט זיין הערצעל. זיין באַנעהמען זיך מיט דער מוטער און אינגערע שוועסטער־ברודער איז געווען פון אַ סטאַלגעם מענשען. ווען סיידיי׳ן האָט זיך פאַרוואָלט זעצען זיך ביי דער מאַמען אויפ׳ן שוים דוקא, ווען אייק איז דאַרטען געזעסען, האָט ער איהר גע׳מוסר׳ט, אַז זי איז עלטער פון אייק׳ן און דאַרף זעהן ניט צו גערייסען זיך מיט׳ן אינגערן ברודער. און אַז דאָס האָט ניט געהאָלפען, האָט ער איהר גענומען צו זיך אויפ׳ן שוים, אָדער ער האָט איהר פאַראינטערעסירט אין עפּעס אַ שפּיל, און געשפּילט האָט ער מיט איהר, ווי אַ סטאַלנער מענש, וועלכער איז פאַרנומען מיט אַ שווערען פּראָבלעם, נאָר וועלכער פאַרשטעהט, אַז קינדער האָבען שוואַכקייטען און מען מוז זיי נאָכגעבען. ווי ווייט ער האָט געקענט, האָט ער די הכבדה פון שטוב גענומען אויף זיך, כדי די מאַמע זאָל קענען אָפּרוהען. נאָר איין זאַך האָט אַרויסגערופען אַ שאַרפען פּראָטעסט אין זיין האַרצען, און דאָס איז געווען געוועהנליך, ווען שכנות זיינען אַריינגעקומען און די מאַמע האָט יעדעס מאָל, ווי לויט באַשטעלונג, אויסגעבראָכען אין אַ געוויין און יעדעס מאָל אָנגעהויבען מיט׳ן זעלבען ניגון, וואָס מען באַוויינט אַ טויטען, צו קלאָגען אויפ׳ן יונגען בוים, וואָס איז אָפּגעהאַקט געוואָרען פאַר דער צייט און אויף איהר אומגליקליכע באַגנולאַגע. נאָר ער האָט דער מאַמען קיין זאַך ניט געזאָגט און גענגט זיך דערמיט, וואָס ער פּלעגט פאַרבייסען די ליפּען און אַרויסגעהן אין אַ צווייטען צימער.

נאָר אַמאָל, ווען ער האָט דערהערט ווי די שכנות רעדען וועגען זעלבסט־קצבה פון דער צדקה־חברה, ווי וועגען אַ זאַך, וואָס איז פאַרשטענדליך, האָט ער זיך קוים דערוואַרט, אַז די שכנות זאָלען אַוועקגעהן, און מיט אַ קול, וואָס האָט געציטערט פון טרערען, האָט ער אויסגעשאָסען:

— מאַמע, איך וויל ניט, מיר זאָלען נעהמען טשאַריטי.

— קינד מיינס, וואָס רעדסטו? דו פאַרשטעהסט נאָך ניט, אַז מיר האָבען פאַרלאָרען אונזער ברויט־געבער.

און דערביי האָט זי אויסגעשאָסען אין אַ ניי געוויין.

— איך וועל זיין דער ברויט־געבער, — האָט ער געזאָגט ענטשלאָסען.

— דו?!

זי איז אַ ווײַלע געבליבען שטיל און אָנגעקוקט איהם מיט פאַרוואונדערטע אויגען. סעמקע האָט זיך פאַרשעמט און אַ לייכטע פאַרב האָט זיך פאַרשפּרייט איבער זיין געזיכט.

— נאַרעלע, וואָס קען אַזאַ קינד ווי דו טאָן? דערווייל דאַרף איך נאָך יאָהרען־לאַנג זאָרגען וועגען דיר.

זי האָט איהם אַרומגענומען מיט ביידע הענט און ביידע האָבען געוויינט. סיידי און אייק, קוקענדיג אויף זיי, האָבען אויך אויסגעבראָכען אין אַ געוויין, און אין שטוב איז געוואָרען אַ נייע יללה.

* * *

גלייך נאָך שבעה האָט זיך סעמקע גענומען צו פאַרקויפען צייטונגען.

ער האָט זיך דערצו גענומען מיט דער ערנסטקייט פון אַ גרעסערען מענשען. אין דער צייט, ווען זיינע נייע חברים, וואָס האָבען פאַרקויפט צייטונגען, פלעגען זיך אַוועקלאָזען ווי מחבלים מיט'ן בינטעל פרישע צייטונגען אונטערן אָרעם מיט אַ ווילדען געשריי „יעקסטראַ־אַ־אַ!" און מעהר אָנקוועלען פון זייער אייגענעם שרייען, ווי פון דער פּרנסה, וואָס דאָס שרייען האָט געבראַכט, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ראָג אין פּאַרק ראָו, און זיינע אויגלאָך זיינע געשפּרונגען פון איין דורכגעהער אויפ'ן צווייטען און געזוכט דעם קונה און ווען דער שטראָם פון דורכגעהער פלעגט ווערען שוואַכער, פלעגט ער שפּרינגען פון איין עלעקטרישען וואַגאָן אויפ'ן צווייטען און איז מיט אַלע געדאַנקען געווען אריינגעטאָן אין דער פּרנסה. ער האָט זיך מיט חברים ניט פאַררעדט, האָט זיך ניט פאַרגונען צו פאַרטיפען אין די ציפער פון די באַ־

ריכטען, וואס האבען פארנומען דעם בכבוד׳יגסטען פלאץ אויף דער ערשטער זייט פון די צייטונגען וועגען דעם נאציאנאלען שפיל „בייס־באל" און פון וועלכען עס צאפעלט אזוי שטארק דאס הארץ פון דעם אמעריקאנער אינגעל און יונגענמאן. ער איז די גאנצע צייט געווען דורכגעדרונגען מיט׳ן באוואוסטזיין, אז אין דער היים איז פאראן א מאמע און א קליין ברודערל און א קליין שוועסטערל און ער איז זייער ברויט־געבער.

די ערשטע צייט, ווען ער פלעגט פארטיג ווערען מיט זיין בינטעל צייטונגען און קומען אהיים מיט זיינע פופציג־זעכציג סענט ריוח, האט ער זיך פארגונען נאך דער וועטשערע ארויס־צוגעהן אין גאס, אנידערזעצען זיך מיט חברים אויף א טרעפ ביים ארייגאנג אין א הויז און דערצעהלען מיט א זעלבסט־צופרידענ־הייט זיינע ערפאהרונגען און וועגען זיין נייער באקאנטשאפט פון דער נייער סביבה און עס האט זיך געהערט ניט קיין קליינע מאס קינדערשע באריהמעריי, ווען ער האט גערעדט וועגען זיינע פאר־דינסטען.

— איך בין דער פארדינער אין שטוב!

דערביי געוועהנליך פלעגט ער צוזאמענלעגען זיינע הענטלאך אויף דער ברוסט און לאנגזאם שאקלען מיט׳ן קאפ פון אויבען ארונטער.

סעמקע איז געווען זיכער, אז די פופציג־זעכציג סענט א טאג, וואס ער ברענגט אהיים, זיינען גענוג צו האלטען דאס הויז גוט פארזארגט. נאר עס האט איהם לאנג ניט גענומען צו באמערקען, ווי סיידי הויבט אן צו שלעפען דער מאמען פאר׳ן פארטוך און מיט א געוויין אהן טרערען בעטען א סענט. און די מאמע, פארלירענדיג געדולד, שלאגט איהר אן דערפאר און רופט איהר „נאשערקע" און „טרפה׳נע קישקע" און „גע׳שמד׳טע האלז" און אז זי איז אלט גענוג צו פארשטעהן, אז ווען אין שטוב קומט מען קוים אויס מיט ברויט, דארף מען ניט וועלען קיין קענדים אדער טאמייטאס. ביי סיידי׳ן זיינען טאמייטאס געווען די גרעסטע נאשעריי. און סעמקע האט זיך דערמאנט, ווי פאר א יאהרען, ווען דער טאטע האט געלעבט און געארבייט, האט די מאמע אין אבענד

מיט שטראַהלענדע אויגען דערצעהלט, ווי סיידעלע האָט ביי איהר געבעטען אַ סענט און איז אַליין אַרונטער די טרעפּ, איז אַריין אין גראָסערי אַנטקעגען איבער און האָט געקויפט אַ טאָמייטאַ. די גרויסע בוגרת איז דעמאָלט אַלט געווען דאָס דריטע יאָהר. און דער טאַטע האָט איהר געקושט פאַר איהר בריה׳שקייט, און דער פאַרדינער פון דעם הויז האָט באַגריפען, אַז ער טוט נאָך ווייט ניט אַלץ, וואָס אַן אמת׳ער ברויט־געבער דאַרף טאָן.

* * *

— סעמעלע, פאַר וואָס זעצסטו זיך ניט צום טיש עסען? די זופּ וועט קאַלט ווערען, עס וועט קיין טעם ניט האָבען, — האָט גאָלדע האַלב־געפּרעגט, האַלב־געוואָרטשעט ביים סאַפּער.

— מאַמעשי, איך וויל ניט. בעליוו מי, איך וויל ניט.

— מיט וואָס ביזטו זאַט, אַ בראָך צו דער מאַמען, דו האָסט דאָך ביי טאָג אויך ניט געגעסען.

— איך קען ניט וואַרטען, מאַמעשי. איך לויף אַרום דעם גאַנצען טאָג און איך ווער הונגעריג, און איך מוז אין מיטען עפּעס כאַפּען עסען. איך קען ניט וואַרטען אויף סאַפּער, סי?

— איך זעה, איך זעה. עס איז אַ בראָך אַ גוטער דער מאַמען.

— עס, מאַמע, און גיב די קינדער. איך וועל דערווייל מאַכען די ריטוירנס (צונויפּפּאַקען די איבערגעבליבענע צייטונגען).

— דער קאָפּ קען דיר האַרט ווערען עסענדיג. וואָס איז דאָס פאַר אַן עסען, אַז מען כאַפּט עפּעס. דו וועסט נאָך פאַרדאַרבען דעם מאָגען.

אַזאַ דיאַלאָג האָט מען געקענט הערען זעהר אָפט ביים סאַפּער, און בכלל פלעגט עס פּאַרקומען, ווען סעמקע פלעגט זיך צוריקקעהרען אַהיים נאָך אַ שלעכטען טאָג פּרנסה.

אָפט פאַר׳ן שלאָף האָט די מאַמע געטאַפּט זיינע הענטלאַך, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי שטעקלאַך; די ריפּען, וואָס מען האָט געקענט איבערצעהלען און מיט טרעהרען באַמערקט:

— דו ביזט אַזוי אויסגעדאַרט, מיין קינד, הויט און ביינער.

— איך וואקס, מאמע, — האט ער געענטפערט פרעהליך. — דו וועסט זעהן, מאמע, איך וועל גאר גיך זיין אזא גרויסער און וועל מאכען עי לאט אף מאני.

* * *

די חברים צייטונגס־פארקויפער האבען סעמקען ניט ליעב גע־האט, זיי האבען איהם גערופען „סטינדזשי גאוט" (קמצן), ער האט אין זייערע שמחות קיין אנטייל ניט גענומען, און וואו עס האט זיך געהאנדעלט אויסצוגעבען א פאר סענט, האט ער זיך ארויס־געמאכט. נאר איין חבר זיינער, „לעפטי", א פראדוקט פון עלענד און פון דער סטריט, האט זיך מיט איהם באפריינדעט. ווען נאר איהם פלעגט אויסקומען צו שטעהן נעבען סעמקע'ן, האט ער איהם אונטערגערוקט א ביס פון א „פראנקפורטער" אדער פון א באנאנא אדער געגעבען איהם א פאר ציה פון זיין סיגארעט.

א מאל, ווען „לעפטי" האט געוואונען עטליכע סענט אין קרעפס האט זיך „לעפטי" אנגערופען צו סעמקע'ן:

— קום, מיר וועלען א לעב טאן.

ער איז מיט איהם אוועק אין א ביליגען רעסטאראן און גע־הייסען זיך געבען א סאפער כיד המלך. סעמקע האט זיך צוגע־כאפט צום עסען ווי איינער, וואס האט שוין א צייט ניט פארזוכט קיין נארהאפטע שפייז, און „לעפטי" האט אנגעקוואלען, וואס זיין חבר עסט מיט אזא אפעטיט. סעמקע איז יענעם אבענד געקומען אהיים מיט יענער היה'שער צופרידענהייט, וואס א זאט עסען רופט ארויס.

די שמחה האט אבער לאנג ניט געדויערט... אין מיטען נאכט האט ער זיך אויפגעכאפט מיט שרעקליכע קרעמפען. ער האט די יסורים ניט געקענט פארבארגען און די מאמע האט מיט פאר־בראכענע הענט גע'טענה'ט:

— אבער איך האב געזאגט, אז דו וועסט דיין מאגען פאר־דארבען.

האט מען אין מיטען נאכט געמוזט ברענגען א דאקטאר, וועל־כער האט איבער איהם געארבייט א היבשע צייט. דאן האט ער ערקלערט, אז מען דארף איהם שיקען אין האספיטאל.

— אין האָספּיטאל ? ! — האָט גאָלדע געפרעגט און איז געבלי־בען ווי פאַרשטיינערט.

— דער באַי איז אויסגעהונגערט צום טויט און עס איז דאָ אַ קנאַפּע האָפנונג אויף זיין לעבען.

אין דער פריה האָט מען סעמקען צוגענומען אין אַ אמבולאַנס און אין אָבענד האָט מען גאָלדען געבראַכט די בשורה, אַז איהר באַי איז געשטאָרבען.

נאָר גאָלדע איז נאָך אַלץ ניט געקומען צו זיך פון דעם לעצטען קלאַפּ, וואָס דער דאָקטאָר האָט איהר געגעבען, און ווען מען זי באַגעגענט פון די שכנות, טענה׳ט זי :

— אויסגעהונגערט ? און מיין סעמעלע איז שטענדיג געוועזען זאַט. מען האָט זיך ביי איהם געדאַרפט בעטען, אַז ער זאָל עפּעס עסען אין דער היים.

די געפאלענע

איך האב זיך געאיילט א היים דורך ....סטריט ; אויף איינעם פון די פינסטערסטע בלאקס פון דער סטריט האב איך באמערקט, ווי א שאטען האט זיך ערגעץ פון דער פינסטער ארויסגערוקט און גענומען געהן מיר אנטקעגען. פאר א ווייטען שיין פון א פאנאר האב איך באמערקט, אז דער שאטען טראגט א קליידעל. ווען איך האב זיך מיט'ן שאטען אויסגעגליכען, איז נעבען מיר געשטאַנען א מיידעל מיט אנגעפודערטע באקען און געקוקט אויף מיר מיט יענע חצופ'ישע אויגען, וואס מען קען באגעגענען ביי אלע געוויסע מיידלאך, וואס פיהרען ביינאכטיגע געשעפטען...

ווען איך האב זיך מיט איהר באגעגענט מיט די אויגען האב איך א ציטער געטאן און באמערקט, אז דער שאטען, וואס האט מיר פאראורזאכט דעם ציטער, האט זיך אויך א צאפעל געטאן און א שפרונג געטאן א טריט אויף הינטען.

מיט צוויי יאהר צוריק פאר דער באגעגעניש, וואו איך האב דא איצט באשריבען, האב איך געוואוינט אין א גרויסע, פינסטערע טענעמענט הויז אין אידישען געגענד. צייט האב איך געהאט איבער גענוג, און אזוי ווי מיין פענסטער איז ארויסגעגאנגען צום סטריט, פלעג איך שטונדענווייז אפזיצען ביים אפענעם פענסטער און צוקוקען זיך צו אלץ, וואס געהט פאר אין דרויסען.

א גרויסען אינטערעם האב איך אין סטריט ניט געפונען. שטענדיג די זעלבע פארשווארצטע, אויסגעשמירטע, אפגעריסענע, אויסגעמאגערטע קינדערלאך, מיט וועלכע דער איסט־סייד איז זעהר רייך, שטענדיג ערגעץ ברענט אן אלטער מאטראץ, וואס די קינדער צינדען אונטער, און דער רויך מאכט ביטער אין האלז, שטענדיג מיט די זעלביגע פוילע און אמת'ע טריט פון דער אומערטרעגליכער

געשטופּט מיט אַ מוטער־קערעדזשיל אום צו געבן דער בייבי וואָס ליגט אין איהר אַביסעל „פרישע לופט״ — שטענדיג די זעלביגע דריקענדע קאַרטינע, נאָר עטוואָס פאַרב צו דער קאַרטינע האָט צוגעגעבן איינע אַ ראָפּען מייקערין און זי פלעגט מיר אָפּט האַל־טען שעה׳נווייז ביים פענסטער.

די פינישערין איז געווען וואָס מען רופט אַ לעבעדיגע שטיק סחורה און האָט לעבעדיג געמאַכט דעם גאַנצען בלאָק. פון ווייט און פון נאָהענט פלעגען זיך צונויפקומען באָים און אַלע האָבען זיך געדרעהט אַרום איהר, כאָטש מיידלאַך זיינען געווען אין אונ־זער טענעמענט־הויז איבער גענוג. קיין שעהנהייט איז זי ניט געווען, נאָר זי האָט דעמאָלט געהאַלטען אין בליהען און האָט אין זיך געהאַט עפּעס אַזעלכעס, וואָס ציהט צו זיך צו דעם פּראָסטען עולם. וואָס דאָס איז אַזעלכעס? אַזוי שווער אָפּצושטימען, צי דאָס איז געווען כוואַטסקייט וואָס איז געווען אויסגעגאָסען אי־בער׳ן גאַנצען פיגור. צי דאָס איז דער קול פון לעבען, וואָס האָט זיך געהערט פון אַלע איהרע גלידער. ווי דאָס איז, צווישען אַלע מיידלאַך, פון די טענעמענט הייזער אויף דעם בלאָק וואו איך האָב געוואוינט, איז זי, מיט איהרע גראָבע געזיכטסציגע, מיט איהר ווייט ניט פרויענצימערשען קול, מיט איהרע גראָבע הענט, געווען אַ בלימעל, אַרום וועלכען עס האָבען זיך אַרומגעדרעהט פאַרשידענע.

ווי נאָר זי פלעגט זיך באַווייזען פאַר׳ן הויז האָט זיך גלייך אַנגעהויבען חוכא וטלולא און איהר קול, סיי אין לאַכען, סיי אין רעדען, האָט זיך געהערט העכער פאַר אַלעמענס.

און זי האָט געקענט אַמוזירען די באָים. איבעריגענס, ווייס איך נאָך עד היום ניט, צי זי האָט געוואָלט אַמוזירען פרעמדע, אָדער די פולקייט פון לעבען, וואָס האָט אין איהר געקלאַפּט, האָט איהר געמאַכט פרעהלאַך פאַר זיך אַליין. גיכער פאַר אַלץ האָבען ביידע זאַכען געהאַט אַ חלק אין איהר פרעהליכקייט...

און שטאָף צום פרעהלאַך מאַכען האָט איהר ניט געפעלט. זי אַליין איז קיין גרויסע אויסקלייבערקע ניט געווען, און די וואָס האָבען זיך מיט איהר מיטגעפרעהט — נאָך ווינציגער. זי האָט

געהאַט אַ קעפּ מיט אַ ברילעק. טראָגען איז גאָס פלעגט זי עס ניט,
אַזוי ווייט האָט איהר קיין מוטה ניט געכאַפּט — נאָר פאַר׳ן הויז,
ווען די באָים פלעגען זיך צונויפקומען, פלעגט זי עס אָנטאָן, נעה־
מען ביי אַ באָי אַ שטעקעל און שפּאַצירען איבער׳ן סייד־וואָק, נאָכ־
מאַכענדיג, ווערליג זי האָט פאַרשטאַנען, ווי אַ פּריצה דאַרף שפּאַ־
צירען און פלעגט דערביי אויסגלייכען דעם קאָפּ און וואַרפען מיט
די פּלייצעס. דאָס פלעגט אַרויסרופען אַזאַ מין געלעכטער, אַז ניט
נאָר די באָיס, נאָר אַפילו באַיאָרענטע מענשען, וואָס האָבען זיך
דעמאָלט געטראָפען אויפ׳ן בלאָק און די שכנים וואָס זיינען גע־
זעסען אויף די בריקלאַך פאַר די הייזער אָדער די וואָס האָבען
געקוקט פון די פענסטער, האָבען זיך ניט געקענט איינהאַלטען ניט
צו לאַכען.

ווען אַ באַקאַנטער באָי פלעגט צופאָהרען צום הויז מיט אַ
בייסיקעל, און דאָס האָט פּאַסירט כמעט יעדען פאַרנאַכט, האָט
זי לאַנג ניט מבחין געווען פון אַ זכר׳שען בייסיקעל צו אַ נקבה׳שען,
פלעגט אַ ביסעל צו הויך פאַררייסען דאָס קליידעל און מיט צוויי
באָים פוןביידע זייטען פאָהרען, און פלעגט אָנטרייבען ווי מיט
אַ פערד: „נאָ, קאַשקאַ, נאָ!" און זי אַליין און די באָים זיינען
דערפון געווען ענציקט.

אין באָל האָט זי געשפּילט ווי אַ מזיק, אַ וואַרף־טאָענדיג דעם
באָל, האָט זי זיך געסטאַרעט, אַז ער זאָל פליהען וואָס העכער,
נאָר אַזוי ווי זי פלעגט דעם באָל וואַרפען אויפ׳ן פּרויענצימערישען
אופן, דאָס הייסט פון הייבען און ביי יעדען מאָל אַ שליידער טאָן
פלעגט זי אַליין זיך איינבויגען כמעט ביז צו דער ערד, פלעגט
דערפון זיין אַזאַ מין פּאַטעכע, אַז אַלע אַרומיגע און זי פלעגען
לאַכען.

נאָר איהר פריהייט איז דאָך געווען באַשרענקט. די מוטער,
וואָס איז ניט לאַנג צוריק אַראָפּגעקומען אַהער פון יוראָפּ, האָט
דוקא געגען איהר שפּילען גאָר ניט געהאַט. „דאָ איז אַמעריקאַ!"
פלעגט זי געוועהנליך ענטפערען, ווען אַ קרוב פלעגט איהר אויפ־
מערקזאַם מאַכען אויף דער טאָכטער׳ס פיהרונג, נאָר געשטערט
האָט איהר דזשייק; אויפ׳ן בלאָק האָט מען געוואוסט, אַז דזשייק

איז איהר „פעללאו". איהם איז שטאַרק ניט געפעלען געווען איהר שטיפען מיט די באָים. דאָס רוב פלעגט זי איהם ניט הערען און ניט אַכטען אויף זיינע פּראָטעסטען, דאָס רוב ווען ער פלעגט קומען און נעהמען טרייבען איהר אין שטוב, פלעגט זיך אויסלאָזען מיט דעם, אַז ער פלעגט אין כעס ווערען און אַוועקגעהן ברוגז. נאָר דאָס, פאַרשטעהט זיך, האָט איהם ניט געשטערט שפּעטער אַ ווײַלע ווייטער קומען און באַנייען די קריעג, נאָר דאַך פלעגט זיין קומען אויף איהר ווירקען אויף אַזוי פיעל, אַז איהר שטיפען האָט שוין ניט געהאַט דעם זעלבען רייץ ווי פריהער.

פון איהר האַלטען זיך מיט דזשייקען האָט איך פאַרשטאַנען, אַז ביי זיי עקזיסטירט אַן איינזייטיגע ליעבע, דאָס הייסט אַז ער ליעבט און זי ניט. דזשייק איז געווען אַ שופּטילער בחור'ל מיט אַ דראָבנע קעפּעל — ניט קיין אַנגעזעהענער מענש, זי האָט איהם געקענט זיין אַן עלטערע שוועסטער. ווי אַזוי ביי זיי האָט זיך פאַרבונדען אַ ליעבע אָדער ווי אַזוי ער איז געוואָרען איהר „פעללאו" האָב איך פון מיין פענסטער ניט געקענט ערפאַהרען. איבעריגענס האָט דאָס מיר ניט אינטערעסירט. נאָר ווי דאָס איז, ער האָט איהר געליעבט און שטאַרק מורא געהאַט פאַר איהר שטיפען.

אַ מאָל, דאָס איז געווען אַ קיהלער זומערדיגער אָבענד. אויף דרויסען איז געווען פינסטער, דער בלאָק איז געווען לעדיג. איך בין געזעסען ביים פענסטער און דאָרשטיג געאָטעמט די קיהלע לופט. אויפ'ן בריקעל פאַר'ן שטוב, סאַמע אונטער מיין פענסטער, זיינען געשטאַנען צוויי פיגורען. אין דער פינסטער האָב איך זיי ניט דערקענט, נאָר דערהערענדיג זייערע שטימען האָב איך גלייך דערקענט, אַז דאָס איז זי און דזשייק.

זיין קול איז געווען ביטער. ער האָט איהר געהייסען זי זאָל ניט געהן אַרבייטען, נאָר זי האָט איהם געענטפערט, אַז דאָס איז ניט זיינע ביזנעס.

נאָר ער האָט איהר ניט געהערט און ווייטער גע'טענה'ט:

— פריהער איז געווען אַל־רייט. פריהער האָב איך דאָרטען געאַרבייט, אָבער איצטער וויל איך ניט, יו אַנדערסטענד?

— פאַר וואָס? דיר־יו־ז־עוועך.

— איך וואָלט ניט נאָר דיר, אפילו מיינע אַ באַקאַנטע וואָלט איך ניט געלאָזט געהן צו איהם אַרבייטען... כ׳וועל דיר דערצעה־לען... פאַר אַ יאָהרען האָט דאָרטען דבורה׳קע געאַרבייט... און דאָ האָט ער אָנגעהויבען רעדען אַזוי שוואַך, אַז איך האָב בשום אופן ניט געקענט הערען נאָר די איינציגע ווערטער וואָס איך האָב געכאַפּט אין דער לופט און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער באָס פון דעם שאָפּ האָט זעהר אַ שלעכטע רעפּוטאַציע אין אַ געוויסען הינזיכט...

— נעווער מיין, — האָב איך געהערט ווי זי האָט איהם גע־ענטפערט אויפ׳ן קול, ווען דזשייק האָט איהר געענדיגט דערצעהלען וועגען דבורה׳קען.

— סיי, — האָט דזשייק אָנגעהויבען מיט אַ פאַרענדערונג אין קול און די פאַרענדערונג איז ניט געווען צום גוטען: די ביטערניש האָט זיך איצט פאַרוואַנדעלט אין כעס, — סיי, פאַר וואָס האָבען עפּעס אַלע הענט געסטאָפּט און נאָר פאַר דיר איינער געפינט ער אַרבייט?... דער סעמפּעל־מייקער אפילו סטאָפּט איצט...

— יו אַר איי לאַיער! רייטשעל אַרבייט אויך!

— אַזוי, גלייכסטו זיך צו איהר? אַל־רייט; איך האָב דיר שוין פאַרזאָרגט... — ביי די ווערטער האָט ער זיך אומגעקערט מיט׳ן רוקען און איז מיט שנעלע טריט אַוועק.

— דזשייק! — האָב איך געהערט ווי זי רופט איהם, — דזשייק, קום אַהער!

נאָר ער האָט זיך ניט אומגעקעהרט.

— דזשייק! קאַם בעק! דזשייק, איך דאַרף דיר! — האָט זי איהם אַ צווייטען מאָל גערופען.

דאָס מאָל איז דער גערויש פון זיינע ערוויטערענדיגע טריט שטיל געוואָרען אויף אַ רגע, נאָר תיכף האָט זיך דער רויש ווייטער דערהערט אין דער זעלבער ווענדונג וואָס פריהער.

דזשייק האָט זיך ניט אומגעקעהרט.

זי איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען און באַלד האָב איך דערהערט איהרע טריט אויף די סטעירז.

אויף מאָרגען האָב איך אין דער פריה געזעהן איהר געהענדיג צו דער ארבייט און פאַרנאַכט קומענדיג פון דער אַרבייט צוריק...

* * *

אין אַ חדשים דריי אַרום האָב איך דערהערט, אַז מיין שכנה האָט פאַרקלאָגט דזשייק'ן פאַר בריטש אַף פּראַמיס, נאָר עס האָט זיך עפּעס אויסגעלאָזט אַ מיאוס'ער סקאַנדאַל און פון משפּט איז גאָר ניט געוואָרען.

איך האָב איהר פאַרלאָרען פון מיינע אויגען און אַ צייט ניט געזעהן און היינט האָב איך איהר באַגעגענט אין אַזאַ צושטאַנד...

פה נקבר

— טרעף, ווענען איך האב היינט געזעהן? — האט געזאגט גאלדבערג מיט א שמייכעל, אריינקומענדיג אין פראנט־רום, וואו זיין ווייב איז געשטאנען פאר׳ן שפיגעל און געבויגען זיך אין אלע זייטען אזוי, אז דער קאפ איז אויסגעקומען דא ווי צוגעוואקסען צום רעכטען און דא צום לינקען אקסעל, צו זעהן אויב דאס קלייד ליגט גוט.

— פון וואנען זאל איך טרעפען? — האט זי געענטפערט, ניט אפרייסענדיג די אויגען פון שפיגעל, מיט א קול, וואס האט דייטליך געוויזען, אז איצט אינטערעסירען איהר ניט אזעלכע זאכען. — גיב א קוק, איז אין בעק אל־רייט?

— אל־רייט! — האט ער געענטפערט.

— דו האסט דאך אפילו קיין קוק ניט געטאן! — האט זי געזאגט בייז.

ער איז צוגעגאנגען נעהענטער און נאך א קורצער רעוויזיע האט ער ווידער ארויסגעגעבען זיין אורטייל, אז עס איז אל־רייט.

זי האט זיך, ווי עס ווייזט אויס, אויף איהם וועניג וואס פארלאזען און האט געדרעהט מיט׳ן קאפ און קערפער אזוי, אז דער פנים זאל אויסקומען צום רוקען.

— נא, שטעך דא צו, — האט זי געזאגט, דערלאנגענדיג איהם א שפילקע, און געוויזען מיט א פינגער, וואו ער זאל צושפילען. זעהסט, מען קען זיך אויף דיר שטארק פארלאזען.

ער האט גענומען די שפילקע און געטאן, ווי זי האט איהם געבעטען, הגם ער האט פראטעסטירט, אז דאס איז גאנץ איבעריג.

— וואס געדויערט עס ביי דיר אזוי לאנג?

— אַז דו וועסט זיך דרעהען, וועל איך איבער־אַ־יאָהר אויך ניט פאַרטיג ווערען דערמיט.

— נו, איך שטעה דאָך שוין גלייך. דער קראַגען שטעהט אָפּ. זעהסט? שפּילע דאָ אויך צו, נאָר שטעך ניט אין לייב, עס טוט וועה, — האָט זי געזאָגט מיט אַ קרים.

— נאָר, דאָס איז די איינציגע צייט, וואָס איך קען זיך מיט דיר אָפּרעכענען. נו, טרעף, ווענען איך האָב באַגעגענט? — האָט ער ווידער געפרעגט און אויף זיין געזיכט האָט זיך ווידער געוויזען אַ שמייכעל.

— וואָס בין איך, אַ מלאך? — האָט זי געענטפערט בייז.

— פּרואוו!

— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט!

אַ באַקאַנטער וואָס וועט דיר אינטערעסירען.

זי האָט זיך אָפּגעקערט פון שפּיגעל און אַ קוק געטאָן אויף איהם.

— ווער?

— אַן אַלטער באַקאַנטער!

— נו, זאָג שוין.

— ניין, דו מוזט טרעפען.

פון יוצא וועגען האָט זי אָנגערופען עטליכע נעמען און אַז ער האָט נאָך יעדען נאָמען אַלץ געזאָגט „ניין", האָט זי געזאָגט ענטשלאָסען:

— איך קען ניט טרעפען. זאָג שוין, ווער איז דאָס?

— אַז דו וועסט זיין אפילו מיט צוואַנציג קעפּ וועסטו ניט טרעפען. איך האָב באַגעגענט —

— נו, זאָג שוין, — האָט זי אויסגעשריען אומגעדולדיג.

— מאַנסקי'ן.

— וואָס? — האָט זי אויסגערופען און האָט זיך אַ קעהר געטאָן צו איהם און אויסגעשטרעקטביידע הענט.

— מאַנסקי'ן!

— מאַנסקי?

— מאַנסקי ווי ער שטעהט און געהט.

— וואס איך הער! — האט זי געזאגט און האט זיך אנידער־געזעצט.

גאלדבערג האט זיך אויך אנידערגעזעצט און זיין שמייכעל איז געווארן גרעסער.

— ווען איז ער געקומען?

— ערשט מיט עטליכע טעג צוריק. ער שלעפט נאך מיט זיך די שיף.

— ווי זעהט ער אויס?

— ער האט זיך כמעט ניט געענדערט, ניט אין פנים, ניט אין הילוך און ניט אין די געדאנקען. דער זעלביגער ווי מיר האבען איהם איבערגעלאזען מיט פופצעהן יאהר צוריק.

— און וואס דענקט ער צו טאן דא? וואס קען אזא מענש טאן?

— א, ער האט שוין ארבייט איבער׳ן האלז. ער איז שוין פול אויף אלע מיטינגען, האט זיך שוין געזעהן מיט עטליכע לידערס און, פארשטעהט זיך, שוין צוריסען זיך מיט זיי און ווייסט שוין אלץ, וואס דא טוט זיך אין דער באוועגונג.

— נו, אלע זיינען געווען אזוי די ערשטע צייט. דו ביזט א מאל אויך ניט געווען קליגער. ווען מיר האבען חתונה געהאט האב איך געמיינט, אז איך וועל קיין מאל ניט האבען קיין קליידעל אויף מיין לייב. נישקשה, ער וועט זיך אויסגרינען. האסטו איהם פארבעטען צו אונז? — האט זי געפרעגט אויפהויבענדיג זיך און האט אנגעטאן די העט.

ער האט אויף דעם ניט געענטפערט. מיט איין מינוט פריהער האט ער אליין געשמייכעלט פון מאנסקי׳ס גרינקייט און ער האט זיך ניט געקענט אפוואונדערן, ווי אזוי האבען דאס פופצעהן יאהר ניט געמאכט איהם קליגער און פראקטישער; נאר ווען דאס ווייב האט אזוי קאלט ארויסגערעדט, אז ער וועט דא ווערען קליגער און וועט זיך אויסגרינען און האט עס געזאגט מיט אזא זיכערען טאן, אזוי ווי עס קען גאר ניט געמאלט זיין, אז איינער זאל זיין גאנץ לעבען בלייבען אן אידעאליסט, האט זיך ביי איהם אין הארצען אויפגעהויבען א געמישטער געפיהל פון כעס און האס געגען איהר

פאַר איהר גראַבען ציניזם, און ער האָט איהר געוואָלט אַריינלאָזען אַ שטאָך, אַז מאַנסקי האָט דאָ קיין ווייב ניט, נאָר ער האָט זיך אָפּגעהאַלטען, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז זי וועט איהם ענטפערען מיט פּראַצענט.

— סאַפּער וועסטו זיך הייסען דערלאַנגען, — האָט זי געזאָגט, אַרויפּציהענדיג איהרע לאַנגע הענדשקעס. — האָב קיין מורא ניט, אַמעריקאַ וועט איהם מאַכען פאַר אַ מענשען. נישקשה, ער וועט זיך אויסגרינען. גוד־באַי.

— ווען קומסטו אַ היים?

— וואָס איז, דו האָסט מורא, מען וועט מיך אויסכאַפּען? — האָט זי געזאָגט עפּענענדיג די טיר.

— אָה נאָו, אַזעלכע נאַראָנים זאָלען זיי זיין גלויב איך ניט. — האָט ער געענטפערט, נאָר זי האָט שוין די באַמערקונג ניט געהערט. זי האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך און אַראָפּגעלאָזט זיך פון די טרעפּ.

גאָלדבערג האָט פאַרדרעהט די גאַז און איז אַריין אין דאַינינג־רום מיט דער דעה צו נעהמען סאַפּער. נאָר באַלד האָט ער אויף דעם חרטה געהאַט, ווייל ער האָט ניט לאַנג צוריק אין אַ רעסטאָראַן דער׳הרג׳עט דעם אַפּעטיט, און ער האָט גענומען אַרומשפּאַצירען אַהין און צוריק איבער׳ן צימער.

— טעאַטער קען אויך אַ מאָל זיין אַ גוטע זאַך, — האָט ער געטראַכט. — אַט איז ער פון איהר פּטור געוואָרען אויף אַ גאַנצען אָבענד.

זיין כעס אויף זיין ווייב איז ניט שטילער געוואָרען. ער קען ניט פאַרגעסען די בהמה׳וואַטע צופרידענהייט פון זיין ווייב, וואָס פרעהט זיך, אַז זי קען רייסען איהרע באַקאַנטע די אויגען מיט נייע קליידער אָדער דזשועלערי, און מיינט אַז דאָס איז דער תכלית, אַז דאָס איז דאָס גאַנצע לעבען פון אַ מענשען. אמת, ער אַליין איז שוין אויך לאַנג אַוועק פון יענעם וועג, וואָס ווערט באַלויכטען פון חלומות און פאַנטאַזיעס, נאָר ער איז עפּעס אַנדערש...

ער איז געוואָרען מיעד פון אַרומשפּאַצירען אַהין און צוריק און איז אַריין אין פראָנט־רום און אַריינגעזעצט זיך אין אַ ראָקינג־טשער.

ער איז געווען פויל אַנצוצינדען די געז און איז געבליבען זיצען אין דער פינסטער. איבעריגענס, אַ מאַטער שיין האָט דערגרייכט אין צימער פון אַן עלעקטרישען לאָמפּ פון דער סטריט און האָט פאַרשפּרייט אַ מאַטע ליכט איבער׳ן צימער און פאָרניטשור.

זיין פריינד מאַנסקי געהט איהם ניט אַרויס פון זינען. זיי האָבען זיך געטראָפען צופעליג, וואָס איז אַ גרויסער וואונדער פאַר אַזאַ שטאָדט ווי ניו יאָרק, וואו מען קען אַמאָל אָפּלעבען און קיין מאָל זיך ניט באַגעגענען. ער איז גראַד אַריין אין אַ קאַפע סאַלון, וואו ער פלעגט אַ מאָל פאַרברענגען אין הייסע דעבאַטען טעג און נעכט. מאַנסקי האָט זיך מיט איהם גאָר ניט דערפרעהט. דאָס האָט ער געזעהן גאַנץ דייטליך. מסתמא האָט מען איהם שוין דערצעהלט, אַז ער האָט אויסגעביטען אידעאַלען אויף ביזנעס, און טאַקע דעריבער האָט ער אין האַרצען געלאַכט, געלאַכט פון זיין גרינקייט, פון זיין יאָלדישקייט. איהם האָט אויסגעוויזען זעהר קאָמיש, וואָס אַ מענש, וועלכער האָט מסתמא קיין צוויי צובראָכענע שילינגער אין קעשענע, טראַכט ניט ווי אַזוי צו קריגען אַ באַשעפטיגונג און האָט נאָר אין זינען צו באַקענען זיך מיט אַלע פאַרשידענע פראַקציעס, אַזוי ווי מען וואָלט איהם אַהער אַראָפּגעשיקט אויף אַלעם פאַרטיגען, ער זאָל גרינדליך אויסלערנען די היגע באַוועגונג.

אין קאַפען סאַלון האָט ער זיך מיט איהם באַגעגענט מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען און דער שמייכעל האָט געהאַט צו זאָגען אַזוי פיעל, אַז חלומות און פאַנטאַזיעס זיינען גאַנץ גוט, נאָר קיין נאַר דאַרף מען ניט זיין. מיט דעם זעלביגען שמייכעל איז ער געקומען אַהיים, ווען ער האָט דער ווייב אַנגעזאָגט, אַז מאַנסקי איז אין אַמעריקא, ווייל אויפ׳ן וועג איז מאַנסקי׳ס בילד אַרויסגעשוואומען פאַר זיינע אויגען אין אַ העלע פאַרב, ווי ער האָט איהם געדענקט אין די יונגע יאָהרען, און וואָס ליכטיגער ער האָט זיך פאַר איהם געמאָלען אַלץ שטאַרקער איז געווען זיין געדאַנק, אַז מען דאַרף קיין נאַר ניט זיין. נאָר זיין ווייב האָט דאָס רעדעל פון זיינע געדאַנקען איבערגעדרעהט.

„ער איז שוין קרוב פערציג", האָט ער געטראַכט, „און וואָס פאַר אַ פייער עס ברענט נאָך אין זיין נשמה! מיט וואָס פאַר אַ היץ ער רעדט, מיט וואָס פאַר אַ טיפֿען גלויבען עס שטראַהלען זיינע אויגען! ער איז איין טאָג ניט עלטער געוואָרען!"

פּונקט אַזוי איז ער געווען מיט איבער צוואַנציג יאָהר צוריק, ווען ער האָט איהם דאָס ערשטע מאָל געעפֿענט די אויגען אין ראַפּשאַנסק און געוויזען, אַז דאָס לעבען באַשטעהט ניט אין אַרומ־לויפֿען מיט אַ שטעקעלע פֿון איין „באַרישניע" צו דער צווייטער און זינגען אין די פּריסאַדעס, „עי, דובינושקאַ, עי עוכנעים"! ער האָט איהם דעמאָלט אַנגעוויזען אויפֿ'ן העלדישען קאַמף פֿון אַ הייפֿעלע יונגע גבורים, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטען אין מלחמה מיט דער גאַנצער וועלט און ווילען איבערמאַכען די גאַנצע איצ־טיגע אָרדענונג, און ווי דער קליינער הייפֿעלע קעמפֿער האָט אַנגע־וואַרפֿען אַ שרעק, אַז קיסרים ציטערען אין זייערע טראָנען.

ער האָט זיך פֿאַרטראַכט און גענומען זיך וויגען אין ראָקינג טשער.

זיינע פֿאַרשלאָפֿענע ערינערונגען האָבען זיך גענומען קאָרטשען אין זיין מח; אַלטע, פֿאַרראָסטעטע געפֿיהלען האָבען אַנגעהויבען צו ריהרען דעם פֿאַרוואַקסענעם שימעל, די פֿאַרגליווערטע פֿאַנטאַ־זיע האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן און גענומען שפּינען פֿעדים און וועבען אָפּגעריסענע סצענעס פֿון די אַמאָליגע גליקליכע יאָהרען.

אַ שמייכעל, אַ צופֿרידענער שמייכעל ווייזט זיך אויף זיינע ליפּען. ער דערמאָנט זיך, ווי מאַנסקי און ער און נאָך אַ פּאָר חברים זיינען אַ מאָל פֿאַרנאַכט אַוועק אויפֿ'ן מאָהילניק און מאַנסקי האָט פֿאַר זיי אַלעמען איבערגעלייענט אַ קליינע בראָשורע, ווי אַזוי פֿון די דריי קייטען, וואָס האָבען געהאַלטען די מענשהייט געבונדען: די רעליגיעזע, די קייזערליכע און די קאַפּיטאַליסטישע זיינען שוין צוויי, די שווערסטע, כמעט אין גאַנצען צובראָכען און עס בלייבט נאָר איבערצוברעכען די שוואַכסטע, די דריטע. ער גע־דענקט, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿייערליכען קול ער האָט די בראָשורע געלייענט און ווי שטאַרק די הערצער האָבען זיך ביי אַלעמען גע־צאַפּעלט, ווי געבליצט האָבען ביי אַלעמען די אויגען, און וואָס

פאַר אַ גבורה ביי אַלעמען האָט זיך אָנגעגאָסען, און ווען זיי האָבען זיך שפּעט ביי נאַכט צוריקגעקעהרט דורך די פּריסאַדעס און האָבען אויפ'ן וועג באַגעגענט וואַסילקאָוו'ן, דעם זשאַנדאַר, האָבען זיי איהם גוט דורכגעקלאַפּט, מעהר ניט דערפאַר, ווייל די גבורה האָט זיך געבעטען אַרויס און זיי האָבען ניט געהאַט וואו איהר אַהינ־צוטאָן.

די ערינערונג, ווי אַזוי זיי האָבען דורכגעקלאַפּט אַזאַ גרויסען ברייטען גוי, ווי דער זשאַנדאַר איז געווען, רופט ביי איהם אַרויס אַ צווייטע ערינערונג, ווי ער מיט אַלע אינגלאַך פון זייער חדר זיינען אַ מאָל שבעה עשר בתמוז אַרויס הינטערן שטאָדט שפּאַצירען און אויפ'ן סענאָזשענץ האָבען זיי זיך אָנגעשטויסען אויף צוויי שקצים מיט לאַנגע בייטשען און מיט אַ קודלעוואַטען הינטעל וואָס האָט געפּיטערט בהמות — וואָס פאַר אַן אימה און פּחד איז דעמאָלט אויף זיי אָנגעפאַלען ווען זיי האָבען נאָר דערזעהן די צוויי שקצים און ווי די נשמה איז זיי אַוועק אין די פּיאַטעס, ווען די שקצים האָבען אַ געשריי געטאָן: „זשידקי!“ און אַ יאָג געטאָן זיך נאָך זיי מיט'ן קודלעוואַטען הינטעל. די גאַנצע מחנה חדר־אינגלאַך האָבען זיך געלאָזט לויפען הענדום־פּענדום מיט פאַרצווייפעלטע קולות אין אַלע זייטען פון די שקצים, און ווען ער און די אַנדערע האָבען זיך ענדליך אָפּגעשטעלט, האָט מען שוין ניט געזעהן קיין הינטעל, קיין שקצים, נאָר אפילו די בהמות...

ער בלייבט זיצען שטיל אין ראַקינג טשער. אַ טריין איז ערגעץ דורכגעלאָפען. ער דערמאָנט זיך די ערשטע „קאָאָפּעראַ־טיווע קאָמנאַטע“ ניט ווייט פון אייזענבאַהן־סטאַנציע. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט ערקלעהרט אַרבייטער, וואָס פאַר אַ מאַכט עס שטעקט אין זיי. ער געדענקט, ווי אָנפאַנגס האָט זיך אַ טומאָן, געדיכטער פון דעם רויך, וואָס דער לאָקאָמאָטיוו שיסט אַרויס, פאַרשפּרייט זיך צווישען איהם און די פאַרזאַמעלטע און דאָס האַרץ איז איהם שיער ניט אַרויסגעפאַלען ביי די ערשטע צעהנדליג ווערטער. די ווערטער האָבען זיך איהם געשטעלט אין האַלז און איהם האָט אויסגעוויזען, אַז ער ווערט מיט זיי דער־ווארגען. באַלד האָט דער טומאָן אָנגעהויבען ביסלאַכווייז צו פאַר־

שווינדרען, זיין קול איז געוואָרען שטייפער און ער האָט דערזעהן פון דער אויסגעגאָסענער מאַסע באַזונדערע פּנימ׳ער. און באַלד האָט ער שוין געקענט אונטערשיידען פון איין פּנים ביז׳ן צווייטען. אַט שמייכעלט צו איהם מאַנסקי און גיט איהם צו מיט׳ן שמייכעל מוט ער זאָל זיך ניט שרעקען און זאָל רעדען ווייטער. אַט זעהט ער ווי אויגען פינקלען, פּנימ׳ער קריגען װאַרימקייט און ער אַליין ווערט אויך װאַרימער און זיינע אויגען הויבען אָן פינקלען. ער דערפיהלט, ווי זייער אַלעמענס מאַכט און די מאַכט פון טויזענדע און צעהנדליגע טויזענדע אַנדערע אַרבייטער פליסט אַריין אין איהם און עס איז שוין ניט דער קאַמף פון אַ הייפעלע גבורים געגען אַ גאַנצע וועלט, נאָר פון אַ געוואַלטיגע ריעזיגע מחנה געגען אַ הייפעלע אויסזויגער. ער האָט געקוקט אויף די פּאַרזאַ־מעלטע און געזעהן, ווי די ריעזיגע מחנה הויבט זיך, גלייכט אויס די פּלייצעס, שטרעקט אויס די הענט און וואַרט נאָר אויפ׳ן סיגנאַל אַ וואָרף צו טאָן זיך אויפ׳ן קליינעם שונא. ער אַליין איז אין דער ווילדע אויסגעוואַקסען מיט צוואַנציג קעפּ העכער און האָט אַליין געדאַרפט פּאַררייסען די אויגען אַ קוק צו טאָן אויף זיך.

די אַמאָליגע װאַרימקייט האָט זיך איצט ביי איהם אָפּגערופען און ער האָט זיך גענומען וויגען שטאַרקער אין דעם ראָקינג טשער. די לופט אָנגעפילט מיט רויך, די ענגשאַפט, די פינקעלדיגע אויגען, די דערוואָרימטע פּנימ׳ער פון דער „קאָנספּיראַטיווער קאַמנאַטע", וואָס האָבען איצט געשוועבט פאַר זיינע אויגען, — דאָס אַלץ איז געווען אַזאַ היפוך פון דעם פראָנט־רום, וואו ער איז איצט געזעסען, אַז ווען זיינע אויגען זיינען געפאַלען אויף די טשערס, פּיאַנאָ אין סאָרע טשעבאַלען, אויפ׳ן קאַרפּעט, איז איהם אויסגעקומען עפּעס משונה׳דיג. איבערהויפּט האָבען אויף איהם געמאַכט אַ שווערען איינדרוק די טשעבאַלען פון די טשערס און פּיאַנאָ. אַ סעקונדע האָט איהם אויסגעוויזען, אַז דאָס זיינען עפּעס מצבות, און משונה׳דיג האָט איהם אויסגעוויזען דער טיק־טאַק פון זייגער און דער ווייטער גערויש פון אַ טראָלי־קאַר, וואָס שטערען די שטילקייט און רוהיגקייט פון דעם אָרט.

נאָר דער חלום אויפ׳ן וואָהר האָט געדויערט ניט מעהר ווי איין סעקונדע.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט ער זיך צולאַכט. דאָס הייסט פּריש, געזונד און משוגע.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון טשער, איז זיך אַ פּאָר מאָל דורכגעגאַנגען איבער׳ן צימער און צוריק אַוועקגעזעצט זיך.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די שטולען, אויף דער פּיאַנאָ, וואָס זיינען ערשינען פאַר איהם ניט לאַנג צוריק ווי מצבות און ער האָט זיך ווידער צולאַכט. נאָר דאָס מאָל איז דער געלעכטער שוין געווען אַ ביטערער.

— דער חלום איז געווען ניט ווייט פון אמת. זיינען דאָס ניט געווען קיין מצבות אָנגעשטעלטע אויף זיינע אַמאָליגע אי־דעאַלען, שטרעבונגען?

ער דערמאָנט זיך, ווי אין יענע יאָהרען האָט איהם דאָס האַרץ געקאָכט, ווען צו איהם האָט דערגרייכט אַ קלאַנג, אַז מיכאַ־לאָווסקי עסט פינף־רובעלדיגע דינערס. ווי קען אַ מאַן, וואָס טרעט אַרויס אַלס קעמפּער פון אַ פאָלק ערלויבען זיך צו זיין אַזאַ זולל וסובא. ווען דאָס פאָלק שטאַרבט צעהן מאָל אַ טאָג פאַר הונגער און קען זיך ניט ערלויבען אפילו קיין פינף קאָפּעדיגע דינערס? און איצט שטעהט ביי איהם אַ טהייערער סעט פאַר־ניטשור, אַ טהייערע פּיאַנאָ און אויף דעם און אויף נאָך אַזעלכע זאַכען איז אַוועקגעגאַנגען די גאַנצע האָוועניש פון די פּראַקטישע יאָהרען. און וואָלט ער נאָך כאָטש געקענט שפּילען! ניט ער פאַרשטעהט זיך אויף מוזיק, ניט זיין ווייב קען שפּילען. עס שטעהט די פּיאַנאָ איבערגעצויגען מיט׳ן סאַרע טשעכאָל און וואַכען לאַנג ריהרט זיך קיינער צו איהר ניט צו. זי שטעהט, די פּיאַנאָ, ווי אַ גרויסע מצבה אויף די וואַרימע שטרעבונגען און די הייסע געפיהלען פון די גליקליכע יאָהרען, און די צובראָכענע קלאַנגען וואָס ער אָדער זיין ווייב רייסט אַרויס פון די ביינדלאַך שרייען: „פה נקבר" — דאָ איז באַגראָבען אַלץ, וואָס האָט אַ מאָל גע־לעבט, געשטרעבט, געזוכט, געקעמפּט...

פה נקבר!

די צוויי ווערטער וואָס זיינען שוין לאַנג אַרוים פון זיין זינען, האָבען זיך געשטעלט פאַר זיינע אויגען צוזאַמען מיט די מצבות וואָס ער פלעגט אַ מאָל איינגעלווייז זעהן תשעה באב אויפ׳ן בית־עולם און ער האָט שטיל געמורמעלט:

פה נקבר.

זיין גייסטיגער בליק טראָגט זיך איבער אויף מאַנסקי׳ן. ווי פיל ער איז מיט לעבען! ווי פיל ער איז מיט האָפענונגען! וואָס פאַר אַ טיפער גלויבען עס ברענט אין איהם. דער גלויבען שיינט אַרוים פון די אויגען און עס גיסט אָפּ מיט אַ ליעבע ווארימקייט, ווען ער גיט אויף עמיצען אַ קוק.

אפגעטראגען

1.

מאלל איז אהיים געקומען אביסעל אומרוהיג. אויפ׳ן וועג פון דער ארבייט האט ער געטראפען א גוטען ברודער, וועלכער האט איהם אויפמערקזאם געמאכט, אז ער טהוט זעהר נאריש, וואס ער האלט זיין גאסט אזוי לאנג.

— א וואך, צוויי איז מען א גאסט, און ער זיצט שוין ביי דיר דעם צווייטען מאנאט.

מאלל ווייס, אז דער גוטער ברודער איז ניט קיין קמצן, און ווידער, וואס זארגט ער אזוי פאר פרעמדע אויסגאבען; ווארשיינ־ליך, איז אין די ווערטער געלעגען א געוויסע אנצוהערעניש, א ווארעניש...

ער איז אין שטוב אריין אומרוהיג און האט גענומען פאר־דעכטיג קוקען ארום זיך, נאר קיין זאך איז ניט געווען צו בא־מערקען. דאס ווייב האט פארטיג געמאכט סאפער און דער גאסט איז געזעסען ביים טיש מיט אויגען אריינגעטאן אין א בוך, וואס ער האט געהאלטען פאר זיך מיט דער לינקער האנט און די רעכטע האט ער פון צייט צו צייט אויסגעשטרעקט צום אפגעשניטענעם ברויט און אפגעבראכען א שטיקעל און אריינגעלעגט אין מויל.

— ער קען מיר אין די אויגען ניט קוקען, ווי ער וואלט גע־פיהלט עפעס א שולד געגען מיר, איז מאלל׳ן דורכגעלאפען א געדאנק.

מאלל האט דעם גאסט מיט א כיון געפרעגט, פארוואס ער איז אזוי פארטיעפט אין בוך, און דער גאסט האט אויף איהם אויפגע־הויבען א פאר שווארצע טרוימערישע אויגען, און א לייכטער שמייכעל האט זיך באוויזען אין די ווינקלען פון זיין מויל.

ער האָט אין די טרוימערישע אויגען ניט געקענט באַמערקען קיין פאַלשקייט און דער שמייכעל האָט איהם געשיינט צו זיין זעהר אַ פריינדליכער און ער האָט זיך אַביסעל באַרוהיגט.

נאָר ביים עסען איז ער ווידער אומרוהיג געוואָרען. איהר שטול האָט דאָס ווייב צוגערוקט נעהענטער צום גאַסט און האָט איהם צופיעל געקוקט אין די אויגען. ביי איהם איז איצט מעהר קיין ספק ניט, אַז ער פאַרשטעהט, וואָס דער גוטער ברודער האָט גע־מיינט מיט זיין אַנצוהערעניש.

מאָל האָט זיך פון טיש אויפגעהויבען און איז אַריין אין פראָנט־רום. זיין האַרץ האָט געקלאַפט האַסטיג און די אויגען האָבען זיך אַנגעצונדען מיט אַ גרין פייערל. וואָס וועניגער ער האָט געקענט אויסזעצען געגען זיין ווייב פאַר איהר אויפפיהרונג — ווייל אחרי ככלות הכל האָט ער קיין שלעכטעס אין איהר ניט באַמערקט, און ווען מען וואָלט איהם ניט אויפמערקזאַם מאַכען, וואָלט איהם קיין מאָל ניט אַרויף אַ שלעכטער געדאַנק אויף דעם זינען — אַלץ מעהר האָט ער זיך געקאָכט און געביסען די ליפען פאַר כעס, זיצענדיג ביים אָפענעם פענסטער.

ניין, ער וועט זיך מיט אַזעלכע מיאוס׳ע באַשולדיגונגען ניט אַרומטראָגען. ער איז אַ ראַדיקאַל און ער האָט וועניג צו טאָן מיט דער געהענדער מאָראַל. אויב זיין ווייב האָט ווירקליך ליעב זייער גאַסט, וועט ער, ניט קוקענדיג אויף זיין ליעבע צו איהר, נאָר היינט איהר באַפרייען. ער וועט אין וועג ניט שטעהן, און אויב ניט, וועט ער וויסען, אַז ער האָט זיך אומזיסט געטראָגען מיט אַ פאַלשע באַשולדיגונג און איהם וועט זיך אַראָפקייקלען אַ שטיין פון האַרצען.

ער האָט די ווייב גלייך אַריינגערופען אין פראָנט־רום און האָט מיט איהר געהאַט אַ לאַנגע אונטעררעדונג, און געענדיגט האָט זיך מיט דעם, אַז זיין חשד איז פאַרשוואונדען ווי רויך, און ער איז געוואָרען רוהיג.

2.

אין אַ פאָר וואָכען אַרום איז אויסגעפאַלען אַ טאָג, ווען אין זיין פעקטאָרי איז קיין אַרבייט ניט געווען. ער האָט זיך באַלד אומגעקעהרט צוריק אַהיים.

ווען ער איז אַריין אין שטוב, איז אין קיך קיינער ניט געווען. אין בעד־רום איז נאָך דאָס קינד זייערס געשלאָפן. אין פראָנט־רום איז זיין ווייב געשטאַנען מיט׳ן גאַסט פאַר׳ן פענסטער, וואו די לאָדענס זיינען געווען פאַרמאַכט, און האָבען זיך געקושט.

דאָס ווייב האָט ביי זיין אַריינקומען אַרויסגעלאָזען אַ געשריי. דער גאַסט האָט פון פאַרלעגענהייט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, און מאַלאַ אַליין איז געבליבען שטעהן ביים שוועל מיט אַן אָפענעם מויל מיט פרעגענדע אויגען: „וואָס טייטש?"

דאָס ווייב איז באַלד געקומען צו זיך און איז אַרויסגעלאָפען אין בעד־רום. מאַלאַ איז אַ ווייל געשטאַנען אין פראָנט־רום, האָט אָבער ניט געפונען וואָס צו זאָגען דעם גאַסט און איז אויך אַרויס אין בעד־רום.

דאָ האָט ער געהאַט מיט איהר אַ לאַנגען געשפּרעך, האָט איהר פאָרווירפע געמאַכט, פאַרוואָס זי האָט פון איהם פאַרלייקענט איהר ליעבע צום גאַסט. זי האָט געדאַרפט וויסען, אַז ער, מאַלאַ, איז ניט ווי אַלע אַנדערע מענער און וועט איהר אין וועג ניט שטעהן. אין געגענטהייל, ער וועט איהר שטיצען ווי ווייט ער וועט קענען. ער וועט איהר יעדע וואָך געבען העלפט פון זיינע ווידזשעס, און זי, אונטער זיינע גוטע און ווייכע רייד האָט פאַר איהם געעפענט איהר האַרץ, אַז זי איז אין דעם ניט שולדיג, זי האָט דאָס ערשטע מאָל דערפיהלט וואָס עס הייסט ליעבע און איהם, מאַלאַ, האָט זי נאָר געשעצט, אָבער חתונה געהאַט האָט זי פאַר איהם ניט אויס ליעבע, און איצט וועט זי איהם שעצען נאָך מעהר.

פון בעד־רום איז מאַלאַ צוריק אַריין אין פראָנט־רום. דער גאַסט איז געזעסען אין ראָקינג־טשער און געוויגט זיך, און מאַלאַ האָט איהם איבערגעגעבען דעם געשפּרעך וואָס ער האָט געהאַט מיט׳ן ווייב זעהר פריינדליך, און האָט איהם געזאָגט, אַז מאָרגען פאַרלאָזט ער זיי און היינט וועט זיין די איינציגע נאַכט, וואָס ער וועט פאַרברענגען אונטער זייער דאַך.

.3

מאָל איז דעם גאַנצען טאָג געווען אין א צוהיצטען צושטאַנד. ער האָט געראַנט א סך, א סך מעהר ווי געוועהנליך, און האָט ביים עסען אויסגעטרונקען א פּאָר גלעזלאך בראַנפען, און זיי האָבען זיך זאַלבע־דריט פאַרשמועסט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

דער גאַסט האָט זיך די גאַנצע צייט געפיהלט ניט באַקוועם; האָט געראָדט זעהר ווייניג און געהאַלטען די אויגען אַראָפּגעלאָזט.

ענדליך זיינען זיי געגאַנגען שלאָפען. מאָל און דער גאַסט האָבען זיך געלעגט אין פראָנט־רום אויף דער ערד, און דאָס ווייב מיט׳ן קינד אין בעד־רום.

מאָל איז באַלד איינגעשלאָפען, ווי א געהרג׳עטער. דער גאַסט אָבער איז געלעגען און דער שלאָף איז געלאָפען פון זיינע אויגען.

און ער האָט געטראַכט, ווי אַזוי האָט דאָס אַלעס פּאַסירט, ווי אַזוי איז דאָס געקומען דערצו, אַז ער, מיט אַזעלכע גאָלדענע האָפנונגען האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין א נעץ און וועט מאַרגען זיין דער מאַן פון א פרוי, וועלכע איז ניט שעהן, ניט געבילדעט און אויך ניט יונג. אמת, אין געוויסע מאָמענטען איז זי גאַנץ אינטערעסאַנט, ווי אין יענעם פאַרנאַכט, ווען זיי זיינען ביידע געזעסען פאַר׳ן פענסטער און די ווייכע שאָטענס פונ׳ם וואַלד האָבען זיך גענומען פאַרשפּרייטען און האָבען פאַרבאָרגען פון איהר געזיכט אַלע יענע ציגע, וואָס וואַרפען אויף איהר אַן אומ׳חן, און נאָר איהרע שעהנע אויגען האָבען געפינקעלט און געוויסע שטראַהלען פון זיי האָבען אַריינגעדרונגען צו איהם אין האַרצען און האָבען עס געמאַכט צאַפּלען, און ער האָט איהר דאָס ערשטע מאָל א קוש געטאָן. אָבער אַזעלכע מאָמענטען זיינען זעהר זעלטען.

און פּלוצים האָט איהם געדוכט, אַז זי איז שולדיג, אַז ער איז נאָך אַן אומשולדיג קינד, נאָר זי האָט איהם פאַרפיהרט; זי האָט איהם אַריינגעשלעפּט אין איהר נעץ, און זי איז א מיאוס׳ע קאָקעטקע, און ער איז ניט מעהר ווי א נאַר, וואָס האָט זיך געלאָזט פאַרפיהרען.

נאָר אַז ער איז באַגאַנגען איין מאָל א נאַרישקייט, איז נאָך ניט געדרונגען, אַז ער דאַרף זיך ווייטער אויפפיהרען, ווי א נאַר.

דערווייל ווייס נאָך דערפון קיינער ניט און אז ער זאָל זיך איצט אָפּטראָגען, וועט דערפון גאָרניט ווערען. זי וועט אַ טאָג דאגה׳ן און וועט זיך באַלד טרייסטען מיט איהר מאַן.

געוויס מוז ער זיך אָפּטראָגען. עס איז אַ רחמנות אויפ׳ן קינד. און עס הויבט זיך איהם שוין אָן צו דוכטען, אַז זי איז ווייט ניט קיין מיאוס׳ע און ער איז טאַקע אין איהר שטאַרק פאַר־ליעבט, נאָר ער מוז אָפּפּערען מיט זיין גליק פון דעם אומשולדיג קינד׳ס וועגען, אום זיין געוויסען זאָל איהם ניט פּייניגען.

און ער האָט אין דער שטיל אַרויפגעצויגען אויף זיך זיינע זאכען, האָט גענומען די קאַמאַשען אין האַנט, אום ניט צו מאַכען קיין גערויש, האָט אין דער שטיל אויפגעעפענט די טיר, איז אָפּגעגאנגען אַ שטיקעל וועג באָרוועס און דערנאָך אַרויפגעצויגען די קאַמאַשען און איז געשווינד אַוועק צום באַהן.

מאָל איז פון דעם אַנטלויפען געבליבען זעהר צופרידען, און ווי ווייט ער האָט געקענט, האָט ער געזעהן טרייסטען זיין ווייב.

נאָך דער חתונה

זי איז געזעסען ביים פענסטער עטוואס אנגעבויגען דעם קאָפּ אן א זייט, און פארוואָרפען אהינטער צום רוקען שטול. איהר שעהנע געזיכט איז געווען פארצויגען מיט זאָרג, איהרע שוואַרצע אויגען זיינען געווען פארוואָלקענט און געקוקט סתם אין דער לופט. א היבשע ווייל׳ע איז זי אזוי געזעסען פארטראַכט און האָט ענדליך ווי ערוואַכט פון איהרע פינסטערע געדאַנקען. וועגען וואָס האָט זי זיך אזוי פארטראַכט, — ווייסט זי אליין ניט. איהר מוח איז איצט פוסט, אהן שום רעיונות און זי קען אזוי, ניט טראַכטענדיג וועגען קיין זאַך, אפּזיצען שעה׳נווייז פארקלעהרט. מען קען זאָגאָר צו איהר דעמאָלט רעדען און זי הערט ניט; מען קען שטעהן נעבען איהר און זי זעהט ניט.

זי האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען און האָט א קוק געטאָן אנטקעגען איבער אויף א פיער־שטאָקיגע טענעמענט־הויז. — איהר בליק איז געפאַלען אויף א פריילין. דאָס פריילין איז געזעסען אויפ׳ן פענסטער פון דריטען שטאָק, מיט׳ן קאָפּ ארויסגערוקט אויפ׳ן גאַס און געשמייכעלט. וואָס פרעהט זי זיך? וואָס איז מיט איהר די שמחה? נאָר די פראַגען זיינען איהר באַלד פארענטפערט געוואָרען: זי האָט דערזעהן ווער עס שטעהט איבער דער פריילינס קאָפּ טאָפּ־פלאָר.

זי האָט זיך גענומען צוקוקען צום שפּיעל, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען דעם „פעללאָו“ פון טאָפּ־פלאָר און דאָס מיידעל פון דריטען שטאָק. ער זאָגט איהר עפּעס, פארשטעלענדיג דאָס מויל מיט׳ן האַנט, כדי דער קול זאָל זיך ניט צוזייען. זי הערט וואָס ער רעדט, נאָר זי מאַכט זיך כלומר׳שט ניט הערענדיג. זי קעהרט ניט אָפּ דעם קאָפּ און שמייכעלט נאָר אונטער. ער רעדט ווייטער,

און זי זיצט אַלץ ווי ניט איהר מיינט מען. ער פּרובט א נייעם מיטעל, און וואַרפט אויף איהר מיט קליינע קאָלירטע פּאַפּירלאַך. די פּאַפּירלאַך פאַלען איהר אויפ'ן קאָפּ, נאָר זי נעהמט זיי ניט אַרונטער. ענדליך... ענדליך שפּרינגט זי אַראָפּ פון פענס־טער אין צימער און לאַכט זיך פאַנאַנדער אויפ'ן קול.

זי זעהט, ווי דאָס פריילין געהט צו אין צימער צום שפּיגעל, קוקט מיט א פאַרגעניגענדען שמייכעל און קלייבט אַראָפּ די פּאַפּיר־לאַך פון קאָפּ, דאַביי היט זי זיך, זי זאָל די האָר ניט צוואַוואַרפען.

באַלד שטעקט דאָס פריילין ווייטער אַרויס דעם קאָפּ פון פענסטער, בויגט אויס דאָס קעפּעל צום טאָפּ־פלאָר, באַגעגענט זיך מיט די אויגען און שפּרינגט ווייטער אָפּ מיט א געלעכטער פון פענסטער.

ביי איהר רייסט זיך אַרויס א ביטערער זיפץ.

ווי לאַנג איז עס, אַז זי איז אויך געווען אַזאַ גליקליכע! סך־הכל צוויי יאָהר, ווי זי האָט זיך מיט איהם באַגעגענט. וואָס איז מיט איהר דעמאָלט אַזוינס געוועזען? דעמאָלט, ווען ער איז איהר נאָכגעגאַנגען ווי א שאָטען יעדען שריט, ווען ער האָט איהר גע־קוקט אין די אויגען, וועלענדיג טרעפען איהר מינדעסטען וואונש, ווען ער האָט זיך פון הויט געריסען און געוואָלט נושא־חן זיין ביי איהר, — דעמאָלט, ווען זי פלעגט קומען ביי נאַכט אַהיים, פלעגט זי זיך קייכען שעה'נווייז פון געלעכטער, זי פלעגט זיך קייכען ליגענדיג שוין אין בעט און טוליענדיג דעם קאָפּ אין קישען און, איבערהויפּט, ווען זי איז נאָך געבליבען אַליין און ער איז איהר אַרויפגעקומען אויפ'ן געדאַנקען (און ווען האָט זי איהם אַרויסגעלאָזט פון די געדאַנקען?) פלעגט זי זיך האַלטען ביי די זייטען לאַכענדיג. און האָט זי זיך דען געקענט איינהאַלטען פון לאַכען, ווען זי דערמאָנט זיך, ווי ער האָט אויסגעוויזען נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגעשאָרען? די אויערען זיינען ביי איהם געוואָרען נאָך אַמאָל אַזוי לאַנג, אַז ס'איז נאָר א פּאַטיעכע אָנצוקוקען! דער קאַפּעלוש לויפט אַראָפּ איבער'ן קאָפּ און ער זעהט אויס ווי אַן אמת'ע אָבעזיאַנע. איז דען ניט צום לאַכען, ווי ער האָט געטאַנצט? חאַ, חאַ, חאַ!

ער שטעהט ווי א דראַנג, איינגעצויגען ווי אין שרויפען, און פּרעסט זי צו צו זיך אַזוי פעסט, אַז ס'איז גאַר אונמעגליך אַ טראַט צו שטעלען. איז דען ניט צו פּלאַצען פון געלעכטער, ווי ער איז געבליבען שטעהן נאָכדעם ווי ער האָט איהר „אנגעהאַנגען" אַ קוש. איהר איז קאַמיש אויסגעקומען, וואָס איהם האָט זיך געגלוסט אַ קוש טאָן. זי האָט איהם עפּעס גאָרניט גערעכענט פאַר פעהיג אויף אַזעלכע זאַכען און זי האָט זיך איהם טאַקע אין די אויגען אַזוי צולאַכט, אַז ער איז געבליבען שטעהן צוטומעלט, צעשראָקען— אפילו מיט אַ שמייכעל אויפ'ן פּנים, אָבער דער שמייכעל איז געווען אַזאַ קעלבערנער, אַזוי אומבאַשטימט, אַז ס'איז טאַקע חאַ, חאַ, חאַ!

וואָס איז מיט איהר טאַקע דעמאָלט אַזוינס געווען? איז דאָס איהר אַזוי גוט אָפּגעגאַנגען, וואָס זי האָט אַזוי פיעל געלאַכט? גע־ארבייט האָט זי ניט אַזוי גרינג. אַ גאַנצען טאָג פלעגט זי זיצען מיט'ן נאָדעל איבער'ן קלייד און געניית און געניית; ווייטער איז זי געווען איינע אַליין: ניט קיין קרוב, ניט קיין גואל, נאָר ביי איהר איז דעמאָלט געווען פריהלינג־צייט, אין איהר הארץ האָט זיך דעמאָלט געעפענט אַ קוואַל פון ליעבע, פון האָפנונג, — עס פאַרשטעהט זיך, אַז ניט צו איהם און ניט אויף איהם און גראָדע צו דער צייט האָט ער זיך מיט איהר באַקאַנט. פון אָנהויב האָט זי אין איהם געפונען אַ שטיקעל פּאַטיעכע. איהר איז געווען גאַנץ פרעהלאַך אין איהר „אוכאַזשעוואַן", דערנאָך האָט זי אויף איהם עפּעס ווי רחמנות געהאַט, דערנאָך... דערנאָך, — איהר הארץ האָט געפּאָדערט ליעבע און זי האָט זיך איהם איבערגעגעבען.

זיי האָבען חתונה געהאַט.

איז זי דען ניט געווען גליקלאַך? ער האָט געקושט איהרע טריט און זי האָט דערפון משונה הנאה געהאַט. איהר לאַכען האָט זיך ניט אויסגענומען. זי פלעגט נאָך דער חתונה אויך איינגראָ־בען דעם קאָפּ אין קישען און קייכען זיך פאַר געלעכטער. זיין ניט דרייסטקייט פלעגט איהר דאַצו געבען פיעל שטאָף און ביז אַ געוויסע צייט פלעגט זי מוזען אויסשיסען מיט אַ געלעכטער פון זיינעם אַ קוש. ער פלעגט שטענדיג נאָך דעם עפּעס ווי מבולבל ווערען און דאָס האָט איהר געפרעהט, פאַרשאַפט פאַרגעניגען.

די גאַנצע צייט, וואָס די ערינערונגען האָבען אָפּגעלעבט ביי איהר אין מוח, איז דער וואָלקען אין פּנים, פון די אויגען אַראָפּ און אַ שמייכעל האָט געשפּיעלט אויף איהרע ראָזע ליפּען, נאָר פּלוצים האָט זיך אַ כמאַרע ווייטער אַרויפגעצויגען איהר אויפ׳ן געזיכט.

פאַר וואָס האָט ער אָנגעהויבען פון אַ געוויסע צייט מאַכען איהר אויפמערקזאַם, אַז זי איז ניט קיין בעל־הבית׳טע, גיט אויס צופיעל געלט אויף דער הוצאה און האָט זיך אָנגעהויבען מישען אין שטובינגע זאַכען: צופיעל מילך פאַרנוצט מען; טיי פּלוכעט מען ווי וואַסער; ווייטער איז די קאַווע עפּעס קיין מאָל ניט דערקאָכט; פּוטער קויפט זי דוקא טוכלע, מיט איין וואָרט — זי איז גאָר קיין בעל־הבית׳טע ניט.

איהר וואָלט עס אַלץ ווינציג געאַרט. איז זי ניט קיין בעל־הבית׳טע. נאָר די קשיא איז, פאַרוואָס איז פריהער געווען אַלץ גוט, אַזוי געשמאַק, אַזוי געראָטען? ווייטער איז טאַקע אַ מענש ניט פון אייזען געקנאָטען. הערען אַלע טאָג דאָס זעלבע לידעל איז ניט זעהר אָנגענעם, די ווערטער עגבערען איהר מאַנכעס מאָל אַזוי דורך, אַז זי באַוואַשט זיך מיט טרעהרען און דאָס גאַנצע לעבען ווערט איהר ניט ניחא.

פאַר וואָס האָט ער זיך אַזוי געענדערט? זי איז ניט אייפערזיכטיג, נאָר איהר קרענקט ביז׳ן ביין אַריין, פאַרוואָס ער היט ניט די שטוב; ער לאָזט איהר איבער אַליין מיט די פיער ווענט און ער שלעפּט זיך אַרום צו באַקאַנטע. זי קען ניט אַוועקגעהן פון שטוב, ערשטענס איז ניט פּאַסיג צו געהן אָהן איהם און צווייטענס איז זי שוין אין אַזאַ צייט, ווען אַ פרוי מוז אפילו איז גאַס געהן אין אַ ראָפּער.

זיצענדיג אַליין מיט די פיער ווענט, ווערט זי שיער משוגע קלערענדיג. איבערהויפּט וואָלט זי וועלען דערגעהן, צו אַלע מאַנסבילען זיינען אַזעלכע, אָדער נאָר איהרער איז אַזעלכער. נאָר דאָס איז זעהר אַ שווערע פראַגע.

איהרע געדאַנקען ווערען אויף אַ ווײַלע איבערגעריסען. זי גיט אַ קוק אַנטקעגען איבער, און איהר בליק פאַלט ווייטער אויפ׳ן

דריטען שטאָק. זי זעהט דאָס פריילין, וואָס איז פריהער געווען אַנגעצויגען אין אַ שטוביגע קליידעל, זיצט איצט אויסגעפּוצט אויפ׳ן פענסטער און קעהרט הינטערוויילעכטס איהר קעפּעל צום טאָפּ־פלאַר און ער, דער „באָי" פון טאָפּ־פלאָר, זיצט — און לייענט אַ מעשה־ביכעל.

איהר ווערט אַביסעל גרינגער אויפ׳ן הארצען און אין איהרע אויגען שפּיגעלט זיך אָפּ אַ פאַרבאָרגענע שמחה אָדער נקמה.

צו וועמען? פאַר וואָס?...

וואָס האָט זי צו איהר?

זיי האָבעןביידע געאַרבייט אַ צייט אין איין שאַפּ. געאַרבייט האָבען זיי ביי נעקטיים.

זיי זיינען גאָרניט געווען גערעטען איינע אין די אנדערע. מערי איז געווען מעהר, ווי מען רופט עס, אַ היימישע מיידעל. זי איז געזעסען ביי דער ארבייט שטיל. אויב זי האָט עפּעס גע־זונגען, איז דאָס געווען פאַר זיך, אונטער דער נאָז; האָט ניט געמאַכט קיין מחזקות מיט באָיעס, גערעדט באַשיידען, קיין זאַך אויף איהר האָט ניט געריסען די אויגען; די האָר זיינען געווען פאַרקאַמט גלאַט, איהר הוט איז געווען אָהן גאָרענס, און איהרע קליידער איינפאַך און נעט. און פאַרקערט, בעסי איז געווען אַ לעבעדיגע שטיקעל סחורה: איהר מויל האָט זיך אויף אַ רגע ניט פאַרמאַכט. עס איז געווען רק חאַ־חאַ־חאַ און חי־חי־חי. ווען זי איז געגאַנגען פון דער ארבייט האָט מען איהרען אַ קוויטש גע־קענט הערען פאַר אַ בלאָק ווייט, האָט געמאַכט צו יעדען בחור חנ׳דלאַך און געדרעהט זיך אויפ׳ן קאָרעק. וואָס פאַר אַ קונצען האָט זי געמאַכט מיט איהר ביסעל האָר! און ווי הויך האָבען געבלאָזען די שוואַרצע פעדערען אויף איהר הוט!

צוויי מיידלאַך מיט צוויי פאַרשידענע כאַראַקטערען זיינען זיי געווען, און דאָך האָט מערי קיין בעסערע פריינדין ניט געפונען אין שאַפּ ווי בעסי׳ן און בעסי קיין אנדערע ווי מערי׳ן.

מערי האָט קיין „פעלאָוס” ניט געהאט, נאָר אַ חתן האָט זי געפונען פריהער ווי בעסי. און אַ חתן האָט זי געפונען אַן אמת׳ן „דיוד”: די האָר פאַרקאַמט מיט אַ זייטיגע שטעגעלע, דעם טשופּ אויסגעבויגען אין אַ האַלבע לבנה אויפ׳ן שטערן; די יונגע

וואַנציקלאַד שעהן פאַרדרעהט, די לאַקירטע שיך האָבען שטענדיג געשפּיגעלט און זיין טיכעל האָט שטענדיג פאַרשפּרייט אַ ריח פון פּאַרפיומע.

געהייסען האָט ער מייק סילווערמאַן און איז אַלט געווען אַ יאָהר צוואַנציג זי האָט צום שידוך אַפילו קיין שדכן ניט גע־דאַרפט. זי האָט זיך מיט איהם באַקענט אויף אַ חתונה. ער איז אין איהר אַ פאַרקאָכטער געוואָרען פון דער ערשטער מינוט אַן און איז פון איהר דעם גאַנצען אָבענד ניט אָפּגעטראָטען. ער האָט איהר ניט געלאָזט רוהען מיט׳ן טאַנצען, הגם זי איז אין דעם געווען גאָר גרין און ער האָט איהר אַלע ווייל געבראַכט רעפרעשמענטס, און ווען ער האָט זיך מיט איהר געשיידט, האָט זיי ביידען אויסגעוויזען, אַז זיי קענען זיך שוין יאָהרענלאַנג.

ער האָט גענומען אַריינגעהן צו איהר אין הויז, האָט גערעדט מיט איהרע עלטערען דוקא אין ענגליש, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אַמעריקאַן באָי. האָט זיי דערצעהלט, אַז ער פאַרדינט זיינע אַכ־צעהן דאָלאַר אַ וואָך און איבערהויפּט באַוויזען זיך מיט זיין האַלטונג און רעדען, אַז ער איז ניט קיין גרינער. נאָר אויף מערי׳ס פאָטער האָט ער ניט געמאַכט קיין גוטען איינדרוק.

— עפּעס זעהט ער אויס ווי אַ יונגער צוציק, — האָט ער גע־זאָגט דאָס ערשטע מאָל, נאָך מייק׳ס אוועקגעהן.

נאָר מערי האָט איהם דערקלעהרט, אַז אַמעריקאַנער באָיעס זיינען ניט קיין היימישע. אַן אַמעריקאַנער באָי בויט אויף זיך, שטעלט אויף זיך אַ סך און דעריבער זעהען זיי אויס אביסעל ווי עזות׳דיג, און דער פאָטער האָט זיך געלאָזט איינרעדען.

צווישען מייק און מערי איז געוואָרען אַ שידוך, און עס האָט זיך אָנגעהויבען צווישען זיי אַ לעבען — ווי אַ לעקאַך. ער האָט איהר אויסגעפיהרט אין אַלע טעאַטערע, זיי האָבען ניט איבערגע־לאָזט קיין מאַסקאַראַד־באַל, קיין קאָנצערט. זומער זיינען זיי גע־פאָהרען אין קוני־איילאַנד און יעדעס מאָל האָט ער געפונען אַ גע־לעגענהייט צו קויפען איהר אַ מתנה.

מערי האָט איהם דערוויל באַקאַנט געמאַכט מיט אַלע איהרע חבר׳טעס און, פאַרשטעהט זיך, אַז זי האָט ניט פאַרגעסען צו

באקענען איהם מיט בעסי׳ן. בעסי פלעגט אפט מיט זיי מיטגעהן אין טעאטער, אויף א באל און פאהרען קיין קוני־איילאנד.

און ווען זי איז מיטגעגאנגען אדער מיטגעפאהרען איז טאקע געווען לעבעדיגער. אנפאנגס איז בעסי פאר זיי געווען א שטער, זי האט זיך ווי עפעס אוועקגעשטעלט אין מיטען און ניט געלאזט זיי זיין אזוי האנט אין האנט, ליפ אין ליפ, ווי דאן, ווען זיי זיינען געווען אליין. נאר באלד האט מייק אויסגעפונען, אז בעסי קען פארשאפען א סך „פאן“. אהן בעסי׳ן איז אומעדיג צו פאהרען אין פארק, אהן בעסי׳ן איז קוני איילאנד קיין קוני איילאנד ניט און אהן איהר איז א באל קיין באל ניט.

די שמחה מיט בעסי׳ן איז געווען אזוי גרויס, אז מייק האט זיך באלד ארומגעזעהן, אז איצט איז איהם מערי געווארען א שטער און פארדארבט איהם אלע זיינע פארגעניגענס. און וואס מעהר ער האט זיך אין דעם איבערצייגט, אלץ קעלטער איז ער געווארען צו מערי׳ן, און אלץ זעלטענער זיינען געווארען די וויזיטען זיינע צו איהר, ביז ער האט אינגאנצען אויפגעהערט אריינקומען צו איהר.

מערי האט ניט געדארפט זיין קיין איבערגעשפיצטע צו פאר־שטעהן די אורזאכע פון דער ענדערונג, וואס איז פארגעקומען מיט מייק׳ן. און אויב אפילו זי וואלט זיך נאך געקענט נארען אין מייק׳ן, האט איהר בעסי ניט געלאזט זיין גענארט. בעסי האט אין שאפ אנגעהויבען צו קוקען אויף איהר פון אויבען אראפ און שיקען איהר שטעכווערטלאך, ווען נאר זי האט געקענט. און ווען בעסי האט געקראגען דעם ערשטען ווערטפולען פרעזענט פון מייק׳ן, האט זיך אנגעהויבען אן אמת׳ער גיהנום פאר מערי׳ן. גלייך ווי זי איז געקומען אין שאפ, האט זי אלע מיידלאך געוויזען א פיינע בראשקע און האט ארויסגערעדט אזוי הויך, אז מען זאל הערען אין אלע ווינקעלאך.

— מיי פעלאו גייוו איט טו מי.

די מיידלאך האבען געוואוסט, ווער דער „פעלאו“ איז און זיי האבען אלע אראפגעלאזט די אויגען. זיי האבען רחמנות געהאט אויף מערי׳ן.

דער שאַפּ איז געוואָרען פאַר מערי'ן צו ענג, און זי איז פון דאָרטען אוועק.

נאָר בעסי האָט געזוכט יעדע געלעגענהייט צו שטעכען איהר און צו רייסען איהר די אויגען. זיי האָבען ביידע געהאַט אַלגעמייגע באַקאַנטע און בעסי האָט רק געזוכט צו קומען אין אַזעלכע פּלעצער, וואו זי האָט געהאָפט צו טרעפען מערי'ן, און געפיהרט האָט זי אין יענע פּלעצער אויך מייק'ן. און עס איז ניט געווען קיין ערגערע אַפּקומעניש פאַר מערי'ן צו זעהן זיי ביידען אַריינקומען אין אַ שטוב, וואו זי האָט זיך געפונען. זי האָט זיך אָנגעהויבען צו מינען אין געזיכט, די אויגען האָבען איהר אָנגעהויבען צו פינטלען און די פאַר מינוט וואָס האָט גענומען איידער זי האָט געקענט אַנטלויפען, איז פאַר איהר געווען אַ גיהנום, און בעסי האָט דערוויל אויף איהר געקוקט שפּאָטיש, געקרימט זיך און געלאַכט פון איהר.

און בעסי האָט ניט געוואַרט, ביז זי וועט איהר אַ מאָל טרעפען ביי אַ באַקאַנטען. זי האָט איהר צייטענווייז אָפּגעהיט אויפ'ן וועג אַהיים און קומענדיג איהר אַנטקעגען האָט זי געפּאָכעט אין דער לופטען מיט די הענט, כדי צו ווייזען אַ נייעם בראַסלעט, וואָס מייק האָט איהר געקויפט, אָדער האָט אָפּגעשפּילעט איהר פוקססקאַרף, כדי עס זאָל זיך בעסער אַרויסזעהן די וואַטש־און־טשיין, וואָס זי האָט געקראָגען.

די באַקאַנטע האָבען סימפּאַטיזירט מיט מערי'ן. אייניגע האָבען איהר געראָטען, אַז זי זאָל מאַכען אַ „בריטש אָוו פּראָמיס" משפּט, נאָר זי האָט דערפון ניט געוואָלט הערען. דאָס האָט איהר נאָך מעהר אויפגעהויבען אין זייערע אויגען און זיי האָבען געקוקט קרום אויף בעסי'ן פאַר איהר שלעכטסקייט. אַנדערע האָבען געגעבען אָנצוהערעניש, אַז אין געוויסע אָבענדען וואָלטען זיי וועלען, אַז זי זאָל ניט קומען צו זיי.

— ווהאַט דו יו טייק מי פאָר איי פול? איך וועל פאַר איהר אַנטלויפען! און אַז די מיאוס'ע מויד איז איהם ניט געפעלען געוואָרען איז וואָס? איך זאָל ניט טאָרען געהן צוליעב דער פאַסקודנער גרינהאָרן!

און אַזוי האָט זי איהר געפּיקעט אין די אויגען, געטאָן רשעות אויף טריט און שריט און באַנבל'ט איהר פון קאָפּ ביז די פיס, ביז מערי האָט ניט געקענט אַריינקומען אין קיין הויז פון איהרע אַמאָליגע באַקאַנטע.

אַ חסרון דער יחוס

ביי סאַפּיע'ן אין הויז האָט מען גערעדט און געפּוצט מער ווי געוועהנליך: אַ חתן האָט איהר היינט געדאַרפט קומען זעהן.

אַ גרויסען טהייל פון דעם אויפּראַמען און אויפּפּוצען האָט גענומען סאַפּיע'ס עלטערע שוועסטער. דאָס הייסט, זי האָט קאָמאַנדעוועט און אַלע האָבען איהר געפאָלגט. זי האָט געהאַט אַ מאַן אַ דאָקטאָר און אויף איהר געשמאַק האָט מען זיך געמוזט פאַרלאַזען.

דער חתן וואָס האָט געדאַרפט קומען איז קיין דאָקטאָר ניט געוועזען. ער איז אפילו ניט געוועזען קיין אַפּטייקער. ער איז געוועזען אַ קליינער ביזנעסמאַן, האָט געהאַט אביסעל געלט אַפּגעשפּאָרט און איז געווען, וואָס מען רופט, אַ גלאַטער יונגערמאַן.

מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט סאַפּיע ניט געוואָלט הערען פון אַזאַ חתן. זי האָט אויך געוואָלט אַ דאָקטאָר, ווי איהר שוועסטער. די שוועסטער האָט איהר צוגעגעבען מוטה און געטאָן אַלץ וואָס זי האָט געקענט, אַז זי זאָל זיך מיט'ן שוואָגער ניט דאַרפען שעמען. זי האָט איהר מיטגענומען אויף בעלער, קאָנצערטען, האָט איהר באַקאַנט געמאַכט מיט אומבאַווייבטע דאָקטוירים, האָט איהר שטאַרק געלויבט פאַר זיי אין די אויגען. נאָר די מיטלען האָבען ניט געווירקט. די מיטלען האָבען ניט געווירקט ניט דערפאַר, וואָס איהר האָט געפעהלט חן אָדער שעהנקייט, אָדער אביסעל בילדונג, נאָר פּראָסט דערפאַר, וואָס זי האָט ניט געהאַט קיין געלט. די עלטערע שוועסטער האָט אויך קיין געלט ניט געהאַט, נאָר זי האָט געהאַט גליק, ווי די עלטערן האָבען זיך אויסגעדריקט. סאַפּיע אָבער האָט דעם גליק ניט געהאַט.

ווען סאפיע איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז זי וועט אויסזיסט וואַרטען אויף דעם דאָקטאָר, האָט זי זיך גענומען אַראָפּ־לאָזען אויף אַ נידעריגערען שטאָפּעל און זי איז געקומען צו דער שטופע, אַז זי איז געווען צופרידען מיט אַזאַ חתן, וואָס האָט היינט געדאַרפט קומען איהר זעהן.

זיי האָבען זיך פריהער ניט געזעהן, און דעם שידוך האָט צונויפגעבראַכט אַ שדכן.

די עלטערע שוועסטער האָט די הויפּט געוויכט געלעגט אויף די קליידער. סאָפיע האָט קיין רייכע קליידער ניט געהאַט און די שוועסטער האָט איהר ניט געקענט לייהען איהרע, ווייל זיי וואָל־טען איהר ניט געפּאַסט, נאָר מיט דער הילף פון איהרע דזשולערי און אַנדערע באַפּוצונגען, וואָס מען קען לייכט צונעהמען און אָנ־הענגען, האָט זי איהר אויסגעפּוצט ווי אַ פּאָפּקעלע. די עלטערע שוועסטער האָט זיך דערביי אָנגענומען אַ סך גריזאָטע. זי איז ניט איינמאָל אַזוי פאַרצווייפעלט געוואָרען, אַז זי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַנידערגעזעצט זיך מיט אַן אָפּגע־קערטען קאָפּ אין אַ זייט, זאָגענדיג:

— טו ווי דו פאַרשטעהסט. איך קען דיר גאַרניט העלפען.

נאָר דאָס האָט געדויערט איין מינוט און זי איז ווידער אויפ־געשפּרונגען מיט אַ געשריי:

— לאָז, לאָז מיר. אפשר וועל איך פאַרט עפּעס קענען מאַכען.

זי האָט אַביסעלע אונטערגעבויגען די דינע בלוזע, כדי דער האַלז זאָל זיך קענען מעהר אַרויסזעהן און זאָל געבען אָנצוהע־רעניש אויף ווייטער, דאַן האָט זי איהר אָנגעטאָן אַ לייס־פּישו און די אויסגעבלייזט האַלז האָט דורך דעם באַקומען אַ געהיימ־ניספולע רייצונג. דאַן דער רייכער קאָרסעט־קאַווער וואָס זי האָט איהר געבראַכט האָט אונטער דער דינער בלוזע אָנגעהויבען צו ווינקען אַזוי ממזר׳יש, און זי איז געבליבען צופרידען מיט סאָפיע׳ן.

— מען דאַרף ניט האָבען קיין רייכע קליידער, מען דאַרף נאָר האָבען געשמאַק. אַנטאָן זיך איז אַ קונסט.

סאָפיע פרעגט איהר ניט, וואו זי האָט די קונסט געלערענט, ווי זי וואָלט איהר דאָס געזאָגט אַז אַנדערש מאָל, ווייל זי האָט קיינמאָל ניט געקענט פאַרטראָגען, אַז די שוועסטער זאָל מיט איהר רעדען עפּעס ווי אין דער אמת׳ען זי וואָלט באַקומען אַן אַנדער ערציהונג און אויסגעהאָדעוועט געוואָרען אין אַן אַריסטאָקראַטישע הויז. נאָר איצט האָט זי דאָס גלאַט אַרונטערגעשלונגען. זי האָט געוואוסט, אַז צום שידוך וועט זיין זעהר גוט, וואָס זי האָט אַ שוועסטער אַ דאָקטאָרקע און אַ שוואָגער אַ דאָקטאָר.

— וועט אַלבערט זיין? — האָט געפרעגט סאָפיע.

— אומבאַדינגט, — האָט געענטפערט די עלטערע שוועסטער. איך האָב איהם אַנגעזאָגט, אַז די קאַרעטע זאָל ער ניט אַפּשיקען זעקס אַזייגער אין סטייבעל און זאָל קומען אַהער אין איהר.

אַלבערט איז געוועזן דער שוועסטער׳ס מאַן, דער דאָקטאָר, און אָהן איהם וואָלט דאָס זעהן זיך קיין פּנים ניט געהאַט. ער האָט נעדאַרפט צוגעבען דעם זיבעטען חן צו דעם שידוך. אַלע האָבען עס פאַרשטאַנען, הגם זיי האָבען וועגען דעם ניט גערעדט.

ווען אַלבערט איז אַראָפּגעקומען אין זיין קאַרעטע האָט ער שוין דעם חתן געטראָפען ביי זיין שווער אין הויז. דער חתן איז געוועזן ווי אַ חתן דאַרף זיין: אַ שווייגעדיגער, און די אַרבייט פון רעדען האָט געטאָן די עלטערע שוועסטער.

אַנפאַנגס האָט זיך סאָפיע מיט איהם צורעדט. זי איז געוועזן אַ גאַנץ קלוגע, טאַקטישע מיידעל און האָט מיט איהם גערעדט וועגען אַלערליי קלייניגקייטען. עס האָט איהר אינטערעסירט צו וויסען ווי איז דאָס לעבען פון דעם קליינעם ביזנעס מאַן און דער חתן, הגם ער איז געוועזן איינגעהאַלטען און שטיל, האָט זיך אָבער דערפרעהט מיט דער געלעגענהייט, אַז ער קען אַרויסווייזען, אַז ער איז ניט קיין שטומער און האָט גערעדט וועגען אַ זאַך, וואו ער האָט זיך געפיהלט היימיש. ער האָט אַליין ניט געפיהלט, ווי אַזוי ער האָט זיך אַריינגעצויגען אין דעם געשפּרעך. ער האָט נאָר געזעהן, אַז ער שילדערט דאָס קליינליכע, וואָכעדיגע לעבען, וואָס דער קליינער ביזנעסמאַן דאַרף פיהרען, ווערען איהרע אויגען פול מיט סימפּאַטיע צו איהם, און פאַרקעהרט, ווען ער דערצעהלט

איהר, ווי אַזוי אין דעם ווּיסטען לעבען גנבֿ'ענען זיך אַריין ליכ־טיגע שטראַהלען, ווערט איהר געזיכט באַלויכטען און זי דרינגט זיך דורך אין גאַנצען מיט אַלץ, וואָס ער דערצעהלט איהר.

נאָר דער געשפּרעך האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען און די על־טערע שוועסטער האָט אויף זיך גענומען די גאַנצע שוועריגקייט צו פיהרען דעם געשפּרעך ביים טיש. אין גאָר אַ קורצע ווײַלע איז דער חתן באַקאַנט געוואָרען מיט אַ העכערען לעבען. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איהר קאָסטען אָפּ קליידער שווערע הונדערטער אַ יאָהר, אַז אַ פאַמיליע קען זיך ניש'קשה'דיג דורכלעבען אויפ'ן געלט, וואָס זיי קאָסט אָפּ אויסצוהאַלטען אַ פערד מיט אַ קאַרעטע און נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס האָבען דעם חתן זעהר אינטערע־סירט, ווײַל ער האָט אײַנגעהאַלטען דעם אָטעם און האָט קיין זאַך ניט אַרויסגעבראַכט און האָט איהר אויסגעהערט מיט דער גרע־סטער אומגעדולד.

ווען אַלבערט איז געקומען האָט ער פאַרנומען דעם אויבען־אַן און האָט גלייך געסטאַפּט דעם ווייבס באַלבען. ער האָט גלייך פאַרצויגען אַ געשפּרעך, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מאַן, וואָס האָט באַזוכט אַ קאַלעדזש. ער האָט איהם באַקאַנט געמאַכט, אַז מען האָט איצט גרויסע האָפנונגען, אַז די צוויי שרעקליכע קראַנקהייטען, שווינדזוכט און קרעבס, צו וועלכע עס איז ביז איצט ניט געווען קיין שום תרופה, וועט מען באַלד קענען קורירען אַזוי ווי דיפטעריע און דאָס גלייכען. דערביי האָט ער איהם אויך באַקאַנט געמאַכט פיעל פּראַצענט עס פלעגען אַמאָל שטאַרבען פון דיפטעריע און פיעל איצט א. ז. וו.

מיט איין וואָרט: דער חתן האָט געקראָגען אַ פאָלשטענדיגען באַגריף, אַז מעדיצין איז אין די לעצטע יאָהרען אַרוים פון די וויקעלאַך, אַז זי איז געוואָרען אַ פעסטע וויסענשאַפט און דאָק־טוירים האָבען אויפגעהערט צו טאַפּען אין דער פינסטער. דערביי האָט דער דאָקטאָר געוויזען, אַז ער איז ניט איינזייטיג, אַז ער האָט זיינע יאָהרען ניט נאָר אָפּגעגעבען צו מעדיצין, נאָר ער איז אויך באַקאַנט מיט'ן אַלגעמיינעם פּראָגרעס פון דער וויסענשאַפט־ליכער וועלט. דער חתן האָט צום ערשטען מאָל דערהערט אַזעלכע

נעמען פון מענשען, אויף וועמעס זכות עס האַלט זיך די וועלט. עס איז איהם געווען זעהר מיאוס, מיאוס פאַר זיך אַליין, וואָס ער לעבט אויף אַ וועלט און ווייסט ניט אפילו וועמען ער דאַרף דאַנקען.

אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר איהם דאָ געעפענט. ער האָט דאָ דערזעהן, אַז מען לעבט אַנדערש, מען פיהלט אַנדערש, מען דענקט אַנדערש און מען רעדט אַנדערש, ווי ביי איהם אין דער קליינער וועלטעלע. ווען ער האָט גענומען אַפּשיעד פון דער כלה, פון דעם דאָקטאָר און פון דער דאָקטאָרקע, האָט זיך איהם דער קאָפּ גע־דרעהט פון די נייע איינדריקע און ער האָט זיך געפונען עפּעס ווי אין עולם התוהו.

— נו, וואָס זאָגט איהר, האַ? האָב איך אייך אַ גוטע כלה אויסגעזוכט, האַ? — האָט געפרעגט דער שדכן, וועלכער איז אַרומ־געגאַנגען צוזאַמען מיט איהם. און אַ שוואָגער! וואָס דענקט איהר, איז עפּעס ווערטה צו האָבען אַזאַ שוואָגער?

— יאָ, יאָ! — האָט דער חתן געענטפערט גיך, — פיינע מענ־שען, זעהר פיינע מענשען, נאָר...

— וואָס נאָר?

— נאָר איך האָב מורא —

— וואָס האָט איהר מורא?

— אַזאַ מיידעל, געוואוינט צו לעבען אַזאַ לעבען ווי איהר שוועסטער פיהרט, טהייערע קליידער, קאַרעטען —

— ווי קומט דאָס מיידעל דערצו — זי וויל דאָס גאָר אפילו ניט.

— זי וועט אָבער ניט קענען זיין צופרידען מיט אַזאַ לעבען ווי מיר פיהרען. היינט דער דאָקטאָר. איהר האָט געהערט ווי אַ געבילדעטער מאַן רעדט? איך וועל דאָך בטל בששים ווערען, ווען ער וועט אַריינקומען צו מיר. איך וועל דאַרפען זיצען און שטומען. ניין, איך וועל מוזען זוכען מיין גלייכען.

— אָבער איך ווייס, אַז דאָס מיידעל איז צופרידען.

— מאַלע וואָס אייך ווייזט אוים.

דער חתן האָט באמת געגלויבט, אַז ער וועט ניט קענען צו־פרידענשטעלען אַזאַ כלה און האָט זיך ניט גערעכענט פאַר ווערטה

גענוג צו האָבען די זכיה צו זיין דעם דאָקטאָרס אַ שוואָגער און ער האָט באַשלאָסען ניט צו טאָן דעם שידוך.

און וויפיעל דער שדכן האָט איבער איהם ניט גערעדט, האָט ניט געהאָלפען.

ביידע גליקליך

ער איז אין שטוב אריינגעלאָפֿן ווי צוואַנציק רוחות וואָלטן איהם אריינגעטראָגען. זיינע אויגען האָבען געגלאָצט און געשפּריצט פֿונקען פֿון גליק. ער האָט אַ וואָרף געטאָן די הוט און געזאָגט, רייבענדיג די הענט פֿאַר פֿאַרגעניגען, צום ווייב:

— ענדליך בין איך, ווי די מאַמע וואָלט געזאָגט, פֿאַרקראַכען אַ שטיקעל מאַיאָנטעק!

דאָס ווייב, ווי עס האָט געשיינט, האָט איהם ערוואַרטעט אומגעדולדיג. ביי זיין אריינקומען האָט זי זיך געשווינד אויפגעהויבען און איז געגאַנגען איהם אַנטקעגען. זי האָט גלייך אין זיינע אויגען דערקענט, אַז דאָס, וואָס ער האָט ערוואַרטעט, איז געשעהן. איהר געזיכט האָט אויך אָנגענומען אַ צופֿרידענעם אויסדרוק.

— ווירקליך? פּיעל?

די פֿראַגע „פּיעל", איז געווען מכח דעם פּרייז.

— פֿופֿציג טויזענד מיט אַן עק.

— טאַקע ווי דו האָסט גערעכענט?

— אַזוי ווי איך האָב גערעכענט. דאָס איז גוט געקויפֿט.

ער איז צוגעגאַנגען צום ראָקינג טשער און האָט זיך אַנידערגעזעצט. ער האָט זיך מיט ביידע הענט אָנגענומען פֿאַר די שפּיצען פֿון די וואָנטלאָך פֿון טשער און פֿאַרטגעזעצט, וויגענדיג זיך:

— יעצט דאַרף מען נאָך זעהן צו פֿאַרקריכען אין אַ זומערוואוינונג.

— אהאַ! דו זוכסט שוין מיטלען, ווי אַזוי פֿון אונז פּטור צו ווערען אויף אַ גאַנץ זומער! — האָט דאָס ווייב געזאָגט מיט אַ קאָקעטיש שמייכעל.

— נו, אום פּטור צו װערען פון אײך אויף זומער, דאַרף מען נישט קױפען קײן זומער־װאוינונג, כּל־זמן גוטע לענדלאַרדס זײנען פאַראַן.

— אָבער מיט אַן אײגענע זומער־װאױנונג מאַכסטו שוין אונ־זער אַפּפאַהרען זיכער.

ער האָט די לעצטע װערטער כּמעט ניט געהערט. זײנע נער־װען זײנען געװען צופיעל אָנגעשטרענגט, אַז ער זאָל אַ פּאָר מינוט נאָכאַנאַנד קענען בלײבען שטעהן אויף אײן געגענשטאַנד. אין די עטליכע סעקונדען, װאָס דאָס װײב האָט געמאַכט די לעצטע באַ־מערקונג, זײנען אין זײן קאָפּ איבערגעלאָפען צװאַנציג פּלענער.

די טיר האָט זיך געעפענט און צװײ שעהנע, בליהענדע קינדער, אַן אינגעלע און אַ מײדעלע, זײנען מיט געררויש אַרײן אין צימער. זײ האָבען זיך בײדע גלײכצײטיג אַ װאָרף געטאָן מיט אַ פרעה־לאַכען געשרײ:

— פּאַפּאַ! פּאַפּאַ!

בײדע קינדער האָבען גענומען קלעטערען צו איהם אויף די פּיס.

— פּאַפּאַ? און די מאַמאַ אַרט אײך גאָר ניט — האָט דאָס װײב זיך אָנגערופען װי ברוגז׳דיג.

בײדע קינדער, ניט אַראָפּקריכענדיג פון זײנע קניע, האָבען זיך איבערגעבויגען אין דער מוטער׳ס זײט, אום צו געבען איהר אַ קוש.

— עס איז שוין באַלד צײט אָנצוהױבען װעגען זײ צו זאָר־גען, — האָט ער געזאָגט, האַלב פאַרטראַכט, גלעטענדיג די קינדער איבער די קעפּלאַך. מען דאַרף זעהן, אַז זײ, לכל הפּחות, זאָלען ניט דאַרפען אויסשטעהן, װאָס מיר זײנען אויסגעשטאַנען.

אויף זײן געזיכט האָט זיך אָפּגעטונקט אַ לײכטער װאָלקען. די ערינערונגען פון די ניט־לאַנג פאַרגאַנגענע יאָהרען זײנען נאָך געװען פריש און װײט ניט זיס.

סך־הכּל מיט אַ יאָהר צעהן צוריק איז ער נאָך געזעסען אין אַ פינסטערן שאַפּ און גענעהט העמדלאַך. די צוקונפט איז פאַר איהם דעמאָלט געװען פינסטערער פון שאַפּ. בײ זײן גרעסטע

מיה, האָט ער קוים געמאַכט זיינע פינף דאָלאַר א וואָך. ניט זייענדיק פון דער היים קיין אַרבייטער, האָט ער גוט געוואוסט, אַז אויף גרעסערע פאַרדינסטען קען ער ניט האָפען. ווי זאָל ער זיך אַרויסרייסען פון דער מיזעראַבלער לאַגע, האָט ער ניט געהאַט קיין שום אהנונג. אַזעלכע פאַרדינסטען, ווי זיינע, לאָזען ניט שטאַרבען, אָבער זיי גיבען אויך ניט צום לעבען. ער איז געזעסען מיט פאַרצווייפלונג אין שאַפּ און געדרעהט אַפּאַטיש די מאַשין. איצט זיינען קוים צעהן יאָהר פאַראיבער, און וואָס פאַר אַן איבערקעהרעניש עס איז געוואָרען! אין זיינע ערגסטע טעג, ווען זיין לעצטע אַנהאַלט, די פינף דאָלאַר א וואָך זיינען אויך פאַרשוואונדען; ווען עס איז אַנגעקומען די ביטערע סלעק, און א וואָך האָט זיך געצויגען נאָך א וואָך, און זיין פאַרצווייפלונג איז געוואַקסען מיט יעדען טאָג, האָט ער איהר באַגעגענט. זייער באַגעגעניש איז געווען אויף א מיטינג. ער איז געשטאַנען אויפ׳ן פּלאַטפאָרם און האָט גערעדט. גערעדט האָט ער וואַרים, מיט האַרץ, מיט איבערצייגונג. זי האָט מיט איהם נאָכ׳ן רעדען דע־באַטירט, און אַזוי איז געשלאָסען געוואָרען זייער באַקאַנטשאַפט. זיי האָבען זיך באַקענט און באַפריינדעט, באַפריינדעט און שטאַרק פאַרליבט זיך איינער אין צווייטען. זי האָט איהם אַוועקגעשטעלט אויפ׳ן נייעם וועג. זי איז צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל די מאַשין אַוועקוואַרפען און געהן שטודירען. זי האָט געאַרבייט און גע־האָלפען איהם אויספיהרען זיין פּלאַן. ווען ניט זי, וואָלט ער אייביג א גאַנצען טאָג געקלאַפּט אויף דער מאַשין ערגעץ אין א שאַפּ און ביי נאַכט גע׳דרש׳ענט אויף די מיטינגען און גע־שטאַרבען זעקס מאָל א טאָג פון הונגער.

די עטליכע מינוט וואָס ער איז געזעסען גלעטענדיג מעכאַניש די קינדער איבער די קעפּלאַך און זייענדיג פאַרזונקען אין די פרישע ערינערונגען, וואָס דער געדאַנק וועגען פאַרלאָזען די קינ־דער האָט ביי איהם אַרויסגערופען, איז דאָס ווייב געזעסען אַנט־קעגען איהם און האָט פון איהם די אויגען ניט אַראָפּגעלאָזט. זי האָט געהאַט פאַרגעניגען קוקענדיג אויף זיין גלאַט געראַזירט געזיכט, אויף זיינע ווייכע ציגע, אויף זיינע סאַרע קלוגע אויגען און, עס

קען זיין, אז זי האט אין גערדאנקען געוואלט זיך אליין געבען א קניפ אין בעקעל פאר איהר וואוילען געפיהל, וואס זי האט איהם דעמאלט געוואוסט אויסצוקלייבען און אוועקשטעלען איהם אויף דעם וועג, אויף וועלכען זיי געהען איצט.

— יעס, — האט ער געזאגט ערוואכענדיג. — וואס זיצען מיר עפעס אזוי? אויף וויפיעל מען קען זיך ריכטען, וועלען די קינדער אונזער עקספיריענס ניט דארפען דורכמאכען.

ער האט אנגעבויגען דעם קאפ און א קוש געטאן, פריהער דאס מיידעלע, נאכהער דאס אינגעלע און האט זיי אראפגעלאזט פון זיין קניע.

— יעצט געהען מיר צו דינער.

— און דו געקויפט, פאפא, די הויז? — האט דאס מיידעלע געפרעגט.

— פון וואנען ווייסטו, אז איך האב געוואלט קויפען? — האט ער געפרעגט מיט א שמייכעל.

— איך האב נעכטען געהערט, דו גערעדט מיט מאמא.

— געקויפט, געקויפט, טאכטער! — האט ער געענטפערט און א קניפ געטאן איהר אין בעקעל.

— און בוימער פאראן דארטען? איך כאפען זומערפייגעלאך — האט דאס אינגעלע געזאגט.

— די הויז האב איך געקויפט אין שטאדט און אין שטאדט זיינען די הייזער אהן בוימער, — האט ער ערקלעהרט.

— דו נא גוד פאפא, — האט דאס אינגעלע געזאגט אומצו־פרידען.

— איך וועל קויפען נאך א הויז מיט בוימער און מיט זומער־פייגעלאך.

— אי זומערפייגעלאך, אי זומערפייגעלאך! — האט דאס אינ־געלע אויסגעשריען צופרידען.

— ביזטו איצט סאטיספייד? — האט ער איצט געפרעגט, ווענ־דענדיג זיינע טריט צו דער טיר.

— יעס, פאפא, יעס, — האט דאס אינגעלע געענטפערט און אנגעהאנגען זיך איהם אויפ'ן פוס.

— לאָז דעם פּאַפּאַ געהן, — האָט די מוטער געזאָגט. — דער פּאַפּאַ קען אַזוי ניט געהן.

— און אַ פערד און וואָגען וועט דער פּאַפּאַ אויך קויפען? — האָט דאָס מיידעלע געפרעגט.

— געוויס, געוויס!

ביים דינער האָבען זיי באַשפּראָכען, ווי צו מעבלירען די נייע הויז. די אַלטע מעבעל איז מיאוס אריינצופיהרען אהין. ער פאַר־לאָזט זיך שוין אויף איהר געשמאַק און גיט דאָס איבער אין גאַנצען צו איהר.

נאָכ׳ן דינער איז דאָס ווייב אוועקגעפאָהרען נעהמען אַ מאָס אויף אַ נייע קלייד, און ער איז אריין אין קאַבינעט צולעגען זיך אָפּרוהען אויף אַ שטונדע צייט. נאָר די נערוועז זיינען געווען צופיעל אויפגעוועקט, אַז ער זאָל קענען ניט נאָר שלאָפען, נאָר זאָגאָר איינדרימלען. ער האָט זיך אויפגעהויבען פון סאָפאַ און נענומען שפּרייזען אהין און צוריק איבער׳ן צימער. ער האָט ניט געקענט איינהאַלטען זיך און ניט פאַרגלייכען אַמאָליגע צרה׳דיגע צייט פון שאָפּ מיט די איצטיגע, און דאָס האַרץ איז איהם גע־שפּרונגען פאַר שמחה. זיין פאַנטאַזיע האָט זיך איצט אַביסעל צושפּילט און ער האָט גענומען חלומ׳ען נאָך פון אַ גליקליכערע צוקונפט.

ער איז איצט געווען פאָלשטענדיג גליקליך.

די טיר פון קאַבינעט האָט זיך געעפענט און די דינסט האָט געמעלדעט, אַז עמיצער וויל איהם זעהן.

— בעט אריין.

די דינסט איז פאַרשוואונדען געוואָרען, און אין אַ פּאָר סע־קונדען אַרום האָט זיך באַוויזען אַ מאַן פון אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג מיט אַ ברייטע און דיקע באָרד, אין אַן אָפּגעטראָגענעם מאַנטעל, איינגעשמירטע שיך, מיט אַ גליקליכען שמייכעל אויף די ליפּען. דער אומבאַקאַנטער האָט אויסגעשטרעקט די אָרעמס און פרעהלאך אויסגעשריען:

— לעאָן!

לעאָן איז געבליבען שטעהן פאַרוואונדערט.

— דו דערקענסט מיך ניט? איבעריגענס, עס איז קײן װאונ־דער ניט. איך בין באװאקסען געװאָרען מיט אַ באָרד. אָבער זעה, װי פריש דו זעהסט אויס, דו ביזט אַ גאַנצער גראַף. דו דערקענסט מיך נאָך אַלץ ניט?

די שטימע האָט געשײנט לעאָן צו זײן באַקאַנט. עפּעס האָט איהם אָפּגעגאָסען מיט אַ װאַרימקײט. זי האָט איהם ערינערט אַן אַן אַנדער לאַנד, אַן זײנע יונגע יאָהרען.

— פאַרצײהט. איך קען זיך ניט ערינערען, — האָט לעאָן גע־זאָגט.

— געדענקסט ניט טימאָפײען?

— אָך, טימאָפײ!!

לעאָן איז געבליבען אַ פּאָר סעקונדען שטעהן אין פאַרלעגענ־הײט און האָט גענומען דרעהען דאָס קײטעל פון זײגער. ער האָט ניט געפונען װאָס צו זאָגען. ענדליך האָט ער ארויסגערעדט:

— װי קומט איהר אַהער?

— דאָ איז אַ גאַנצע געשיכטע, נאָר אַז דו זעהסט מיך איצט פאַר דײנע אויגען, קענסטו מיך גראַטולירען. איך בין דער גליק־ליכסטער מענש אין דער װעלט. נאָר אָרימע, אָרימע חברים!...

בײ די לעצטע װערטער האָט זיך זײן געזיכט פאַרצױגען מיט אַ טרויער, און זײן שטימע איז געװאָרען קלעגליך.

לעאָן האָט אויף איהם געקוקט און האָט ניט ארויסגעבראַכט אַ װאָרט פון זײן מויל.

— איך בין שיער אַרײנגעפאַלען צום װילדען טיראַן אין די לאַפּעס. איך האָב זיך נאָר געראַטעװעט דורך אַ װאונדער. אַ יאָהר אַנדערהאַלבען האָט אונז גענומען צו אָרגאַניזירען די שוסטער פון אונזער שטאָדט און ארויספיהרען זײ אויף אַ סטרײק. אין דײן צײט איז דאָס געװעזען אונמעגליך און מיר האָבען זיך מיט אַזעלכע זאַכען דעמאָלט ניט אָפּגעגעבען. דו געדענקסט, װיפיעל אונז האָט גענומען צו אָרגאַניזירען די זאַקען־שטריקערקעס און װי מיאוס מיר זײנען דורכגעפאַלען? נאָר די לעצטע צײט האָט אַ נײער װינט גענומען בלאָזען. אונזערע אָנהענגער האָבען דורכגע־דרונגען אומעטום און איצט װערט אײנס און צװײ פאַרטײ. מיט

די שוסטער איז א ביסעל צוגעגאַנגען שווערער, מיט זיי איז שווע־רער זיך אויפצוערדען, ווייל זיי זיינען צוזעעט און צעוואָרפען איבער דער גאַנצער שטאָדט. א בעל־הבית האָט ניט מעהר ווי א דריי־פיער געזעלען, און מיר האָבען טאַקע געהאָרעוועט אויפ'ן גרויסען שטייגער. נאָר ענדליך איז אונז געלונגען צונויפרערען זיך מיט זיי, געבען זיי צו פאַרשטעהן זייער לאַגע, און א סטרייק איז ערקלעהרט געוואָרען. די פּאָליציי־הינט האָבען גענומען שפּיאָנע־ווען, שפּירען, און מיט דער הילף פון די בעלי־בתים זיינען זיי אַרויפגעפאַלען אויף אונזער סליאַד. עס זיינען פאָרגעקומען אַרעס־טען. לעוו — דו געדענקסט לעוו'ן? — ער איז אויך אַריינגעפאַלען. מיר איינעם איז נאָר געלונגען זיך צו ראַטעווען.

טימאָפיי איז אויף א רגע אַנטשוויגען געוואָרען. לעאָן האָט געהאַלטען דעם קאָפּ אַראָפּגעזונקען און מיט די הענט געדרעהט דאָס קיטעל.

— אַך, ווי איך בין דיר מקנא! — האָט טימאָפיי ווייטער גע־זאָגט — דו ביזט דאָ אין א פרייען לאַנד און קענסט טאָן אַלץ וואָס דו ווילסט אומגעשטערט. ווי איז דאָ די אַרבייטער בע־וועגונג?

זייט לעאָן איז אַוועק שטודירען, האָט איהם די אַרבייטער־באַוועגונג מעהר ניט אינטערעסירט. ער איז געווען אַזוי פרעמד פון דעם, אַז ער האָט ניט מעהר געוואוסט, אַלס טימאָפיי. די פראַגע האָט איהם געבראַכט אין א פאַרלעגענהייט. א סעקונדע איז ער געשטאַנען א פאַרלאָרענער און האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. ענדליך האָט ער זיך אָנגערופען:

— די פרייהייט איז דאָ א נעשריבענע.

אויב דער ענטפער איז ניט געווען צום פונקט, איז עס דאָך געווען אַן ענטפער. און לעאָן האָט זיך דערפיהלט א ביסעל גרינ־גער. כאָטש עפּעס געזאָגט!

— דו מוזט עלעקטריזירען דעם עולם מיט דיינע רעדעס. איך געדענק, דו האָסט א פייערדיג מויל, א ברענענדיגע צונג; דו קענסט שיטען פעך און שוועבעל. איך געדענק, איך האָב שטענדיג געטראַכט, אַז דיר דאַרף מען געבען א גרויסען פּובליקום און דו

װעסט זײ אַלעמען אָנצינדען מיט דײנע אידעען. דו מוזט דאָ האָבען אַ געװאַלדיגען ערפאָלג.

לעאָן האָט עפּעס אַ מורמעל געטאָן און עס איז געװען שװער צו באַשײדען, װאָס ער האָט אונטער דער נאָז געזאָגט.

— ער! דו ביזט גאָר געװאָרען אַ מיאַמלע! — האָט טימאָפּײ געזאָגט מיט אַ גוטמוטיגען שמײכעל.

לעאָן האָט געװאָלט אומבײטען דאָס געשפּרעך, װײל יעדע װײטערדיגע פראַגע האָט איהם אַלץ מעהר און מעהר אַרײנגע־בראַכט אין אַ גרעסערע פאַרלעגענהײט. נאָר ער האָט זיך אַלץ ניט באַשלאָסען. שליסליך האָט ער געפרעגט:

— און װאָס דענקסטו דאָ צו טאָן?

— אויך אַ דאַגה! — האָט טימאָפּײ די פראַגע אָװעקגעמאַכט מיט דער האַנט. איך װעל טאָן װאָס אַלע טוען, אַבי איך בין פרײ און ליג ניט פאַרשפּאַרט.

און װידער האָט זײן געזיכט באַדעקט אַ גליקליכער שמײכעל.

— דו ביזט דער זעלבער אידעאַליסט, װי מיט צעהן יאָהר צוריק! — האָט זיך בײ לעאָן אַרױסגעריסען פון מױל.

— און דו? האָט דען אַמעריקאַ דיך איבערגעמאַכט?

לעאָן האָט געשװיגען.

— ביזטו דען אַן אַנדערער געװאָרען? — האָט טימאָפּײ װײ־טער געפרעגט.

— װעל? — לעאָן איז בײ דעם װאָרט געבליבען.

טימאָפּײ האָט אויף איהם אַ קוק געטאָן, נאָר זײן בליק איז ניט געװען אַזאַ דורכדרינגענדער, אַז ער זאָל קענען לײענען בײם מענשען אין נשמה.

אין דער מינוט האָט זיך געעפענט די טיר און לעאָנ׳ס פרוי איז אַרײנגעקומען.

לעאָן האָט זיך העכסט דערפרעהט מיט׳ן װײב. ער האָט זיך געאײלט װאָס גיכער פאַרצושטעלען זײן אַלטען חבר פאַר איהר.

— דאָס איז אַ גליקליכער מענש! — האָט ער דעם ווייב דער־
צעהלט פון זיין חבר — אַ זעלטענער אידעאַליסט.

דאָס געשפּרעך האָט איצט אָנגענומען אַן אַנדער ווענדונג,
און לעאָן האָט גענומען אָטעמען פרייער.

.1897

און זי האָט איהם געפאָלגט

(ערצעהלונג).

ווען סאָלאָמאָן האָט זיך באַקענט מיט סאָפיע'ן און איז גע־וואָרען אַן אָפטער איינגעהער צו איהר, האָט ער נאָר געזוכט אין איהרע אויגען יענעם בליק און אין איהר געזיכט יענעם שמייכעל, וואָס זאָל איהם ווייזען, אַז זיינע באַזוכען פאַלען איהר ניט צו לאַסט. ווייל איהרע עלטערן האָבען געקוקט קרום אויף איהם און ניט געזעהן קיין נוץ אין דעם, וואָס ער קומט איהר באַדערען כמעט יעדען אָבענד און מען דאַרף איהם נאָך באַדינען מיט טיי. פון אַלע איינגעהער צו איהר אין הויז איז ער געווען אפשר דער איינ־ציגער, וואָס האָט זיך ניט געקענט באַריהמען מיט גוטע פאַר־דינסטען. ער האָט געהאַט אַ שווערען קאַמף צו מאַכען אַ לעבען, און אויפ'ן לשון פון איהרע עלטערן האָט עס געהייסען, אַז ער וועט ניט קענען מפרנס זיין אַ ווייב.

נאָר גראָד ער איז סאָפיע'ן געפעלען געוואָרען מעהר ווי די אַנדערע יונגע לייט, וואָס האָבען זיך אַרום איהר אַרומגעדרעהט. יענע זיינען געווען פרעהליכע, לוסטיגע בחורים, וואָס האָבען גע־רעדט וועגען דענסעס, וועגען טעאַטער, וועגען בעלער, און ער האָט דאָס רוב גערעדט וועגען הויכע זאַכען, מיט אַזאַ פיינער שפּראַך, אַז עס איז געווען אַ פאַרגעניגען צו הערען, ווען ער האָט גערעדט וועגען ליעבע. ער האָט דאָס רוב ליעב געהאַט צו קלאָגען זיך, וואָס מענשען קוקען אויף די הייליגע געפיהלען פון ליעבע, ווי אויף עפּעס אַ סחורה, וואָס מען קען פאַרהאַנדלען, מיינענדיג דערביי אַריינצולאָזען אַ שפּילקע אין איהרע עלטערן, פאַר וואָס זיי קרימען זיך אויף איהם נאָר דערפאַר, וואָס ער איז ניט קיין

גרויסער פאַרדינער און האָט מיט פלאַמענדע ווערטער ערקלעהרט, אַז ליעבע טאָר ניט און דאַרף ניט וויסען פון קיינע חשבונות, אַז ליעבע טראָגט אין זיך זיך גענוג גליק צו פאַרגעלטען פאַר אַלע קרבנות וואָס מען ברענגט אויף איהר מזבח; און ער האָט דערביי געטראַכט, אַז אויב ער האָט שטאַרק צו קעמפען צו מאַכען אַ לעבען, דערפאַר טראָגט ער אין הארצען אַ קוואל פון ליעבע וואָס וועט קיין מאָל ניט אויסגעטריקענט ווערען.

זיין געשפּרעך וועגען ליעבע האָט איהר פאַרשאַפט פאַרגעניגען. זי האָט זיך געקענט גרינג אָנשטויסען, אַז דאָס מיינט ער איהר און איהר האָט אַלע ווײלע אָנגעהויבען צו קלאַפען שטאַרק אין הארצען, אַז אָט אָט וועט קומען די סאַמע וויכטיגע ערקלעה־רונג. נאָר יעדעס מאָל איז ער פאַרבייגעגאַנגען דעם וויכטיגסטען פונקט און ניט אָנגעריהרט איהם. דאָס האָט ביי איהר פאַרשפּרייט אַ וואָלקען פון אומצופרידענהייט אויף איהר געזיכט, וואָס ער האָט אויסגעטייטשט גאָר אַנדערש, אַז זי איז בייז, וואָס ער האָט זיך ערלויבט צו געהן אַזוי ווייט און געבען איהר אַזעלכע דייט־ליכע אָנצוהערענישען. און נאָכהער, געוועהנליך, פלעגט ער כאַפּען אין איילעניש די הוט, עפּעס שטאַמלען אונטער'ן נאָז און אַרויס־מאַכען זיך פון שטוב אַ פאַרשעהמטער, צוקלעמטער, און סאָפיע פלעגט בלייבען פאַרוואונדערט און ניט פאַרשטעהן, וואָס מיט איהם טוט זיך.

די ערשטע צייט פון זייער באַקאַנטשאַפט האָט ער איהר אויס־געוויזען ווי אַ „פּאַני גאַי", און זיין שעמעוודיגקייט און אומגע־לומפּערטקייט, און זיין רעדען ווי אַז אויפגעקלערטער און זיין הארטע רוסישע שפּראַכע פון די ווייכע ענגלישע ווערטער, — דאָס אַלעס איז געווען אַזוי ניט גלייך צום רעדען און צום האַלטען זיך פון די אַנדערע, אַז זי האָט וועגען איהם געטראַכט מעהר ווי וועגען די אַנדערע. אָפּט נאָך זיין אוועקגאַנג, ווען זי האָט געוואָלט מאַכען שפּאַס, האָט זי געטרייעט אַרויסצורעדען ווערטער מיט זיין אויס־אויסשפּראַכע און צו האַקען זיי ווי מען האַקט האָלץ, ווי עס איז געווען זיין טבע צו רעדען, מיט געוויסע רעגעלמעסיגע פּויזעס פון איין וואָרט צום צווייטען. נאָר געשפּאַסט האָט זי ניט פון שלעכטס־

קייט. זי האָט עס געטאָן ווי אַ קינד וואָס קרימט זיך נאָך אַז אַן עלטערע מענשען. ער האָט איהר פּשוט געקיצעלט און זי האָט געלאַכט. אָבער דערפאַר האָט ער זיך אַלץ מעהר און מעהר איינ־געפרעסט אין איהר מאַרך. און דאָס וואָס די עלטערן האָבען גע־גען איהם געוואָרטשעט, האָט נאָך איהם צוגעגעבען אַ געוויסען חן.

פון די באַקאַנטע וואָס זיינען צו איהר אַריינגעקומען איז געווען נאָך איינער, וואָס איז איהר געווען שטאַרק געפעלען. דאָס איז געווען סעמועל גרינבערג, אַ שטילער יונגערמאַן, וואָס איז ערשט אַריין אין קאָלעדזש. נאָר אַזוי ווי ער איז געווען פאַרנומען מיט׳ן שטודירען, איז ער געווען ווייט פון דעם געדאַנק פון אַ חתונה, און ער איז נאָר געווען אַן אומזיסטער טיי־טרינקער.

ענדליך, ווען סאָפיע האָט פאַרשטאַנען די אורזאַכע, פאַר וואָס סאָלאָמאָן רעדט און דעררעדט קיין מאָל ניט, ווען ער האָט ניט דעם מוט אַרויסצוזאָגען איהר די פּאָר ווערטער אַז ער האָט איהר ליעב, האָט זי איהם גענומען צוגעבען אַ ביסעל מוט. זי האָט איהם פאַרטרויט, אַז אויב די עלטערן וועלען „קיקען“ געגען אַ חתן וואָס איהר וועט געפעלען ווערען, וועט זי מיט איהם אַנט־לויפען ערגעץ און חתונה האָבען אין קאָורט. זי האָט איהם קיין ליגען ניט געזאָגט. טיעף אין הארצען האָט זי טאַקע געוואונשען, אַז עס זאָל דערצו קומען, ניט ווייל זי האָט חס־ושלום געוואָלט אַנטאָן צו־להכעיס די עלטערען, זאָנדערן ווייל אַזאַ מין חתונה האָט אַ געוויסען רייץ. און סאָלאָמאָן האָט זיך טאַקע ענדליך געמאַכט האַרץ און נאָך אַ לאַנגען שמועס פון הינטען אַרום, נאָך אַ סך זאַ־איקעניש און שטאַמלעניש האָט ער קוים אַרויסגערעדט, אַז ער האָט איהר ליעב, אָבער ניט מיט אַזעלכע אומגעוועהנליכע פּראָסטע ווערטער, נאָר מיט אַ שטיקעלע מליצה, אַז זיין האַרץ האָט זי אוועקגערויבט, און זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען און איהר גע־זיכט האָט זיך פאַרגאָסען מיט אַ שעמעוודיגע פאַרב, און ער איז געווען דער גליקליכסטער פון אַלע גליקליכע.

צו קיין אַנטלויפען און צו קיין חתונה אין קאָורט איז ניט געקומען. די עלטערן איהרע האָט מיט איהר אַ סך אַריינגערעדט, גע׳טענה׳ט מיט איהר, געבייזערט זיך אויף איהר און דער טאַטע

איז געוואָרען אמת אין כעס און די מאַמע האָט געגאָסען טרערען, נאָר אַז זיי האָבען געזעהן, אַז זי איז איינגעשפּאַרט, האָט מען גע־שטעלט אַ חופּה כּדת משה וישראל, טאַטע־מאַמע זיינען געגאַנגען אַ כּשר־טאַנץ און געוואונשען פון גאַנצען האַרצען, אַז זיי זאָלען זיך פרוכפּערן און מעהרען און לעבען גליקליך.

עס וואָלט געווען זעהר פּראָזאַאיש, זעהר וואָכעדיג צו זאָגען, אַז גליקליך זיינען זיי געווען די ערשטע פּאָר חדשים נאָך זייער חתונה. מען דאַרף אַלט זיין אַכצעהן אָדער צוואַנציג יאָהר צו קענען פיהלען אַזאַ גליק. די זון האָט פאַר זיי געשיינט גאָר מיט אַן אַנדער שיין, די וועלט האָט זיך געבאָדען אין גוטסקייט, די מענשען זיינען אין גאַנצען פאַרשוואונדען געוואָרען פון דער ערד און נאָר זיי ביידע האָבען עקזיסטירט. אמת, די ערשטע צייט זיינען אַריינגעקומען עפּעס קרובים, פריינד און האָבען מיט זיך דערמאַנט, אַז ערגעץ איז נאָך פאַראַן אַ זינדיגע ערד, נאָר זייער ערשיינען און פאַרשווינדען האָט איבערגעלאָזט אויף אַ קורצע וויילע דעם איינדרוק פון אַ פליג, וואָס גיט אַ הוזשע אין אויער און זיי האָבען באַלד אַז זיי פאַרגעסען און האָבען ווייטער שפּאַ־צירט אין זייער אייגענעם גן־עדן.

אַז אַזאַ גליק האָט לאַנג ניט געקענט אָנהאַלטען, פאַרשטאַרט מען צו זאָגען. אָדם הראשון האָט פון דאגות פּרנסה ניט גע־וואוסט און ווענען קליידער פאַר זיין ווייב האָט ער זיך ניט געדאַרפט זאָרגען, און דאָך האָט ער לאַנג ניט געקענט אויס־האַלטען אין גן־עדן. אין עטליכע חדשים אַרום האָבען זיי זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף און האָבען זיך געוואונדערט, פאַר וואָס קומט קיינער צו זיי ניט אַריין און האָבען ניט געקענט פאַר־שטעהן די אורזאַכע. די וואָנדער זיינען געוואָרען עפּעס זעהר לאַנג און די וואַנט האָבען אָפּט אָפּגעקלונגען מיט אַ לאַנגען גענעץ.

— עפּעס זעהט מען קיין לעבעדיגען מענשען ניט, — האָט זי זיך געקלאָגט פאַר איהם אַ מאָל אַז אָבענד נאָכ׳ן סאַפּער, ווען ער האָט געלייענט אַ פּייפּער און זי האָט געוואַשען דאָס געפעס.

— אדרבא, איך פרעג דיר, פאַר וואָס זעהט מען קיין לעבע־דיגען מענשען ניט? — האָט ער זיך אָפּגערופען מיט אַ ברוגז׳דיי־גען קול.

— מען ווייכט פון אונז עפּעס ווי פון, איך ווייס אַליין ניט ווי צו זאָגען.

— מען ווייכט פון אונז, — האָט ער פּאַטאַקעוועט.

— ביי אונז אין שטוב איז געווען אַזוי פרעהליך.

דאָס פאַרדריסט איהם שוין, וואָס זי בענקט נאָך יענע אויס־געפּוצטע יונגע־לייטלאַך און ער ענטפערט מיט אַ בייזען קול:

— אַזוי האָסטו זיך פאַרבענקט נאָך די פּוסטע פריינטלאַך!

— זעה, זעה, ווי אייפערזיכטיג ער איז!

— איך, אייפערזיכטיג! — שרייט ער שוין אויס מיט כעס. פון מיינעטוועגען —

— וואָס פון דיינעטוועגען? — פרעגט זי אַ קעהר טאַענדיג זיך מיט׳ן פּנים צו איהם — און איהרע אויגען שיסען פייער — זאָג, וואָס ביזטו נעבליבען אין מיטען?

— גאָר ניט.

— דו האָסט דאָך עפּעס אָנגעהויבען.

— וויל אָבער מעהר ניט זאָגען.

זי קוקט אַ ווײַלע אויף איהם מיט פאַרשענדע אויגען און זאָגט:

— דו ביזט אייפערזיכטיג און דעריבער קומט קיינער צו אונז ניט.

— אויב איך בין אייפערזיכטיג ביזטו ניט ביים קלאָהרען פאַר־שטאַנד, — ענטפערט ער און נעהמט זיך ווידער צו דער צייטונג צו ווייזען איהר, אַז דאָס איז דער שלום פון דער דעבאַטע.

נאָך דעם אָבענד האָט ער אָפּגעזוכט אַ פּאָר פון זיינע אַלטע באַקאַנטע און פאַרבעטען זיי צו זיך אַ היים, און סאָפּיע איז געווען צופרידען, וואָס זי האָט עפּעס צו טאָן אין אָבענד, וואָס זי קען אויפנעהמען געסט און ערשיינען אין דער ראָלע פון אַ יונגע בעל־הבית׳טעטשקע.

סאָלאָמאָן איז פון דער היים געווען אַ בעל־הבית׳שער בחור, אין דער קליינער שטעדטעל פון וואַנען ער איז געקומען, האָט זיך זיין טאַטע גערעכענט פאַר אַן עושר מען האָט איהם אי גע־געבען לערנען אין אַ חדר, אי מען האָט פאַר איהם גענומען אַ

לעהרער, און ער האָט זיך אָנגעשמעקט מיט אַ ביסעל השכלה. דער טאַטע האָט איהם געוואָלט מאַכען פאַר אַ סוחר, נאָר דאָס ביסעל השכלה איז איהם געשטאַנען אין וועג און אַזוי ווי ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך, איז ער אַוועקגעפאָהרען קיין אמעריקא, ווייל נאָך אַ סך מענשען זיינען אַהין געפאָהרען. אין אמעריקא האָט ער פון דער לופט אויפגעכאַפּט מעהר אָדער וועניגער פאָרטגעשריטענע אידעען. ער האָט דערגרייכט צו דער מדרגה, אַז ער האָט געקענט אויסהערען יעדען געדאַנק, ווי ראַדי־קאַל ער זאָל ניט זיין און איהם זאָל אויסווייזען, אַז דאָס זיינען גאַנץ באַקאַנטע זאַכען. פאַר באַקאַנטע האָט ער געוואָלט ווייזען זיך פאַר גאָר אַ ראַדיקאַלען מענשען. הגם ער האָט זיך דערפאַר אין הארצען געשראָקען, נאָר וואָס מעהר ער האָט זיך דערפאַר גע-שראָקען, אַלץ שאַרפער און ראַדיקאַלער האָט ער גערעדט.

סאַפיע, פאַרקעהרט, איז געווען ווייט פון פאָרטגעשריטענע אי־דעען. זי איז געווען כמעט אַן אַמעריקאַנער מיידעל, וואָס איז אויסגעוואַקסען ביי פרומע עלטערן אין דער קאַונטרי. אַז זי האָט געהערט עפּעס אַ ראַדיקאַלען געדאַנק, האָט דאָס אויף איהר אָנ־געוואָרפען אַ פּחד, און זי האָט געמוזט אַ טאַפּ טאָן מיט'ן פוס דעם באָדען, צו זעהן אויב ער האָט זיך ניט אַוועקגעגליטשט פון אונטער איהרע פיס. עס האָט איהר וועה געטאָן צו הערען פרייע ווערטער, וועלכע האָבען איבערגעקעהרט אַלע איהרע באַגריפען, איבערצייגונגען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, און עס האָט איהר וועה געטאָן ניט פאַר זיך, נאָר פאַר זיי, אויב דאָס זיינען געווען באַקאַנטע מענשען.

די באַקאַנטע, וואָס סאָלאָמאָן האָט אַריינגעבראַכט אין שטוב זיינען גראָד געווען אַזעלכע, וואָס האָבען געגאָסען פעך און שוועבעל אויף אַלץ וואָס איהר איז געווען הייליג. נאָר ביסלאַכווייז האָט זי זיך דערצו צוגעוועהנט, און יעדעס מאָל נאָך אַ שרעקליכען גע־שפּרעך, ווען די באַקאַנטע פלעגען אַוועקגעהן, פלעגט זי זיך ווענ־דען צו סאָלאָמאָנען מיט דער פראַגע:

— ביזטו אויך אַזוי, ווי זיי?

אנשטאָט אַן ענטפער פלעגט ער איהר ווייזען אַ שמייכעל, און דער שמייכעל האָט געדאַרפט באַדייטען, אַז ער איז אויך ניט פון די וואָס מען קויפט צוויי פאַר אַ גראָשען.

אַ מאָל האָט סאַלאַמאַן געבראַכט אַ היים אַ נייעם באַקאַנטען, שוין אַ מאַן פון מיטעלע יאָהרען. ער האָט אויף סאַפיע'ן פון ערשטען בליק ניט געמאַכט קיין גוטען איינדרוק. ער איז איהר ניט געפעלען געוואָרען מיט זיינע געשאָרענע וואָנסען, מיט זיינע דיקע ליפען, מיט זיין דריקען איהר האַנט אַזוי, ווי ער וואָלט איהר קיין מאָל ניט געוואָלט אַרויסלאָזען פון זיינע הענט. דאָס איז געווען בערנשטיין, אַ באַריהמטער פאַרטגעשריטענער פיהרער פון אַ געוויסען קרייז און זיין נאָמען איז געווען באַוואוסט יעדען מעהר אָדער ווענינער אינטעליגענטען מענשען. סאַפיע'ן איז אויך געווען באַקאַנט דער נאָמען, הגם זי האָט ניט געוואוסט, מיט וואָס ער האָט זיך געמאַכט אַזוי באַוואוסט. ער איז אַפּגעזעסען אַ שטונ־דע צו צוויי און דער געשפּרעך האָט זיך מעהר געדרעהט וועגען פרייע ליעבע. בערנשטיין איז געווען אַ פאַרברענטער פּראָפּאַ־גאַנדיסט פון פרייע ליעבע. סאַלאַמאַן האָט שוין פריהער אויך געהערט וועגען פרייע ליעבע און ער האָט דערמיט גאַרניט סימ־פּאַטיזירט. נאָר די באַקאַנטשאַפט מיט בערנשטיינען האָט איהם אַזוי געשמייכעלט, און דער באַגעהר צו ווייזען זיך פאָרגעשריטען איז געווען ביי איהם אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט איהם אין גע־שפּרעך צוגעהאָלפען, און ער האָט צוזאַמען מיט בערנשטיינען גע־לאַכט פון איהר, ווען זי האָט ערקלעהרט, אַז זי גלויבט ניט, אַז אַזעלכע פרויען זיינען פאַראַן אויף דער וועלט.

— אויף אַ מאָגליכקייט קען מען אַלעס גלויבען, — האָט זי גע־זאָגט מיט אַן איבערצייגטען קול, — און ווידער גערעדט, וואָס קען זיי אַרען? אָבער פרויען! — געהט, איהר ווערט מיר אַזעלכע זאַכען ניט איינשמועסען. אַזעלכע פרויען זיינען אויף דער וועלט ניטאָ.

ווען בערנשטיין איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זי זיך גלייך אַ קעהר געטאָן צו סאַלאַמאַנען און געפרעגט:

— דו ביזט אויך אַזוי ווי זיי?

דאָס איז געווען די געוועהנליכע פראַגע, נאָר היינט האָט זי עס געפרעגט גאָר מיט אַן אַנדער קול. און דער קול האָט ביי איהם אױפגערוּבט דעם געוועהנליכען שמייכעל און ער האָט געענטפערט, אַרויסדרעהענדיג זיך:

— וועל, דאָס איז נאָך ניט אַזוי, ווי מען מיינט. מיינונגען זיינען פאַרשידענע. איינער דענקט אַזוי און דער אַנדערער אַזוי. ווידער איז, דו פאַרשטעהסט דאָך אַליין — האָסטו קיין מאָל ניט געהערט פון בערנשטיינען?

און ער האָט איהר קיין מאָל ניט ערקלעהרט, וואָס זי פאַר־שטעהט אַליין און ער איז געווען צופרידען, וואָס דער געשפּרעך האָט זי אַראָפּגענומען וועגען דער פּערזענליכקייט פון בערנשטיינען און זי האָט פאַרגעסען די הויפּט־פראַגע.

אין דער צייט וואָס בערנשטיין איז אַריינגעקומען צו זיי אין שטוב, איז נאָך אַלץ געווען אַ מחיצה צווישען זיי און אַלע אַנדערע מענשען, הגם זיי זיינען געקומען אין שטענדיגער באַריהרונג מיט די אַנדערע מענשען און זייער געזעלשאַפט איז פאַר זיי געווען נויטיג. די אַלע געשפּרעכען זיינען פאַר זיי געווען ניט מעהר ווי געזאָגטע זאַכען. פאַר סאַלאָמאָנען איז דאָס געווען אַ מין קונצען־מאַכעריי מיט ווערטער, פאַר סאָפיע'ן איז דאָס געווען אַ מין שי־סעריי מיט פוסטע קוילען. עס הילכט נאָר אין די אויערען און עס מאַכט אַ שטיקעל רויך, אָבער עס קען חס ושלום קיינעם ניט שאַדען. זי האָט געזעהן, אַז סאַלאָמאָן לאַכט צוזאַמען מיט די אַנדערע פון אַזעלכע זאַכען, פון וועלכע ער האַלט אין האַרצען און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מסתמא איז דאָס, ווי די מאַמע איהרע זאָגט, אַז „פון זאָגען ווערט מען ניט טראָגען".

אין עטליכע טעג אַרום איז בערנשטיין ווידער געקומען מיט אַ באַזוך צו זיי, און היינטיגעס מאָל איז ער שוין ניט געווען אַליין. ער איז געקומען מיט אַ יונגע ווייבעל, וועלכע האָט שוין פאַרלאָרען די פרישקייט. זי איז געווען פון מיטעלען וואוקס, מיט ברייטע היפטען, נאָר אַזוי פריי אין באַנעהמען זיך, אַז זי האָט גיך אונ־טערגעקויפט אַ מאַנספּערזאָן.

— מיס נעלי זילבערבלאַט, — האָט איהר בערנשטיין פאָרגע־שטעלט.

נעלי איז גלייך ניט געפעלען געוואָרען סאַפיע׳ן. זי איז איהר ניט געפעלען געוואָרען, פאַר וואָס זי דרעהט זיך אַזוי קאָקעטיש, פאַר וואָס זי רויכערט פּאַפּיראָסען, פאַר וואָס זי רופט זיך מיט איהר מיידעלשער פאַמיליע און ניט מרס. בערנשטיין, און דאָס איז געווען נאָך איידער זיי האָבען זיך אומגעביטען מיט צוויי ווערטער.

דער געשפּרעך וואָס נעלי האָט פאַרצויגען האָט איהר קיין חן ניט צוגעגעבען אין סאַפיע׳ס אויגען. די הויפּט־זאַך, וועגען וואָס זי האָט גערעדט, איז געווען די שקלאַפעריי פון פאַרהייראַטע לע־בען. דאָס האָט סאַפיע׳ן ווי אַ שטאָך געטאָן און זי האָט געפרעגט מיט כעס:

— בין איך ניט פריי? איז סאָלאָמאָן ניט פריי? אַז מיר האָבען חתונה געהאַט, האָב איך ניט געקוקט צי סאָלאָמאָן איז אַ פאַרדינער צי ניט. וואו איז דאָס די שקלאַפעריי?

— האַ־האַ־האַ! — האָט זיך נעלי צולאַכט און סאַפיע האָט זיך באַגאָסען מיט אַ רויטקייט. — איך וואָלט וועלען זעהן ווי פריי איהר וועט זיין, ווען איהר וועט זעהן, אַז אייער מאַן האָט צו טאָן מיט אַנדערע.

— אַה, איך האַלט איהם ניט! — האָט סאַפיע כמעט אויסגע־שריען און האָט זיך שיער ניט דערוואָרגען מיט די ווערטער, אַזוי אויפגערעגט איז זי געוואָרען. עני־טיים, אַז איך וועל זעהן, אַז ער ליעבט אַן אַנדערע, וועל איך פון איהם אַנטלויפען ווי פון פייער.

— האַ־האַ־האַ! — האָט זיך נעלי ווידער צולאַכט און בערנ־שטיין האָט איהר אונטערגעהאָלפען. — אַט דאָס איז טאַקע פריי־הייט. איהר גיט אייער מאַן די פרייהייט, נאָר איהר האַלט די פרייהייט צו אויף אַ שנירעלע.

סאָלאָמאָן האָט די גאַנצע צייט קיין אַנטייל ניט גענומען אין דעם געשפּרעך און האָט נאָר לייכט צוגעשמייכעלט, ווען יענע האָבען געלאַכט. אָבער איצט, ווען ער האָט דערהערט נעלי׳ס ענט־

פער וועגען די פרייהייט אויף א שנירעל און דאָס איז איהם אַזוי געפעלען געוואָרען, אַז ער האָט אויסגעשאָסען אין א גרויסען געלעכטער.

— פרייהייט אויף א שנירעלע! שנירעלע! — האָט ער ווידערהאָלט. — פרייהייט אויף א שנירעלע, האַ־האַ־האַ!

סאָפיע האָט פאַרביסען די ליפּען און האָט מעהר ניט געענטפערט. זי האָט געזעהן, אַז זי וועט זיך מיט נעלי'ן ניט קענען אויס'טענה'ן. יענע האָט אַזעלכע ווערטלאך פאַרטיג, אַז איידער זי צוקייעט זיי, פאַרגעסט זי וואָס זי האָט געוואָלט זאָגען, און פאַרלירט דעם פאָדים פון דעם געשפּרעך. נאָר דאָס האָט איהר נאָך ניט אַזוי שטאַרק געאַרט. וואָס איהר האָט יאָ געאַרט, און שטאַרק געאַרט, איז געווען די ענדערונג וואָס איז מיט א מאָל פאָרגעקומען אין סאַלאַמאַנען. אין די געוועהנליכע געשפּרעכען וואָס פלעגען ביז איצט פאָרקומען אין שטוב, האָט זי געזעהן, אַז אויב סאַלאַמאַן שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ אָדער וואַרפט אריין א וואָרט אָדער גיט א שמייכעל, טוט ער עס נאָר פון יוצא וועגען, אָבער זיין האַרץ איז ניט דערביי. אָבער איצט מיט נעלי'ן רעדט ער שוין וועגען פרייע ליעבע אַזוי, ווי דאָס איז געווען זיין גאַנצע שטרעבונג אין לעבען, זיין פּנים האָט געקראָגען פאַרב, זיינע אויגען פינקלען און ער רעדט מיט אַזאַ ווארימקייט, וואָס ער האָט ניט געוויזען אין קיינע פון די פריהערדיגסטע געשפּרעכען.

גלייך ווי די געסט זיינען אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך סאָפיע געווענדעט מיט א באַמערקונג צו סאַלאַמאַנען:

— דו ווייסט, נעלי געפעהלט מיר גאָרניט.

— זי איז א גאַנץ קלוגע און פיינע ווייבעל.

— ספּעציעל א פיינע! — האָט סאָפיע געזאָגט מיט א קרים.

סאַלאַמאַן האָט אויף איהר א קוק געטאָן און געזאָגט מיט א געלעכטער.

— וואָס? דו ביזט שוין געוואָרען אייפערזיכטיג?

דאָס האָט איהר אויפגעבראַכט און זי האָט געענטפערט מיט צאָרן:

— אייפערזיכטיג אויף אזא שטיק פליישׁ. זי איז דאָך ווי אן אנגעגאָסען פּעסעל.

— אהא! — האָט ער אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער. אָט דאָס הייסט פרייהייט אויף א שנירעל.

דאָס האָט נאָך מעהר אָנגעריהרט איהר פרויען־ווירדע און זי האָט אויסגעשריען מיט כעס:

— דו ביזט א רעגולאַר פּאָלי!

ער איז געבליבען אָהן לשון. ביז איצט האָט זי איהם נאָך קיין מאָל ניט געזידעלט. א ווײַלע איז ער געשטאַנען אָהן ווער־טער, דאַן האָט ער איהר אָפּגעמאָסטען מיט א פאַרעכטליכען בליק און אומגעקעהרט זיך צו איהר מיט'ן רוקען. ער איז געוואָרען ברוגז.

פון דער צייט האָט זיך אנגעהויבען אַן אָפטער ברוגז־טאַנץ צווישען מאַן און ווייב און גאַנץ אָפט פלעגט קומען צו קריגערײַ. געוועהנליך האָט זיך יעדע סצענע אָנגעהויבען פון עפּעס א קליי־ניגקייט און שטענדיג איז אין מיטען ארויסגעשפּרונגען נעלי'ס נאָמען. נעלי פלעגט אָפט אריינקומען צו זיי און זיי פלעגען אָפט אריינקומען צו איהר און ווען זיי פלעגען זיך באַגעגענען, פלעגען סאַפיע און נעלי געהן ארומגענומען מיט איינער'ס האַנט ארום דער צווייטער'ס טאַליע. נאָר ווען סאָפיע פלעגט קומען אַהיים אָדער ווען נעלי פלעגט אוועקגעהן פון זיי, האָט זיך אָנגעהויבען די לייעניש צווישען סאָפיע'ן און סאַלאָמאָן'ען.

און די סצענעס צווישען זיי זיינען געוואָרען נאָך שאַרפער, ווען סאָפיע האָט זיך א מאָל צעוויינט, אַז זי וויל ניט פיהרען א באַקאַנטשאַפט מיט אַזעלכע מענשען. דאָס איז געווען אויף מאָר־גען, ווי נעלי איז געבליבען ביי זיי נעכטיגען. זיי זיינען זיך פאַרזעסען שפּעט און סאַלאָמאָן האָט נעלי'ן פאַרגעשלאָגען, אַז זי זאָל בלייבען ביי זיי נעכטיגען. ווען נעלי איז אוועק זיך לעגען שלאָפען, זיינען נאָך סאַלאָמאָן און סאָפיע געבליבען ביים טיש. שפּעטער א ווײַלע איז נעלי ארויסגעקומען צו זיי אין א נאַכט־העמד מיט סליפּערס אויף באָרוויסע פיס, מיט צולאָזטע האָר, און האָט זיך אַנידערגעזעצט און פאַרטגעזעצט דעם פריהערדיגען

געשפּרעך. סאָפיע'ן איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען. זי האָט זיך גלייך אויפגעהויבען און געזאָגט, אַז זי וויל שוין שלאָפען און האָט דערמיט געמיינט, אַז סאָלאָמאָן זאָל אויך געהן מיט איהר. נאָר סאָפיע איז טאַקע אוועק און סאָלאָמאָן איז נאָך געבליבען שמועסען מיט נעלי'ן, און זיי האָבען אַזוי אָפּגעשמועסט אַ היבשע צייט, און עס האָט ניט געהאָלפען, וואָס סאָפיע האָט פון בעד־רום עטליכע מאָל גערופען סאָלאָמאָנען און וואָס זי האָט איהם דערמאָנט, אַז ער וועט מאָרגען דעם קאָפּ ניט קענען האַלטען און וועט ניט קענען געהן אין געשעפט. פון יעדען סקריפּ מיט אַ טשער וואָס האָט זיך געהערט איז איהר די נשמה אוועק אין די פּיאַטעס און מוראשקעס האָבען אָנגעהויבען צו קריכען איבער איהר גאַנצען קערפּער. איבער נאַכט האָט זי קיין זאַך ניט געזאָגט, נאָר אויף מאָרגען, ווען נעלי איז אוועקגעגאַנגען, האָט סאָפיע ביטער געוויינט און ערקלעהרט, אַז זי וועט שוין דאָס מעהר ניט אויסהאַלטען און זי וויל זיי מעהר ניט קענען.

נאָר, ווי דאָס רוב ווייבער זיינען, האָט זי זיך ניט באַנוגענט דערמיט, וואָס זי אַליין זאָל אויפגעבען די באַקאַנטשאַפט, זי האָט אויך געפאָדערט, אַז סאָלאָמאָן זאָל פון זיי ווייכען. און פיעל סאָלאָמאָן האָט מיט איהר ניט אריינגערעדט, אריינגע'טענה'ט, האָט ניט געהאָלפען. עס האָט אויך ניט געהאָלפען דאָס וואָס ער האָט איהר געזאָגט, אַז אַלע וועלען פון איהר לאַכען, מען וועט פון איהר חוזק מאַכען. זי האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ניין און ניין. זי וויל זיי מעהר ניט קענען און ניט וויסען, און ער זאָל פון זיי ווייכען, ווי פון פּעסט.

סאָלאָמאָן האָט קיין ברירה ניט געהאַט און האָט איהר צוגעזאָגט, אַז זי זאָל מעהר ניט וויינען. נאָר די באַקאַנטשאַפט מיט נעלי'ן האָט ער ניט אויפגעגעבען און פון צייט צו צייט האָט ער זיך ארויסגערעדט, אַז ער איז געווען ביי איהר, און דעמאָלט איז אין שטוב געוועזן הימעל, עפען זיך!

אין די לאַנגע איינזאַמע טעג און אָפט אין די לאַנגע אָבענדען, ווען זי איז געזעסען אַליין אין שטוב און געטראַכט וועגען איהרע מיידעלשע יאָהרען, ווען זי איז געווען ביים טאַטען און אַזוי פיעל

יונגע לייט האָבען זיך אַרום איהר געדרעהט, און איצט איז זי אַזוי עלענד און פאַרלאָזען. זי האָט געטראַכט וועגען אַלע ריידע־רייען און חקירות וועגען פרייע ליעבע, וואָס זי האָט זיך אָנגע־הערט נאָך דער חתונה און האָט זיך פאַרטראַכט, אַז מענער קענען רעדען און האַנדלען ווי זיי ווילען, ווייל זיי פאַרלירען דערביי גאָר ניט, און זיי קלעפּט זיך קיין זאַך ניט אָן, אָבער פרויען שטעלען איין אַלץ: זייער יוגענד, זייער שעהנהייט, זייער בליהונג, זייער רעפּוטאַציע. סאַלאַמאָן האָט זיך צייט נאָך דער חתונה קיין האָר ניט געענדערט, ער איז דער זעלביגער אַזוי ווי פריהער, אָבער זי איז שוין גאָר ניט די זעלביגע, עס איז איהר כמעט ניט צו דערקענען. ער קען זיך נאָך איצט אויך אַרומדרעהען אַרום מיידלאַך און זי...

זי האָט געוואָרפען בליקען צום שפּיגעל און געפרעגט איהם, צי זי האָט זיך אַ סך געענדערט און צי זי קען נאָך איצט אויך געפעלען ווערען ווי אַ מאָל, און זי האָט ניט געוואוסט ווי צו ענט־פערען אויף דער פראַגע.

אַרום דער צייט האָט איהר אַמאָליגער באַקאַנטער סטודענט, סעמועל גרינבערג, אויסגעשטודירט אויף דאָקטאָר און אַזוי ווי קיין פּראַקטיקע האָט ער ניט געהאַט, איז ער געווען העכסטצופרי־דען מיט דער געלעגענהייט צו קענען פאַרברענגען מיט סאַפיע'ן אַ פּאָר שטונדען און דערמאָנען אַמאָליגע טעג. איהר האָבען אינ־טערעסירט די ערינערונגען פון די גליקליכע מיידעלשע יאָהרען, און ביי די ערינערונגען איז איהר האַרץ אַזוי ווייך געוואָרען, אַז זי האָט זיך מעהר ניט געקענט איינהאַלטען און האָט אויסגעגאָסען פאַר איהם אַלץ, וואָס האָט זיך ביי איהר אָנגעקליבען צייט נאָך דער חתונה אויפ'ן האַרצען.

גרינבערג איז געווען וואָס מען רופט אַ שטילער מענש, נאָר זיין נשמה איז ניט געווען קיין ראַזיג און ווען ער האָט זיך צור־געהערט צום קרעכץ, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסען פון איהר פאַר־וואונדעטע האַרץ, האָט זיך ביי איהם אויך עפּעס אַ צאַפּעל געטאָן אין האַרצען. זיינע וויזיטען זיינען געוואָרען עפטער, זיינע גע־שפּרעכען לענגער, זיינע בליקען וואַרימער. סאַפיע האָט ווידער

דערפיהלט, אַז איהר האַרץ הויבט אָן צו קלאַפּען פון ערוואַרטונגען, ווידער האָט איהר געזיכט אָנגעהויבען צו באַדעקען זיך מיט דער שעמעוודיגער פאַרב און ווידער האָט זי פאַרזוכט דעם טעם פון אַ זיסען שטומען בליק, שטייפען און לאַנגען דרוק פון דער האַנט, אוועקשטעלען איהר שטול נעבען זיינעם און דאָס גלייכען.

אין דער צייט איז ווידער פאַרגעקומען אַן ענדערונג אין סאָ־לאַמאַנען. עס קען זיין, אַז סאָפיע וואָלט עס גאָר ניט באַמערקט, ווייל ער האָט איהר איצטער גאָר ניט אינטערעסירט, ווען ער וואָלט איהר ניט אַריינגעקראָכען אין די ביינער. ער האָט אָנגע־הויבען צו קומען אַ היים אין פאַרשידענע צייטען פון טאָג, ווען נאָר ער האָט נעקענט אַפּרייסען אַ שטונדע פון געשעפט און די גאַנצע אָבענדען און די פרייע טעג איז ער ניט אַרויס פון שטוב. ער האָט זיך עפּעס ווי מיט אַ מאָל ווידער פאַרליבט אין סאָפיע'ן און האָט אָנגעהויבען צו רעדען אויפ'ן יונגען דאָקטאָר גרינבערג, אַז ער געפעהלט איהם ניט, ער איז ניט איינער פון זייער קרייז און האָט איהר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז באַקאַנטע, ניט די באַ־קאַנטע וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט, נאָר איהרע באַקאַנטע, מורמלען אויף איהר, וואָס זי פאַרברענגט אַזוי פיעל מיט אַ פרעמדען מענשען. און איבערהויפּט דאַרף זי זיין פאַרזיכטיג מיט אַזאַ מענשען. אין לעבען איז זעהר גרינג צו מאַכען אַ פאַלשען שריט און עס איז זיין פליכט איהר אויפמערקזאַם צו מאַכען אויף דעם. עס האָט איהם אפילו ניט געאַרט, וואָס זי פלעגט איהם דאָס רוב ענטפערען מיט איין זאַץ, אַז דאָס איז פרייהייט אויף אַ שנירעלע, הגם עס איז אָפט דערפון געקומען צו ברויזענדע סצענעס, ווען ער האָט מיט איהר געמעדט, און געשריען, און גע'טענה'ט און געבעטען זיך און געסטראַשעט.

און ביי די אַלע סצענעס פלעגט זי זיך ניט קענען געפינען קיין פּלאַץ אין שטוב. איבערהויפּט פלעגט זי ניט געפינען קיין פּלאַץ, ווען זי האָט זיך געריכט, אַז גרינבערג וועט קומען. דעמאָלט האָט זי איהם געקוקט אין די אויגען און געטראַכט:

— ווען, ווען וועסטו שוין אוועקגעהן?...

.1906

דער שטן מקטרג

דריי מעת־לעת איז מערי געגאנגען צו־קינד. דריי מעת־לעת האט זי געפּאַכּעט מיט דער נשמה און די שטוביגע זיינען ארומ־געגאנגען ווי די שאָטענס. יעדער קרעכץ איהרער, יעדער געשריי איהרער, האט זיי אלעמען געלעכערט די ברוסט ווי מיט א טעמפּען שפּיז. ווען א שכנה האט געפרעגט: „נו, וואָס הערט זיך?״ — האבען זיי קיינער קיין כח ניט געהאט צו ענטפערען. זיי האבען נאר א ציה געטאָן מיט די אקסלען, א קראנקליכעס געפיהל האט זיך אפּגעטונקט אין זייער פּנים און האבען נור ביטער א שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

די איינציגע נחמה זייערע איז געווען, וואָס דאָס איז אן ערשטלינג: אן „ערשטלינג״ קומט שטענדיג אן שווער.

און גאט האט געהאָלפען, צו דער ענדע פון דריטען מעת־לעת האט זיך אין שטוב דערהערט אן אומבאקאַנטער דינינקער קול׳כעל.

די קימפּעטאָרין איז געלעגען ווי אין אומאַכט. דאָס געזיכט בלייך ווי לייוועגט און קוים־קוים געאָטעמט.

דער דאָקטאָר האט געזאָגט, אז איהר לעבען איז געווען אין געפאהר און איצט אויך איז זי נאָך ניט אינגאנצען זיכער מיט׳ן לעבען. מען דארף איהר זעהר אפּהיטען.

און זיי האבען איהר אלע אפּגעהיט ווי דעם שוואַרץ־אַפּעל פון אויג. די גאַנצע צייט פון איהר קימפּעט האט זיך קיינער ניט פאַרגונען צו געהן זיך לעגען שלאָפען. אלע זיינען געווען אויף און גליקליך געווען, ווען אימיצען פון זיי האט געלונגען צו טאָן עפּעס א זאך פאַר איהר.

מערי איז געלעגען א לאַנגע צייט, און אז זי איז אַראָפּ פון בעט, איז זי געווען דאַר ווי א שפּאָן און בלייך ווי א לייבע.

און צו באַוואונדערען: וואָס מעהר געזונט עס האָט געקאָסט דער קימפּעט מערי׳ן, וואָס גרעסער דער געפאַהר פון איהר לעבען איז געווען, אַלץ מעהר ליעבע האָבען די שטוביגע געשאַנקען דעם ניי־געבאָרענעם קינד, אַלץ טהייערער איז עס ביי זיי געוואָרען.

און ווען מערי האָט זיך אין גאַנצען ערהוילט, האָבען אַלע שטוביגע, זיצענדיג אַמאָל אין אַ שעהנעם אָבענד ביים טיי, גע־נומען דערצעהלען אין פריידען די אַלע שרעק, קלאָגען, צרות, וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען אין דער צייט פון איהר קימפּעט; האָבען איבערגעגעבען דעם דאָקטאָר׳ס ווערטער, אַז איהר לעבען איז געווען אין סכנה און, זייענדיג דורכגעדרונגען מיט פייערדיגער ליעבע צום ניי־געבאָרענעם קינד, האָבען זיי אַלע באַשלאָסען, מערי זאָל שוין מעהר קיין קינדער ניט האָבען... אויף אַזאַ אופן וועט זי זיין זיכער מיט׳ן לעבען און דאָס קינד וועט קענען וואַקסען אונטער אַלעמענס השגחה און וועט ניט דאַרפען ליידען, ווי דאָס רוב אָרימע קינדער שטעהען אוים.

מערי האָט צוגעגעבען, אַז זיי האָבען אַלע רעכט.

— ניט רעכט, נאָר דאָס איז דיין הייליגער חוב צום קינד און צו זיך אַליין. — האָט אַן אינגערע שוועסטער געזאָגט מיט גרוים היץ.

— יונגע קינדער זיינען אָבער זעהר לייכטזיניג און אין אַזעל־כע אַנגעלעגענהייטען קען מען זיך אויף זיי ניט פאַרלאָזען — האָט די מוטער סקעפּטיש געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— פאַרוואָס ניט? פאַרוואָס זאָל מען זיך ניט קענען פאַר־לאָזען? — האָט די אינגערע שוועסטער געפרעגט און איז רויט געוואָרען, אַליין ניט צו וויסען פאַר וואָס, פון איהר פראַגע. זי האָט ווייטער געהאַט בדעה צו רעדען וועגען דער הייליגער פליכט פון אַ מוטער צו איהר קינד, נאָר דאָס מאָל האָבען איהרע ווערטער פאַרפעהלט און זי איז אַנטשוויגען געוואָרען.

ווען אָבער די באַגייסטערונג איז ביי דער אינגערער שוועסטער אַריבער, האָט זי אויך אויסגעפונען, אַז די מאַמע רעדט ווי אַ פּראַקטישע אידענע, און זי האָט אויך זיך גענומען די פליכט פון אַ שומר׳קע...

זי איז יעדע נאַכט געגאַנגען שלאָפן צו מערי... און מערי האָט געגעבן דעם גאָרניט געהאַט...

* * *

אַ געווּיסע צייט האָט מערי ניט געקענט קומען צו זיך. זי האָט אויסגעזעהן זעהר שלעכט און האָט צוגעקרענקט. דערנאָך איז איהר געוואָרען נאָך ערגער. זי האָט ניט געקענט פאַרדאַיען דעם עסען, האָט דאָס מינדסטע פּיצעל אויסגעבראָכען און ניט געפונען זיך קיין אָרט. פיעל די מאַמע האָט מיט איהר גע׳טענה׳ט, זי זאָל זיך ניט אָפּלאָזען, האָט ניט געהאָלפען. זי האָט ניט געקענט איינזיצען און געמוזט ליגען. אַזוי אין דעם ערגערען צושטאַנד זיינען אַוועק אַ פּאָר מאָנאַטען. דערנאָך, צו אַלעמענס פרייד, האָט איהר די קראַנקהייט מיט אַמאָל אָפּגעלאָזט. זי איז געוואָרען קרעפּ־טיגער, האָט גענומען עסען, אויפגעהערט צו ברעכען און געטאָן די אַרבייט אין שטוב גאָר ווי אַ געזונטע. און די אַרבייט טאַקע האָט אויף איהר זעהר גוט געווירקט (ס׳איז זעלבסט־פאַרשטענדליך, אַז צו שווערע אַרבייט האָט מען איהר ניט צוגעלאָזט). זי האָט גאָר פּשוט גענומען אָנקוועלען, ווערען פולער, דיקער. די שטוביגע האָבען זיך ניט פאַרגונען אַ קוק טאָן אויף איהר, זיי זאָלען איהר חס־ושלום ניט צובייסען, און האָבען זעהר געציטערט, ווען זי פלעגט אַרויסגעהן אין גאַס, די שכנים אָדער באַקאַנטע זאָלען איהר קיין עין הרע ניט געבען. און גאָט־צו־דאַנקען, קיין עין־הרע האָט איהר ניט געשאַדט. מערי איז געקוואָלען וואָס פון טאָג, און וואָס ווייטער אַלץ שעהנער, פולער און דיקער געוואָרען. איהר געזיכט, ווערליג די מאַמע פלעגט זיך אויסדריקען, האָט גאָר געשטראַהלט, ווי די ליכטיגע זון, און צו זייער אַלעמענס פאַרגעניגען האָט צו מערי׳ס פּאַפּראַווען זיך גאָר קיין ענדע ניט גענומען...

* * *

די שטוביגע וואָלטען איצט געקענט האָבען אַ נחמה פאַר זייער צער, נאָר ליידער האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזען, אַז מערי איז גע־וואָרען צו פול... און פול נאָר אין אַ געוויסען טייל פון קערפּער — דאָרט, וואו אַלע פרויען, וואָס קלויבען זיך ווערען מוטער, ווערען פול...

— ס׳טייטש! ווי אזוי? — פרעגען די שטוביגע מיט א טויבען און טרויעריגען קול און ווילען ניט גלויבען זייערע אויגען.

מערי קוועטשט מיט די פּלייצעס, לאָזט אראָפּ די אויגען צו דער ערד און ענטפערט פארשעהמט, אז זי ווייסט אויך ניט...

* * *

נאָך א פּאָר חדשים האָבען זיי זיך געטרייסט מיט פאַלשע האָפנונגען, מאַלע וואָס עס קען זיין און האָבען די האָפנונגען ניט געוואָלט פארלירען אפילו דעמאָלט, ווען קיין צווייפעל האָט שוין ניט געקענט זיין: ס׳טייטש! ווי אזוי? פרעגען זיי אַלע און ווילען די אויגען ניט גלויבען. נאָר די אקושאָרין האָט זייערע אַלע ספקות צוזעעט און געהייסען גלויבען די אויגען...

— ס׳טייטש, ווי אזוי? — זיינען זיי אַלע צוגעטראָטען מיט שטאַרקע טענות צו די אקושאָרין.

— וואָס פרעגט איהר מיר? — האָט די אקושאָרין געענטפערט מיט א געלעכטער.

דער אונגעבעטענער גאַסט

(הומאָרעסקע)

בעני איז נאָך געזעסן ביים טיש און זיין יונגע ווייבעל, איידע, האָט זיך ערשט אויפגעהויבן צו פאַרנעהמען די דישעס פון דעם אפּגעגעסענעם סאַפּער, ווען עס האָט זיך דערהערט א קלונג.

— ווער קען דאָס זיין? — האָט זי געפרעגט.

זיי האָבען קיין געסט ניט ערוואַרטעט און האָבען געהאַט בדעה צו געהן אין מואַווים.

— אפשר א בריעף? — האָט ער געפּרואווט טרעפען.

— ניין, צו פריה פאַר דער לעצטער מעיל, — האָט זי געזאָגט א קוק־טאָענדיג אויפ׳ן זייגער, — און דער קלונג איז געווען א צו־שטאַרקער פאַר א לעטער־קעריער.

— יאָ, דער קלונג איז ווי פון א פּאָליסמאַן.

איצט האָט זיך דערהערט א קלונג פון דער טיר, אוןביידע האָבען זיך א וואָרף געטאָן עפענען די טיר.

— האָו־דו־יו־דו! גוד־איוונינג! — האָט זיך דערהערט א פאַר־זיסטע שטים, נאָך איידער די טיר האָט זיך רעכט געעפענט.

איידע האָט א קוק געטאָן אויפ׳ן באַזוכער און דערנאָך אויף איהר מאַן, ווי וועלענדיג פרעגען, וואָס דאָס איז פאַר אַן אַנשיקעניש, און בעני האָט א שאַרפען קוק געטאָן אויפ׳ן באַזוכער און איז געבליבען שטעהן אין יענער פאַרלעגענהייט, ווען מען רופט דעם זכרון צו־הילף, ער זאָל געבען די נויטיגע אינפאָרמאַציע.

— איך זעה, איהר דערקענט מיך ניט, — האָט זיך דער באַ־זוכער אַנגערופען נאָך א קורצער פּויזע מיט אזא גליקליכען קול, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען א פיינע המצאה.

און ניט ווארטענדיג אויף קיין איינלאדונג האט ער זיך געלאזט געהן גלייך צום עס־צימער, און בעני איז ווי א שולדיגער נאכגע־גאנגען און געבראכען דעם קאפ: „ווער קען דאס זיין?"

— יא, איהר דערקענט מיך ניט, — האט דער באזוכער באַ־שטעטיגט זיין ערשטע באהויפטונג, און אלע מיט'ן גליקליכען שמייכעל — איך בין בערמאן — דזשעק בערמאן. איהר געדענקט, מיר האבען זיך באקאנט אויף דער וועטשערינקע.

איצט האט זיך דער באזוכער אנידערגעזעצט, ארויסגענומען א פעקעל סיגארעטס, אנגעבאטען איינעם בעני'ן, און אז יענער האט זיך אוועקגעזעצט האט ער געפרעגט, צי ער מעג רויכערן, און נאך איידער איידע האט געענטפערט, האט ער שוין אנגעצונדען א שוועבעלע און גענומען לאזען א גדיכטען רויך פון מויל.

— פארוואס זיצט איהר ניט? — האט בערמאן ווייטער גע־רעדט — דאס מאכט מיר אומרוהיג. איך פיהל, אזוי ווי איך וואלט אייך געשטערט. און שטערען איז ניט אין מיין נאטור. מיין מיסיאן אויף דער וועלט איז גאר אן אנדערע.

די לעצטע ווערטער האט ער ווידער ארויסגערעדט מיט א גליקליכען שמייכעל, ווי קוועלענדיג פון דער גוטער מיסיאן וואס איהם איז אויסגעפאלען און דאן האט ער זיך געווענדעט צו בעני'ן צוטרויליך:

— איהר געדענקט דאך, וואס די גמרא זאגט: „אי אפשר לו לעולם בלא בשמי ובלא בורסקי; אשרי למי שהוא בשמי".

און ווענדענדיג זיך מיט א פאטראניזירענדע מינע צו איידע, האט ער איהר פארטייטשט, אז דאס מיינט, אז די וועלט דארף האבען פארפיומער און א גארבער, נאר וואויל איז צו יענעם, אויף וועמעס חלק עס איז אויסגעפאלען צו זיין א פארפיומער. און דאן האט ער מיט דער האנט געוויזען אויף זיין ברוסט און גע־זאגט:

— איך בין דער פארפיומער!

— מיר דארפען קיין פארפיום ניט! — האט איידע ענדליך אויסגעשאסען.

איהר איז דער באַזוכער פון דער ערשטער סעקונדע ניט גע־פעלען געוואָרען. זיין פאַרזיסטקייט און אָראַגאַנץ האָבען גע־אַרבייט אויף איהרע נערוועןֹ.

— דאַס איז געווען, אַזוי צו זאָגען, נאָר אַלעגאָריש געזאָגט. — האָט ער איהר געזאָגט מיט אַ גוטמוטהיגען שמייכעל. — איך פאַר־קויף ניט קיין פאַרפיום, און אַ פאַרפיומער בין איך גאָר אין אַן אַנדער זין, אַז אייער געעהרטער געמאַל האָט אפילו פאַרגעסען אַן אונזער באַקאַנטשאַפט און איך בין איהם אַרויס פון זינען אַזוי גיך, ווי ער האָט פון מיר אָפּגעקעהרט דעם פּנים אויף דער וועטשע־רינקע. ניין, איהר דאַרפט זיך ניט פאַרענטפערען. (בעני האָט גאַרניט געדענקט צו פאַרענטפערען זיך.) מענשען זיינען שוין אַזוי. נאָר איך בין אַנדערש —

— איהר זייט דאָך מסתמא געקומען ניט אומזיסט, — האָט בעני געזאָגט שוין אַביסעל גראָבלאָך.

— איילט ניט, איילט ניט. איך וועל קומען דערצו. איך האָף, אַז איך שטער אייך ניט. איז באַשר בכן, וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגען? יאָ, איך בין ניט ווי אַלע מענשען. אַזוי גיך, ווי איך האָב זיך מיט אייך באַקאַנט, איז מיר גלייך אריינגעפאַלען אין זינען: אָט איז אַ יונגערמאַן, האָט ניט לאַנג חתונה געהאַט און איז פאַרליעבט אין זיין יונגע שעהנע ווייבעל ביז איבער די אויערען און ווען מען איז אַזוי גליקלאַך טראַכט מען ניט, וואָס מאָרגען וועט זיין. אַ מענש געהט אַרום אַ פרישער, אַ געזונטער און אַ מונטערער אין סטריט און — איהר האָט געוויס געלייענט ווי עפּעס אַ משוגע׳נער איז אַרונטערגעשפּרונגען פון דער וואָלוואָרט בילדינג. עס איז געווען אַ נס, וואָס ער איז ניט אַרויפגעפאַלען אויף אַ מענשען, עס שוויבעלט און גריבעלט דאָרטען שטענדיג, און עס איז געווען אַ נס, וואָס ער האָט קיינעם ניט דער׳הרג׳עט. וועגען די מחבלים, די אָטאָמאָבילס אָדער די קאַרס איז דאָך אָפּ־גערעדט — די צאָהל פון זייערע קרבנות איז אַ גוואַלדיגע און קיין מענש איז ניט זיכער, ניט אין דער היים, ניט אין אָפיס און ניט אין סטריט.

— רבי־קרוב, בייסט בעסער איין דעם צונג! — האָט אײדע געזאָגט מיט כעס.

— איהר זייט אַ לייף אינשורענס איידזשענט, — האָט בעני זיך אָנגערופען — אומזיסט איז אייער טרחה: איך וועל זיך ניט אינשורען!

— דאָס זאָגען אַלע אזוי, איידער זיי באַטראַכטען זיך. נאָר אַז איהר האָט ליעב אייער ווייב, און איהר האָט ליעב אייער ווייב —

— רבי־קרוב, געהט בעסער אהיים. איך וועל בשום אופן ניט לאָזען מיין מאַן אינשורען זיך. איהר הערט, איך וועל איהם ניט לאָזען! — האָט אײדע געזאָגט בייז און אַנטשלאָסען. — געהט, געהט געזונטערהייט. געהערט אַן עזות! מען דאַרף האָבען אַ חוצפה צו קומען צו מענשען און זאָגען זיי עפּעס אַזוינס.

נאָר בערמאַן איז דערפון ניט נתפּעל געוואָרען און ער האָט אָנגעהויבען אויסצולעגען די גליקען פון אַ לייף אינשורענס פּאָליסי.

— איך וויל ווענען דעם ניט הערען און וויל דערפון ניט ווי־סען. איך וויל ניט קיין געלט פון מיין מאַנ׳ס טויט, און איך דאַרף ניט קיין געלט נאָך זיין טויט! — האָט זיך אײדע געבייזערט.

— פאַר וואָס עפּעס טויט? צו וואָס עפּעס טויט? דאָס איז נאָר אַ זייטיגע זאַך. נעהמט אונזער קאָמפּאַניע אַלס אַ סייווינג באַנק —

און ער האָט אָנגעהויבען צו דערווייזען די גליקען פון זיין קאָמפּאַניע אַלס אַ סייווינג־באַנק.

אײדע האָט מיט אַ בריאַזגעריי צונעמומען די דישעס פון טיש און אַריינגעטראָגען זיי אין קיך און דאָרטען געשטעלט זיך וואַשען מיט אַזאַ ענערגיע, וואָס האָט קלאָהר און דייטלאַך גע־דאַרפט ווייזען דעם אַגענט, אַז דער איינציגער פאַרלאַנג אין דעם הויז איז, אַז ער זאָל זיך וואָס גיכער אָפּטראָגען פון דאַנען, און טאָמער איז דאָס געווען ניט גענוג, האָט זי פון קיך צוגעשריען צו איהר מאַן, אַז ער זאָל זיך נעהמען איבערטאָן.

נאָר דער אַגענט האָט זיך געמאַכט ניט וויסענדיג און האָט גערעדט ווייטער און אַריינגע׳טענה׳ט מיט בעני׳ן און אַפּעלירט

צום געפיהל פון רחמנות, וואס ער דאַרף ווייזען דער ווייב; צום קאַלטען שכל וואס דאַרף איינזעהן די גרויסע טובה פון לייף־אינשורענס בכלל און פון זיין קאָמפּאַניע בפרט; צום אידישען תכלית, וואס האט שטענדיג געהאט אַ אויג אויפ׳ן מאָרגען.

בעני איז געבליבען קאַלט צו דעם אַלעם און האט פלעגמאַטיש באַמערקט:

— איהר האט געהערט? מיין ווייב האט מיך געהייסען אי־בערטאַן זיך.

— שטערט זיך ניט, שטערט זיך ניט! איך קען רעדען בשעת איהר טוט זיך איבער אויך. — האט בערמאַן געזאָגט, שוין אָהן דעם גליקליכען שמייכעל.

— עס זיינען איבעריג אַלע אייערע רעד און עס איז אַ רחמנות אויף אייער צייט. אגב, דאַרף זיך מיין ווייב אויך איבערטאָן, און אַ פרעמדער מענש, איהר פאַרשטעהט דאָך —

עס איז געווען די ערשטע זויערע מינע, וואס האט זיך געוויזען אויף בערמאַנ׳ס פּנים, זינט ער האט היינטיגען אָבענד אַריבער־געטראָטען בעני׳ס שוועל. די גאַנצע ביטערקייט און ערנידעריגונג פון דעם קליינעם אַגענט איז איהם געקומען צום האַרצען. ער האָט זיך מעהר ניט געדונגען, נאָר פון יוצא וועגען האט ער נאָך גע־מאַכט אַ פּאָר סטערעאָטיפּנע המצאות און געלאָזט זיך געהן.

— ברוך שפּטרני! — האט בעני געזאָגט גאַנץ הויך, און בער־מאַן האָט עס גוט געהערט.

נאָר דאָס האָט איהם ניט געשטערט צו זאָגען אַ העפליכען „גוד־באַי“ צו דער יונגער פרוי, וועלכע איז געווען אין קיטשען.

— גוט־באַי — גוד־באַי! — האָט זי איהם געענטפערט שוין גאַרניט בייז — איהר זייט ווייט ניט קיין פאַרפיומער. נאָר ווי זאָגט מען דאָס: אויף דער וועלט דאַרף מען אַלערליי מענשען, און מען דאַרף אייך אויך מסתמא האָבען. קומט אריין אַ אַנדערש מאָל.

בעני האָט אין צווייטען צימער ביי די לעצטע ווערטער גע־עפענט מויל און אויערען, אזוי פאַר׳חדוש׳ט איז ער געוואָרען. און בערמאַן האָט מיט אַ ברייטען שמייכעלע געענטפערט:

— נעווים, מאדאם. איהר וועט אויף מיר לאנג ניט דארפען ווארטען.

און ער איז זיך ארוים מיט א שמייכעל.

דער אייזעל

איך בין געבארען געווארען אין א לאנד, וואס פארמאגט ניט קיין פיער־פיסיגע אייזלען, און דאס ערשטע מאל וואס איך בין געוואויר געווארען פון אט דעם באשעפעניש, איז געווען דעמאלט, ווען איך האב אין חומש באגעגענט דעם „חמור“.

א קינד בין איך געווען, ווי דער דייטש זאגט, מיט אן עמפפינד־ליכער נאטור. די ערשטע זייטלאך פון חומש, איבער וועלכע עס שפילען די רייכע גאלדענע שטראהלען פון דער מזרח׳לענדישער זון, זיינען געווען ווי באשאפען פאר מיר. איך האב שפאצירט אי־בער׳ן פאנטאסטישען גארטען, וואס זיינע פרוכטען זיינען לוסטיג צו די אויגען און זיס צום גומען, און דער כרוב האט צו מיר פריינדלאך געוואונקען מיט זיין פייערדיגען שווערד. איך האב זיך מיר איהם פארגעשטעלט, ווי א קליין אינגעלע, הויל, נאקעט, מיט צוויי פליגעלאך אונטער די אקסלען און מיט ווייכינקע פאל־קעלאך אויפגעלעגט ווי ביים שווימען. זיין שווערדעל האט מיך ניט אפגעשראקען, און דער ארייגאנג אין גן־עדן און דער ארויס־גאנג פון דארטען איז פאר מיר געווען פריי און אפען, נאר די בוימער האבען גערוישט און זיך גע׳סוד׳עט און מיר האט געדאכט, אז אט ברעכט פון ערגעץ אויס א דיקער קול און גיט פלוצים א פרעג: איכה? און „איכה“ האט פאר מיר בשום אופן ניט די קליינליכע, וואכעדיגע באדייטונג: „וואו ביזטו?“ — דאס איז ניט דער לשון פון א בשר־ודם, דאס איז די שפראך פון גאט, און פון דעםווארט קען פארגליווערט ווערען דאס בלוט אין די אדערען.

און די פיער טייכען פליסען ניט מיט דעם רינעוודיגען, אומ־קאלארדיגען וואסער, נאר מיט׳ן ריינעם וואסער פון גן־עדן, און דאס וואסער זעהט אויס, ווי קריסטאל. וואס קריסטאל איז —

ווייס איך ניט; נאָר וואָס וועניגער מיין פאַנטאַזיע איז איינגע־שפּאַרט אין אַ געוויסען קליינעם רעמעל, וואָס זי קריגט דורך די קלאָרע באַדייטונג פון די ווערטער, אַלץ שטאַרקער ווערען איהרע פליגלען, און דער קריסטאַל באַקומט אין מיינע אויגען די זעלבע פאַרב, וואָס דער גאַנצער גן־עדן: אי רייצענד, אי מוראידיג.

און קוים האָב איך אויפגעהערט קוקען מיט געוועהנליכע פליי־שענע אויגען, האָבען אַלע בילדער אין מיין קליין וועלטעל פאַר־לאָרען זייער וויקליכע געשטאַלט. פאַר מיינע אויגען האָבען זיך אויס־געשטעלט אַ גאַנצע פּאַנאָראַמע מיט פאַנטאַסטישע בילדער, איינע שעהנער פאַר דער צווייטער, און וואָס אַ בלאַט ווייטער, אַלץ גרע־סער איז געוואָרען די פּאַנאָראַמע און אַלץ העלער, לעבעדיגער זיינען געוואָרען די בילדער.

צו דער צייט איז אין מיין פאַנטאַסטיש וועלטעל אַריינגעקו־מען — דער אייזעל. איך האָב איהם געגעבען אַזאַ ברוך־הבא, ווי דעם שעהנסטען אורח. דאָס איז דער אייזעל, אויף וועלכען עס האָבען געריטען די אָבות; דאָס איז דער אייזעל, וואָס האָט גע־עפענט אַ מויל געגען בלעמ'ן; דאָס איז דער אייזעל, וואָס האָדע־וועט זיך נאָר אין ארץ־ישראל, אין דעם לאַנד פון מילך און האָניג.

און אַזוי ווי מיין האַרץ האָט מיר געריסען אויף די אַלע שעהנע און גוטע זאַכען, וואָס מיר האָבען פאַרלאָרען אין ארץ־ישראל, האָט מיר מיין האַרץ אויך געריסען אויפ'ן אייזעל, וועלכען מיר האָבען פאַרלאָרען צוזאַמען מיט'ן הייליגען לאַנד. און ווען איך האָב אין יענער צייט דערזעהן אַ מאָל שבת נאָכ'ן עסען, ווי דעם פּאָלקאָווני־קי'ס צוויי קליינע שקצימ'לאַך זיינען אַרויסגעפאָהרען רייטענדיג איבער ראַפּשאַנסקער גאַסען אויף צוויי קליינע פערדעלאַך, וועלכע זיינען געווען אַרומגעוואַשען, אויסגעבאַרשט און אויסגעפּוצט, און די קינדער האָבען מיר געזאָגט, אַז דאָס זיינען אייזעלאַך, האָט זיך מיר אַרויסגעריסען פון האַרצען אַן אמת'ער קרעכץ: ובנה ירושלים, טאַטעלע פאָטער — ווי דערלעבט מען שוין צו זעהן אונ־זער לאַנד געבויט און איך זאָל אויך האָבען אַן אייזעלע צום רייטען.

און ווען מיין קינדהייט איז פארשוואונדען און צוזאמען מיט איהר אויך פיעל פאנטאסטישע געשטאלטען, וואס האבען מיך ארומגערינגעלט, האב איך זיך אנגעהערט מיט אנדערע מעשיות, אז דער אייזעל איז דאס נארישסטע באשעפעניש און איך אליין האב איהם גענומען ברויכען פאר א זידעל־ווארט, איז אבער דער רייץ נאך אלץ ניט פארשוואונדען פון איהם און ער איז נאך אלץ פארבליבען פארבונדען מיט יענע צויבער־בילדער, וואס דער חומש האט איבערגעלאזען אין מיין מארך.

נאר אט האט מיך דאס מזל פארווארפען אין דעם געבענטשטען, גאלדענעם לאנד. שוין גלייך דעם ערשטען טאג, ווען איך בין ארויסגעגאנגען אין די גאסען אנקוקען די נייע מדינה, האב איך אויפ׳ן וועג אנגעטראפען אז אומגעלומפערט גרויסען וואגען מיט קוילען, אין וועלכע עס זיינען געווען איינגעשפאנט צוויי גרויסע, דארע באשעפענישען מיט לאנגע אויערען און מיאוס׳ע, דינע עקען, און איך בין א ווייליע געבליבען שטעהן פארגאפט און ניט גע־גלויבט מיינע אויערען.

— זיינען דאס אייזלען?

יא, דאס זיינען געווען בידנע אייזלען, און א גרויסע אומגע־לומפערטע לאפע האט זיך פלוצים אויסגעשטרעקט און האט ארויס־געריסען פון מיין מארך א גאנצע פאנאראמע מיט פאנטאסטישע בילדער און דאס הארץ האט מיר שטארק וועה געטאן...

די קליינע מאַמעלע

די קליינע מאַמעלע איז נאָך אַ פּיצעל קינד, קוים זיבען אָדער אַכט יאָהר אַלט. איהר קענט איהר דערקענען צווישען אַ גאַנצע מחנה קינדער אַן איהר האַלב־פאַרזאָרגטען בליק, אַן איהר האַלב־ווייבערשע קליידעל, וואָס הענגט אויף איהר דאַרען קערפּערל צו־געפּעסטיגט צו אַ פּאָר שלייקעס; אַן איהר באַזאָכטען שריט און אַן איהר יעדען קעהר און ריהר. דעם צושוויער שיינט, אַז ער זעהט קנייטשען אויף איהר קינדערשען שטערן, נאָר דאָס איז בלויז אַן אָפּדאַכט.

די קליינע מאַמעלע טראָגט שוין אויף איהר קליינער פּלייטצקע דעם שווערען יאָך פון דער שטוב. זי העלפט מיטקרעכצען טאַטען־מאַמען, ווען עס קומט די צייט פון רענט און עס איז ניטאָ מיט וואָס צו צאָהלען; זי ווערט ניט אויפמערקזאָם מאַכען, אַז איהרע שיכעלאַך זיינען צוריסען אין סלעק־טיים, אָדער ווען דער טאַטע סטרייקט; און אַפילו אין ביזי־צייט ווערט זי אויך פריהער זעהן, אויב עס זיינען ניטאָ קיין בילבערע פון איהר; זי מישט זיך אין די אַנגעלעגענהייטען פון שטוב און שאַפּ און גאַס און איהרע אַן עצה הערט מען אויס און עס גיט איהר אַ שטאָך אין צעהנטען ריפּ, אַז טאַטע־מאַמע ענטפערען אויף איהרע אַ באַמערקונג: „דו ביזט נאָך גאָר אַ קינד!“

פון קיין אַרבייט זאָגט זי זיך ניט אָפּ, אויב די אַרבייט איז נאָר אַזאַ, וואָס לאָזט זיך באַהערשען פון איהרע קליינע הענטלאַך. זי וואַשט און ראַמט און שאַבט און פּוצט און הויפּטזעכליך איז זי אַ מאַמעלע צו די אינגערע קינדער.

ווען די קליינע מאַמעלע האַלט אין שוים די בייבי, און די בייבי זויגט מיט פאַרטראַכטע אויגען די באַטעל און ערלויבט איהר

אנצוטאָן די ליאַלקע די קלײדעלאַך, וואָס זי האָט פאַר איהר אויפ־גענייהט, איז זי, די מאַמעלע, אויף דער העכסטער שטופע פון גליק. איהר קליינע מוטערשאַפט איז פאָלשטענדיג באַפרידיגט. זי רעדט צו זיי ביידען מיט דעם זעלבען קינדער־לשון און האַלזט זיי און גלעט זיי מיט דער זעלבער צערטליכקייט. זי זאָגט זיי ביידען צו הרים וגבעות און גיט זיי צו חשק צו האַלטען זיך ווײ־טער אויך אַזוי שטיל.

נאָר אַט ברעכט אויס די בייבי אין אַ געוויין און עס העלפט ניט דאָס טענה'ן פון דער קליינער מאַמעלע, אַז עס איז פע, מיאוס צו וויינען, אַז אַ קלוגע בייבי וויינט ניט; עס העלפט אויך ניט דאָס טרייסלען און שאָקלען און צוזינגען שאַ־אַ־אַ־אַה! אויך העלפט ניט דאָס בייזערען און סטראַשען, אַז זי וועט איהר מעהר ניט וועלען קענען; און עס העלפט אפילו ניט די באַד, וואָס זי איז מכבד דער ליאַלקע, דאָס וואָס זי שמייסט דער ליאַלקע און רעדט צו איהר מיט אַ קול פון אַ זיגער: אהא, דו וועסט ווייטער וויסען ווי צו שרייען! דו הערסט, קיין פאַרע זאָל איך פון דיר מעהר ניט הערען! איך וויל קיין געוויין ניט הערען אין מיין שטוב! און ווען אפילו אַזעלכע שטרענגע מיטלען העלפען ניט איינצושטילען די בייבי אין איהר וויינען, ווערט די קליינע מאַמעלע פאַרצווייפעלט און ברעכט אַליין אויס אין אַ געוויין, און עס שרייט די בייבי, און עס וויינט די מאַמעלע, און זייערע ביידענס שרייען באַגעגענען זיך און מישען זיך אויס צוזאַמען.

די קליינע מאַמעלע מיט אַלע איהרע מעלות פון אַ קליינער בוגרת איז אויך ניט פריי פון פיעלע מענשליכע שוואַכקייטען. עס טרעפט אַמאָל, אַז מידקייט וואַרפט אויף איהר אָן אַ שלאָף, און דאָס פּאַסירט גראָד דעמאָלט, ווען זי ניאַנטשעט זיך מיט דער בייבי, און די בייבי קייקעלט זיך דערוויל אַראָפּ אויף דער ערד מיט אַזאַ יללה, אַז הימעל עפען זיך. ווידער אַמאָל טרעפט, אַז די גרויסע מאַמע שיקט איהר אויף איין פוס איינקויפען עפּעס אין גראָסערי, אָבער די מעשיות וואָס ווייבער דערצעהלען אין סטאָר זיינען אַזוי אינטערעסאַנט, אַז זי קען ניט ביישטעהן דעם נסיון ניט אויסצוהערען, וואָס זיי האָבען צו זאָגען וועגען דער יונגער

שבנה אָפּ־סטעירז, וועלכע איז שטענדיג אַזוי אויסגעפּוצט און אנגעפּאַרבט און אַנגעפּודערט. די מעשׂיות זיינען נאָך מעהר איינ־טערעסאַנט דערפאַר, ווייל איהר, דער קליינער מאַמעלע, גלויבט זיך ניט, אַז יענע זאָל זיך פאַרבען און פּודערען; און נאָך אַמאָל טרעפט, אַז זי לאָזט איבער אין שטוב הכל באשר לכל, די דישעס ניט אויסגעוואַשען, דאָס קינד צו־נהרג׳ן זיך און פאַרשפּילט זיך גאָר אין דרויסען מיט חבר׳טעס. עס טרעפען מיט איהר אַזעלכע שוואַכקייטען און אין דיזע און נאָך אַזעלכע פעלע קומט איהר דערנאָך אויס צו הערען אַ לאַנגע מגילה מוסר, מוסר וואָס קען אַבי וועמען באַקומען דעם לעבער: „סטייטש, אַזאַ מיידעל אין אַ שטוב און עס איז ניטאָ מיט וועמען זיך צו פאַרשאַפען פון דאַנען אהער!" „זיבען יאָהר אַ מויד און שפּיעלכלאָך ליגען איהר נאָך אין זינען!" „לייטישע קינדער אין איהרע יאָהרען פאַרדינען שוין רעגעלע ווידזשעס און זי שפּילט זיך נאָך מיט ליאַלקעס!" און אַז. וו., א. אַז. וו.

מיט אַ מעסער אַז מען זאָל שניידען איהר לייב וואָלט איהר אַזוי ניט וועה טאָן, ווי אַזעלכע גערעכטע פאַרווירפע. פיעל מאָל האָט זי שוין אויף זיך גענומען ניט צו לאָזען זיך פאַרפיהרען פון שפּיעלכלאָך, ווייבערשע געשפּרעכען און דאָס גלייכען, נאָר עס העלפט ניט. די רייד פון די ווייבער וועגען די שכנות זיינען אַזוי צוציהענד, די נאַרישע מיידלאָך מיט זייערע נאַרישערע שפּיעלכלאָך האָבען אין זיך אַזאַ גבורה, אַז ווי נאָר זי פאַרמישט זיך צווישען זיי, פאַרגעסט זי איהר פליכט. איהר באַשלוס אַלץ, אַלץ אין דער וועלט און לאָזט זיך ווידער פאַרפיהרען פון איהרע שוואַכקייטען. און די מאַמע טענה׳ט איבער איהר, און דער טאַטע באַמקעט צו, און די ווערטער שטעכען איהר ביז׳ן צעהנטען ריפּ, און טרעהרען שטעלען זיך איהר אין די אויגען, גרויסע, ביטערע טרעהרען.

דאָס וויינט אַ קליין פּיצעל באַשעפעניש, פאַר וואָס זי האָט נאָך ביי דער מאַמען אין בויך ניט געהאַט קיין קלענערען ברודער אָדער שוועסטער צו ניאַנטשען.

דער הויזקיפּער

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט׳ן הויז־קיפּער איז געווען ניט קיין פריינדליכע. ער האָט מיר אויסגעזידעלט, אָנגערופען וואָס אין קאָרט שטעהט ניט און איך האָב אויסגעהערט. אַ ברירה האָב איך געהאַט? און ער, ווי עס שיינט, האָט מיך אָוועקגעשטעלט אויף דעם צעטעל פון די גרינע און האָט זיך גענומען זשעקווען.

נאָר דאָ קען דער לעזער אַריינפאַלען אין אַ טעות און מיינען, אַז איך בין אַ גרינער, אַקאָרשט אַריבערגעקומען אין דיעזען לאַנד. די גרינע שכנים פון אונזער הויז האָבען אויפ׳ן הויז־קיפּערס לשון געהייסען אַזעלכע, וואָס לאָזען זיך טרעטען, ווי אין דער היים, און זוכען אויסצומיידען קריג.

ווען מיין ווייב האָט אַראָפּגעטראָגען (אין די אימפּרואוומענטס איז געווען אַריינגערעכענט דער עלעווייטאָר, נאָר מעשה שטן איז ער שטענדיג געווען קאַליע) אַ ביסעל מיסט און האָט ניט אַריינגע־שאָטען אין דעם ריכטיגען באַרעל, אָדער האָט אַביסעל פאַרשאָטען אין האָל, איז זיין ערשטער שפּרוך געווען:

— אין העסטער סטריט! אין העסטער סטריט דאַרפט איהר וואוינען און ניט דאָ!

אַ קול האָט ער געהאַט, וואָס מען האָט איהם געקענט הערען פון סטופּ ביז׳ן טאָפּ־פלאָר. די טירען פון די רומס זיינען ניט גוט צוגעקומען, און דער קול האָט זיך אַריינגעריסען אין אַלע זעקס־און־צוואַנציג דירות.

— אוי, אַ לעבען איז דאָ! — האָט מיין ווייב זיך גענומען קלאָגן פאַר מיר, ווען זי פלעגט אַרויפקומען מיט דעם לעדיגן פייל. — מען קען דאָ אַ טראָט ניט מאַכן. ער זאָל ניט שרייען. מיין פנים פלאַמט מיר פאַר בושה. איך וואָלט ליבערשט אין וואַלד געוואוינט און ניט אָנזעהן זיין פּרצוף פּנים. ווי אַ רוצח שטעהט ער נעבן די באַרעלס און אַז איך דערזעה איהם, ווער איך אַזוי צומישט, אַז איך ווייס ניט, וואָס איך טו.

אַזעלכע ווערטער האָבן מיר קיין פריינדשאַפט אין האַרצען צו איהם ניט אַריינגעגעבן. אויך האָט עס מיין האַרץ ניט ווייכער געמאַכט צו איהם, וואָס אַ פאַר מאָל אין טאָג פלעגט ער זיך אין שטוב, ניט געפרעגט און ניט געקלאַפּט, אַריינרייסען ווי אַ גזלן און מאַכן קולות, אַז ער וויל ניט, דאָס די קינדער זאָלען זיך אַרומדרעהען איבער די „סטערז" און מאַכן גערוואַלדען, און, פאַרשטעהט זיך, אַז ער האָט דערביי ניט פאַרפעהלט אַריינצע־וואַרפען, אַז דאָ איז ניט העסטער סטריט.

פון זיין שטענדיגען שרייען, אַז „ער וויל ניט", „ער וועט ניט דערלאָזען", אַלץ ער און ער, האָב איך זיך ביסלאַכווייז דורכ־געדרונגען מיט אַ געדאַנק, אַז ער איז ניט קלענער פון אַ היימישען קוואָרטאַלנעם און געווים גרעסער פון אַ לענדלאָרד, און קען טאָן, וואָס ער וויל.

וואַרשיינליך האָבן דריי פערטעל פון די שכנים פון דעם טע־נעמענט געהאַט די זעלבע געפיהלען, ווייל אונטער די אויגען האָט מען אויף איהם אויסגערעדט כל דבר אסור, און מען איז אַזוי ווייט געגאַנגען, אַז מען האָט געזאָגט, דאָס ער באַלאַנגט צו אַ באַנדע גנבים, און אַ ראיה האָבן זיי געבראַכט, וואָס אַ חודש געהט ניט אַריבער, אַז אַ גנבה זאָל ניט געשעהן אין דעם הויז, און אַז ער איז אָנגעשלאָגען מיט געלט פון קאָפּ ביז די פים.

פאַרשטעהט זיך, אַז די אַלע רכילות זיינען איהם גלייך איבער־געגעבען געוואָרען מיט אַלע פּיטשעווקעס, ווייל די אַלע, וואָס האָבן פאַר איהם אַם מייסטען מורא געהאַט, האָבן געזוכט צו־חנ׳פענען זיך צו איהם, און ער האָט זיך מיט יענע גערעכענט, ווי ער האָט

געקענט. און דאָס איז געווען פאַר מיר און מיין ווייב א שטיקל טרייסט: אַבי מיר זיינען ניט די איינציגע.

אַמאָל, אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען, בין איך מיט מיין אינגעל אריין אין האָל. מיין אינגעל איז געגאַנגען פאַראויס, און וויסענדיג, אַז דער טאַטע געהט הינטער איהם, האָט ער זיך געפיהלט פאַר אַ שטיקל תקיף. איך ווידער האָב געהאַלטען א צייטונג אין האַנט, האָב זיך אויפ׳ן וועג פאַרלייענט, און בין פון איהם אָפּגעשטאַנען עטליכע איילען. מיין אינגעל איז געווען, ווי עס שיינט, זעהר אויפגעלעגט און האָט געשפּריזט מיט גרויסע טריט און מיט דער נאָז אויסגעזונגען אַ נאַציאָנאַלען נגון. מיינע אויגען פון דער צייטונג האָב איך אָפּגעריסען פּונקט אין דער מינוט, ווען דעם הויז־קיפּערס טיר האָט זיך האַסטיג אַן עפען געטאָן (צווישען מיר און מיין אינגעל איז געלעגען די טיר, וואָס האָט געפירט אין דעם הויז־קיפּערס רומס) און דער הויז־קיפּער איז אַרויסגעלאָפען ווי א משוגע׳נער און האָט אָנגעהויבען צו שטורכען מיין אינגעל. ווען דאָס זאָל ניט זיין מיין קינד, וואָלט איך געווים אויסגעשריען: „רשע, למה תכה רעך!“ (איצט ווייסט, אַז איך בין אין אַ חדר געגאַנגען און פאַרשטעה די שוואַרצע פּינטעלאך), נאָר אַזוי ווי געשלאָגען האָט מען מיין קינד, מיין פלייש און בלוט, איז פאַר מיר שרייען געווען צו ווענינ און איך בין צוגעלאָפען און איך ווייס אַליין ניט ווי אַזוי דאָס איז געשעהן, און איך האָב איהם, איך מיין דעם הויז־קיפּער און ניט מיין אינגעל, אַראָפּגעלאָזען צוויי פייערדיגע פּעטש. איך זאָג פייערדיגע, ווייל די האַנט האָט מיר אפשר אַ שעה נאָכאַנאַנד נאָכדעם געפּייערט.

דער הויז־קיפּער האָט דאָס אָנגענומען פאַר׳ן בעסטען באַווייז, אַז איך בין שוין גאָר קיין גרינער ניט, און ער האָט זיך פאַר מיר דערשראָקען. ער האָט זיך גענומען פאַרענטפערן, אַז ער האָט חס ושלום ניט געמיינט צו שלאָגען אַ קינד. וואָס איז ער, אַ גרינער, וואָס ער וועט געהן שלאָגען אַ קינד? וואָס איז, ער ווייסט ניט, אַז דערפאַר קען מען זיצען? ער האָט איהם אָבער געוואָלט סטאָפּען זינגען, אָבער אַזוי חס־וחלילה, ווי קומט ער צו אַזעלכע זאַכען?

פון דאָן אָן זיינען מיר גוט־פריינד געוואָרען און פון צייט צו צייט, ווען ער פלעגט צו מיר ארויפקומען (און אריינגעקומען איז ער ניט אנדערש, ווי אַנקלאַפּענדיג פריהער אין טיר) נאָך רעגט, אָדער צו זעהן אויב וואַסער איז פאַראַן, אָדער אויב עס רינט אריין פון דאַך (דאָס זיינען געווען זאַכען וואָס פלעגען אָפט טרעפען) פלעגט ער בלייבען זיצען און אויסגיסען פאַר אונז זיין הארץ.

פון דער היים איז ער אַ וואַסער־טרעגער און זיין ווייב איז געווען אַ דינסט. פאַרדינט האָט ער פון אַכט ביז צעהן גילדען אַ וואָך, און זיין ווייב האָט איהם דאָס איהם אָנגערעדט, זיי זאָלען פאָהרען אין אַמעריקא, און טאַקע גלייך נאָך דער חתונה זיינען זיי געקומען אַהער און זי איז געווען גערעכט, ווייל נאָר אַמעריקא איז אַ לאַנד, וואו מען קען קומען צו אַ שטיקעל תכלית. ער קען זיך ניט באַ־קלאַגען, זיי מאַכען אַ פיינעם לעבען. אָנפאַנגס איז אפילו געווען צרה׳דיג, מען האָט פאַקוטעוועט אויפ׳ן פּוד, נאָר שוין עטליכע יאָהר ווי ער האָט נאָך דריי הייזער און (ביי די ווערטער האָט ער זיך צו מיר צוגעבויגען, כאָטש אויסער מיר און מיין ווייב איז קיינער ניט געווען און געזאָגט אביסעל שטילער) קלויבט אביסעל געלט. ער האָט שוין אין די בענק אַ טויזענד אָנדערהאַלבען, נאָר זי, די ווייב זיינע, ארבייט נעבאַך צו שווער. נאָר ווען ער וועט אויפ־קלויבען אַ געוויסע סומע, וועט ער איהר לאָזען זיצען ווי אַ פּאַניע.

וואָס וועט ער טאָן ווען ער וועט אויפקלייבען אַ געוויסע סומע, האָט ער מיר ניט געזאָגט. דאָס האָט ער געהאַלטען בסוד. פון געוויסע ווערטער האָב איך געכאַפּט, אַז זיין נעהענטסטער אידעאַל איז, צו נעהמען אַ גרויסע טענעמענט־הויז אויף אַ ליס. זיין בליק אבער איז אַ סך אַ סך ווייטער.

ער האָט מיר דערצעהלט, אַז דער לענדלאָרד פון דעם הויז איז זיין ווייבס אַ ווייטער קרוב. יענער איז אַהער אראָפּגעקומען מיט אַ יאָהר פינף פאַר איהם, אויך אָהן אַ גראָשען געלט אין קעשענע.

— און מיינט ניט, אַז ער איז זעהר אָן איבערגעשפּיצטער אָדער אַזוי עפּעס אַ דרעה־קאָפּ, — האָט זיך דער הויז־קיפּער צו מיר געווענדעט און זיינע אויגען האָבען געברענט ווי פייער. ער

קען זיך קוים אונטער־חתמ׳ענען, און אין דער היים איז ער געווען אַ משרת איז אַן אכסניא, און יעצט האָט ער אַזאַ הויז! און נאָך איינע אַפּ־טאַון, איהר ווייסט ניט וויפיעל די הייזער זיינען ווערטה.

ער האָט ביי די ווערטער גענומען שלינגען די שפּייעכץ און די ליפּען זיינען ביי איהם פאַרטריקענט געוואָרען. עס איז געווען קענטיג, אַז אין איהם ברענט עפּעס אַ. גערדאַנק, אַ געדאַנק וואָס איז איהם טיעף אַריין אין מאַרך און לאָזט איהם ניט רוהען.

נאָר איידער וואָס, טראַכט ער וואָס צו טאָן מיט׳ן געלט, וואָס ער האָט אין די בענק. די פּראָצענטען אין באַנק זיינען אַ חוזק, און זיין ווייב רעדט איהם צו, זיי זאָלען פאַרלייהען קליינע סומען געלט אויף איינקויפען מעבעל, צירונג, דאָס הייסט, זיי וועלען דאָס געלט אויסלעגען און דערנאָך זאָל מען זיי אויסצאָהלען וועכענטליך מיט פּראָצענטען.

און ער האָט מיר שוין געבעטען, אַז אויב מיינע באַקאַנטע וועלען וועלען נעהמען אויף אַזאַ אופן געלט, זאָל איך זיי צו איהם שיקען. ער וועט מיר טאָן די טובה און וועט זיי געבען.

געמאַכט צום נאַר

אלע לאנדסלייט האבען אויף איהם געלעגט א גרויס רחמנות. זיי האבען איהם אלע געקענט פון דער היים און געוואוסט ביי זיין פאמיליע־נאמען, א סימן, אז ער איז פון דער היים ניט אבי־ווער. דא איז ער פריהער געווען גאר אויף גרויסענע צרות, דערצעהלט מען אין דער שטיל, אז ער איז ארומגעפאהרען מיט קוילען. דערנאך איז איהם אפילו א ביסעל בעסער געווארען, ער איז געווארען א פיש־שאבער אין העסטער סטריט, און אזוי ווי די ארבייט איז נאר פאראן איין טאג אדער אנדערהאלבען טעג אין וואך, פלעגט ער דעם טאג אדער די אנדערהאלבען ארבייטען און די איבעריגע זעקס אדער פינף־האלבען טעג געהן מיט געשוואלענע צוקיילטע הענט.

— אז אך און וועה, אז פופקע דארף ארומפאהרען מיט קוילען אדער אפילו שטעהן אין העסטער סטריט און שאבען פיש... אט צו וואס אמעריקא האט איהם געבראכט, — פלעגען די לאנדסלייט צווישען זיך רעדען.

דער רחמנות פון די לאנדסלייט האט זיך פון פופקען ניט אפגעטאן אפילו דעמאלט, ווען ער האט זיך אויסגעלערענט נעהען אויף א מאשין און איז געווארען אן אפערייטאר... די רחמנות פון די לאנדסלייט דארף מען פארשטעהן אין א געוויסען זין. יעדער פון זיי האט איהם באדויערט, האט וועגען איהם ניט פארפעהלט צו שרייבען אהיים, אז ס'איז א ביטערער צער אויף איהם צו קוקען און מיט דעם האט זיך די גאנצע רחמנות אויסגענומען. די ערשטע צייט, ווען פופקע איז ארומגעגאנגען גאר אהן באשעפטיגונג, און עטליכע סענט האבען איהם געקענט מחיה זיין — דעמאלט האט

מען נאָך געקענט קריגען אַ גלאָז ביער מיט אַ פּרי־לאַנטש פאַר פינף סענט — האָט זיך ביי דעם גאַנצען רחמנות ניט געפונען איי־נער, וואָס זאָל איהם זיך אַנשלאָגען מיט די עטליכע סענט...

און ביי יענער צייט האָט איהם איין סענט אויך געקענט צונוץ קומען, דעמאָלט איז ביי איהם געווען אַ פּרי־לאַנטש אַ גאַנ־צער יום־טוב. ער האָט געזעהן ערגערע טעג, ווען ער האָט זיך גענעהרט מיט אַ סענט פּינאַטס אַ גאַנצען טאָג. אמת, ער האָט קיין סענט ניט געבעטען, דאָס וואָלט פּשוט געהייסען נעהמען נדבות. נאָר אַזוי ווי פּאַר גרעסערע סומען האָבען די לאַנדסלייט געפונען בילכערע ערטער, האָט איהם צייטענווייז פאַרפעהלט דער איין סענט אויך.

נאָר איצטער האַלט שוין פּופּקע אָל־רייט. עס טרעפען ביי איהם וואָכען, ווען ער מאַכט אוים זיינע פינף דאָלאַר אַ וואָך און ווי קאַמיש דאָס איז ניט, נאָכדעם ווי אַלע לאַנדסלייט ווייסען, אַז אין דער היים האָט ער אַ סך מעהר אויסגעגעבען אַ וואָך אויף זייטיגע זאַכען, ניט איינטונקענדיג דערביי אַ פינגער אין קאַלטע וואַסער, איז ער דאָך געווען דאָ העכסט צופרידען און געפרעהט זיך, ווי אַן אָרימע קינד ביים אַנזעהן אַ מטבע, ווען ער האָט אַ וואָך באַקומען פינף דאָלאַר פּעי.

פּופּקע איז געווען מיט זיין נייער לאַגע צופרידען. נאָך אַ האַרטע צוויי־יאָהריגע מלחמה מיט׳ן שרעקליכען נויט, האָט ער זיך דאַך, ווי איהם האָט געשיינט, אַרויפגעשלאָגען אויף אַ דרך. זיינע האָפנונגען, וועלכע האָבען איהם געטריבען קיין אמעריקא, און וואָס אין דעם גאַנצען פאַרלויף פון די צוויי יאָהר זיינען געווען כמעט ווי אָפּגעשטאָרבענע, האָבען ווייטער גענומען אויפלעבען, און אַנשטאָט זיינע פאַרקלאָגטע, פאַרצווייפעלטע בריעף צו „איהר“, האָט ער איצט גענומען שרייבען פרעהליכע, לעבעדיגע.

אָסיף פּופּקע איז ניט געפאָהרען קיין אמעריקא זוכען ברויט; אויך איז ער ניט געפאָהרען אָהער זוכען גליקען — אין דער היים איז איהם קיין זאַך ניט אָפּגעגאַנגען. זיין פאָטער, פּופּקע דער סעלצערמאַכער, ווי די שטעדטעלדיגע האָבען איהם גערופען, איז געווען דער גביר פון שטעדטעל און געהאַט אַ זאַוואָד פון זעלצער־

וואַסער. דאָס געשעפט איז געגאַנגען גוט און אַסיפ האָט זיך „געבאַדען“ אין געלט. געטאָן האָט ער קיין זאַך ניט, ניט גע־אַרבייט און ניט געלערענט; ער האָט געוואוסט גאַנץ גוט, אַז דער פאָטער וועט איהם פאַרזאָרגען מיט אַ געשעפט און די ביסעל קענטשאַפט, וואָס ער האָט גענאָסען פון זיינע פריוואַטע לעהרער, איז פאַר איהם געווען איבער גענוג.

קיין אַמעריקאַ האָט איהם געטריבען גאָר אַן אַנדער זאַך — די זאַך איז געווען אַ „דבר שיש בו רוח חיים“, דאָס הייסט, אַ לע־בעדיגע וועזען מיט בלאָנדע האָר, מיט אַ האַלב רונדען שטערן, מיט בלויע אויגען, מיט אַ געטאָקטען נעזעל, מיט אַ לייכטען פוך איבער די אויבערשטע אויסגעבויגענע ליפ, מיט אַ קליין מיילכעל און מיט עטוואָס אַ פאַרשאַרפטען קינבאַק. בקיצור, געטריבען האָט איהם קיין אַמעריקאַ וויגיילקע יענקיל דעם הויכענס.

וויגיילקע איז געווען אַ קרעמערקע, דאָס הייסט, אַ מענש מיט אַ באַקאַליינעם געשעפט. צו פופקע דעם סעלצערמאַכער פלעגט זי אָפט אַריינטראָגען סחורה, און דאָרטען טאָקע איז אַסיפ מיט איהר באַקאַנט געוואָרען און פאַרליבט זיך אין איהר.

פאַר קיינעם איז קיין סוד ניט געווען, אַז אַסיפ „שפּיעלט“ מיט וויגיילקען דעם הויכענס אַ ליעבע, ווייל יעדער איינער האָט איהם אַ געוויסע פאַר שטונדען אין טאָג געקענט זעהן פאַרברייננגענדיג אין קראָם. וואו וויגיילקע איז געווען אַנגעשטעלט. נאָר ניט זיינע און ניט איהרע עלטערען האָבען דאַגעגען געקענט עפּעס האָבען: זיינע עלטערן האָבען אויף דעם געקוקט, ווי אויף אַ תאוה פון אַ צובאַלעוועטע קינד און איהרע האָבען גערעכנט — אַז צו קיין שידוך וועט דאָס איהר ניט שאַדען, אַ קשיא אויף אַ מעשה... אפשר, ווער ווייסט?... און אַז דערפון זאָל טאָקע עפּעס אַרויסקומען, וועט דאָך זיין אַ גליק. אַ שפּאַס איז דאָס — דעם גביר׳ס שנור!...

נאָר ווען אַסיפ האָט זיך אַמאָל פאַראיקעט פאַר זיין פאָטער, אַז ער מיינט מיט דעם הויכענס טאָכטער חתונה האָבען, האָט איהם דער פאָטער געגעבען ערלויבניש דאָס צו טאָן, נאָר ער זאָל איבערגעהן צו יענקיל דעם הויכען אויף קעסט...

• • •

אַסיפּ האָט גאַנץ גוט געקענט זיין פאָטער און געוואוסט, אַז ער פארלירט ניט אומזיסט קיין איבעריג וואָרט. נאָר דאָס וואָס ער זאָגט, האַלט ער, און דאָ איז אָסיפּ אַריין אין אַ סטירדעס: וואָס הייסט, מען וועט איהם זאָגען אַ דעה? איהם אַ דעה זאָגען! און ער האָט זיך באַשלאָסען, זאָל זיין באַדאַי וואָס, און ער וועט אויספיהרען, וואָס ער וויל. איהם איז שוין איצט ניט אַזוי געגאַנצען אין וויגיילקען, נאָר וואָס הייסט מען וועט איהם זאָגען אַ דעה!...

אָסיפּ איז אַוועק קיין אמעריקאַ און ער איז איצט צופרידען, ניט ווייל ער פאַרדינט אַמאָל פינף דאָלאַר אַ וואָך, נאָר ווייל ער וויים, אַז ווען ער וועט זיך מעהר צוגעוועהנען צו דער אַרבייט, וועט ער קענען פאַרדינען מעהר, און דעמאָלט וועט ער באַווייזען דעם פאָטער, אַז ער האָט אויסגעפיהרט וואָס ער האָט געוואָלט און ער האָט איצט גענומען שרייבען פרעהליכע בריעף צו וויגיילקען. ער האָט איהר געשריבען, אַז איצט זיינען זיי נאָהענט צו זייער ציעל און האַפט, אַז אין אַ וואָסער יאָהר אַרום, וועט ער איהר קענען אַראָפּברענגען קיין אַמעריקאַ צו זיך.

נאָר אויב זיינע בריעף האָבען זיך צו איהר געענדערט, דערפאַר אָבער האָבען זיך איהרע בריעף צו איהם אויף איין האָר ניט געענדערט. זיי האָבען זיך שטענדיג אָנגעהויבען: „צו מיין פיעל געליעבטען אָסיפּ“ און אימער געענדיגט: „פון מיר דיין עוויגליעבענדע וויגיילקע“. אין דער מיטען איז געווען איצטער אַזוי ווי פריהער טרוקען, ווי דאָס האַרץ פון אַן אָפּגעברענטען בוים. עס האָט עפּעס ווי אויסגעזעהן, אַז פאַר איהר איז אַלץ איינס, צי ער פאַרדינט יאָ, צי ער פאַרדינט ניט; צי ער וועט איהר יאָ קענען אַראָפּברענגען צו זיך צי ניט. אַזאַ טריקעניש פון איהרע בריעף, פלעגט איהם אָפט שרעקליך אויפברענגען, נאָר באַלד פלעגט ער זיך באַרוהיגען, אַז דאָס קומט וואַרשיינליך פון דעם, וואָס זי איז מיט'ן פעדער ניט געוואוינט.

* * *

ס'איז אַוועק נאָך אַ יאָהר צייט ביז אָסיפּ האָט גענומען פאַרדינען וועלכע זיבען־אַכט דאָלאַר אַ וואָך. וואַרטען לענגער האָט

איהם אויסגעוויזען, איז שוין אונמעגליך, און ווידער מיט יעדען טאָג וואָס ער ציהט אָפּ, האָט איהם געדאַכט, איז איהם אַ פּאַטש אין פּנים, און אין מיטען דעריין, אַז ער איז מרוצה געוואָרען צו פאָהרען קיין אַמעריקאַ און פיהרען אַזאַ הינטישען לעבען, מעג איהר בודאי אָנשטעהן צו לעבען אויף וועלכע זיבען־אַכט דאָלאַר אַ וואָך, און ער האָט גענומען שפּאָרען פאַר איהר אויף אַ שיפס־קאַרטע.

אויף אַ שיפס־קאַרטע האָט איהם לאַנג ניט גענומען צו קלויבען און אין גאַר אַ קורצער צייט אַרום האָט ער איהר אַרויסגעשיקט די געווינשטע קאַרטע און זעהר אַ פרעהליכען בריעף.

דערווייל האָט ער זיך גענומען גרייטען צו איהר קומען. ביסלאַכוויז האָט ער זיך גענומען איינשאַפען קליינע בעל־הבית׳ישקייט, צאַצקעדיגע זאַכען, און פון יעדער קניה איז ער געווען אויפ׳ן זיבענטען הימעל פאַר פרייד.

— איצט, וואָס מען כאַפּט אַריין, איז ווי געפונען. דערנאָך וועט זיין שווער ביי אַזעלכע קליינע פאַרדינסטען, ווי זיינע, איינשאַפען זיך עפּעס אין הויז אַריין.

* * *

זי, וויגיילקע, האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטען און איז אַראָפּגעקומען קיין אַמעריקאַ מיט איהר ביסעל אָרימע גאַרדעראָבע און מיט אַ פּאַר מעשענע לייכטער, וואָס איהר מאַמע האָט איהר באַצייטענס געגעבען דרשה־געשאַנק און מיט עטליכע פּאַר מענסקע סקאַרפּעטקעס, וואָס איהר מאַמע האָט אַליין אויסגעשטריקט לכבוד איהר קינפטיגען איידעם... די גאַנצע וואָך נאָך איהר קומען האָט אַסיפּ געמאַכט אַ יום טוב און איז אַרבייטען ניט געגאַנגען. איבעריגענס, אַרבייט האָט ער געהאַט איבער גענוג: אויסזוכען אויף דערווייל פּאַר איהר אַ דירה, ווייזען איהר די גאַסען און אויסגרינען איהר כאָטש אויף פיעל מעגליך. נאָך דער וואָך איז אַסיפּ אוועקגעגאַנגען צו דער אַרבייט און זי... זי איז געבליבען זיצען ביי זיך אין רום נעבען ווינדאָ און קוקען אין סטריט און גענעצען פאַר לאַנגווייליגקייט.

אַרויסגעהן ערגעץ האָט זי ניט געקענט. זי האָט מורא געהאַט זיך צו דערווייטערן צוויי טריט פון שטוב זי זאָל ניט פאַרבלאָנדזשען און מיט וועמען צו גערן איז ניט געווען, איז זי געזעסען ביים ווינדאָ, געוואַרט אויף אַסיפּ׳ן, און דער טאָג האָט זיך איהר אויסגעוויזען לאַנג ווי דער אידישער גלות.

נאַר באַלד האָט זיך גאָט אויף איהר מרחם געווען. נחום דעם שניידער׳ס זוהן, אַ לאַנדסמאַן, האָט צו דער צייט גראָדע געסטאַפּט פון דער אַרבייט און ער איז איהר אָפט געקומען באַזוכען און אַרויספיהרען איהר אַביסעל אין שטאָדט אַריין.

און ער האָט איהר באַקאַנט געמאַכט מיט אַלע ניו־יאָרקער מערקווירדיגקייטען, מיט׳ן ברידזש וואָס הענגט אין דער לופטען, מיט דער כלי, וואו מען וואַרפט אַריין אַ ניקעל און עס זינגט זיך אַליין, מיט דיימענע מוזעאומס און נאָך דאָס גלייכען. אויך האָט ער איהר באַקאַנט געמאַכט מיט אַמעריקאַנער מנהגים, אַז דאָ איז אַ סאַמעראָדנער שניידער פון דער היים אַ סך טהייערער פאַר וועלכען היימישען לעדיג־געהער; דאָ שפּילט דער יחוס קיין ראָליע ניט און דאָ זיינען אַלע גלייך. — ווער עס מאַכט דעם דאָלאַר, יענער איז אַ לייט...

— וואָס טויג מיר די אַלע שמאַכטעלייען, מען דאַרף נאָר קענען מאַכען דעם דאָלאַר און גע׳פּטר׳ט.

* * *

אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט זיך צווישען אַלע אַסיפּ׳ס לאַנדסלייט פאַרשפּרייט די מערקווירדיגע נייעס, אַז וויגיילקע דעם הויבענס האָט אַוועקגעוואָרפען איהר חתן פופקע דעם סעלצערמאַכערס און חתונה געהאַט פאַר נחום דעם שניידערס זוהן...

צו אַסיפּ׳ן האָט די מעשה דערגרייכט ווען די בשורה איז מעהר קיין סוד ניט געווען. ער האָט פאַר כעס צובראָכען די אַלע צאַצקעס, וואָס ער האָט אַנגעקויפט פאַר איהר און די גאַנצע וואָך נאָך דער בשורה איז ער געזעסען פאַרשפּאַרט ביי זיך אין צימער און איז ערגעץ ניט אַרויסגעגאַנגען.

איצט האָט ער צו דער אַרבייט פאַרלאָרען דעם חשק און איז ווייטער אויף גרויסענע צרות..

אַ זול אויף ציבעלע

(אַ סצענע אין העסטער סטריט)

ביילע האָט צוגעשטופּט די טאַטשקע מיט די ציבעלעס צום קאַרנער עסעקס און העסטער.

— זי איז טאָקע ניטאָ! — איז איהר איבערגעלאָפען אַ פרעה־ליכער געדאַנק.

זי האָט אונטערגעשפּאַרט די טאַטשקע מיט אַ ברעטעל, האָט אונטערגעלעגט די הענט אונטער'ן פאַרטוך און האָט זיך אַ רגע ארומגעקוקט. זי האָט ניט געוואָגט צו גלויבען, אַז אַזאַ גליק איז איהר געשעהן, כאָטש געהאָפּט האָט זי נאָך נעכטען, אַז דרייזע, וואָס שטעהט מיט ציבעלעס אין צווייטען קאַרנער, וועט היינט ניט קענען זיין: זי איז קוים אַ לעבעדיגע אַוועק פון סטריט.

— צוויי סענט, ווייבערלאַך, אַ פונט ציבעלעס! צוויי סענט! צוויי סענט! — האָט זיך ביי איהר פון האַרצען ארויסגעריסען אַ שאַל פון פרייד, נאָכדעם ווי זי האָט זיך איבערצייגט, אַז איהר קאָנקורענט איז ניטאָ, און זי האָט גענומען אָפּסאָרטירען די גרעסטע ציבעלעס פון די קלענערע — די גרעסערע אויף איין העלפט טאַטש־קע און די קלענערע אויף די צווייטע העלפט, און פון מינוט צו מינוט האָט זי אויסגעשריען: צוויי סענט! צוויי סענט!

צום קאַרנער פאַר'ן טאַטשקע איז צוגעקומען אַ מאַן מיט אַ בייטש אין האַנט.

— לייזער! — האָט ביילע אויסגעשריען מיט פרייד, דערזע־הענדיג איהם. — איך בין אַליין.

— אַליין? וואָס יו סעי? — ער האָט אַ קוק געטאָן צום צווייר־טען קאַרנער. — וואָס איז דער מעטער מיט דער שכנה?

— אויף א וואָך איז מען שוין מיט איהר פאַרזאָרגט. זי האָט נעכטען געזאָלט געלעגען ווערען, א רחמנות אויף איהר! ערב פסח מיט אזא צרה! — האָט ביילע געזאָגט, און האָט פון טיפען האַרצען רחמנות געהאַט אויף איהר שכנה־קאָנקורענטקע, נאָר דאָך האָט זי זיך ניט געקענט איינהאַלטען צו באַמערקען מיט פאַרגעניגען:

— איך וועל היינט דאַרפען האָבען נאָך א טאַטשקע, און אויב איך וועל שוין ניט קריגען, וועל איך זיך מעגען אָפּרוהען, צוויי סענט, ווייבערלאַך, צוויי סענט א פונט!

די לעצטע ווערטער האָט זי אַרויסגערעדט ניט אַזוי צוליעב קונים, ווי צוליעב איהר מאַן. זאָל ער אויך פיהלען דעם טעם פון שטעהן אַליין אויפ׳ן קאַרנער עסעקס און העסטער און זיין זיכער, אַז די קונה׳טע וועט צו דרייזען ניט געהן און וועט מוזען קויפען ביי איהר.

— העַ—העַ—העַ! איין יאָהר אַזוי, אַז דו זאָלסט אויך זיין דער איינציגער עקספּרעסמאַן אין קאַרנער קאַנעל — נו, נו!

— וואָלט איך דאָך פאַרמאָגען וואָס נאַראַנים ווינשען זיך, וואָלט איך...

— א כאָלערע זאָל איהר אויסקייקלען, די הענט זאָלען איהר אָפּגעדאַרט ווערען, די פיס זאָלען איהם אָפּגעהמען! — האָט זיך פּלוצלינג ביילע צושריען. דאָס געזיכט האָט זיך איהר אָנגעצונ־דען פאַר כעס, שנאה, קנאה. א דרויסען מיט קלאָגען אויף איהר קאָפּ!

— וואָס שרייסטו? — האָט דער מאַן געפרעגט פאַרוואונדערט און גענומען קוקען צו העסטער סטריט.

— אָהער קוק! — האָט דאָס ווייב געוויזען אַראָפּ עסעקס. די געליכע האָט שוין דערשמעקט מיט איהר צופּוילטער נאָז.

פון אַראָפּ עסעקס סטריט האָט א ווייבעל פול מיט געלע שפּרינקלאַך אויפ׳ן געזיכט און מיט געלע האָר געשטופּט א טאַטשקע מיט ציבעלעס צום קאַרנער העסטער. זי האָט דערגרייכט דעם קאַרנער, האָט אָפּגעשטעלט די טאַטשקע פונקט קעגענאיבער ביילען.

— ווי קומסטו אָהער? — האָט ביילע געשריען מיט כעס.

— וואָס איז? דו האָסט דאָ אַ חלק אַריינגעלעגט? דאָס איז דיין סטריט?

— דער פּלאַץ איז אַ פרעמדער. איך דערצעהל גלייך דעם פּאָליסמאַן.

— אַ־רייט, דערצעהל.

— געהערט אַ ביסעל? פון ריווינגטאָן איז זי זיך אָהער גע־קומען צושלעפּען! איהרע טרפה׳נע אויגען האָבען איהר אַרויס־געשפּאַרט, טאָמער וועט אַ אידיש קינד קענען פאַרדינען אַ פּאָר סענט. אַ שפּאַס איז דאָס! איין איך וויל דעם אַנדערען אויפעסען. איינער וואָלט דעם צווייטען אין אַ לעפעל וואַסער דערטרונקען. סעי! דו געהסט אַוועק מיט גוטען? איך וועל דיר אַלע דיינע ציבעלעס אויסשיטען, עס וועט פון זיי קיין סאָרע־אופּאַלע ניט בלייבען. איך זאָג דיר בעסער: געה אַוועק!

— זאָל דיר בעסער דיין קאָפּ דאַרען פאַר דיר! פאַר מיר אַליין וועל איך זאָרגען.

— זאָרגען זאָלסטו פון פריה ביז נאַכט! זאָל זיך קיין מאָל קיין זאָרג פון דיין קאָפּ ניט אָפּטאָן. געהערט אַ העזה, זי איז נאָך גערעכט, איהר קומט נאָך אַ רעשטע אויסצוצאָהלען. זי עפּענט נאָך אַ פּיסק און שילט זיך נאָך. דיין מזל, וואָס איך וויל ניט מיאוס מאַכען מיינע הענט, איך וואָלט דיר אויסגעלערענט צו האָבען ווייטער מעהר דרך־ארץ. נבלה! מיאוסקייט! פּאַסקוד־סטווא! דערלעבען זאָלסטו ניט ביז מאָרגען, טאַטעלע־פאָטער!

— פון מויל אין בוזים איז נעהענטער!

— נעהענטער זאָל דיר זיין צו דיין מיתה.

— אַ מיתה זאָלסטו אַליין איינגעהמען!

— דו הערסט? דו הערסט? — האָט זיך ביילע געווענדעט צום מאַן מיט אויגען פול אָנגעגאָסען מיט כעס. וואָס שטעהסטו ווי אַ פלאָקען? נעם דיין בייטש און זיי איהר מכבד, זאָל זי וויסען ווי צו שילטען זיך!

דער מאַן האָט אַ מאַך געטאָן מיט׳ן בייטש אין דער לופטען, אָבער ניט אין דער ריכטונג פון דער געלער ווייבעל. דער מאַך מיט׳ן בייטש האָט געהאַט אַזוי פיעל צו זאָגען: „לאָז מיך צורוה“.

ביילע האָט אויף איהם אַ וואָרף געטאָן אַ גיפטיגען בליק. פון האַלז האָט זיך אַרויסגעריסען אַן איבערגעהאַקטער, ציטערדיגער קלאַנג: „עה־עה־עה־עה“, וואָס איז מעהר עהנליך געווען אויף אַ סאָפּען.

אַ פּאָר סעקונדען זיינען אַלע געשטאַנען שטיל, דער מאַן — מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען צו דער ערד און מיט'ן שפּיץ פון בייטש האָט ער געשלאָגען איבער אַ שאָלעכץ פון אַ באַנאַנע. ביילע — מיט פאַרשטשירעטע צייהנער, מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע נאָזלעכער, און די געלע וויבעל האָט איבערגעוואָרפען אַ פּאָר ציבעלעס פון איין פּלאַץ אויפ'ן צווייטען און באַלד אויסגעשריען מיט אַ רוהיגען קול, ווי דאָ וואָלט גאָרניט פאָרגעקומען:

— ווייבערלאַד, ווייבערלאַד, צוויי סענט אַ פונט ציבעלעס! צוויי סענט!

דער אויסגעשריי האָט ביילען ערקלעהרט, וואָס זי האָט צו טאָן.

— אַ מכה דיר אין ביידע זייטען, געלע מויז! — האָט ביילע אויסגעשריען. — אַ קרענק וועסטו שוין ביי מיר האָבען, ניט צוויי סענט אַ פונט ציבעלעס. מיר ניט — דיר ניט!

און פאַרבייטענדיג איהר צאָרנדיגען טאָן מיט אַ קול פון ראַכע, האָט זי גענומען שרייען אין דער הויך:

— צוויי סענטיגע ציבעלעס אַ פּעני אַ פונט, ווייבערלאַד! ווייבערלאַד, ווייבערלאַד! צוויי סענטיגע אַ פּעני אַ פונט! אַ פּעני אַ פונט! אַ פּעני אַ פונט!

און ביילע האָט אַ קוק געטאָן אויף די געליכע טריאומפירענד.

מיין חלום

(אַ שטיקעל פאַנטאַזיע).

מיר האָט זיך גע׳חלומ׳ט, אַז איך בין אויפ׳ן הימעל און קוק זיך צו, ווי מען וועגט מעשים טובים.

אַ באַזונדער קאָמיטעט פון מלאכים איז געווען אַנגעשטעלט צו וועגען די נדבות וואָס מען גיט איצט פאַר די אומגליקליכע אלמנות און יתומים פון די נייע אידישע הרוגים, וואָס זיינען גע־פאַלען קרבנות פון דער רוסישער ווילדקייט און פינסטערניש, פאַר די צוקאַליעטשעטע, צוקריפּעלטע, פאַרוואונדעטע פון די לעצטע פּאָגראָמען, פאַר די וואָס זיינען נעכטען געווען בעלי־בתים און היינט געבליבען אָהן ברויט, אָהן אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ, אָהן אַ קלייד אויפ׳ן לייב.

מלאכים זיינען געפלויגען הין און צוריק. מיט שנעע־ווייסע אויסגעשפּרייטע זעקס פליגלען האָבען זיי זיך אַראָפּגעלאָזען אונטען, צו דער זינדיגער וועלט, און מיט צונויפגעלעגטע פיער פליגלען האָבען זיי זיך צוריקגעקערט צום קאָמיטעט. דאָס זיינען געווען די מלאכים וואָס זיינען געווען ממונה צו ברענגען אַלע נדבות צום וואָג־שאַל. זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט צום זינדיגען וועל־טעל, אַנגעלאַדען מיט נדבות אונטער פיער פליגלען און פיעלע האָבען געסאָפּעט און קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, ווען זיי האָבען זייער משא אויסגעליידיגט.

מיר איז לכתחילה אויסגעקומען ווילד, אַז אַ מלאך זאָל סאָפּען פון אַזאַ קלייניגקייט, נאָר אַז איך האָב זיך גוט צוגעקוקט צום וואָגשאַל, האָב איך איינגעזעהן, אַז זיי האָבען געסאָפּעט ניט אומזיסט.

דער ערשטער מלאך האָט געבראַכט אַ צעהן־טויזענד־דאָלאַר־דיגע נדבה. אַלע זיינע זעקס פליגלען האָבען געאַרבייט און דער־פון איז געווען גרינג צו זעהן, אַז ער איז ניט געווען שווער באַ־לאַסטעט. און די גרויסע נדבה איז ביי איהם געווען פאַר־שטופּט ערגעץ אין אַ קעשענע. זיינע פליגלען זיינען געבליבען אַזוי ווייס, ווי ווען ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון הימעל און אויף זיי איז קיין שפּרינקעלע ניט געווען.

— צעהן טויזענד דאָלאַר! — האָט ער אויסגעשריען און דער־לאַנגט דעם מלאך מאַזניאל אַ קליין פּעקעלע נייע בילס, וואָס האָבען געקנאַקט אונטער די הענט.

דאָס צינגעל פון דער גרויסער וואָגשאָל האָט זיך קוים אַ ריהר געטאָן.

צו זאָגען דעם אמת, האָט דאָס מיר פאַרוואונדערט. צעהן טויזענד דאָלאַר האָט געדאַרפט אַ שלעפּ טאָן די שאָל. קיין סך צעהן־טויזענד־דאָלאַרדיגע נדבות זיינען ניטאָ. און אויב צעהן טויזענד דאָלאַר האָט קוים אַ ריהר געטאָן דעם צינגעל פון דער וואָג־שאָל, פיעל קען שוין וועגען אַ געוועהנליכע נדבה פון אונזערן אַ מענשען.

אין דעם ספר הזכרונות האָט מען פאַרשריבען דעם נאָמען פון דעם מיליאָנער, וואָס האָט געשענקט אַזאַ גרויסע נדבה און די וואָג וואָס די נדבה האָט געהאַט.

— נעקסט! — האָט אויסגעשריען דער מלאך מאַזניאל.

אַ מלאך האָט אַרויפגעלעגט נאָך אַ גרויסע נדבה, נאָר שוין ניט אַזוי גרויס ווי די ערשטע. דער צינגעל האָט זיך ווידער קוים אַ ריהר געטאָן און מיר האָט אויסגעוויזען, אַז גראַד די צווייטע קלענערע נדבה האָט געוואויגען עפּעס מעהר ווי די ערשטע. נאָר אַזוי ווי אַזאַ זאַך האָט ניט געקענט געמאַלט זיין, האָב איך פאַר־שטאַנען, אַז מסתמא האָט מיר בשעת מעשה אַ שווינדעל געטאָן אין די אויגען און איך האָב ניט ריכטיג געזעהן.

נאָר וואָס מעהר איך האָב זיך צוגעקוקט איז אַלץ מיין ער־שטוינונג געוואָרען גרעסער. מעהר האָט שוין קיין טעות ניט גע־קענט זיין, און איך האָב באַשיינפּערלאַך געזעהן, ווי אַ סך קלענערע

נדבות פון די ערשטע האבען אראפגעשלעפט די שאַל א סך נידע־ריגער. און ווי איך בין געשטאנען און גע׳חדוש׳ט זיך, האט זיך פלוצים געהערט א געשריי פון אונטען:

— העלפט! העלפט!

דאס איז געווען א קול ניט פון קיין מענשען, און דער קול איז ניט געקומען פון דער ערד, ווייל אזוי ווייט וואלט עס ניט דערגרייכט — עס איז געווען גרינג צו פארשטעהן, אז עפעס א מלאך איז געבליבען שטעקען אויף דער רייזע פון דער ערד צום הימעל און האט מעהר קיין כחות ניט צו פליהען העכער.

א סך מלאכים האבען זיך א ווארף געטאן אונטען אויף דעם געשריי און אין א היבשע ווײלע ארום האבען זיי געבראכט צו־שלעפען זייערן א חבר. אלע זעקס פליגלען זיינען ביי איהם געווען צונויפגעקוועטשט און ער האט נאר באוועגט מיט א פאר קליינע שפיצען פון צוויי פליגלען. דער שוויים האט זיך געגאסען פון איהם ווי פון אן עמער און אין גאנצען איז ער געווען נאס אויסצודרעהען. ער האט קוים געקענט אפכאפען דעם אטעם, און די מלאכים וואס האבען איהם געבראכט האבען געסאפעט ווי גענז.

— אוך! — האט ער זיך אפגעזיפצט און א זיסער שמייכעל האט זיך געוויזען אויף זיין פארשוויצטען פנים. איך האב געבראכט טויזענד דאלאר.

ער האט געמוזט ווידער אפכאפען דעם אטעם און איך האב אויף איהם געקוקט ווי אויף א שלים־מזל׳ניק. געהערט א מציאה? טויזענד דאלאר האט ער געבראכט! מלאכים האבען שוין גע־בראכט צעהן־טויזענד־דאלארדיגע נדבות און זיי האבען זיך אפילו קיין קרים ניט געטאן.

— דאס איז פון א שאפ! — האט דער מלאך ווייטער גע־רעדט, — דאס האבען די ארבייטער פון דעם שאפ מנדב געווען זייער אווער־טיים.

ער האט פאנאנדערגעפענט די פליגלען און עס האבען זיך גענומען שיטען איינציגע, צווייאיגע דאלאר און מינץ.

נאר די קליינע בילס און מטבעות זיינען גאר ניט געווען עהנליך צו די וואס מען האט פריהער געוואויגען. די בילס זיינען געווען

אַנגעזאַפּט מיט שווייס; די גאַנצע האַרעוואַניע, די גאַנצע פּראַצע פון דער אוווער־טיים אַרבייט, דער גאַנצער שווייס וואָס זיי האָבן דערבײַ פאַרגאָסען, יעדע איבעריגע אַנשטרענגונג, וואָס זיי האָבן געמאַכט, יעדער איבעריגער שטאָד אין רוקען, וואָס זיי האָבן געטאָן, יעדער זיפץ וואָס האָט זיך אַרויסגעריסען פון די הערצער פון די קליינע קינדער אין דער היים פאַר וואָס דער טאַטע קומט ניט צו דער געוועהנליכער צייט צו סאַפּער, — דאָס אַלץ איז אַריין אין די פּאַפּירענע בילס, און אין די האַרטע מינץ און יעדער ביל, יעדע מטבע באַזונדער האָט געגעבען אַ שלעפּ די שאָל אַרונטער.

* * *

און איצט האָב איך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער מלאך האָט נעבאָך אַזוי געשוויצט שלעפּענדיג אַזאַ פּעקעל געלט, וואָס יעדער האָט געשענקט איבער זיינע כחות, בשעת נאָר די גרויסע נדבות איז געווען צו גרינג צו טראָגען.

דער נסתר

איך בין אינגאנצען צוויי טעג צוריק אין דער היים און האָב מיך שוין אזוי פארזינדיגט, אז עס „קלינגט מיט מיר די וועלט". דער טאַטע וויל מיך שוין גאָרניט קענען. עס אַרט איהם ניט מיין שטאַרקען הוסטען. ער פרעגט ביי מיר גאָרניט. נאָך נעכטען האט ער געזאָגט, אז ווען ער זאָל געוועזן וויסען „מיין שווארצען סוף", וואָלט ער מיך בעסער פאר א שוסטער געמאַכט! איך האָב געהאַט מיט׳ן רב א וכוח און חריפות געוויזען, נאָר דאָס מאַכט איהם ניט אויס. ער ווייסט פון לאַנג, אז „דער קאָפּ האָט מיר ניט געדאַרט", נאָר וואָס האָט מען דערפון? לייטישע געלעכטער!

די מאַמע, ווייטער, באַוויינט מיך ערגער ווי א טויטען.

— וואָס דו האָסט דאָרט געטאָן — קלאָגט זי — אין פארשאָלטענעם וואַרשע — איז פארפאַלען, כאָטש אויך — א קלאָג איז צו מיר! — א גוטער שם! אָבער דאָ, דאָ... מיר אין די אויגען אריין!

און וואָס האָב איך אזוינס געטאָן? אסור אויב איך וויים. איך האָב, דער מאַמען צוליעב, געדאַוונט, געוואַשען זיך, געבענשט, געשפּאַרט זיך מיט׳ן רב וועגען א רמב"ם... אָה! איך דערמאָן זיך! שבת געטראָגען דעם זייגערל און — איך בין מודה ומתודה — געקעמט זיך אום שבת!

די גרעסטע צרות האָב איך פון זרח ברודים.

— אָט דאָס — קלאַפּט דער טאַטע אין טיש אריין — איז א מענש! א משכיל, שרייבט אין ציימונג און ריהרט ניט קיין קוצו של יוד... כי הוא זה. דאָס הייסט א נחת! שרייבט פראַשעניעס! לייענט ביכער ווי א וואַסער, און א איד כדבעי, טאַקע א איד!

— פון רב׳ס זוהן — יאָגט די מאַמע בורען טרעהרען — איז שוין

ניט וואס צו רעדען, צו דעם דארף מען שוין זכות אבות... אבער טאקע דער זרח, דער זרח! א מחיה פשוט... נאר מיך האט גע־טראפען די שטראף!

פארנאכט. די טאטע־מאמע סוד׳ען זיך עפעס אויף דער פריזבע אונטער דעם פענסטער — און עמיץ ריהרט די טיר.

— מאזנא? — פרעגט א זים קול.

און איידער איך האב צייט צו ענטפערען שטעלט מען זיך מיר פאר:

— זאחאר באריסאוויטש שוויצבאד.

— זרח ברוד׳ס! — זעץ איך מיר באלד איבער אויף פראסט אידיש.

ער זעצט זיך אויך אומגעבעטען; כאפט א בוך פון טיש און בלעטערט עס ווי א בקי, פאר וועלכען עס זיינען שוין קיין נייע ביכער ניטא, און הויבט ראפטום אויף דעם קאפ און גיט א פרעג:

— און וואס זאגט איהר צו קרח׳ן, אה?

איך פאר שטעה ניט די שאלה.

— איך מיין — מאכט ער — אז דאס איז משה׳לעס א שפי־צעל!

אויף זיין בהמה׳וואטע געל־פנים שיינט א שכל׳דיגע שטראל.

— מילא, דונערן און בליצען וויים מען שוין, אז עס איז עלעקטערי — נאר, זעהט איהר, וואס איך קען ניט פארשטעהן, דאס איז לוט׳ס וויב! גלאט פון א מענש זאל ווערען א שטיק זאלץ!

די גאנצע גאל האט ער מיר געריהרט, נאר איך האלט מיך איין מיט אלע כחות און שוויינ.

ער לאזט מיך אבער ניט אפ. ער כאפט מיך אן ביים קנאפ פון ראק און האלט מיך:

— עה! — שמייכעלט ער — מיר מעגט איהר זאגען... איך בין דאך ניט גנילאוועקע! ביי דער נאז פיהר איך אלע! רבינו תם׳ס תפילין לעג איך! אויפדערוף פאהר איך נאך צו א רבי׳ן... וואס

אַרט עס מיך? מען האַלט מיך פאַר אַ צדיק... מען שרייבט ביי מיר אַדרעסען, פּראָשעניעס... אָבער פאַר איך איז קיין סוד...

— נו, זאָגט, איך בעט אייך, זאָגט! — שטעלט ער זיך צו מיר צו.

די גאַל האָט אין מיר געפּלאַצט:

— וואָן! — האָב איך אַ געשריי געטאָן.

* * *

ביי נאַכט האָט דער טאַטע געמיינט, אַז איך שלאָף און גע־זאָגט דער מאַמען:

— איך האָב געבעטען, ער זאָל איהם אביסעל מוסר זאָגען! האָט ער איהם אַרויסגעוואָרפען.

— אַ קליפּה! — זיפצט די מאַמע.

— היינט — מאַכט ווייטער דער טאַטע — האָב איך איהם ניט געוואָלט מאַכען אַ ירידה, נאָר מאָרגען זאָל ער זיך פּאַקען!

איך האָב געהערט, ווי די מאַמע האָט איבערגעדרעהט דאָס פּנים צום קישען און אָנגעהויבען שלוכצען.

אוים שידוך

(אַ מעשה פון דעם ווי מען האָט חתונה ביי אונז אידען)

בערעלע איז געווען אַ גאַנץ פיינער בחור'ל, אַ בעל־הבית'יש קינד, האָט אַ ביסעל פאַרשטאַנען די שוואַרצע פינטעלאך, גענאַשט אויפ'ן שפּיץ מעסער פון ווי רופט מען דאָס, „קענטעניש", געקענט פיין שרייבען, זיין נאָמען פיין אויסצוקען און פלעגט גאַנצענע טעג אַרומשפּאַצירען איבער די גאַסען מיט אַ שטעקעלע.

קיין אַרבייט, באַשעפטיגונג האָט ער ניט געהאַט, פון לערנען, לעזען האָט ער ניט „געהאַלטען": ער האָט זיך „געשניטען" אויף אַ סוחר און דעם סוד פון סוחר'עריי האָט ער געוואוסט זעהר גוט,— ער האָט שוין געקענט אַרויסציהען אַ שטרויעלע פון אַ וואָגען, שטעקען עס אין די ציינער אַריין און טאַפּען ביי יעדען פויער אין פוהר אַ זעקעל תבואה.

בערעלע איז שוין אַריין אין די יאָהרען, ווען מען הויבט שוין אַן צו טראַכטען וועגען אַ כלה. פון „ליעבעניש־שרייבעניש" האָט ער ניט געהאַלטען, ערשטענס ווייל ער האָט ניט געהאַט קיינע באַקאַנטע פריילינס, צווייטענס איז דאָס ניט אַריין אין זיינע חשבונות. ער האָט גוט געוואוסט, אַז מען האָט חתונה ניט צוליעב דעם אַז מען זאָל האָבען אַ ווייב, נאָר מען זאָל זיך פאַרזאָרגען אַ תכלית.

און אַ שדוך מיט אַזאַ בחור'ל איז גאָר קיין דאגה ניט. אַזעלכע בערעלאך געהען ניט צופּוס: ניט קיין בעל מלאכה, ניט קיין קלויזניק און ניט קיין אויסגעלאַסענער, ווי די היינטיגע יונגאַטשעם— צו אַ שדוך האָט עס אַ גרויסע באַדייטונג, פאַראַן וואָס אנצוגעבען אין נדן!

די שרכנים האבען שוין געהאט פון לאנג אן אן אויג אויף איהם, זיי האבען נאר געוואַרט, ער זאָל ווערען עטוואס „מענעשער" און איצט האבען זיי גענומען זוכען פאר איהם זיין באַשערטע.

לאנג זוכען האבען זיי ניט געדארפט. בעל־הבית׳ישע מוידען זיינען, גאט צו דאנקען, פאראַנען ווי קלעצער, און זיי (די שרכנים) האבען פאר איהם „אויסגעהאקט" א שדוך טאקע גאר פון שדוך־לאנד.

• • •

אידא, אדער ווי זי אליין און עטליכע חבר׳טעס איהרע האבען איהר גערופען היידקע, חיים יעקיל׳ס, איז ניט געווען קיין פראסטע מיידעל. אידיש האט זי גערעדט געדייטשמערט, אפילו די דייטשע ווערטער פלעגען א ביסעל ארויסקומען פון איהר מויל צוקיילט, נאר צו דערליידען. אין רוסיש איז זי געווען א מאדים, אמת זי האט אפילו גערעדט מיט פיעל גראמאטיקאלישע פעהלערען, אבער וואס מאכט עס אוים? זי האט זיך געקענט צונויפרעדען מיט׳ן גרעסטען פריץ, איהר פאטער׳ס באקאנטע האבען זאגאר געזאגט, אז מיט׳ן קיסר אליין וואלט זי זיך געקענט אויפרעדען... ביי איהר טאטען וואלט מען עס אויך גע׳פועל׳ט... ער האט פון איהר גע־האלטען עולם ומלואה.

אידא האט אויך עפעס א כאפ געטאן פון בילדונג און דאס וואס זי האט געכאפט, האט איהר געקאסט פיעל געזונד. איהרע אויגען האבען זיך געעפענט צו זעהן א נייע וועלט און די נייע וועלט איז פאר איהר געווען פארשלאסען. זי איז געזעסען און האט גע׳חלומ׳ט, לייענענדיג די איבערזעצטע פראנצויזישע שונד־ראמאנען און די אידישע אינטערעסאנטע ראמאנען וועגען „איהם", און „ער" האט זיך אלץ ניט באוויזען. זי איז היבשע עטליכע יאהר געזעסען און געווארט אויף איהם, די שרכנים האבען דערווייל אפגעשלאגען די שוועלען, און זי האט אלץ געאכצעט און געזיפ־צעט ביז זי האט זיך ארומגעזעהן אז פון איהרע פאנטאזיעס וועט גאר ניט ווערען.

נאר אז מען קאן ניט אריבער געהט מען ארונטער, פאר „אין ברירה" איז זי מרוצה געווארען ווערען א כלה פאר בערעלען: ווי דאס איז, ער איז דאך פארט עפעס א היינט־וועלטיגער.

בערעלע און זיינע עלטערן האבן ממש געקוואַלען פון דער כלה. דער שדוך איז א פונדאמענטאלער... אנדערהאלבן טויזענד נדן איז ניט קיין שפאס... און אז ער איז אראפגעקומען פון איהר שטעדטעל, וואו ער איז געווען פארבעטען אויף פסח, האט ער זיך גאר ניט געקענט אפדערצעהלען פון איהרע מעלות.

• • •

אין די קליינע וועלטעל פון די לופט־שלינגער איז א קאבעניש, א גערודער, און ניט נאר צווישען די פראפעסיאנעלע לופט־שלינגער, אפילו צווישען די יעניגע וואס האבען שטענדיגע באשעפטיגונג, איז אויך א רעש א מהומה. מלמדים, בטלנים, שיינקארעס, וואַ־בערניקעס, שניידער, שוסטער, האבען אוועקגעווארפען די צו־פלינקע, די קלויז, דעם בופעט, דעם לוח, די נאדעל, דעם אל און גענומען שמאיען, לויפען, יאגען, כאפען דאס גליק. און דאס גליק איז טאקע געשטאנען און געווארט, מען האט נאר גענדארפט אוים־שטרעקען די האנד און א כאפ טאן...

און דאס גליק איז דא באשטאנען ניט פון א פאר קערבלאך, מען האט געקאנט, ניט זייענדיג נאר קיין שלים־מזל׳ניק, אנשיטען זאסינקעס מיט גאלד... און מען דארף דערצו גאר קיין קונצען ניט האבען. מען דארף נאר ארומלויפען איבער די דערפער, אויפקויפען וואס מעהר תבואה ביי די פויערים און אוועקשיקען קיין דייטש־לאנד... מען טאר נאר ניט געניצען, ווארים די צייט איז קורץ, סד הכל האט די מלוכה געגעבען איין חודש צייט ארויסצופיהרען די תבואה.

בערעלע האט אין דעם חודש געארבייט מעשים, ער איז די גאנצע צייט ארומגעפלויגען איבער די דערפער, אימעניעס ווי א פאר׳סמ׳טער, ער האט ניט געהאט ניט קיין טאג און ניט קיין נאכט. ער האט אויף אלע איבעריגע שטעדטעלדיגע געקוקט ווי אויף שונאים, קאנקורענטען. וועך האט נאך אזא רעכט איינצוקויפען תבואה, ווי ער? ער האט אזוי לאנג געהאוועט ביז דאס געלד האט זיך געענדיגט און ווייטער קיין הלוואות איז שוין ניט געווען צו מאכען. די גרויסע סוחרים האבען געוואלט ביי איהם זיין חלק אפקויפען, נאר ער האט ניט געוואלט: דארטען שמעקט מיט

טויזענדער און וואָס קאָן ער ביי זיי כאַפּען? ניין, ער וועט אַליין פאַהרען אין דייטשלאַנד און אויפ׳ן אָרט פאַרקויפען זיין תבואה.

ער איז געזעסען ווי אויף שפּילקעס, ער האָט געוואָלט פאַר־כאַפּען דאַרטען דעם מאַרק, נאָר דאָ האָבען דערווייל וואָגאָנעס פאַרפעהלט און ער האָט געמוזט וואַרטען. דערווייל האָט ער גענומען חשבונ׳ען, וואו ער האָלט אין דער וועלט און די אויגען זיינען ביי איהם צולאָפען, ווען דער בלייפעדער האָט אַרויסגע־פיהרט אויפ׳ן פּאַפּיער די סומע וואָס איהם ערוואַרטעט. ער האָט זיך אַליין ניט געגלויבט און האָט גענומען צוזאַמען מיט׳ן טאַטען און מאַמען חשבונ׳ען, און דער חשבון האָט זיך אַרויסגעוויזען ריכטיג... פאַר שמחה, ניט וויסענדיג וואָס צו טאָן פאַר פרייד — האָט ער זיך געזעצט שרייבען אַ בריעף צו זיין כלה, נאָר ער האָט תיכף די פעדער געוואָרפען, אַזוי צוקאָכט איז ער געווען.

— וואָס האָסטו געוואָלט שרייבען? — פרעגט די מאַמע.

— אַ בריעף.

— צו וועמען?

— צו דער כלה.

— איך ווייס? וואָס איז פאַראַן צו שרייבען? — פרעגט זי, אַ ביסעל פאַרקרימענדיג זיך.

— צו דער כלה שרייבען וועסטו ניט פאַרזאַמען, — שטעלט אַריין דער טאַטע אויך אַ וואָרט.

בערעלע שטויסט זיך גלייך אָן וואָס דאָס באַדייט און זיי בלייבען אַ ווייל אַלע שטיל.

אין זייערע אַלעמענס סוחר׳ישע קעפּ פּלאָנטערט זיך איין גע־דאַנק: וואָס טויג פאַר בערעלען אַ כלה מיט אַנדערהאַלבען טויזענד, אַז באַלד וועט דער חתן קאָנען געבען פון זיין צד מעהר? פריהער איז געווען אַן אַנדער זאַך און איצט איז ווייטער גאָר אַנדערש... נאָר דער געדאַנק איז נאָך ניי. ביז איצט איז מען געווען צופיעל פאַרהאָוועוועט און ס׳איז ניט געווען קיין צייט צו טראַכטען וועגען דעם... נאָר מיט יעדער מינוט קריגט דער גע־דאַנק אַלץ מעהר און מעהר אַ באַשטימטע פאָרמע און ענדליך הויבען זיי אַלע אָן אָפען צו באַטראַכטען ווי זאָל מען דאָ טאָן.

געגליבען איז ביי אלעמען מיט איין דעה אפשיקען גלייך די תנאים און בעטען מחילה. מילא וואס קאן דאס שאדען; מחילה בעטען קאסט קיין געלד ניט...

און ווי עס איז ביי זיי געבליבען, אזוי האבען זיי געטאן.

בערעלע איז אליין געפאהרען אין פרייסען; טאטע־מאמע האבען איהם באגלייט און די לעצטע האט איהם אנגעזאגט למע״ש און למע״ש ניט צו פארגעסען קויפען פאר איהר א פאר זילבערנע לייכטער און בריינגען זיידענס אויף א קלייד. דער טאטע האט זיך באנוגענט מיט א זילבערנע פושקע פאר פאפיראסען און א ברוסטינענעם ציגארען־שפיץ.

ער איז געזעסען אין וואגאן און דאס הארץ איז איהם פשוט ארויסגעפאלען פון אונגעדולד. איהם האט געדוכט, אז זיין רייזע דויערט יאהרען־לאנג; ער וועט אלץ פארשפעטיגען און די נשמה האט זיך איהם געזעגענט מיט'ן קערפער פאר שרעק, טאמער מאכט זיך א סבה אויפ'ן וועג... מאלע וואס אויף א באהן קאן זיך מאכען! אבער די רייזע האט דאך גענומען אן ענדע און גאט האט איהם בשלום אריינגעבראכט אין פרייסען.

* * *

„דער פרייז איז געפאלען!“ האבען סוחרים גערעדט איינע צו די אנדערע מיט זויערע פארשטיקטע קולות, מיט בלייכע, אויס־געצויגענע נעזער און מיט פנימ'ער, ווייסע ווי קאלך... דער פרייז איז געפאלען! און אלע זאסיקעס מיט גאלד זיינען פארשוואונדען, אלע גליקען קאפוט... דער פרייז איז געפאלען! און נעכטיגע גבירים זיינען היינט שלעפער; נעכטיגע אויפגעקומענע, אויפגע־ריכטע געהען ארום בשן ועין... דער פרייז איז געפאלען! און ניטא קיין זילבערנע לייכטער, ניטא קיין זיידענס אויף א קלייד פאר בערעלעס מאמע, ניטא קיין זילבערנע פושקע, ניטא קיין ברוסטינענער ציגארען־שפיץ פאר בערעלעס טאטע!... דער פרייז איז געפאלען! און בערעל'ס ערווארטעטע טויזענדער זיינען אוועק מיט'ן רויך, די כלה איז אויך ניטא. דער פרייז איז געפאלען! און בערעלע איז איצט אויך געפאלען אין מקח.

.1895

קאַלטענעס

ביי שמואל׳קע דעם סטאָליער איז קראַנק געוואָרען די עלטערע מיידעלע. דאָס קינד איז געווען אַ רויז, און איהר ליכטיגען פּנים איז גאָר ניט געווען אַריינצוקוקען, נאָר פּלוצים האָט דאָס קינד גענומען איינגעהן וואָס פון טאָג. טאַטע־מאַמע ציהען מיט די אַקסלען און קענען ניט פאַרשטעהן, וואָס אַזוינס איז איהר געשעהן? מען זאָגט אַ מאָל אַ קינד דאַליגעט עפּעס, עס טוט וועה—, דאַ גאָר ניט, דאַכט זיך אַ פרישע, אַ געזונטע און געהט אויס ווי אַ ליכט. דאָס קינד רייבט נאָר די אויגעלאַך און ווייטער גאָר ניט.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די אויגעלאַך ווערען ביים קינד שטאַרק רויט. די מאַמע האָט קיינמאָל קיין צייט ניט אַ קוק טאָן אויפ׳ן קינד: מען איז דאָך עפּעס אַ שטיקעל בעל־הבית׳טע און דערצו האַלט מען נאָך פרעמדע מענשען, יעדערען באַזונדער אונטערראַמען, אויפפּאַסען, קאָכען, באַקען ברויט, וואַשען גרעט... וואו האָט מען צייט אויף אַלץ? ס׳איז גענוג, אַז זי רייסט זיך אַמאָל אָפּ פון דייזשע, אָדער פון באַליע, אָדער פון אויווען אַפּווישען מיט׳ן פאַרטוך די נעזעלאַך ביי די קינדער וואָס לאָזען די גאַל שרייענדיג... דער טאַטע ווידער קומט פון דער אַרבייט שפּעט ביינאַכט: די קינדערלאַך שלאָפען שוין און ס׳געהען אַוועק גאַנצע וואָכען וואָס מען קוקט ניט אַן די קינדערלאַך. שבת נאָר, נאָכ׳ן טשאָלענט, ווען מען בלייבט זיצען אַ ווייִלע מיט׳ן פולען בויך ביים טיש, זעהט מען אַז דאָס קינד איז עפּעס ניט געזונד. נאָר אַזוי ווי רויטע אויגעלאַך איז חס ושלום קיין גרויסע סכנה ניט, האָט מען ניט וואָס צו לויפען צו קיין דאָקטאָר. ער גיט אַ קרעכץ, זי גיט צו: „אַ רחמנות, נעבאַך", און מיט דעם איז נע׳פּטר׳ט.

נאָד אַ פּאָר חדשים און די אויגעלאַך ווערען ביים קינד פּאַר־לאָפען מיט אייטער, דאָס קינד האָט עפּעס אָנגעהויבען „קאַוועג־טשען" און רייסט די אויגעלאַך קוים אויף; די מאַמע קוקט אַמאָל צו און עס פאַרקוועטשט איהר ביים האַרצען: וואָס איז נעבאַך געוואָרען פון קינד? נאָר וויטער די זעלבע מעשה: דאָ געהט שוין די דייזשע אריבער און מען דאַרף קנעטען, דאָ וואָרט שוין אויף איהר אַ גאַנצער באַרג גרעט און די טויג איז שוין פאַרטיג, דאָ קומען אַראָפּ די „מענשען" ווי הלעיטנו־ס, און „ער" אַליין וואַרפט זיך אויך און שליידערט זיך ווען ער דאַרף אַ ווײַלע וואַרטען אויפ׳ן עסען.

דאָס קינד קאָן שוין די אויגעלאַך ניט פאַנאַנדעררייסען. זיי זיינען ביי איהם פעסט צונויפגעקלעפּט... ביטער, אַ טרונק! שמואל׳קעליכע וואַרפט אַלע אַרבייט און האַלט דאָס קינד אויפ׳ן האַנד. זי קען ניט פאַרשטעהן וואָס איז פּ ל ו צ י ם געוואָרען דעם קינד... שמואל׳קע לאָזט איבער די אַרבייט און לויפט נאָכ׳ן רופא.

— וואָס האַלט איהר זיך עפּעס מיט׳ן קינד? פרעגט צירעל־באַסיע, אַ עלטערע אידענע, וואָס איז אַריין לייען אַ שטיקעל פייער.

— איך ווייס גאָר ניט, וואָס פּאָר אַ גוט יאָהר דעם קינד איז געוואָרען. פּלוצים פון העלער הויט, שונאי ציון, זיינען די אויגעלאַך פאַרלאָפען. איך וואָלט זאָגען וואָס? ווען? גלאָט פאַרלאָפען און געפּטר׳ט, מיינער איז שוין געלאָפען נאָכ׳ן רופא. ווייס איך? „וואָס רופא? ווען רופא? ווי קומט דאָס צו אַ רופא? דאָס איז..." איז דער מינוט האָט זיך די טיר געעפענט און לייזער תנחום דער רופא איז אַריין. צירעל־באַסיע האָט ניט געקענט ענ־דיגען איהר געשפּרעך.

גלייך נאָכ׳ן רופא האָבען זיך גענומען שיטען ווייבער איינע נאָך דער אַנדערער אין שטוב אַריין, דער רופא האָט די ערשטע זאַך צוטריבען אַלע ווייבער. די רופאים האָבען שוין אַן אייביגען בעס אויף די ווייבער. זיי ווייסען גאַנץ גוט, אַז די ווייבער זיינען זייערע געפערליכע קאָנקורענטען... (וואו איז דאָס געזעהן געוואָ־

רעז א אידענע, וואס זאָל ניט האָבען לכל הפּחות צו יעדער קריינק א צעהן סגולות?) דערנאָך האָט ער באַטראַכט דאָס קינד און גע־הייסען ברייננען א דאָקטאָר.

„איהר האָט צופיעל פאַרלאָזען די קריינק", האָט ער ער־קלעהרט.

דער דאָקטאָר האָט אפּילו פאַרשריבען א זאַלב, נאָר געזאָגט האָט ער, אז מען מוז מיט'ן קינד פאָהרען קיין ווילנא.

„צו אן אויגען־דאָקטאָר", האָט ער ערקלעהרט.

צירעל־באַסיע האָט אפּילו גע'טענה'עט, אז דאָס איז ניט קיין רופא'שע זאַך, זי איז שוין אין דעם א גענימע, דאָס איז ניט מעהר ווי א קאַלטון; נאָר שמואל'קע און שמואל'קעליכע האָבען אויף זיך קיין נפש ניט געוואָלט נעמען: עפּעס דער דאָקטאָר מאַכט דערפון א גאַנצען וועזען. שמואל'קע האָט „צונויפגעקלאַפּט" און שמואל'קעליכע האָט מיט'ן קינד געמאַכט „יאַזדאַ" אין ווילנא.

שמואל'קעליכע איז געזעסען אין ווילנא, נאָר איהר נשמה איז געווען אין דערהיים. „וואס קאָן ווערען פון א שטוב אָהן א בעל־הבית'טע" האָט זי געטראַכט, און איז דאָרטען געזעסען ווי אין געהאַקטע וואונדען. זי איז אָפּגעזעסען אכט טעג, דאָס קינד האָט געהאַט אביסעל נעפּענט די אויגען. דער דאָקטאָר האָט איהר מיט־געגעבען א זאַלב און אנגעזאָגט, זי זאָל נעהמען א גענימען רופא צום שמירען.

ביי א רופא א גאַנג איז א צעהנערעל. קיין געלד שמיערט מען ניט און א שמיר טאָן אין אויגעלע איז ניט קיין שווערע אַרבייט. שמואל'קע האָט באַטראַכט, אז די צעהנערלאַך קען ער נאָר גרינג פאַרשפּאָרען און ער האָט זיך טאַקע אַליין גענומען צו דער עבודה. קומענדיג פון דער אַרבייט אויף אָנבייסען, האָט ער פאַרקאַשערט די אַרבעל, האָט אָפּגעוואַשט דעם דלאָט, א רייב געטאָן איהם אין פאַרטוך, אנגענומען אויפ'ן שפּיץ א ביסעל זאַלב און גענומען שמירען. דאָס קינד האָט זיך געצאַפּעלט, געוואָרפען און פאַר־טויבט די שטוב מיט איהרע קולות...

דעם ערשטען טאָג האָט שמואל'קע געשמירט מיט חשק, דעם צווייטען טאָג האָט איהם אָבער פאַרכאַפּט ביים האַרצען פונ'ם

קינד׳ס קולות און אויפ׳ן דריטען טאָג האָט ער אַ מאָך געטאָן מיט׳ן האַנד: זאָל זיין, וואָס עס וועט זיין.

די אוינגעלאַך זיינען אין עטליכע טעג ווידער פאַרלאָפען.

צירעל־באַסיע איז אריין געוואָר ווערען צום קינד. זי איז אַ היבשע ווייִלע געשטאַנען שטיל, האָט נאָר געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, אָפּבייגענדיג איהם עטוואָס אַן אַ זייט. איהר שאָקעל מיט׳ן קאָפּ האָט געזאָלט באַדייטען: וואָס פאַר אַ גוטס קען ארויס קומען אַז מען פאָלגט ניט קיין עלטערע.

— זעהט איהר, אַ מכה אַ וואונד — דאָס איז שוין זייער זאַך; אָבער זאָגט, איך בעט אייך, ווי קומען זיי צו וויסען וואָס אַ קאַלטון איז? מילא וואָס איך האָב געשוויגען, איך האָב אייך געזאָגט מיין מיינונג און יוצא. איהר ווילט דוקא אַ דאָקטאָר?! נעהמט אייך אַ דאָקטאָר. איהר ווילט לויפען אין ווילנא? לויפט אייך אין ווילנא. ווי זאָגט מען דאָס, אַז מען צאָהלט ניט קיין סכום, זאָגט מען קיין דעה ניט. איצט האָט איהר שוין אויסגעבראַכט עטליכע רובעל, און וואָס איז דערפון דער פועל יוצא? איצט זעהט איהר שוין באַשיינפּערלאַך, אַז איך האָב געהאַט רעכט. ביים קינד איז איצט די זעלביגע פאַרלאָפענע אוינגעלאַך ווי פריהער.

שמואל׳קעליכע קוקט ווי אַ שולדיגע און געפינט ניט קיין ווערטער צו ענטפערען.

— איך טענה מיין זאַך, — האָט צירעל־באַסיע ווייטער גע־רעדט, — גיסט איהר אויס אַ קאַלטון, נעמט איהר ביים קינד צו די קראַנקהייט ווי מיט׳ן האַנד. אַ נאַווינע איז דאָס? ליבע איהר ווילט זיך שפּילען מיט׳ן קינד...

שמואל׳קעלכע פאַרשטעהט אַז קיין אַנדער ברירה איז טאַקע ניטאָ, ווי אויסצוגיסען אַ קאַלטון; אָבער איהר האַרץ, דאָס האַרץ פון אַ היים ליעבענדע מוטער צו איהר קינד, פיהלט אַז אַ קאַלטון איז ניט גרויסע מעלה... אין די שפּעטערע יאָהרען לאָזט זיך אַ קאַלטון פיהלען.

צירעל־באַסיע זעהט ווי שמואל׳קעליכע קווינקעלט, זי פאַר־שטעהט די אורזאַכע דערפון.

— אדרבא, פאַרקעהרט, טאָמער איז דאָס טאַקע ניט קיין קאַלטון, וועט איהר דאָס דאָס טאַקע תיכף וויסען, און דאַמאָלס ווייסט איהר וואָס צו טאָן. דאַמאָלס רופט אַ דאָקטאָר, אַ רופא. אַבער איצט... איצט קאָכט אויף דאָס גראָז אַזוי געדיכט זאָל זיין, עס זאָל זיך ציהען ווי אַ קליי; נעמט טיילט אָפּ עטליכע הערעלאך און שמירט זיי איין און בינדט זיי איבער מיט אַ שנירעלע. וועלען זיי זיך צונויפקלעפּען האָט איהר ניט וואָס צו פרעגען, דאָס זעהט מען בחוש, אַז דאָס איז אַ קאַלטון; אַלאַ ניט? פּרובירט אַ צווייטען מאָל איינשמירען און אַ דריטען מאָל. זעהט איהר, אויב אויפ'ן דריטען מאָל קלעפּען זיך די האָר ניט צוזאַמען, איז דאָס אַ סימן אַז דאָס איז ניט קיין קאַלטון און איהר האָט שוין ניט וואָס צו זאָרגען. רופט יע אַ רופא, רופט ניט קיין רופא, די אויגעלאַך וועלען געזונד ווערען... מילא איך זאָג אייך מיין ראַטה און איהר טוט ווי איהר פאַרשטעהט.

— איך וויים? — האָט שמואל'קעליכע געקוויינקעלט און איהר איז אַ ביסעל גרינגער געוואָרען אויפ'ן האַרצען, — וואָס? די הערעלאַך, קאָן זיין, וועלען זיך ניט קאָנען צונויפקלעפּען, אויב דאָס איז נאָר ניט קיין קאַלטון. — איך וויים? איך וועל זיך נאָך באַראַטהען מיט „מיינעם".

• • •

שמואל'קעליכע האָט זיך באַראַטען מיט „איהרען" און ביי זיי איז געבליבען, אַז מען זאָל טאַקע פּאָלגען צירעל־באָסיען. פּאָרט, אַ אידענע אַ געניטע, אַן עלטערע... און צירעל־באָסיע האָט געהאַט רעכט: צום ערשטען מאָל אויסגיסען האָבען זיך די הערעלאַך אַזוי צונויפגעקלעפּט, אַז מען וואָלט זיי ניט צוריסען אפילו מיט קליעשטשעס. נאָר ווער וועט אויף זיך נעמען די אחריות און פאַנאַנדערדרייסען אָדער אָפּשערען אַ קאַלטון? עפּעס איז אַ קליינינ־קייט שפּילען מיט אַ מענשענס לעבען? דאָס קינד איז טאַקע גע־בליבען מיט איהר קאַלטען, און די אויגעלאַך? די אויגעלאַך — זיינען נאָך עד היום פאַרלאָפען...

זיינע פּרינציפּען

נייטהען ווייס איז געווען אַ גאַנץ אינטעליגענטער יונגערמאַן, און ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ לעדיגע שעה, האָט ער זיך אַריינ־געכאַפּט אין דער שרייבערשער קאַוויאַרנע און געזוכט די גע־זעלשאַפט פון די שטענדיגע באַזוכער. ער האָט ליעב געהאַט צו הערען די אייביגע דעבאַטען, וואָס קומען דאָרטען פאָר און ער איז געווען גליקליך, ווען עס איז איהם געלונגען אַריינצומישען זיך און אַרויסזאָגען זיין מיינונג.

אַ לאַנגע צייט האָט מען אויף איהם געקוקט מיט אומצופריי־דענהייט, ווי אויף אַ פרעמדען, וואָס מישט זיך אַריין אין אַ ענגער פאַמיליע, אָדער ווי אויף אַן אומגעבעטענעם גאַסט, און מען האָט איהם די אומצופרידענהייט אָפען אַרויסגעוויזען. און הגם ער האָט דערפון געליטען, האָט ער זיך אָבער ניט געקענט אָפּזאָגען פון דעם פאַרגעניגען צו שטופען זיך דוקא צו יענע טישלאַך, וואו מען האָט איהם ניט געוואָלט האָבען. נאָר מיט דער צייט איז מען אַזוי געוועהנט געוואָרען מיט איהם, אַז מען האָט אויפגעהערט צו קוקען אויף איהם מיט יענעם פרעגענדיגען בליק, וואָס האָט געדאַרפט ווייזען, אַז ער איז אַ פרעמדער. מען איז מיט איהם אַזוי געוועהנט געוואָרען, אַז אַ פּאָר שרייבער, וועלכע האָבען זיך כראָ־ניש גענויטיגט אין געלט, האָבען זיך שוין צו איהם געווענדעט נאָך אַ מגילות־חסד׳ל.

און הגם גמילות־חסדים זיינען געווען געגען זיין פּרינציפּ, יאָ, טאַקע פּרינציפּ. ביי איהם איז אַלץ געטאָן געוואָרען מיט אַ פּרינ־ציפּ, האָט ער כמעט מיט שמחה דערלאַנגט די עטליכע דאָלאַר וואָס די פּאָר שרייבער האָבען ביי איהם געבעטען. ער האָט עס באַטראַכט פאַר אַ מין „אינישיאייטאַן פי״ — איינטריט־געלט צו

יענע טישלאַד, וואו די שרייבער זיינען געזעסען. נאָר דאָס זיינען געווען די איינציגע פּאָר מאָל, וואָס ער האָט פאַרבויגען זיינעם אַ פּרינציפּ, און פון דעמאָלט אָן, ווען מען האָט געוואָלט אין דער שרייבערשער קאַוויאַרנע געבען אַ ביישפּיעל פון עפּעס אַ זאַך, וואָס איז שווער צו דערגרייכען, האָט מען געזאָגט: עס איז אַזוי שווער ווי צו קויפען אַ הקפה ביי נייטהען ווייס.

און ווען דאָס איז גוט באַקאַנט געוואָרען צווישען די מיטגלידער פון דער קאַוויאַרנע, האָט מען פיעל מאָל געווענדעט זיך צו איהם נאָך אַ גמילות־חסד'ל פון־שפּאָס־וועגען.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז ער האָט קיין געלט ביי זיך ניט גע־האַט. פיעלע זיינען געווען גרייט צו שווערען, אַז זיי האָבען איהם קיין מאָל ניט געזעהן אויסבייטען אַ דאָלאַר. ער האָט שטענדיג געהאַט פונקט דאָס נויטיגע קליין־געלט, וואָס ער האָט געדאַרפט צאָהלען. און עס איז טאַקע געווען זיינער אַ פּרינציפּ ניט צו בייטען קיין אַסיגנאַציע פאַר אַלעמען אין די אויגען.

אויך האָט קיינער ניט געדענקט, אַז ער זאָל אין די לעצטע יאָהרען אימיצען מכבד זיין מיט אַ גלאָז טיי. און פון די פּראַסטיגע בליקען, וואָס די ווייטערס האָבען איהם געשאַנקען, איז געווען צו זעהן, אַז אַ „טיפּ" איז אויך געווען נעגען זיין פּרינציפּ.

אויף מאָרגען, נאָכדעם ווי עס איז באַקאַנט געוואָרען, אַז אין רוסלאַנד איז געווען אַ רעוואָלוציע און די פריהמאָרגענדיגע צייטונגען האָבען שוין געבראַכט גענוג איינצעלהייטען צו פאַרטרייבען יעדען צווייפעל איז נייטהען ווייס געקומען פריהער ווי גע־וועהנליך אין דער שרייבערשער קאַוויאַרנע. דעם גאַנצען וועג איז ער נעגאַנגען מיט עלאַסטישע טריט און די טענער פון דער מאַר־סעליעזע האָבען מאַיעסטעטיש געקלונגען ביי איהם אין דער נשמה. די טיר אין דער קאַוויאַרנע האָט ער געעפענט מיט אַ ברייטקייט, ווי ביי „לפיכך" און איהם איז נאָך ווארימער געוואָרען אויפ'ן האַרצען, ווען ער האָט דערזעהן די גליקליכע פּנים'ער, די שטראַ־לענדע אויגען פון די פאַרזאַמעלטע.

— היינט טרינקט מען שאַמפּאַניער! — האָט ער געוואָלט אויסשרייען צו אַלעמען.

די יום־טוב׳דיגקייט אויפ׳ן הארצען איז געווען גרויס געגוג, אז אויב טרינקען זאל טאקע זיין געטרונקען, און ער האט זיך אזוי פיעל אנגעהערט וועגען שאמפאניער, אז עס איז געווען ניט מעהר ווי נאטירליך צו ווילען פייערען דעם יום־טוב מיט דער בעסטער משקה. און הגם אין דער מינוט האט ער פארגעסען פרינציפען און אראפגענומען די האנט פון הארצען, האט ער זיך פארכאפט, דערזעהענדיג וויפיעל מענשען עס זיצען ביים טישעל, צו וועלכען ער איז צוגעגאנגען, און ער האט שוין מיט א טאן נידעריגער, ווי איהם וואלט געשטופט צו זאגען, ארויסגערעדט:

— מען דארף היינט טרינקען.

אלע אויגען האבען זיך גלייך א קעהר געטאן צו איהם און אלע ביים טישעל האבען אין איין קול אונטערגעכאפט:

— יא, טרינקען!

די אויגען, וואס האבען אויף איהם איצט געקוקט, האבען פלוצים אנגעווארפען אויף איהם א מורא און ער האט זיך אינס־טינקטיוו געכאפט מיט דער האנט פאר דער קעשענע, אזוי ווי ער וואלט אין זייערע אויגען איבערגעלייענט: „היט זיך פאר גנבים!“

ער האט זיך פארלארען און גענומען מורמלען שוין גאר ני־דעריג:

— יא, טרינקען.

— זעצט זיך! — האבען אייניגע איינגעלאדען איהם צום טי־שעל, הגם עס איז געווען אונמעגליך צוצושטעלען נאך א שטול דארטען. — מאכט פלאץ!

נייטהען ווייס האט דערפיהלט, אז ער איז דא ארייגעפאלען, הגם ער האט קיינעם ניט געזאגט, אז מען זאל טרינקען אויף זיין רעכענונג. ער האט אויסדריקליך געזאגט, אז מען דארף היינט געהן טרינקען, און דאס איז נאר אן עצה טובה געווען. דערווייל האט ער זיך געאיילט צו ענטפערען:

— מען דארף ניט! מען דארף ניט! דא איז אויך גוט!

— אפשר טאקע הייסען געבען וויין? געוועהנליכער וויין קאסט דאך ניט אזוי טהייער — האט ער מיט זיך דערווייל גע־חשבונ׳ט.

עס האָט זיך אָנגעהויבען א רוקעניש פון שטולען, און ענדליך האָט ער זיך אוועקגעזעצט ביים נעקסטען טישעל, אָדער אזוי, אַז ער איז אויסגעקומען צווישעןביידע.

ער וועט הייסען דערלאַנגען וויין. ניט אַלע מאָל מאַכט זיך אַזא יום־טוב. און ער האָט א רוף געטאָן:

— וועיטער!

— וועיטער! וועיטער! וועיטער! — האָבען אַלע איהם אונ־טערגעהאָלפען.

די דאָזיגע שטימען האָבען איהם אין גאַנצען אויסגעניכטערט פון דער שמחה. איהם האָט אויסגעוויזען, אַז דאָס איז דער געשריי פון רויב־פויגלען, ווען זיי דערטאַפּען זייער קרבן.

איהם זיינען געבליבען נאָר עטליכע סעקונדען און ער האָט געדאַרפט טראַכטען שטאַרק, ווי אַזוי אַרויסצודרעהען זיך דערפון. אָבער שאַ! האָט ער זיך פאַר אימיצען אַרויסגעכאַפּט מיט׳ן וואָרט „וויין"? ער האָט נאָר געזאָגט „טרינקען", און ווען דער וועיטער איז צוגעקומען האָט ער זיך האַלב געווענדעט צו איהם און האַלב צו די פאַרזאַמעלטע אַרום טישעל געזאָגט:

— היינט איז א יושר צו טרינקען וויין. —

— יאָ, יאָ! — האָבען אַלע אונטערגעכאַפּט.

— און איך וואָלט היינט, דאַכט זיך, געטרונקען —

— יאָ, יאָ! היינט איז דער טאָג פון אַלע טעג.

— נאָר איך טרינק קיין וויין ניט! דאָס איז געגען מיין פּרינציפּ!

— אַה, פּרינציפּ! — האָבען אַלע אויסגעזונגען אין איין כאָר.

— מען דאַרף איהם מתיר־פּרינציפּ זיין! — האָט אימיצער גע־שפּאַסט.

— נאָר, מילא, וועלען מיר טרינקען טיי. פּרעגט, ווער וויל טיי!

קיינער האָט קיין טיי ניט געוואָלט, נאָר מען האָט זיך באַ־טראַכט, אַז יעדע גלאָז וועט זיין א ניקעל פון זיין קעשענע, האָט דער גאַנצער עולם ביים טישעל געטרונקען טיי אויף זיין רעכענונג.

איהר נחמה

איך האָב מרס. שאַפּירע שוין אַ לאַנגע צייט ניט געזעהן. זי איז איצט שוין געווען אַן עלטערע פרוי, נאָר די שפּורען פון איהר אַמאָליגער זעלטענער שעהנקייט זיינען נאָך געבליבען אויף איהר געזיכט. עס איז געווען אַ גרויסע ענטוישונג פאַר אונז אַלעמען, ווען זי האָט חתונה געהאַט מיט אַזאַ לא יוצלח ווי איהר מאַן איז. מיר האָבען געוואוסט, אַז מיט איהר זעלטענער שעהנקייט, מיט איהר פיינעם הומאָר, מיט איהר געזונטען שכל, וועט זי אויסהאַקען אַ שידוך, וואָס אַלע וועלען איהר מקנא זיין, און אויס־געלאָזט האָט זיך, אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט בעני שאַפּירא, וואָס האָט ניט געטויגט ניט צו גאָט און ניט צו לייט. די ערשטע יאָהרען נאָך דער חתונה האָט זי געהאַט אויף איהם אַן איינפלוס און ער האָט זיך אָנגעהויבען צו מענשלען און איין צייט איז זיי שוין געגאַנגען גאַנץ גוט, נאָר שפּעטער האָט זיך איהר איינפלוס אָפּגעריבען און ער האָט גענומען בויען אויף זיך. און אַזוי ווי ער האָט ניט געוואוסט פון זיינע הענט און פיס, איז באַלד פון אַלץ אַ תל געוואָרען. און אַזוי האָבען זיי אָפּגעפּלאָגט זיך זייער גאַנץ לעבען.

איצט האָב איך איהר געטראָפען זיצען פאַר אַ קליינע סטאָרקע. זי איז געזעסען אויף אַ שטול ביים סאַמע עק סיידוואָק, מיט׳ן פּנים צום סטאָרקע.

— וואָס טהוט איהר דאָ? — האָב איך געפרעגט.

— מיינער האָט באַשלאָסען, אַז פון דאַנען דאַרף קומען אונ־זער גליק, — האָט זי געענטפערט מיט אַ לייכטען הומאָר. — איהר וועט אַריינגעהן אין סטאָר?

— און וואו איז מר. שאַפּירע?

— ער איז אומעטום, נאָר ניט אין סטאָר, — האָט זי געענט־פערט, אָבער אָהן אַ שום ביטערניש.

זי איז שוין לאַנג געקומען צום שלום, אַז איבערמאַכען דעם מאַן קען זי ניט און זי האָט עס גענומען פילאָזאָפיש.

— הייסט עס, אַז עס איז אַלץ ווי געוועזן?

— דאָס קען מען ניט זאָגען. איהר פאַרגעסט די קינדער.

איך האָב אויף איהר אַ קוק געטאָן מיט אַ בליק, וואָס האָט געוויזען, אַז איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס זי האָט געמיינט.

— מיר האָבען אַ צווייטע עדישאַן, — האָט זי מיר ערקלעהרט. — דזשאָ איז צוויי טראָפּען דער טאַטע, און אפשר האָט ער איהם נאָך איבערשטיגען.

— דאָס איז דער מוזיניק?

— אָה, ניין. אייב איז שוין גאָר ניט געראָטען אין טאַטען. ער איז איצט אַלט זעכצעהן יאָהר און פאַרדינט שוין צוועלף דאָ־לאַר אַ וואָך. ער ווייסט גאָרניט, וואָס דאָס הייסט זיצען רוהיג, און ווי יונג ער איז, פאַרשטעהט ער די גאַנצע לאַגע. אויף איהם רייסט מיר דאָס האַרץ. ער טראָגט שוין אויף זיינע יונגע פּלייצקעס דעם שווערען יאָך פון שטוב. ער ברענגט יעדען סענט אַהיים און אָהן איהם וויים איך ניט ווי מיר וואָלטען זיך אויסגעקירעוועט. די סטאַרקע גיט ניט אפילו וואַסער אויף קאַשע.

— הייסט עס, אַז דער עלטערער איז אוועק אין טאַטען.

— יאָ, סעם איז מיט צוויי יאָהר עלטער פון אייב׳ן און שוין עטליכע יאָהר, ווי ער זוכט עפּעס צו טאָן, און האָט זיך נאָך ניט אויסגעקליבען. אַנפאַנגס האָט ער חשק געהאַט צו זיין אַן אַפּיס־באָי. האָב איך מיט איהם אַריינגע׳טענה׳ט, וואָס וועט דאָס זיין פאַר אַ תכלית. דעמאָלט האָבען מיר נאָך געקענט אַפּרייסען עט־ליכע דאָלאַר און איהם אויסלערנען עפּעס. איז ער אָבער געווען איינגעשפּאַרט, אַז ער וויל דוקא אַן אַפּיס. און ווען איך האָב געזעהן, אַז מיר וועלען מיט איהם גאָרניט קענען מאַכען און געזאָגט איהם, אַז אויב ער וויל דוקא אַן אַפּיס, זאָל זיין אַן אַפּיס, האָט ער זיך פּלוצים אַרומגעזעהן, אַז אַן אַפּיס־באָי דאַרף אַרומ־לויפען און דאָס איז ניט פאַר איהם. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבען

א סדרה „ביזנעס־קורס". עפּעס זיינער א חבר'ס א חבר האָט גענומען אַזאַ קורס. איך האָב ניט אין גאַנצען פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזוינס, נאָר אַזוי ווייט האָב איך באַגריפען, אַז דאָס האָט צו טאָן מיט ביזנעס, און דאָס איז מיר דוקא געפעלען געוואָ־רען. נאָר מעהר ווי דריי חדשים האָט ער אין סקול ניט אויסגע־האַלטען און ערקלעהרט, אַז דאָס איז אַ געשעפט פאַר מיידלאַך, אָבער ניט פאַר איהם. פאַרשטעהט זיך, אַז איך און די עלטערע שוועסטער האָבען מיט איהם אריינגע'טענה'ט, געגעבען איהם אַ גאָב, נאָר עס האָט אַזוי פיעל געהאָלפען, ווי צו טענה'ן מיט זיין טאַטען.

— איהר האָט אויסגעלאָזט אייב'ן, — האָב איך באַמערקט מיט אַ שמייכעל.

— וואָס מיינט איהר? — האָט זי געפרעגט, ניט פאַרשטעה־ענדיג מיין באַמערקונג.

— איך מיין, אַז גע'טענה'ט מיט איהם האָבען ניט נאָר איהר און אייערע צוויי טעכטער, נאָר אייב האָט אויך אַ חלק גענומען אין דעם.

— ניין, — האָט מרס. שאַפּירע געזאָגט מיט אַ פּלעצליכער ערנסטקייט. — ער ניט. ער זאָגט קיין וואָרט ניט דעם ברודער. עס זיינען פאַראַן קינדער וואָס ווערען, דאַכט זיך, געבאָרען סטאַלנע מענשען. און אייב איז אַזאַ קינד. ער קוקט אויף סעמ'ן רחמנא לצלן, ווי אויף אַ קראַנקען, און בשעת מיר אַלע זיינען נעגען איהם, קוקט ער אויף איהם מיט גרויס רחמנות. אָפּט אַז איך דערזעה אייב'ס בליק, ווער איך מיט אַמאָל שטיל, אַזוי ווי איך וואָלט שטום געוואָרען, הגם ווער נאָך ווי איך פאַרשטעה זיך אויף דער דאָזיגער קראַנקהייט. איך האָב גענוג צייט געהאַט אויסצושטו־דירען זייער טאַטען.

— און אייער מאַן, — וואָס זאָגט ער דערצו?

— אָט דאָס איז דאָס שעהנסטע. דער טאַטע איז שוין אויף איהם גאָר אַ גרויסער מבין, און ער קען איהם בשום אופן ניט פאַרצייהען זיין שוואַכקייט און אַזוי גיך ווי זיי קומען זיך ביידע צוזאַמען, הויבט זיך אָן אַ גיהנום און מיר ווייסען ניט וואו אהינ־

צוטאַן זיך, און פּונקט ווי דער טאַטע איז אַ מבין אויפ׳ן זוהן, אַזוי איז דער זוהן אַ מבין אויפ׳ן טאַטען, און די סצענעס הויבט אַלע מאָל אָן דער טאַטע. דער טאַטע האָט אַן אויג אויף סעמ׳ן און סעם האָט אַן אויג אויפ׳ן טאַטען און קיינער פון זיי שאַנעוועט ניט דעם צווייטען. איהר ווייסט דאָך, מיינער האָט אַ טבע צו מיינדען יעדען איינעמס ביזנעס און מען קען איהם קיין מאָל ניט געפינען אין זיין אייגענע ביזנעס. נו, טרעפט דאָך אַפּט, אַז מען דאַרף האָבען נויטיג דעם האַר אַליין און מען ווייסט אפילו ניט וואו איהם צו זוכען. נו, נו! דאַ וועט זיך שוין מיינער ניט נאַ־רען, ווען ער וועט זיך ענדליך באַווייזען. סעם עפענט אויף איהם אַ מויל און גיט אַזאַ גאַב, וואָס קיינער פון אונז וואָלט ניט גע־וואַגט. אַט צוליעב ווערמען אַלע דאַ דאַרפען ליידען. ער מיינט דאָך ניט, אַז די ביזנעס וועט זיך אַליין פיהרען. און אַזוי ווי ער האָט געפיהרט, אַזוי האָט ער. מענשען האָבען זיך דאַ ארויפגעאַר־בייט און באַזאָרגט זיך און די קינדער און די קינדס־קינדער, און דאַ לעבט מען ווי הינט, ווייל איהם ווילט זיך ארומלויפען, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

דער קאַמיזם דערפון האָט אַפּעלירט צו איהר חוש פון הומאָר און איהרע אויגען האָבען די גאַנצע צייט געלאַכט, אַזוי ווי דער בראַד וואָלט געווען ניט איהרער, נאָר עמיצען אַנדערש. איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָב באַמערקט:

— איך זעה, אַז איהר באַטראַכט עס ווי אַ קאָמישע זאַך.

— וועל, וועל. די שאַרפקייט פונ׳ם בראַד האָט זיך מיט די יאָהרען אָפּגעריבען. אין די יונגע יאָהרען האָב איך אַ סך טרעהרען דערויף פאַרגאָסען, נאָר שוין לאַנג ווי איך האָב אויף דעם אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— יאַ, אָבער אייער סעם. —

— מיר דאַכט זיך, אַז איהר באַגרייפט אויך ניט די סיטואַציע.

— האָט זי געענטפערט און איהרע אויגען האָבען נאָך מעהר גע־לאַכט. — איך האָב, גאָט צו דאַנקען, פינף קינדער, און וואָס וואָלט איך אַ שטייגער געטאָן, אַז אַלע זאָלען זיין געראָטען אין טאַטען? דענקט איהר ניט, אַז איך האָב פאַר וואָס צו דאַנקען דעם אויי־בערשטען, ווען נאָר איינער איז אוועק אין דעם טאַטען?

די אַלטע הויזען

מען האָט איצט אָפּגעגעסען מיטאָג און די דיענסט האָט אויפ'ן טיש אַרויפגעשטעלט אַ קאָכעדיגען סאַמאָוואַר. די בעל־הבית'טע האָט אָנגעהויבען צו אָנגיסען טיי, ווען דער קליינער גרישא האָט אומגעדולדיג אַ ציה געטאָן דעם זיידען פאַר דער פּאָלע און גע־זאָגט:

— קום, דיעדושקאַ.

— איך וועל נאָך אַ גלאָז טיי אויסטרינקען.

— קום, קום! דו שפּעטער „פּיאַטשען" טיי.

און דער אַלטער שמואל דוד האָט זיך מעהר ניט געדונגען און האָט זיך געלאָזט געהן נאָך גרישאַ'ן אין קינדער־צימער.

— איהר ווילט גאָר קיין טיי ניט? — האָט די שנור געפרעגט.

— זאָל זיין, זאָל זיין! — האָט שמואל דוד געענטפערט און די טיר פון קינדער־צימער האָט זי פאַרמאַכט הינטער איהם.

אַלע האָבען זיך ביים טיש איבערגעקוקט און זייערע פּנים'ער האָבען אויסגעדריקט אַ פאַרוואונדערונג.

— וואס איז דאָס פלוצים געשעהן מיט גרישאַ'ן? ער האָט דאָך ניט געקענט ליידען דעם פאָטער און פלעגט פון איהם אַנט־לויפען, ווי פון דעם רוח? — האָט סאָפיע געפרעגט איהר מאַן, דר. גאָלדענבלום.

— איך פאַרשטעה ניט. — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט קורץ.

— האָסטו באַמערקט, אַז גרישא מאַטערט זיך צו רעדען מיט'ן זיידען אידיש? נאָך אַ גלאָז?

סאָפיע האָט זיך פלוצים צולאַכט.

— עס איז אַ „פּאַטיעכע" צו הערען, ווי גרישא רעדט מיט איהם אידיש.

דר. גאָלדענבלום האָט קיין זאַך ניט געענטפערט. איהם איז געווען ניט אָנגענעהם צו רעדען וועגען זיין פאָטער. ער האָט אויף איהם געהאַט אַ האַרץ.

ער, ווי די אַנדערע קינדער, זיינען געווען שטאַרק צוגעבונדען צו דער מוטער. זי איז געווען אַ שוואַכע פרוי, און דער גאַנצער עול פון פרנסה איז געלעגען אויף איהר. דער פאָטער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט איינטונקען אַ פינגער אין קאַלטע וואַסער, און האָט זיך שטענדיג ארויסגעמאַכט פון אַזעלכע וואָכעדיגע זאַכען, ווי זאָרגען וועגען חיונה. אין זיין שטעדטעל איז ער אפשר געווען דער איינציגער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ תנ"ך מיט'ן באור און איז געווען פון די ווייניגע, וואָס האָבען אויסגעשריבען דעם „המליץ". דאָס האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו רעדען מיט אויטאָרי־טעט וועגען דער גרויסער ברייטער וועלט, און צו זיינע ווערטער האָט מען זיך צוגעהערט און זיין מיינונג האָט מען געפרעגט.

און ער האָט בעסער ליעב געהאַט צו בלייבען נאָכ'ן דאַווענען אין בית־המדרש און פאַרשפּרייטען צווישען עולם אַזעלכע ידיעות, פון וועלכע זיי האָבען מויל און אויערען געעפענט. איהם איז גע־פעלען געווען די באַוואונדערונג, וואָס ער האָט פון זיינע שטעד־טעלדיגע אַרויסגערופען און עס איז געווען ווייראַך פאַר איהם, ווען זיי האָבען געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ:

— אײ־אײ־אײ, איז ער אַ קענער!

די לעדער־קראָם אין ראַפּשאַנסקער מאַרק, פון וואַנען ער האָט זיין פרנסה געצויגען, איז איהם אויסגעקומען זעהר וואָכעדיג. דינגען זיך מיט אַ שוסטער אָדער מיט אַ פּויער וועגען אַ שטיקעל לעדער איז געווען אַ צו נידעריגע זאַך פאַר אַ מענשען מיט אַזעלכע ברייטע ידיעות. פאַר אַ אידענע פּאַסט זיך בעסער אַזאַ מין באַ־שעפטיגונג און זיין ווייב איז טאַקע געניטער אין דעם אויך, ווייל איהרע עלטערן האָבען אויך געהאַלטען אַ לעדער־קראָם.

ער פלעגט יעדען טאָג, געהענדיג פון בית־המדרש, אַריינקומען געוואָויר ווערען אין קראָם און כמעט יעדעס מאָל געמאַכט די באַ־מערקונג, אַז דער ריח פון די לעדער איז די ערגסטע זאַך אויף דער וועלט, און איילען זיך וואָס גיכער אַוועקצוגעהן אַהיים, וואו

ער האָט געלייענט דאָס בלאַט אָדער אַריינגעקוקט אין אַ השכלה־ביכעל.

ער האָט ניט באַמערקט, ווי זיין שוואַכע ווייב האָט אַליין אויך אָנגעהויבען צו קריגען אַ פּנים פון אויסגעטריקענטען לעדער און איז מיט יעדען יאָהר אַזוי איינגעשרומפּען, אַז מען האָט געפרעגט: וואו האַלט זיך ביי איהר דער נפש? און ער איז געווען שטאַרק איבערראַשט, ווען זי איז מיט אַמאָל קראַנק געוואָרען און ניט געקענט אויפהויבען זיך פון בעט.

נאָך דער ווייבס קראַנקהייט האָט די עלטערע טאָכטער אויף זיך אַרויפגענומען דעם יאָך פון דער פּרנסה, און זי האָט דאָס גע־שיקט דעם אינגערן ברודער שטודירען און אַ מאַמע געוואָרען צו די קינדער, און שמואל דוד האָט אַליין אויסגעשריבען דעם „המליץ“, און דערצעהלט חדושים פון דער ברייטער וועלט.

און די קינדער זיינען אַלע אויסגעוואַקסען מיט אַ ביטערקייט געגען דעם פאָטער, און ווען דער זוהן האָט אויסגעשטודירט, חתונה געהאַט און זיך באַזעצט אין דער גרויסער שטאָדט און אָנגעהויבען צו פּראַקטיצירען, איז די עלטערע שוועסטער געבליבען נאָך מיט'ן טאַטען, ווייל די אינגערע האָבען חתונה געהאַט. דר. גאָלדענבלום האָט איהר געשריבען, אַז זי האָט שוין גענוג געאַרבייט און זאָל קומען צו איהם. די קראָם האָט מען פאַרקויפט און זי מיט'ן פאָטער האָבען זיך אַריבערגעקליבען צום זוהן אין דער גרויסער שטאָדט.

שמואל דוד'ן האָט קיין זאַך ביים זוהן ניט געפעהלט, דאָס הייסט, וואָס איז שייך צום עסען, טרינקען, קליידונג האָט ער בעסערס קיין מאָל ניט געהאַט און האָט גאָר ניט געקענט ווינשען בעסער, נאָר די ראָליע פון דעם אויטאָריטעט האָט דאָ אין גאַנצען אויפגעהערט. ער האָט דאָ קיינעם קיין חידושים ניט געקענט דערצעהלען און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל איהם באַוואונדע־רען. ער האָט דאָ שטאַרקער דערפיהלט די קאַלטקייט פון די קינדער און זיין קענטשאַפט איז בטל ומבוטל געוואָרען אין דער אַטמאָ־ספערע פון דעם דאָקטאָרס הויז.

א שטומער פראטעסט האט זיך אויפגעהויבען ביי איהם אין הארצען געגען דער אומדאנקבארקייט פון קינדער און האט גענומען זוכען פלענער, ווי אזוי צו שטעלען זיך אויף זיינע אייגענע פיס און ניט דארפען אנקומען צום זוהן.

איינמאל איז ער ארויף אויף דער „טאלקוטשקע“ און האט דערזעהן, ווי א איד האט ארומגעשפאצירט אהין און צוריק מיט א פאר אלטע הויזען איבער'ן ארעם. הגם אויף דער טאלקוטשקע איז שטענדיג א ירידי, האט שמואל דוד קיין אנדער זאך ניט גע־זעהן, ווי נאר דעם אידען מיט די פאר אלטע הויזען איבער'ן ארעם. ער איז נאך עטליכע מאל געקומען און זיך אלץ צוגעקוקט צו דעם דאזיגען אידען מיט די פאר אלטע הויזען. און ענדליך איז ביי איהם א באשלוס געפאסט געווארען: ער וועט אויך ארויס אויף דער טאלקוטשקע מיט אלטע הויזען. די ארבייט איז א גרינגע און ער וועט זיין זיין אייגענער בעל־הבית.

ער האט אין דער היים קיין ווארט ניט געזאגט, אפגעזוכט עטליכע פאר אלטע הויזען און איז מיט זיי אוועק אויף דער טאל־קוטשקע.

נאך דעם זעלבינען טאג איז דער זוהן און די שנור און די טאכטער דערפון געוואויר געווארען. און ווען ער האט זיך צו־ריקגעקעהרט אהיים זיינען אלע אויף איהם אנגעפאלען.

— וואס פעהלט דיר דא ביי מיר? — האט זיך דער זוהן גע־בייזערט. — דו האסט ניט גענוג צו עסען, צו טרינקען? עס פעהלט דיר א בגד? דיר פעהלט געלט?

— וואס ווילסטו? — האט די עלטערע טאכטער מיט פאר־צווייפלונג געשריען, — אונז אויך טרייבען אין דער ערד פאר דער צייט, ווי דו האסט די מאמען געטריבען?

שמואל דוד האט ניט געהאט וואס צו ענטפערען. די באַ־שולדיגונג פון דער טאכטער האט איהם אזוי געטראפען, אז ער איז א צומישטער געווארען. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס ער האט געהערט, אז אויף איהם ווארפט מען די שולד פון זיין ווייב'ס פריהצייטיגען טויט.

מעהר איז ער שוין אויף דער טאַלקוטשקע ניט געגאַנגען, נאָר יעדעס מאָל ווען די טאַכטער אָדער דער זוהן, אָדער די שנור האָט איהם מיט עפּעס דער׳רגז׳ט, האָט ער גלייך אָפּגעשניטען:

— גוט, איך קען מיין שטעדטעל באַשטעהן. איך דאַרף קיי־נעם ניט האָבען. איך וועל אַרויסגעהן אויף דער טאַלקוטשקע מיט אַלטע הויזען.

דער קליינער גרישאַ האָט אַנגעזאַפּט די ביטערקייט פון די אַרומיגע געגען שמואל דוד׳ן און ביי איהם האָט זיך דאָס אויס־געדריקט אין אַן אָפענער שנאה צום זיידען. ווען דער אַלטער האָט איהם געוואָלט אַ גלעט טאָן, האָט ער זיך מיט פאַראַכטונג אָפּ־געקעהרט פון איהם. האָט איהם דער זיידע עפּעס געבראַכט, האָט ער עס בשום אופן ניט געוואָלט נעהמען.

— די קליינע קייען וואָס די גרויסע שפּייען, — האָט שמואל־דוד געזאָגט מיט תרעומות.

נאָר פּלוצים האָבען זיך די באַציהונגען צווישען דעם זיידען און אייניקעל אין גאַנצען געענדערט. געשעהן איז דאָס, נאָך אַ סצענע צווישען דוד שמואל און זיין טאָכטער, אַ סצענע וואָס האָט זיך געענדיגט מיט דעם אַלטען פּזמון:

— איך נעהם אַלטע הויזען און געה אויף דער טאַלקוטשקע.

גרישאַ האָט באַמערקט, אַז אַזוי ניך, ווי דער זיידע רעדט אַרויס די דאָזיגע ווערטער, נעהמט אָפּ דער לשון ביי די אַנדערע און דאָס האָט איהם פאַראינטערעסירט. ער איז אַוועק צו דער מומע און געפרעגט איהר, און זי האָט בייז געענטפערט:

— איך ווייס ניט.

גרישאַ איז אַוועק צו דער מאַמען און פון איהר האָט ער אויך געקראָגען דעם זעלביגען ענטפער. די דיענסט מאַרוסיאַ האָט גע־קוועטשט מיט די פּלייצעס און געזאָגט, אַז זי פאַרשטעהט ניט. די נייגעריגקייט איז געוואָרען אַזוי שטאַרק ביי גרישאַ׳ן, אַז ער האָט אָפּגעהיט אַ שעת־הכושר, איז צוגעגאַנגען צום זיידען און איהם געפרעגט די באַדייטונג דערפון. דער זיידע האָט איהם ער־קלעהרט, נאָר ניט פאַרשטענדליך גענוג, און גרישאַ איז אַזוי לאַנג צו איהם צוגעשטאַנען מיט פראַגען, אַז ער איז מיט איהם אַריין

אין צימער און געוויזען איהם באַשיינפּערליך, ווי אַזוי מען האַנ־דעלט מיט אַלטע הויזען. דאָס איז אַזוי געפעלען געוואָרען גרי־שאַ'ן, אַז ער האָט אויסגעשריען מיט התפּעלות:

— איך מיט דיר איגראַיען אין טאַלקוטשקו.

און פון יענעם טאָג אָן, ווי נאָר גרישאַ איז צוגעטראָטען צו שמואל דוד'ן, אַז זיי זאָלען ביידע שפּילען, פלעגט דער אַלטער אַוועקוואַרפען האַק און פּאַק און אַוועק מיט איהם אין קינדער־צימער און געוויזען איהם, ווי מען האַנדעלט מיט אַלטע הויזען. ביי דעם קליינעם גרישאַ איז אויסגעקומען, אַז ביי אַזאַ מין האַנ־דעל דאַרף מען אויסשטעלען די ברוסט, פאַרוואַרפען דעם קאָפּ אַהינטער און רעדען אַנגעבלאָזען. נאָר שמואל דוד איז געווען מעהר רעאַליסט און ער האָט דעם אייניקעל געלערענט, ווי צו האַלטען זיך און ווי צו רעדען, און גרישאַ האָט געפאָלגט און צו־געהערט זיך צו איהם, ווי צו אַ גרויסען אויטאָריטעט.

און שמואל דוד האָט ענדליך געפונען זיין ריכטיגע אויפגאַבע און זיין אויטאָריטעט איז צוריקגעשטעלט געוואָרען, הגם ניט ווייטער פון קינדער־צימער.

און דער זוהן און די שנור און די טאָכטער האָבען אַלץ ניט געקענט פאַרשטעהן, פון וואַנען האָט זיך פלוצים גענומען די ליעבע פון גרישאַ צום זיידען און פון וואַנען שטאַמט שמואל דוד'ס פלוצ־ליכע צופרידענהייט, ווייל פון דעמאָלט אָן האָט ער אויפגעהערט צו רייסען זיך צו דער טאַלקוטשקע.

די אומזיסטע טיי־טרינקערין

(אַ בילד פון אַ מיידעל, וואָס האָט זיך גענומען די רעכטע פּנים מאַנסביל, און ערלויבט איהם ניט, וואָס זי ערלויבט זיך אַליין).

זי איז ניט געשטאַנען אין אונזער האָטעל, נאָר זי פּלעגט קומען אהער עסען, און עסען פּלעגט זי קומען ניט דריי מאָל אַ טאָג, אפילו ניט איין מאָל אַ טאָג, נאָר ווען עס האָט זיך געמאַכט, און דעריבער האָט מען איהר גענעצט, וואו עס איז געווען אַ לעדיגער פּלאַץ ביי אַ טיש.

עטליכע מאָל איז זי געזעסען ביי מיין טיש, איז שוין ביים צווייטען מאָל האָט זי גערעדט מיט אזא צוטרויליכקייט, אזוי ווי זי וואָלט יעדען ביי אונזער טיש געקענט מי יודע ווי לאַנג.

ענגליש האָט זי גערעדט ניט נאָר ווי אַ געבאָרענע אמעריקאַ־נערין, נאָר זי האָט געברויכט אַ העכערע שפּראַך; זי האָט אויך גערעדט דייטש און אויך פּאַרשטאַנענע פראַנצויזיש. זי האָט ארוים־געוויזען אַ באַהאַוּענטקייט אין דראַמע און מוזיק.

אנגעטאָן איז זי געווען איינפאַך און שטיל. אפילו די האָר זיינען געווען פאַרקאַמט גלאַט און זי וואָלט געמאַכט דעם איינ־דרוק פון אַ שטילע און בנעימות'דיגע מיידעל, ווען ניט איהרע ברענענדיגע אויגען און אַ האַרטער אויסדרוק אין איהר געזיכט.

זי איז געווען איינע אַליין ביים סי־שאָר און עס האָט זיך באַלד ארויסגעוויזען, אז זי שטעהט ערגעץ אין אַ פּריוואַטע הויז, אהן באָארד, און ווען עס מאַכט זיך ניט קיינער, וואָס זאָל איהר איינלאַדען צום עסען, קומט זי אין האָטעל צום סאַפּער.

שוין פון דעם צווייטען מאָל פון אונזער באַקאַנטשאַפט האָט זי אונז אנגעהויבען צו דערצעהלען איהרע באַגעגענהייטען פון דעם

לעצטען סאַפּער, וואָס זי האָט געגעסען אין דעם האָטעל ביז דעם איצטיגען. אויפ'ן ביטש האָט זי זיך באַקאַנט מיט אַ יונגענמאַן און זי איז מיט איהם געפאָהרען כמעט דעם גאַנצען טאָג אין אַן אַטאָמאָביל און לאַנטש האָבען זיי געהאַט דאָ און דאָ און סאַפּער האָבען זיי געהאַט דאָרטען און דאָרטען און זי האָט געהאַט זעהר אַ גוד־טאַים.

און יעדעס מאָל איז דער יונגערמאַן, וואָס האָט איהר געגעבען די גוד־טאַים, געווען אַן אַנדערער, און די באַקאַנטשאַפט מיט זיי האָט זי געשלאָסען, בעת זי איז געלעגען אויפ'ן ביטש, וואו זי האָט פאַרבראַכט מעהר ווי אַ האַלבען טאָג.

זי האָט אויך געהאַט טעג, ווען איהר גאַנצע גוד־טאַים איז באַשטאַנען דעריין, וואָס זי האָט זיך געברענט אַנטקעגען דער זון אויפ'ן ביטש לאַנגע, לאַנגע שטונדען נאָכאַנאַנד און אונטערגע־שפּאַרט דאָס האַרץ מיט סענדוויטשעס.

און זי האָט וועגען אַלץ דערצעהלט, סיי וועגען איהרע גוטע טעג און סיי וועגען איהרע שלעכטע טעג. די נפקא־מינה איז נאָר געווען אין דעם טאָן. וועגען אַ גוטען טאָג האָט זי דערצעהלט מיט וואַרעמקייט, מיט פאַרגעניגען, און וועגען אַ שלעכטען האָט זי דערצעהלט מיט עפּעס אַ תרעומות אויפ'ן מיז מאַנסביל, וועלכער איז באַשאַפען געווען מיט'ן איינציגען צוועק צו געבען איהר אַ „גוד טאַים" און וועלכער האָט זיין אויפגאַבע ניט ערפילט.

סוף דער צווייטער וואָך איז זי איינמאָל געווען זעהר אויפגע־רעגט און האָט פאַר אונז אויסגעגאָסען איהר האַרץ. זי האָט גע־קראָגען אַ ידיעה, אַז צוויי באַקאַנטע קומען פון ניו יאָרק אויף איבער סוף וואָך, איז נאָר איינער פון די באַקאַנטע געווען אַ גע־ווינשטער, אָבער דער צווייטער — ניט, און צוליעב דעם צווייטען איז זי דאָס געווען זעהר אומרוהיג. עס האָט זיך באַלד אַרויסגע־וויזען, אַז דער ניט־געווינשטער באַקאַנטער איז דער יונגערמאַן, וואָס „געהט מיט איהר אויס" און וועלכער איז שוין האַלב פאַר־רעכענט פאַר איהר חתן.

עס איז גרינג צו פאַרשטעהן, אַז אין האָטעל האָט מען אָנ־געהויבען צו קוקען קרום אויף איהר. דער איינדרוק איז ביי אַלע־

מען געוואָרען, אַז דאָס איז אַ מיידעל וואָס האָט אַזוי ווייט פאַר־געסען איהר שאַנד, אַז זי דערצעהלט נאָך אַלעמען פון איהרע שעהנע מעשים. עס האָבען זיך אפילו געהערט מיינונגען, אַז פאַר איהר איז קיין פּלאַץ ניט אין דעם האָטעל.

און עס איז געווען מערקווירדיג, ווי זי האָט אפילו ניט באַ־מערקט, ווי מען קוקט קרום אויף איהר. און ווען זי האָט ניט געהאַט קיין איינלאַדונג ערגעץ מיט אַ יונגענמאַן אויף אַ סאָפּער, איז זי אומגעשטערט געקומען אין אונזער האָטעל. און איינמאָל נאָכ'ן סאַפּער, ווען זי האָט קיינעם ניט געהאַט, וואָס זאָל איהר באַטש נעהמען צו מאָווינג פּיקטשורס, האָט זי ביים טיש באַ־מערקט:

— איך האָב היינט ניט מיט קיינעם אויסצוגעהן. איך וועל דאַרפען קריגען דאָ עפּעס אַ „דזשאָני“. און ווירקליך נאָכ'ן עסען, אַנשטאָט אַוועקצוגעהן אַהיים, ווי זי האָט עס שטענדיג געטאָן, איז זי געבליבען זיצען אין האָטעל אויף דער וועראַנדע אין דער האָפנונג, אַז זי וועט דאָ געפינען עמיצען, וואָס וועט מיט איהר ערגעץ געהן.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז אין דעם האָטעל האָט זי קיין „דזשאָני“ ניט געקענט געפינען. ווען אפילו עס וואָלט זיך געפונען אַ בעלן אויסצוגעהן מיט איהר דעם אָבענד, וואָלט ער עס ניט געטאָן דער־פאַר, וויסענדיג, וואָס פאַר אַ שלעכטע מיינונג מען האָט דאָ וועגען איהר. און דאָס ווייזט, אַז זי האָט אפילו ניט פאַרדעכטיגט, אַז איהר באַנעהמען זיך געפעהלט דאָ קיינעם ניט און מען קרי־טיקירט איהר שאַרף דערפאַר.

און ווען זי וואָלט זיך אַנגעשטויסען ווי מען קוקט אויף איהר, וואָלט זי באַטראַכט די מענשען אין אונזער האָטעל אַלס שלעכטע, ניט פאַרגינערס, אָדער אַלס אַפּגעשטאַנענע מענשען.

זי איז ניט געווען קיין פאַרדאָרבענע מיידעל אין דעם זין, ווי די מענשען פון אונזער האָטעל האָבען אויף איהר געקוקט. זי וועט ניט ערלויבען אַט די זעלביגע מענשען, וועלכע גיבען איהר אַ „גוד טאַים“, אַז זיי זאָלען מיט איהר אַן איבעריגען שטיף טאָן. זיי דאַרפען זיין צופרידען וואָס זי, אַ שעהנע, לעבעדיגע מיידעל,

נעהמט אָן זייער איינלאַדונג פאַר אַ ראַיד אָדער פאַר אַ סאַפּער אָדער פאַר אַ טעאַטער, און דאָס וואָס זי פאַרברענגט מיט זיי איז אַ געניגענדע באַפרידיגונג פאַר דער הוצאה, אין וועלכער זי טרייבט זיי אריין.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז די ערשטע זאַך און די הויפּטזאַך איז צו קריגען אַ חתן. נאָר כל־זמן מען געהט ניט צו דער חופּה, קען מען האַלטען די אויגען אָפען, אפשר, ווער ווייסט, אפשר מאַכט זיך אַ בעסערע פּאַרטיע, און די בעסערקייט באַשטעהט אין דעריין, אַז דער חתן זאָל האָבען מעהר געלט און מען זאָל קענען לעבען אַ גוטען טאָג.

אַ גוטער טאָג איז אַלץ וואָס זי ווינשט און צו וואָס זי שטרעבט. אָהן דעם גוטען טאָג איז דאָס לעבען גאָרניט ווערט. נאָר יאָגענדיג זיך נאָך דעם גוטען טאָג, פאַרגעסט זי אויף איין סעקונדע ניט, אַז זי טאָר דעם פּרייז ניט צאָהלען. די יאָגעניש נאָך דעם גוטען טאָג וועט איהר קיין מאָל דעם קאָפּ ניט פאַרדרעהען אַזוי, אַז זי זאָל זיך אויף אַ מינוט פאַרגעסען.

עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז יענע וואָס געהען אויס מיט אַזעלכע מיידלאַך, רעכענען עס פאַר אַ מקח טעות און ניט זעלטען קומט אויס צו לייענען וועגען מיאוס׳ע סקאַנדאַלען, וואָס קומען דערפון ארויס. נאָר אַזעלכע מיידלאַך, געוועהנליך, בויען זעהר פיעל אויף זיך און גלויבען, אַז זיי וועלען אָפּשניידען גלאַט.

און כל־זמן זיי האָבען דעם פּרייז ניט געצאָהלט און זיינען געבליבען אומזיסטע טיי־טרינקערינס, פאַרשטעהען זיי ניט, פאַר־וואָס מען זאָל אויף זיי קוקען קרום און שאַפען וועגען זיי אַ שלעכטע מיינונג.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס די זעלביגע מיידעל, וועלכע האָט אַזוי אָפענהאַרציג דערצעהלט, ווי זי כאַפּט איהרע „דזשאַנים" און וואָס פאַר אַ „גוד טאַים" זיי גיבען איהר, האָט געברענט מיט אַ העלישען פייער, ווען אויף דער דריטער וואָך האָט זי געשריבען צו איהר האַלבען חתן ער זאָל קומען אויף סוף וואָך און ער האָט איהר געענטפערט מיט אַ דעפּעשע, אַז ער וועט איהר וואונש ניט קענען ערפילען, ווייל די ביזנעס וועט איהם ניט אָפּלאָזען. זי האָט

גראד דעמאָלט ניט געהאט קיין געווינשטען באַקאַנטען, נאָר דאָס איז ניט געווען די אורזאַך פון איהר צאָרן. זי האָט אונז ערקלערט, אַז זי פאַרדעכטיגט שטאַרק, אַז ער איז ערגעץ אַוועקגעפאָהרען צו האָבען א גוד טאָים, און זי וועט גלייך מאַכען אַ חקירה ודרישה, וואוהין ער איז געפאָהרען. זי וועט זיך ניט לאָזען פיהרען פאַר דער נאָז און איהר וועט מען די צייהנער ניט פאַררעדען מיט אַזעלכע פוילע תירוצים, ווי ביזנעס. אָה, זי קען די מענער! מען טאָר זיי די שיין ניט געטרויען! מען טאָר זיי פון אויג ניט אָפּ־לאָזען!

אין די עטליכע וואָכען, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין דער קאָונטרי האָב איך איהר געזעהן פיעלע מאָל און אין פאַרשידענע שטימונגען, נאָר דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב איהר געזעהן אַזוי אַנגעצונדען און אַזוי גיסען פעך און שוועבעל אויף די מענער פאַר זייער פאַלשקייט.

איך האָב אויף איהר געקוקט און ניט געקענט איהר באַגרייפען. איז דאָס אַ פּרוכט פון דער איבערראַשונג וואָס מיר האָבען דאָ פאַר פרויען, אָדער פון דער באַוועגונג וואָס דאַרף אַרויסברענגען די נייע פרוי.

איך בין צו קיין שלום ניט געקומען.

ווען דער צוּיבער איז אַריבער

מיין באַקאַנטשאַפט מיט איהר האָט זיך אָנגעהויבען אין סאַבוויי. מיר פלעגען ביידע פאָהרען יעדען טאָג דאַון טאַון און אונזער באַגעגעניש אין טריין פלעגט זיין מיט דער פּינקטליכקייט פון אַ זייגער.

איך האָב ניט געוואוסט ווער זי איז און זי האָט ניט געוואוסט ווער איך בין, און אונזער באַגעגעניש איז געווען ניט קיין אויס־געדעכענטע אָדער אָפּגערעדט. פונקט צעהן מינוט נאָך אַכט, ווען איך בין אריין אין סטיישאַן, האָב איך איהר שוין געטראָפען אויף דער פּלאַטפאָרם, אָדער זי איז אָנגעקומען אין אַ סעקונדע אַרום און געוואוינליך פלעגען מיר פאָהרען אין איין קאַר.

דאָס האָט אונז ביידען אויסגעוויזען קאָמיש און יעדעס מאָל ביי אַזאַ באַגעגעניש, פלעגען מיר זיך בייטען מיט אַ שמייכעל.

זי האָט געהאַט פּוכקע בעקלאַך און ווען זי פלעגט געבען אַ שמייכעל האָט מיר אויסגעוויזען, אַז די זון האָט אָנגעהויבען צו שיינען און פאַרשפּרייט אַ ליעבע וואַרימקייט. איבעריגענס, פון איהר גאַנצען ווענען האָט געשטראַהלט אַ זיסע וואַרימקייט און ווען איך האָב אויף איהר געקוקט האָט מיר אויסגעוויזען, אַז די גאַנצע וועלט איז בעסער, ליכטיגער און שעהנער. און ווען עס פלעגט זיך אַמאָל מאַכען, אַז זי איז ניט געווען אין דער באַשטימ־טער מינוט אין סטיישאַן, האָט די גאַנצע וועלט פאַרלאָרען איהר חן ביי מיר.

זי איז געווען פון מיטעלען וואוקס, מיט אַ קיילעכדיג פּנים, מיט שוואַרצע אויגען און נאָך שוואַרצערע גלידער, און מיט אַ הויט־פאַרב וואָס איז געווען אַ געמיש פון ווייס און ראָז. די אויבער־

שטע ליפּ איז געווען אזוי דעליקאט געוועלבט, אזוי ווי זי וואלט געשאפּען געווארען פאר קושען.

איין צייט איז זי א טאג צעהן ניט געקומען אין סטיישאן. איך בין בכיון געקומען מיט עטליכע מינוט פריהער און אפּגע־ווארט מיט עטליכע מינוט שפּעטער, נאר זי האט זיך ניט געזעהן. איך האב געוואוסט, אז איהר וואקיישאן האט זי שוין געהאט, ווייל אנהויב אויגוסט זיינען אוועק פופצעהן טעג, ווי זי האט זיך ניט געוויזען און נאכדעם איז זי געקומען א פארברוינטע, ווי א ציי־גיינערקע. יעדען טאג האב איך זיך געפרעגט, וואס האט מיט איהר געקענט טרעפען און דאס האט מיר געמאכט זעהר אומרוהיג. און ווען אויפ׳ן צעהנטען טאג איז זי אנגעקומען, ווען איך בין שוין געווען אין קאר, האב איך איהר מיין סיט אפּגעטראטען און אליין ניט אפּגעבענדיג זיך קיין רעכנונג איהר געפרעגט, וואס אזוינס איז מיט איהר געווען, אזוי ווי מיר וואלטען געווען אלטע באַ־קאנטע, און זי האט אויך ניט געפונען פאר אומפּאסענד צו ענט־פערען מיר:

— איך האב געהאט די גריפּ.

פון דעם טאג אן איז שוין אונזער באקאנטשאפט געווארען א נעהענטערע. מיר האבען געלאכט פון דער פּינקטליכקייט, מיט וועלכער מיר פלעגען קומען אין סטיישאן און ווי אזוי מיר האבען געוואוסט, ווען איינער פון אונז איז קראנק אדער איז אויף וואַ־קיישאן, אדער פארשפּעטיגט אין אפיס, אדער פארזעסען די נאכט פריהער צו שפּעט, אדער געהאט א סצענעביים פריהשטיק. זי האט מיר געזאגט, ווען זי געהט צוריק פון אפּיס און איך פלעג קומען איהר באגעגענען און צוזאמען פאהרען אהיים. עטליכע מאל זיינען מיר זונטאג געפאהרען מיט׳ן „באס" צו סענטראל פּארק, באזוכט דעם מוזעי און געשפּיעלט זיך אין גארטען מיט די ווע־ווערקעס. איך האב איהר אויך איינגעלאדען אין טעאטער, נאר דערפון האט זי זיך אפּגעזאגט.

עס איז פאר איהר קיין סוד ניט געווען, אז איך בין פארליבט אין איהר. הגם איך האב נאך דערוויי׳ל וועגען ליעבע קיין ווארט ניט דערמאנט. איך האב יעדען טאג אפּגעלעגט מיין ערקלעהרונג

אויף מאָרגען. איך האָב זיך געפּיהלט אַזוי גליקליך, אַז איך האָב דערווייל ניט געוואָלט קיין ענדערונג. און אפשר האָט דעריין גע־שטעקט די אינסטינקטיווע מורא פון דעם פרייען בחור פאַר דעם פאַרהייראַטען לעבען.

און איינמאָל, ווען איך האָב איהר אָנגעבאָטען צו געהן אין טעאַטער, האָט זי מיט איהר זיסען באַצויבערנדען שמייכעל זיך אָנגערופען.

— ווייסט איהר גאָר וואָס? אַז איהר האָט אַ פרייען אָבענד, קומט אַריין צו מיר און איך וועל אייך פאַרשטעלען פאַר מיינע עלטערען, נאָר קומט ניט שפּעט, וועלען מיר קענען פאַרברענגען אַ פּאָר שעה.

איך האָב זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט אַן דער איינלאַדונג.

— איהר דאַרפט ניט מיינען, אַז איהר זייט אַ פרעמדער ביי אונז אין דער היים, — האָט זי געזאָגט מיט איהר שמייכעלע — הגם איהר זייט ביי אונז נאָך קיין מאָל ניט געווען און קיינער פון אונזערע האָט אייך נאָך קיין מאָל ניט געזעהן, זייט איהר שוין ביי זיי אַן אַלטער באַקאַנטער. זיי קענען אייך נאָך פון דער צייט, וואָס מיר פלעגען זיך נאָך שטום באַגעגענען אין סטיישאַן. איך פלעג זיי יעדען טאָג אָפּגעבען אַ גרוס פון אייך.

אויף מיין קלונג איז זי אַליין אַרויסגעקומען און האָט מיר אַריינגענומען גלייך אין זאַל, גענומען מיר ווייזען די בילדער, וואָס זי האָט אַליין גענומען מיט איהר קאָדאַק. דאָס זיינען געווען מייסטענס בילדער פון זיך אַליין, אין פאַרשידענע פּלע־צער. אויף אַ דאָך מיט אַ קוימען אַלס הינטער־גרונד, אָדער אונ־טער אַ בוים, אָדער אויף אַ באַנק אין גאָרטען, אָדער אויפ'ן זאַמד ביים ברעג ים. אַ פּאָר בילדער, דאָס הייסט אַ פּאָר פּלעצער האָב איך דערקענט, ווייל איך בין געווען דערביי, און ווי יונג אונזער באַקאַנטשאַפט איז ניט געווען, האָבען מיר שוין געהאַט געמיינזאַמע ערינערונגען, וואָס האָבען אָהן אונזער אייגענעם ווּיסען געשפּונען די פעדים צו פאַרקניפּען אונזערע נשמות. עפּעס אַ בענקעניש וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט דער וואַרימקייט פון באַקוועמליכקייט פון וואָס מען רופט היים, האָט מיך אַרומגעכאַפּט. איך האָב מיט

אַמאָל דערפיהלט, אַזוי ווי איך בין ביז יעצט געווען אַ נשמה, וואָס האָט אַרומגעוואָנדערט אין עולם התוהו און וואָס האָט פּלוצים דערזעהן אַ מקום־מנוחה. די אינסטינקטיווע מורא צו פאַרלירען די בחור׳שע פרייהייט האָט מיך איצט אינגאַנצען אַפּגעלאָזט, און ווען זי האָט נעהענטער צוגערוקט איהר קאָפּ צו מיינעם ביים אָנ־ צייגען מיט׳ן פינגער אויף איינעם פון די בילדער און איך האָב דערפיהלט איהר אָטעם אויף מיין געזיכט, איז שוין מיין באַשלוס געווען פאַרטיג.

און איצט איז אויף מיר אָנגעפאַלען גאָר אַן אַנדער מורא. עס האָט מיר איצט אויסגעוויזען, אַז זי וועט מיר אויסלאַכען פאַר ערקלעהרען איהר מיין ליעבע. איך האָב איצט אויסגעזעהן אין מיינע אייגענע אויגען עפּעס ווי אַ קליין באַשעפעניש געגען איהר, און ווי קען איך גאָר וואַגען אויפצוהויבען צו איהר מיינע אויגען, איז זי דעם אָבענד געווען זעהר שעהן אין מיינע אויגען, איז זי דעם אָבענד געווען רייצענד, אַזוי ווי זי וואָלט דעם גרעסטען טייל פון איהר שעהנקייט פריהער באַהאַלטען און איצט, צום ער־ שטען מאָל אַנטפּלעקט פאַר מיר. איך בין געשטאַנען נעבען איהר און שטיל באַוואונדערט איהר.

אין טיר האָט זיך באַוויזען אַ געשטאַלט. העלען, אַזוי האָט געהייסען די שעהנהייט, וואָס איך האָב באַוואונדערט, האָט זיך אַ קעהר געטאָן צו מיר און געזאָגט:

— דאָס איז מיין מוטער — און דאָס איז מר. —

דערביי האָט זי אָנגערופען מיין נאָמען.

איך האָב זיך אַ ריהר געטאָן צו קומען איהר אַנטקעגען, נאָר איך בין געבליבען שטעהן ווי אַ צוגעשמידטער. העלענ׳ס מוטער האָט זיך קוים מיט אַ זייט דורכגעשפּאַרט דורך דער טיר און מיט אַ קאַטשקע טריט געלאָזט זיך געהן צו מיר. זי האָט גע־ וואויגען אודאי דריי הונדערט פונט, אויב ניט מעהר, און די שווערע וואָג האָט איהר געשטערט צו געהן גלייך. איהר פּנים האָט געשטראַהלט פון שמחה, ווען זי האָט זיך אָנגערופען:

— אַה, מר.! — איך קען אייך שוין פון לאַנג. מיין טאַכטער פלעגט מיר דערצעהלען פון אייערע באַגעגענישען אין טריין און מיר האָבען אַזוי געלאַכט!

די זעלבינע געזיכטס־ציגע, דער זעלביגער פּנים און אויף אַ סעקונדע האָב איך אַ קוק געטאָן אין דער נאָהענטער צוקונפט און איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז דאָס איז מיין העלען, און דער גאַנצער צויבער איז אין צימער פאַרשוואונדען און צוזאַמען מיט'ן צויבער אויך מיין גאַנצע באַוואונדערונג.

איך בין קוים אויסגעזעסען אַ פערטעל־שטונדע און האָב אַליין ניט געוואוסט, וואָס איך האָב געשטאַמעלט, און בין אַוועק מיט'ן פעסטען באַשלוס, מעהר ניט צו באַגעגענען די שעהנע העלען.

און איך האָב מיין באַשלוס געהאַלטען.

אַהן אַן אויג

אייזיק דעם גאָלדשמיד׳ס קינדער האָבען שוין אָנגעהויבען אונ־טערצעוואַקסען, ווען ער האָט זיך פאַרדרעהט אין זיין דזשועלערי ביזנעס, אַז ער איז געצוואונגען געווען צו באַנקראָטירען. און ווען ער האָט נאָכ׳ן חורבן געמאַכט אַ חשבון וואָס איהם איז געבליבען, האָט ער אויסגעפונען, אַז זיין קרעדיט איז אינגאַנצען באַגראָבען און ער האָט ניט מיט וואָס אָנצוהויבען אויף דאָס ניי אַ ביזנעס.

ניט ער און ניט זיין ווייב זיינען שוין מעהר געווען אַזוי יונג, ווי ווען זיי האָבען צום ערשטען מאָל געעפענט אַ קליינעם שאַפּעל פאַר זיך. אין די איינגערע יאָהרען איז געווען גרינגער צו קעמפּפען און צו פּלאָגען זיך, כדי אַרויפצואַרבייטען אַ ביזנעס. און הגם אייזיק׳ס ווייב האָט זיך מיט לייב און לעבען צוריק אַריינגעוואָרפען אין דער ביזנעס, איז שוין די סטאַרקע ניט געוואַקסען און זיי האָבען קוים, קוים געמאַכט אַ לעבען.

עס איז געווען זעהר ביטער און שווער אָנצוהויבען פון אָנ־הויב, נאָכדעם ווי זיי האָבען שוין איין מאָל אַ ביזנעס גוט אַרויפ־געאַרבייט און שוין פעסט געשטאַנען אויף די פיס. און נאָך אַ גרעסערע ביטערקייט איז געווען ביי זיי אין הארצען פון איינעם צום צווייטען. די ווייב האָט ניט געקענט מוחל זיין דעם מאַן, וואָס ער האָט בידים באַגראָבען אַ גוטען געשעפט און פון צייט צו צייט האָט זיך ביי איהר אַרויסגעריסען אַ פאָרוואורף:

— געהאַט אַזאַ גאָלדענע ביזנעס האָט זיך דיר געוואָלט ווייזען, אַז דו ביזט אַ גאַנצער קנאַקער. איך האָב זיך פון הויט געריסען און אויפגעבויט די סטאָר און דו ביזט געקומען און פאַרקויפט עס און אפילו ניט געפרעגט מיך. נאַ דיר, אַט האָסטו אַ סטאַרקע אָהן סחורה און אָהן לייב און לעבען.

ער האָט ניט פאַרשוויגען און געענטפערט:

— דאָס האָט מען נאָר דיר צו פאַרדאַנקען! נאָר דיר! האָט מען עס ווען געהערט, אַז אַן אייגען ווייב זאָל אַליין אונטערגראָבען אַ געשעפט! נו, האָב איך דיר פוגע בכבוד געווען! נו, האָב איך ביי דיר ניט געפרעגט, ווען איך האָב פאַרקויפט די ערשטע ביזנעס! איז וואָס? האָסטו דעריבער געדאַרפט ווייכען פון דעם נייעם סטאָר? וואָס איז, איך האָב דעם אַלטען סטאָר פאַרקויפט און גענומען דאָס געלט פאַר זיך? אָדער אוועקגעגעבען די קינדער פון מיין ערשטער ווייב? דו ווייסט, גאָט צו דאַנקען, אַז איך האָב קיין אַנדער ווייב ניט געהאַט, דו האָסט געוואוסט, אַז איך שכור ניט, געמבעל ניט. איך האָב געמיינט אונזער טובה, און אַזאַ יאָהר מיר, וואָס פאַר אַ גוטע סטאָר די צווייטע איז געווען.

— אַזאַ יאָהר אויף אונזערע שונאים!

— נעווער מאַין, ווען דו וואָלסט ניט געוויכט פון דער נייער סטאָר און ניט אַרויפגעוואָרפען די גאַנצע אַרבייט אויף מיר אַליין, וואָלטען מיר ביי היינטיגען טאָג געווען וועלט גענוג פיעל!

און וואָס צרה־דיגער די איצטיגע ביזנעס איז געווען, אַלץ גרעסער איז געווען די ביטערקייט אין זייערע הערצער פון איינעם צום צווייטען.

און אַזוי גיך ווי זיי האָבען ווידער געעפענט אַ קליינעם שאָפּעל און די ווייב איז אַריין הינטער דעם קאָנטער, האָט אייזיק ווידער אָנגעהויבען צו פאַרשווינדען פון סטאָר און צו געהן אָנקוקען מציאות, הגם ער האָט ניט געהאַט קיין געלט צו קויפען עפּעס, ווען אפילו איהם וואָלט זיך געמאַכט די גרעסטע מציאה, און די ווייב האָט ניט נאָר געדאַרפט ענטפערען אַ קאַסטאָמער, נאָר אויך אָנידערזעצען זיך צום קליינעם וואָרשטאַטעל און אַליין מאַכען יענע פּאַטשינקעס, וואָס זי האָט זיך אויסגעלערענט אין די פריהערדיגע יאָהרען. און אַז זי האָט איהם אויסגערעדט, פאַר וואָס ער זיצט ניט אין סטאָר, האָט ער בייז געענטפערט:

— וואָס איז? די שפּע איז דאָ אַזוי גרויס? נישקשה, אַ קאַסטאָמער קען וואַרטען מיט זיין פּאַטשינקע ביז איך וועל קומען.

אין די אינגערע יאָהרען האָט מאַליע ניט אַזוי שטאַרק גע־

פיהלט די הכבדה פון שטוב און פון סטאַר, נאָר איצט איז איהר טאַקע געווען זעהר שווער דאָס צו דערטראָגען. די הויפּט־שווערקייט האָט זי געפיהלט אין די פיס. אַז זי איז אַ קורצע צייט געשטאַנען האָט איהר אויסגעוויזען, אַז זיי ווערען ווי מיט בליי אָנגעגאָסען. און דאָס לויפען אַלע ווייַלע פון דער סטאַר איבער די טרעפּ אין די רומס, און פון די רומס צוריק אין סטאָר איז פאַר איהר געווען אַ אמת׳ער גיהנום. אמאָל, ווען די קינדערלאַך זיינען נאָך געווען עופ׳עלאַך, האָט מען זיך מיט גרויסע צרות געקענט שטיקען אין אַ רומקע הינטער דער סטאָר, נאָר איצט מיט ערוואַקסענע קינדער האָט מען געמוזט האָבען באַזונדערע רומס.

די עלטערע טאָכטער, אַ מיידעל פון אַ יאָהר זיבעצעהן, וועלכע האָט מיט׳ן כח פון די בעסערע יאָהרען אריינגעכאַפּט זיך אין הייַ־סקול, האָט פאַרשטאַנען די שווערע לאַגע פון די עלטערען און נאָך מעהר האָט זי פאַרשטאַנען, ווי ווייט די מאַמע פּלאָגט זיך, און דאָס האָט איהר געדריקט ווי אַ שווערע משא אויפ׳ן האַרצען. זי האָט געהאָלפען דער מאַמען אין שטוב און איז אויך געווען גרייט צו העלפען דער מאַמען אין סטאָר. נאָר דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז איהר הילף איז אומבאַדייטענד. מיט אַ קונה האָט מען גע־דאַרפט קענען אריינ׳טענה׳ן און דערצו איז זי געווען צו יונג. זי האָט דערפון געהאַט גרויס עגמת־נפש, ווייל זי איז געווען זעהר איבערגעבען דער מאַמען, און איהר יונג קעפּעל האָט ניט אויפגע־הערט צו אַרבייטען, ווי אַזוי צו פאַרלייכטערען די שווערע לאַגע.

איינמאָל איז זי געקומען פון סקול אַ פרעהליכע. זי איז אין סטאָר אריינגעלאָפען מיט אַן אימפּעט, אַזוי ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז דער פּלאַן איהרער זאָל ניט אַנטלויפען. זי האָט אַ וואָרף געטאָן די ביכער אויף אַ שטול און גלייך אויסגערופען:

— מאַמע, איך ווייס שוין וואָס איך וועל טאָן!

מאַטליע האָט איהר אָנגעקוקט פאַרוואונדערט, ווייל עס איז פריהער ניט געווען קיין שום רעד, וואָס זי זאָל טאָן. די טאָכטער האָט ווידער גלייך אויסגעשאָסען:

— מיר וועלען דאָ קענען האָבען אַן אויג.

מאטליע האט איהר איצט אנגעקוקט נאך מעהר פארוואונ־דערט.

— אז אויג?

— יא, אז אויג.

און מיט א פארכאפטען אטעם האט זי גענומען ערקלעהרען, אז עס וועט זיין א „גרענד איידיע” צו נעהמען א קורס אין אפטיקס און זי וועט ווערען אן אפטישען, און דער טאטע וועט קענען האבען אן אויג אין פענסטער, און ניט נאר וועט דאס פארגרעסערען די הכנסה, נאר די מאמע וועט פארשפארען צו שטעהן אויף די פיס אדער לויפען אלע ווייַלע ארויף און אראפ איבער די טרעפ, ווייל דעמאלט וועט זי זיין אין סטאר.

אייזיק איז אזש אונטערגעשפרונגען און איז צוגעקומען צום ווייב און טאכטער און האט פון פארגעניגען געריבען די הענט.

— אט דאס הייסט א גוטער פלאן! זי האט אויף זיך דער מאמעס קעפעל! זאג, מאטליע, וואלסטו זיך ווען געריכט, אז אונזער קליינע פעני וועט דיר נאך איבערשטייגען אין ביזנעס? דאס איז א מיניסטערשער קעפעל!

פעני׳ס אויגען האבען געשטראהלט פאר גליק און ניט וויסענדיג קיין בעסערען אופן ווי אויסצודריקען איהר שמחה, האט זי זיך ארויפגעווארפען דער מאמע׳ן אויפ׳ן האלז און שטייף זיך גענומען דריקען צו איהר.

מאטליעס אויגען זיינען פייכט געווארען. א היבשע צייט האט זי געגלעט פעני׳ן איבער׳ן קעפעל און איבער׳ן אקסעל און דערנאך האט זי מיט א נעדריכטליכען קול געזאגט:

— ניין, פעני, דאס וועל איך ניט דערלאזען. עס איז גענוג, אז איך האב אפגעשקלאפט מיינע בעסטע יאהרען פאר׳ן טאטען, און עס איז ניט נויטיג, אז דו זאלסט אויך דיינע יאהרען אפשקלאפען פאר איהם. ער וועט איצט די גאנצע סטאר ארויפווארפען אויף דיר און וועט נאך מעהר ארומלויפען זוכען א נעכטיגען טאג. ניין, מיר וועלען קיין אויג ניט האבען אין פענסטער.

פיעל איזיק האָט ניט געמאָרדעוועט און ניט אויפגעוואָרפען זיין ווייב, אַז זי איז א שונא זייער אייגענעם געשעפט, האָט גאָר־גיט געהאָלפען. די סטאָר איז געבליבען אָהן אַן אויג אין פענסטער.

אַ גליקליכער חלום

(הומאָרעסקע)

בערל קאָרפּ איז געווען אַ מענש מיט ווייניג געדאַנקען, און די ווייניגע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען מיט פּרנסה.

ער איז שוין אין אַמעריקאַ אַ יאָהר פינף־זעקס און די איינ־צינע פּרנסה ביי וועלכע ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז — צו פאַר־קויפען געקאָכטע בּאָב.

און גענומען זיך צו דער פּרנסה האָט ער נאָך אַ לאַנגען ישוב־הדעת און נאָך אַ גענויער אויסרעכענונג. ער האָט גוט אַרומגע־קוקט די געגענד אַרום ריווינגטאָן סטריט און ער האָט דאָרטען ניט געפונען קיין איין איינציגען פּעדלער מיט געקאָכטע בּאָב, און ער האָט אויסגערעכענט, אַז ווען ער נעהמט זיך צו דער דאָזיגער פּרנסה, וועט ער זיין אויף דער מדרגה פון איין זכר אין מאָסקווע.

ער האָט פריהער פּרובירט אַנדערע פּרנסות. ער איז געווען אַ שומר ביי הייזער, וואָס האָבען זיך געהאַלטען אין בויען; ער איז געווען אַן אונטער־הויז־קיפּער; אַ שטיוועלפּוצער אויף דע־לענסי סטריט, און פון די דאָזיגע אַלע פּרנסות האָט ער זיך אָפּ־געקעהרט, און ווי איהם האָט זיך געדאַכט, איז די צרה געלעגען אין דעם, וואָס די קאָנקורענציע אין זיי איז זעהר גרויס, און אַזוי ווייט איז די פּרנסה מיט געקאָכטע בּאָב געווען די איינציגע, וואָס האָט נאָך דערווייל ניט געוואוסט פון קאָנקורענציע.

נאָר אפילו צו אַזאַ פּרנסה וואָס האָט ניט קיין קאָנקורענציע דאַרף מען אויך האָבען אַ שטיקעלע מזל, און דאָס האָט איהם גע־פעהלט. ער איז געווען דער איינציגער בּאָב־פּאַרקויפער אויף אַ מהלך פון אַ סך בלאָקס, וואו עס האָט געגריבעלט און געשווירבעלט

פון אין דער פריה ביז שפעט אין אבענד, און דאך האט ער דער־פון קוים געהאט וואסער אויף קאשע, און ווען דער יקרות האט זיך אויפגעהויבען, איז צו באב גאר ניט געווארען צו צוריהרען זיך און די אייביגע שווערע דאגה וועגען פרנסה איז נאך שווערער גע־ווארען.

ער איז געקומען צו זיין קארנער אין ריווינגטאן סטריט מיט א פאר׳דאגה׳טען פנים, ווען ער האט באמערקט, אז אלע ארום זיינען עפעס אזוי מאדנע פרעהלאך...

— דאכט זיך, פורים איז שוין געווען, — האט ער א טראכט געטאן.

ער האט אפגעגעבען א פארזארגטען גוט־מארגען זיין שכן, וועלכער איז מיט הענט און פיס געווען אריינגעטאן אין א צייטונג, און געפרעגט:

— וואס איז דא היינט אזא שמחה?

— ס׳טייטש, איהר ווייסט גארניט? — האט זיך דער שכן פאר־וואונדערט, אפרייסענדיג די אויגען פון דעם בלאט און אנשטעלענ־דיג דעם פינגער אויפ׳ן פלאץ, וואו ער האט געהאלטען אין לייע־נען. — אי, זייט איהר א שלומיאל! ניקאלאיקע, ימח שמו, איז שוין ארונטער!

און דער שכן האט צוריק א קעהר געטאן די אויגען צום בלאט און שוין ווידער אריינגעטאן זיך אין לייענען מיט די הענט און מיט די פיס.

בערל האט ניט אזוי גיך באנומען, וואס דער שכן האט איהם דערצעהלט. ער האט געדארפט איבערטראכטען צוויי מאל, איידער ער האט פארשטאנען, וואס דער שכן האט איהם געזאגט. דאס האט איהם אויסגעוויזען א גרויסער חדוש: ווי אזוי קען דאס א קיסר ארונטער? וואס? עס איז, א פנים, פאראן א גרעסערער ווי א קיסר!

ער האט א שטורכע געטאן זיין שכן אין פלייצע און געוואלט איהם אויספרעגען, נאר יענער איז איצט געווען צו אריינגעטאן אין זיין בלאט און האט נאר א מורמעל געטאן: „באדערט ניט!“ און געלייענט ווייטער.

שפּעטער אָבער האָט דער זעלביגער שכן געקראָגען גרויס חשק ניט נאָר צו ערקלעהרען, וואָס אין רוסלאַנד איז געשעהען, נאָר אויך געבען אַלערליי פּירושים, און ער איז געווען זעהר צופרידען צו ווייזען, אַז אין הלכות פּאָליטיקע איז ער גאַנץ גוט באַהאַווענט, און אין אַ פּאָר וואָכען צייט איז בערלען קלאָהר געוואָרען די גאַנצע לאַגע אין רוסלאַנד.

עס האָט איהם געפרעהט, וואָס ניקאָלאַיקע האָט געכאַפּט זיין פּסק. נאָר אַז אמת׳ן נחת האָט ער געהאָט, וואָס ער האָט באַגריפען, אַז דאָס שמעקט מיט גרויסע ישועות פאַר אידען. און אויב ער אַליין האָט זיך ניט אַנגעשטויסען, ווי גרויס די דאָזיגע ישועות זיינען, האָט איהם דער שכן צוקייעט און ממש אין מויל אַריינגע־לעגט, און מיט יעדען טאָג ווייטער, האָט דער שכן אַלץ מעהר געהאָט צו דערצעהלען און אַלץ בולט׳ער אַרויסגעשטעלט די גרויסע חידושים.

— פּלאי פּלאים! — האָט זיך בערל ניט געקענט אָפּוואונ־דערן. — דאָס איז עפּעס ווי משיח׳ס צייטען.

בערל האָט געהאַט ווענינג געדאַנקען, און די ווענינע געדאַנקען זיינען שטענדיג געווען פאַרנומען מיט פּרנסה און איצט, ווען דער יקרות איז נאָך גרעסער געוואָרען, זיינען זיי געווען נאָך מעהר פאַרנומען ווי אַלע מאָל, נאָר ביסלאַכווייז, ביסלאַכווייז האָט זיך גענומען אַריינ׳גנב׳ענען צו איהם אין קאָפּ אַ נייער געדאַנק, און דער געדאַנק איז געווען, אַז אפשר וואָלט גאָר אַ פּלאַן געווען צוריק־צוקעהרען זיך נאָך רוסלאַנד.

נאָר איידער דער דאָזיגער געדאַנק האָט אָנגענומען אַ באַ־שטימטע פאָרם, האָט ער געמוזט אויסגעפינען און איבערטראַכטען אַלע איינצעלהייטען. און איצט האָט ער שוין גענומען אויספרעגען זיין שכן:

— הייסט עס, אַז איצט וועט דאָרטען זיין אַלץ פריי פאַר אידען?

— שייך פריי! אידען וועלען קענען זיין דעסיאַטניקעס און קוואַרטאַלנעס און אפילו איספּראַווניקעס. איהר הערט, רב בערל?

אפילו איספּראַווניקעס. מען שרייבט שוין יאַקבי, אַז אַ מינסקער איד האָט צו זאָגן איבער אַלע גענעראַלען.

— פּלאי פּלאים! האָט זיך בערל ניט געקענט איינהאַלטען און אַ שמייכעל האָט פאַרטריבען די אייביגע זאָרג פון זיין פּנים.

אַ קורצע צייט האָט ער געשמייכעלט און געשוויגען און דער־נאָך ווידער געפרעגט:

— און מען וועט מעגען פאָהרען אין גאַנץ ראַסיי?

— אין גאַנץ ראַסיי, אפילו אין פּעטערבורג, אפילו אין מאָסקווע.

עס האָט אויסגעזעהן, אַז די דאָזיגע פראַגע איז פאַר בערלען געוועזן די סאַמע וויכטיגע, ווייל איצט איז ער אַנטשוויגען געוואָרען אויף אַ לענגערע צייט און זיין שטערען האָט זיך טיפער גע־קנייטשט פון דעם געדאַנק, וואָס האָט זיך געהאַלטען אין אויס־אַרבייטען ביי איהם אין קאָפּ.

— פּעטערבורג מוז זיין אַ פיינע שטעדטעל, ניט אמת?

— פּטור, נו!

— טאַקע זעהר אַ גרויסע שטאָדט?

— אודאי!

— דענקט איהר, אַז דאָרטען זיינען אויך פאַראַן בוט־בלעקס?

— מסתמא פאַראַן.

— אַזוי? איהר דענקט, אַז דאָרטען זיינען פאַראַן בוט־בלעקס? — האָט בערל געפרעגט מיט אַן אומצופרידענהייט אין קול, אַז דער שכן האָט אָנגעהויבען צו קווייטלען און איז געוואָרען ניט שטייף אין זיין דעה.

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך בין דאָרט קיינמאָל ניט געוועזן און איך ווייס ניט. — האָט דער שכן געענטפערט. — נאָר וואָס נעהען אייך אַן די בוט־בלעקס?

— פאַרשטעהט איהר מיך: ביי אונז אין שטעדטעל האָב איך קיין בוט־בלעק קיין מאָל ניט געזעהן, און ווען איך בין גע־פאָהרען אַהער, האָב איך אויך ערגעץ קיין בוט־בלעק ניט געזעהן אין אויסגעפאָהרען בין איך דעמאָלט אַ האַלבע וועלט. און איך טראַכט, אַז ווען עס זאָל איצט אַראָפּקומען אונזער איינער, אַ

שטייגער, אין פּעטערבורג אָדער אין מאָסקווע און זאָל דאָרטען ווער־ען אַ בוט־בלעק, וואָלט ער דאָך גאָלד געשאַרט מיט די הוי־פענם.

— ווייס איך, וואָס אייך קען איינפאַלען! האָט דער שכן געענטפערט און אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

נאָר בערל האָט מיט איהם ניט געוואָלט אַריינ־טענה׳ן. נאָר אַליינען, איז דאָס זיין אייגענער געדאַנק, און עס איז געזינטער וואָס ווייניגער צו רעדען וועגען דעם. ווער ווייסט, עס קענען זיך נאָך אַ שאָט טאָן צוריק אַ סך אידען און עס איז בעסער, אַז זיין פּלאַן זאָל בלייבען בסוד.

און בערל חלומ׳ט שוין פון דער גאָלדענער צייט, ווען ער וועט אָנקלייבען אויף הוצאות און צוריקקעהרען זיך אין רוסלאַנד און טאַקע אַריינפאָהרען אין סאַמע פּעטערבורג אָדער מאָסקווע און וועט אָוועקשטעלען אין דער שעהנסטער גאַס אַ בוט־בלעק טשער און טאַקע מיט די מעשענע באַפּוצונגען און ער וועט זיין איינציגער בוט־בלעק — דער אמת׳ער איינציגער זכר אין מאָסקווע.

און דער דאָזיגער גליקליכער חלום האָט אָפּגעווישט די איי־בּיגע ביטערע דאגה פון פּרנסה פון בערל׳ס פּנים.

דער דייטש

אייזיק פעלדמאַן איז אַראָפּגעקומען קיין אַמעריקאַ גלייך נאָך די ערשטע פּאָגראָמען. געלעבט האָט ער פריהער אין מאָסקווע, פאַרשריבען אין אוטשאַסטאָק איז ער געווען אַלס אַ שוסטער, נאָר אין אמת׳ען האָט ער קיין מאָל קיין נאָל און דראַטווע אין די הענט ניט געהאַלטען און האָט זיך באַשעפטיגט מיט קאָמיסיאָנעריי, פון וואס ער האָט פאַרדינט צו צאָהלען אַ געניגענדע סומע דעם פּרי־סטאַוו און די יוצר־משרתים פון זיין אוטשאַסטאָק, וועלכע האָבען געוואוסט פון זיין „פאַרברעכען״, אַז ער איז אונטער אַ פאַלשער פּראָפעסיאָן.

ווען די פאַרפאָלגונגען געגען אידען האָבען גענומען ווערען שטאַרקער אין מאָסקווע, זיינען די שכירות צו די באַאַמטע פון זיין אוטשאַסטאָק אויך גרעסער געוואָרען; אָבער פעלדמאַן האָט זיך אויף דעם ניט געקלאָגט און איז געבליבען צופרידען וואס מען לאָזט איהם זיצען אין דער הייליגער שטאָדט אין אַ צייט ווען צעהנדליגע און הונדערטע אידען ווערען טאָג־טעגליך אויסגעוויזען פון דאָרטען. ענדליך איז אָבער אויף איהם אויך געקומען דער יום־הדין, און פון אוטשאַסטאָק האָט מען איהם געגעבען צו וויסען, אַז אפילו לאַפּקע קען שוין מעהר ניט העלפען און ער מוז אין אַ מעת־לעת פאַרלאָזען די שטאָדט.

פון מאָסקווע איז ער אַוועק צו אַ ברודער, וואס האָט געוואוינט אויף אַ דאָרף אין זיד־רוסלאַנד. ער האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט אָפּצוכאַפּען דעם אָטעם, ווען פון וואָלאָסט האָט מען איהם געגעבען צו וויסען, אַז ער מוז גלייך פון דאָרטען אַוועק, ווייל, לויט אַ נייעם געזעץ, טאָרען אידען זיך ניט באַזעצען אין די דערפער.

— וואָס וועט זיין דער סוף פון אַזעלכע פאַרפאָלגונגען? — האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב.— עס שיינט אַז די רוסישע רעגירונג האָט זיך נאָר אָפּגעגעבען מיט דעם אויסטראַכטען וואָס אַ איד זאָל ניט טאָרן טאָן, און אום פּטור צו ווערען פון אַזעלכע צרות איז דער בעסטער פּלאַן, דאַכט זיך, אַוועק ערגעץ אין אַ לאַנד, וואו מען זאָל דיך ניט דערמאָנען אויף יעדען שריט און טריט, אַז דו ביזט אַ איד. צום שוואַרץ יאָהר! זאָל זיין וואָס עס וועט זיין, נאָר אַבי ניט האָבען די צרות.

— אין אַמעריקא זאָגט מען, ווערט דער איד ניט פאַרפאָלגט, — האָט איהם דאָס ווייב אונטערגעהאָלפען. — אגב, זאָגט מען, איז דאָרטען גרינגער צו מאַכען אַ לעבען. אַ וועלט פאָהרט אַהין, פאַר וואָס זאָלען מיר ניט פאָהרען?

און דער רעזולטאַט פון דעם געשפּרעך איז געווען זייער רייזע נאָך אַמעריקאָ.

קומענדיג אין אַמעריקא האָט זיך איהם געשטעלט די פראַגע: וואָס זאָל ער דאָ טאָן? צו וואָס זאָל ער זיך כאַפּען אום צו פאַר־דינען אויף אַ לעבען? מען האָט איהם געראַטען אויסצולערנען זיך נעהען אויף אַ מאַשין, און די לעצטע צעהן דאָלאַר וואָס איהם זיינען געבליבען, נאָכדעם ווי ער האָט געדונגען אַ דירה, זיינען אַוועק אַלס רבי־געלד פאַר׳ן אויסלערנען נעהען אויף אַ מאַשין, און אין אַ וואָך צייט איז ער שוין געווען פעהיג צו פאַרדינ׳ען אכצעהן סענט אַ טאָג. און אַבוואָהל אויף זיין חשבון איז אויס־געקומען דאָפּעלט, ווייל ער האָט נאָך גערעכענט אויף די היימישע קאָפּיקעס, האָט ער זיך דאָך מיט דער סומע ניט באַנוגענט און האָט זיך באַרעכענט, אַז מען קען גיך צו גאָט קומען מיט אַזעלכע פאַרדינסטען.

גאָט צו דאַנקען, ער איז ניט קיין קאַליקע. ער קען מיט רעכט זאָגען, אַז ער איז אַ מענש, קאָטאָרי איז דורכ־געגאַנגען אין פייער און וואַסער, און אַז אַלע מאַכען דאָ אַ לעבען, פאַר וואָס זאָל ער ניט קענען? אמת, ער איז נאָך אַ גרינער, אָבער אַלע גרינע מאַכען אַ פיינעם לעבען פון „פעדלען" און ער וועט אויך פעדלען און מאַכען אַ לעבען ניט ערגער פון אַלעמען.

איצט האָט ער זיך דערמאָנט אויף די שטיינער וואָס מען וואַרפט אויף אידען. דאָס איז זעהר אַן אומאַנגענעמע זאַך, נאָר ער האָט באַלד אָבער דערצו אויסגעזוכט אַ מיטעל. ער האָט זיך אַרומגעראַזירט און אָראָפּגעוואָרפען פון געזיכט די סמנים פון אַ אידען און באַשלאָסען צו ענטפערען וואו מען וועט איהם פרעגען, אַז ער איז אַ דייטש. ווער וועט איהם קענען אָפּלייקענען?

ער האָט געמאַכט אַ זאַפּאַס פון די נויטיגע ווערטער, וואָס ער וועט דאַרפען צו זיין געברויך, צווישען וועלכע עס איז אויף דעם ערשטען פּלאַץ געשטאַנען דאָס וואָרט „דזשווירמען“, האָט אָנ־געקויפט „נאָשאָנס“ און האָט אויסגעפּיקסט אַ בעסקעט, אַז עס איז געווען אַ פאַרגעניגען צו קוקען. קיינער וואָלט ניט געקענט זאָגען, אַז ער געהט ארוים דאָס ערשטע מאָל „פּעדלען“, און ער איז אַוועק אין דער קאַנטרי מיט דעם „אוצר“.

אָנפאַנג איז געגאַנגען זעהר צרה׳דיג. ער האָט ביים פּעדלען געמאַכט ניט מעהר, ווי ביי דער מאַשין, און עס איז קיין וואונדער ניט. עס האָט איהם גענומען מעהר ווי א וואָך צייט אויסצולער־נען זיך אָנצוקלאַפּען אין אַ טיר: די ערשטע טעג האָט זיך זעלטען־ווער אָנגערופען אויף זיין קלאַפּען, ווייל געקלאַפּט האָט ער זעהר דעליקאַטנע, און ווען אפילו א מויז וואָלט געשטאַנען אויפ׳ן שוועל, וואָלט זי זיך פאַר׳ן קלאַפּען ניט דערשראָקען, און ווידער ניט צו יעדער הויז האָט ער געקענט צוקומען, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר די הינט. נאָר אין אַ וואָך צייט האָט ער זיינע נויטיגע „עקספּירענס“ געקראָגען און האָט שוין געמאַכט ביז איבער אַ האַלבען דאָלאר אַ טאָג.

זיינע הוצאות זיינען געווען קליינע. פון די פּעדלער, וועלכע ער האָט באַגעגענט אין געוויסע פּונקטען האָט ער אויסגעפונען, ווי צו מאַכען דעם מאַרשרוט אזוי, אַז ביז אָבענד זאָל ער דערציהען ביז אַ געוויסען דאָרף, וואו ער קאָן באַקומען אַ נאַכטלעגער אומ־זיסט און פאַרצובייסען נעהמט מען קיין געלט ניט. ער האָט גוט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ מין בעטלער־לעבען און ער האָט זיך דאָס געשטאַרעט צו פאַרגלעטען מיט דעם, וואָס ער פלעגט פאַר׳ן אַוועקגעהן שענקען א קינד אַ קעמעלע, אָדער דער בעל־הבית׳טע

א פּאָר זאָקען אָדער זאָקען־בענדלאָך, און דערמיט האָט ער דאָס געמאַכט אַביסעל גלאַטער.

איין טאָג איז איהם אויסגעפאַלען זעהר א גוטער. ער האָט געמאַכט איבער אַכציג סענט ריוח. אין דער פריה איז ער אַרוים פון א שטעדטעל, וואו ער האָט גענעכטיגט מיט נאָך עטליכע פּעד־לער ביי דעם איינציגען רוסישען אידען. דאָרט איז צום גליק זיינער א לאַנדסמאַן, מיט אַלע נויטיגע ידיעות וועגען דעם וועג. מען האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז ביז אָבענד זאָל ער דערציהען ביז א געוויסען דאָרף און מען האָט איהם אויסגעמאָלט א פאַרם, וואו ער וועט האָבען א גוטען נאַכט־לעגער און א פיינעם סאַפּער אומ־זיסט, אויב ער האָט ניט מורא פאַר טרפות. פול מיט האָפנונג פון דעם טאָג פדיון, האָט ער זיך, ווי די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, געלאָזען געהן צום דאָרף, וואָס מען האָט איהם אויסגעמאָלט. פאַר דער גאַנצער צייט וואָס ער איז אין אַמעריקא, איז איהם דאָס ערשטע מאָל אַרויף אויף דער צונג דער ניגון פון „ער מאַסקוואַ", און ער האָט איהם ניט אויפגעהערט צו זינגען, ביז ער האָט דערצויגען צום פאַרם, וואָס מען האָט איהם אין דער פריה אָפּגעמאָהלט. עס איז שוין געווען אָבענד־צייט. ער האָט אָנגע־קלאַפּט אין פענסטער, און א הויכע פרוי אין א שוואַרץ קלייד מיט א ווייסען פאַרטוך ביז די אַקסלען און א ווייס הייבעל אויפ׳ן קאָפּ איז איהם אַרוים אַנטקעגען און ערפאַהרענדיג וואָס ער וויל, איז זי אויף א ווייל פאַרשוואונדען און באַלד זיך צוריקגעוויזען אויפ׳ן שוועל און געבעטען איהם אַריינקומען.

ער האָט אָוועקגעשטעלט דעם בעסקעט אין א ווינקעל און די ווירטהין האָט איהם געגעבען א קריגעל וואַסער און א שיסעל זיך איינצוואַשען, און ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט דעם, האָט מען איהם באַוויזען אויף א זיץ ביים טיש, וואָס איז געווען געדעקט מיט פאַרשידענע עסענוואַרג.

ער האָט גענומען עסען מיט בושה, נאָר זעהענדיג, אַז אַלע אַרום טיש עסען מיט א גוטען אַפּעטיט, האָט ער אויך נאָכגעגעבען זיין אַפּעטיט און געגעסען מיט א פולע מויל.

ווען ער האָט געהאַט פֿאַרשלאָגן דעם ערשטן הונגער, האָט זיך דער ווירט פֿון הויז, אַ פֿיינער מאַן מיט שאַרפֿע אויגן, מיט אַ ציגן בערדל, צו איהם געווענדעט מיט אַ פּאָר פֿראַגן, אויף וועלכע ער האָט ניט געקענט ענטפֿערן. ענדליך האָט ער דער־כאַפּט אַ וואָרט, ווי „נײשאַנאַליטי״, און ער האָט פֿאַרשטאַנען אַז ער פֿרעגט איהם, צו וועלכער נאַציאָן ער געהערט.

— דזשווירמען! — האָט ער געענטפֿערט, ניט קלערענדיג פֿיעל, און האָט אַ קוק געטאָן אויפֿ׳ן ווירט.

— ביים בעל־הבית האָבן זיך די אויגן אָנגעגאָסען מיט בלוט, מיט ביידע פֿויסטען האָט ער אַ זעץ געטאָן אין אַ טיש, אַז אַלע טעלער האָבן אָנגעהויבן צו טאַנצען, און די גאָפּלען האָבן אויף אַ היבשע צייט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, ווי פֿון אַ קאַמער־טאָן, און ער האָט עפּעס אַ געשריי געטאָן אַ וואָרט, וואָס פֿעלדמאַן האָט ניט געקענט פֿאַרשטעהן, און האָט מיט׳ן האַנט באַוויזען אויפֿ׳ן טיר.

דער פֿעדלער איז געבליבען זיצען, ווי פֿון אַ דונער געטראָפֿען, ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מען ווייזט איהם די טיר, נאָר פֿון שרעק האָבען איהם די פֿיס אָפּגענומען, און ער האָט זיך ניט געקענט אַ ריהר טאָן.

דער בעל־הבית האָט זיך האַסטיג אַ הייב געטאָן פֿון טיש, איז צוגעלאָפֿען צום ביקס, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, און האָט איהם אַ כאַפּ געטאָן.

דער פֿעדלער איז דערווייל געקומען צו זיך און האָט זיך גע־לאָזט לויפֿען צום טיר און אַהן אַ היטעל אַרויסגעלאָפֿען.

אַ יונגער באַי האָט איהם באַלד אָנגעיאָגט און האָט איהם איבערגעגעבען זיין בעסקעט מיט׳ן היטעל.

פֿרעגען וואו צו נעכטיגען האָט ער איצט מורא געהאַט. די הויט האָט אויף איהם נאָך געציטערט און ער האָט בעסער באַ־שלאָסען אומצוקעהרען זיך צוריק אין שטעדטעל און איבערצו־נעכטיגען ביים לאַנדסמאַן.

איז מיטען נאַכט, האַלב נאָך איינס, האָט ער דערגרייכט צום לאַנדסמאַנ׳ס הויז און האָט גענומען קלאַפּען, ווי ער וואָלט אַנט־לויפען פון רויבער.

— וואָס איז מיט אייך דער מעהר? אויף אייך איז דאָך קיין פּנים ניטאָ! — האָט מען איהם געפרעגט.

— נו, אַ לאַנד! נו, אַ לאַנד! אפילו אַ דייטש טויג שוין אויך ניט.

— וואָס איז געשעהן?

עס האָט גענומען אַ גוטע האַלבע שטונדע איידער מען האָט פון זיינע אַפּגעריסענע פראַזען געקענט דערגעהן, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט. איין פּעדלער, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דעם בראַזגען, האָט זיך צולאַכט:

— האַ־האַ־האַ! וואַהאַי, דער פּאַרמער איז דאָך אַ פראַנצויז, האָט פיינט די דייטשען ווי שפּינען, האַ־האַ־האַ!

דער ספּאָרט

(הומאָרעסקע).

צווישען זיינע באַקאַנטע אידישע בעלי־עבירה׳ניקעס איז וואָלף געווען א גאַנצער ספּאָרט און נאָך אַ צייט פריהער איידער מען האָט זיך רעכט פאַראינטערעסירט אויף דער איסט־סייד מיט די עלעקשאַנס, האָט ער שוין אַלעמען געדולט אַ קאָפּ וועגען וועטען זיך.

דער אמת איז געווען, אַז ער האָט זיך ניט געקענט פאַרגינען צו האַלטען אַ וועט. ער איז געווען אַן אָרימער קלוירק, און הגם נאָך ניט קיין באַווייבטער, האָט ער קיין איבעריגע געלט קיינמאָל ניט געהאַט און האָט זיך קוים דורכגעשלאָגען מיט דער הוצאה. נאָר ער איז געגאַנגען אויף זיכער און ער האָט געוואוסט, אַז ער קען ניט פאַרלירען.

זיין ערשטער וועט האָט ער געמאַכט מיט א וואָך זעקס פאַר עלעקשאַנס. דער וועט איז ניט געווען קיין גרויסער, סך הכל פינף געגען פינף, בשעת אין וואָל סטריט איז זיין קאַנדידאַט געווען אזוי שטאַרק, אַז עס האָבען זיך ניט געפונען קיין בעלנים צו וועטען אויף גלייכע געלט. און דאָס אַליין איז דאָך שוין געווען אַ געווינס.

דורך די זעקס וואָכען האָט זיך וואָלף אָביסעל אָנגעשטרענגט און געוועט זיך מיט נאָך עטליכע, ער פאַר זיין שטאַרקען קאַנדידאַט און יענע פאַר זייער שוואַכען קאַנדידאַט און אַלע אויף גלייכע געלט.

אין דעם אָבענד פון עלעקשאַן זיינען זיי אַלע געגאַנגען „וואַטשען די ריטוירנס“ אַנטקעגען איבער אַן אָפּיס פון אַ צייטונג און

מיט יעדער האַלבער שטונדע איז ער אַלץ מעהר רעדעווודיג גע־וואָרען און יענע שטילער און עס איז נאָך ניט געווען צעהן אַזייגער, ווען יעדער ספק איז פאַרשוואונדען און עס איז געוואָרען זיכער, ווי דער טאָג, אַז וואָלף׳ס קאַנדידאַט האָט געוואונען.

און טאַקע באַלד האָבען אינגלאַך אָנגעהויבען צו לויפען ווי די מחבלים מיט בינטלאַך צייטונגען אונטער׳ן אָרים, מיט׳ן בילד פון וואָלף׳ס קאַנדידאַט אויף דער ערשטער זייט און מיט גרויסע בוכשטאַבען, אַז ער איז עלעקטעד.

אין זיין גרויסמוטה האָט זיך וואָלף אָנגערופען:

— ווייסט איהר וואָס, חברה? לאָמיר געהן אַפּנעהמען דאָס געלט און מאַכען אַ הוליאַנקע.

דער פּלאַן איז בעסער געפעלען געוואָרען ווי די ריטוירנס, און אַפילו יענע, וואָס האָבען נאָך ברעה געהאַט צו וואַרטען וויי־טער, טאָמער, ווער ווייסט, אפשר וועט זיך נאָך דאָס רעדעל אַ דרעה טאָן, האָבען זיך אויך אָנגעכאַפּט אָן דעם.

און וואָלף איז געווען אַ ספּאָרט, און אַז ער האָט באַשלאָסען צו הוליען, זאָל טאַקע זיין געהוליעט. זיי האָבען זיך אוועקגעלאָזט אין אַ גוטען רעסטאָראַנט, וואו מען האָט געקענט קריגען ניט נאָר זעלטענע פּאַטראָוועס, נאָר טאַקע גאָר אַ גוטע גלאָז וויין און מען האָט זיך גענומען טאָן גערעכטיגקייט צו די טעלער און פלע־שער, ווי נאָר מען קען עס דערווייזען אויף לייכט־געוואונענע געלט.

וואָס לעדיגער די פלעשער זיינען געוואָרען, אַלץ פרעהליכער איז געוואָרען די קליינע קאָמפּאַניע. די באַקען האָבען זיך אָנגע־הויבען צו פאַרבען, די אויגען צו בליסטשען, די זאָרגען פון דער וועלט זיינען אין גאַנצען פאַרשוואונדען.—

וואָלף האָט פּלוצים דערפיהלט, ווי אויף איהם פאַלט אָן אַ גע־לעכטער. ער איז צום טרינקען ניט געווען געוואוינט און ווען אַ מאָל אין אַ שמיטה האָט איהם זיך געמאַכט אַ געלעגענהייט צו טרינקען אָן איבעריגען גלאָז וויין, האָט ער אויסגעבראָכען אין אַ געלעכטער. איצט אויך האָט ער זיך אַזוי בולט דערמאָנט די עם־הארצות פון זיינע פריינט ביים טישעל אין הלכות וועטעריי, און אַ גרויסער געלעכטער האָט איהם אָנגעהויבען צו שטופּען און

ער האָט אויסגעשאָסען אין אַ חאַ־חאַ־חאַ, פריהער מיט האַלב־אויפ־געהויבענע הענט און פאַרריסענעם קאָפּ און גלייך נאָכדעם האָט זיך דער אויבערשטער האַלבער קערפּער צוזאַמען מיט׳ן קאָפּ און מיט די הענט לאַנגזאַם גענומען זיך אַרונטערבויגען, און ער האָט מיט׳ן שטערן אָנגעריהרט דעם טיש און די גאַנצע צייט ניט אויפ־געהערט צו לאַכען.

אין פּנים איז איהם אַריין דאָס גאַנצע בלוט, אין די אויגען זיינען געשטאַנען גרויסע טראָפּענס טרעהרען, ווען ער האָט צוריק דעם קאָפּ אויפגעהויבען און קוים־קוים אַרויסגערעדט דורך זיין היסטערישען געלעכטער.

— חאַ־חאַ־חאַ! — זייט איהר — חאַ־חאַ־חאַ — יאָלדען —

און ער האָט זיי ערקלעהרט, ווי ווייט דער געלעכטער האָט איהם געלאָזט, פאַר וואָס ער האָט וועגען זיינע פריינד אַזאַ מיינונג.

דאָס האָט אויסגעוויזען זעהר קאָמיש דער גאַנצער קאָמפּאַני און איינער פון זיי האָט זיך פרעהליך אָפּגערופען צו אַ בוכהאַלטער:

— העי, בוכהאַלטער, פאַרשטעהסט? מען דאַרף זיך וועטען מיט מאַטעמאַטיק.

און אַלע האָבען געלאַכט.

זיי האָבען זיך אויפגעהויבען פון טיש, ווען עס איז געקומען די צייט צו פאַרמאַכען דעם רעסטאָראַנט, און וואָלף איז מיט ניט־זיכערע טריט אַוועק אַהיים, און גלייך זיך אַריינגעוואָרפען אין בעט.

אויפגעשטאַנען איז ער מיט אַ שווערען קאָפּ און מיט אַ ברע־נונג אין האַרצען. ער האָט פאַרגעסען אָנצושטעלען דעם וועק־זייגער און האָט זיך פאַרשלאָפען שפּעטער ווי געוועהנליך, נאָר ווי ער האָט זיך ניט געאיילט אין געשעפט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, ווען די בעל־הבית׳טע האָט איהם געזאָגט:

— אי׳ל בעטשיו, איהר ווייסט אפילו ניט, ווער עס איז עלעק־טעד געוואָרען.

— אָה, איך ווייס שוין גאַר גוט, — האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכעל. — איך האָב שוין נעכטען ביינאַכט געוואוסט.

— אויב אַזוי, ווייסט איהר טאַקע ניט, — האָט זי געזאָגט און איהם אונטערגעטראָגען א ציימונג.

א סעקונדע האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז א חלום און א רעזולטאַט פון זיין נעכטיגען טרינקען. נאָר באַלד האָט ער אָנ־געהויבען שטאַמלען:

— וואָס הייסט? ס׳טייטש, עס איז דאָך נעכטען — עט, דאָס איז ניט ריכטיג.

נאָך דעם זעלביגען טאָג האָט ער געהאַט א באַזוך פון זיינע פריינד, וואָס האָבען זיך מיט איהם געוועט, און זיי זיינען געקומען אנגעגורט מיט אַלע ציימונגען און געפאָדערט ער זאָל אָפּשטעקען דעם געווינס. דעם ערשטען טאָג האָט ער זיי מדחה געווען מיט דעם תירוץ, אַז דער רעזולטאַט איז נאָך אַלענפאַלס ניט באַשטימט און דאַן געוויזען זיי שוואַרץ אויף ווייס, אַז אין וואָל סטריט האָט מען פאַרהאַלטען דאָס געלט פון די וועטערס, און דאַן האָט ער געזוכט אויסצופּשט׳לען, אַז א חוב פון א וועט האָט גאָר אַנדערע דינים.

— ווען מען וועט זיך, לעגט מען דאָס געלט איין, — האָט ער ערקלעהרט. — פאַר וואָס? ווייל מען אנערקענט עס ניט פאַר א חוב און מיר האָבען דאָך אויך דאָס געלט איינגעלעגט. אי וואָס, עס האָט זיך אויסגעלאָזט א טעות? איז גאָרניט. און געטרונקען האָבען מיר אַלע אויף דעם געלט. איז דאָך אודאי גוט.

נאָר די פריינד האָבען דעם תירוץ ניט געוואָלט אָננעהמען, און עס איז נאָך א לאַנגען דינגען זיך באַשלאָסען געוואָרען, אַז מען זאָל מאַכען אויף זיינע הוצאות א צווייטע סעודה אין דעם זעלביגען רעסטאָראַנט און דעם באַלאַנס אויסצאַהלען אין מזומנים.

אָבער ביי דער צווייטער סעודה האָט שוין וואָלף ניט גע־לאַכט.

דער בעל קנאה

אין אדם מת וחצי תאותו בידו.

ער איז געשטאנען נעבען פענסטער, אנגעשפארט מיט׳ן שטע־קען אז בײדע הענט פארלעגט אײנע אויף די אנדערע און געקוקט אויף דרויסען. געשטאנען איז ער אײנגעבויגען אין דרײען און צוזאמען מיט׳ן שטעקען האט ער אויסגעזעהן ווי א דונע. מיט שווערינקײטען האט ער פאנאנדערגעריסען זײנע געלבליכע ברע־מען און מיט די מוטנע אויגען פון אלטקײט האט ער געקוקט אויף די טאג־מענשען, וואס האבען דאבײ געגראבען א שטיק ערד צו לעגען א פונדאמענט. זײנע מוטנע אויגען קענען זיך שוין ניט אנצינדען מיט קײן פײער, נאר דאך קען מען אין זײ מערקען עפעס א מין שײן, ווי פון א קויל וואס טליעט... יא, ער, דער אכציגער, וואס האט שוין קײן כח ניט די שטוב אריבערצוגעהן אהן דעם שטעקען, קוים־קוים וואס ער שלעפט די פיס, וואס דער טויט שטעהט שוין הינטער זײנע פלײצעס, ער איז איהם מקנא. די אלטע אויסגעמוליעטע סטרונעס גיבען עפעס א מין ציטער בײ איהם אין הארצען, דער ציטער רופט זיך שוואך אפ איבער׳ן גאנצען קערפער און פאראורזאכט דאס קלײן פײער׳ל אין די אויגען...

ער איז ניט מקנא חס־ושלום איצע בעריכעס, וואס מויערט א דרײ־שטאקיג הויז... ער איז שוין צו אלט, אז בײ איהם אין הארצען זאל אזא קנאה געפינען אן ארט. הײנט גלאט, וואס איז ער פאר א מחותן מיט איצע בעריכעס, ער זאל איהם מקנא זײן! מאלע וואס אײנער האט! נור מקנא איז ער... די טאג־מענשען: מען זאגט, זײ נעהמען צו אכציג גראשען א טאג! דאס איז קײן קא־טאוועס!

ער גיט אַ ציה די אַלטע ביינער, עס ווערט איהם פּשוט וואָרעם פון גערדאנק. ער שטעלט זיך פאָר דעם פאַרגעניגען, וואָס ער וואָלט איצט געהאַט, ווען ער זאָל ניט זיין אַזוי אַלט. ער וואָלט ניט געאַרבייט, ווי די פּויליאַקעס, ביי יעדען רידעל קוועטשען זיי זיך, קוים־קוים וואָס זיי ריהרען זיך, הע־הע־הע! (קרימט ער זיי איי־בער עפּענענדיג דאָס מויל און קרימענדיג מיט דער נאָז.) ביי איהם וואָלט די אַרבייט געקאָכט, קיין אויג וואָלט ניט געכאַפּט, ווי דער רידעל נעהמט אָן די ערד און וואַרפט אַרויס. אַ, ער האָט געקענט אַרבייטען! און ער האָט טאַקע געאַרבייט!

ער דערמאָנט זיך, ווי ער פלעגט פאָר אַ גילדען אַ טאָג אַרבייטען אין גאַרבאַרניע. פון אַ שפּראָץ אויף אַ טאָג ביז רעכט פינסטער גע־שטאַנען מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָרק און געסקראָבעט און געסקראָ־בעט און געסקראָבעט. פון פּנים רינט, ווי פון אַ לעבעדיגען עמער, די העמד נאַס אויסצודרייען, אין האַרצען ברענט פון דאָרשט און ער פאַרגינט זיך ניט אָפּווישען מיט׳ן אַרבעל דאָס פאַרשוואַרצטע געזיכט, אויסגלייכען אויף אַ מינוט די פּלייצע, כדי אָפּכאַפּען דעם אָטעם, ניין כאַפּען אַ שלונג וואַסער און שטילען דעם דאָרשט.

דער קויל אין די אויגען גליהט זיך מעהר פאַנאַנדער, דאָס האַרץ גיט אַן איבעריגען קלאַפּ.

אַז ער זאָל האָבען גענומען ניט קיין גילדען אַ טאָג, נאָר טאַקע אַכציג גראָשען אַ־אַ־אַאַאַ! ווער וואָלט איצט זיין גלייכען געווען?

ער חשבונ׳ט ניט (אַזאַ חשבון איז ניט נאָך זיינע כחות!) וואָס פאַר אַן אייגענס ער וואָלט איצט באַזעסען. ער ווייסט, אַז ער וואָלט איצט געהאַט „אַן אוצר מיט גאָלד" און וואָלט זיך ניט געדאַרפט בעטען ביי די גבאים פון הקדש, זיי זאָלען איהם נאָך אַזוי גיך ניט „אויסשרייבען".

איז מען ניט ביים אמת׳ן געזונד, זאָל מען לכל הפחות זיין גוט קראַנק. — פאַלט איהם פּלוצים איין נאָר אַן אַנדער גערדאַנק. אין הקדש איז געווען גוט צו ליגען. קיינער, לכל הפחות, האָט ניט ארומגעטריבען, איהם האָט ניט געדאַרט דער קאָפּ אויף די פינף־און־צוואַנציג גראָשען אַ וואָך דירה־געלט. אפילו ס׳קומט ניט אַן אַזוי שווער צונויפקלייבען די פינף־און־צוואַנציג גראָשען. איהם

גיט מען אַ גראַשען, וואו ער געהט נאָר אריין, אָבער געהן שווארצען דאָס פנים, אויסשטעלען די האַנט...

ער גיט ווייטער אַ קוק אויף די טאָג־מענשען. זיי נעהמען צו אכציג גראַשען אַ טאָג. ער ווערט גאָר פשוט מלא רציחה און זעהט ווי זיי שאָקלען זיך מיט׳ן גאַנצען קערפּער ביי יעדעס מאָל אַרויס־ווארפען אַ רידעל ערד, גיט ער זיי אַ קרים איבער מיט כעס: העך־העך־העך, און גיט זיך אַ שאָקעל צוזאַמען מיט׳ן שטעקען, און טרעט אָפּ פון׳ם פענסטער.

אוי די קינדער

(אַ חלום).

און מיר האָט זיך גע׳חלומ׳ט.

איך בין אַ קליין אינגעל און פאַרקראַכען הינטער דער שטאָדט.

אויף אַ שטיין איז געזעסען אַן אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגע גרויע באָרד, הויך און צוקנייטשט דעם שטערן, אַנגערוקט די ברע־מען, שטייף פאַרצויגען די ליפּען. זיין לאַנגע אַטלעסענע קאַפּאָטע צוריסען אין פּאַסען, אָבער ניט פון אַלטקייט, נאָר פרישע ריסען וואָס מען האָט געמאַכט מיט די הענט. אין האַנט האָט ער גע־האַלטען אַ וואַנדער־שטעקען.

ווען איך בין צוגעקומען צו איהם נעהענטער האָב איך צו מיין שרעק באַמערקט, אַז ביי איהם איז אונטערגעשלאָגען אַן אויג, אַ באַק צושניטען און די גרויע באָרד באַשפּריצט מיט בלוט.

— וואָס איז דיר, זיידע? — האָב איך איהם געפרעגט.

דער אַלטער האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן, האָט אַנגעכאַפּט שטייף דעם שטעקען.

— ווער ביזטו? — האָט ער מיך געפרעגט.

— יאַנעקעלע איטשע־אברעמיל׳ס — האָב איך איהם געענט־פערט און געלאָזט זיך געהן צו איהם נעהענטער.

— שטעה! — האָט ער אַ געשריי געטאָן. — דו זעהסט דעם שטעקען? איך וועל אויף קיינעם קיין רחמנות ניט האָבען.

— זייט איהר ניט אַ איד, זיידע? — האָב איך איהם געפרעגט פאַרוואונדערט, ווייל אין מיין קעפּעל האָט זיך ניט געקענט פאַר־שטעלען אַ געדאַנק, אַז אַ אידישער זיידע זאָל קענען שלאָגען אַ אידיש אינגעל מיט זיין שטעקען.

— זעהסט ניט, אַז איך בין אַ איד! וואָס דאַרפסטו?

— איך... איך...— האָב איך אָנגעהויבן צו שטאַמלען.

— וואָס דאַרפסטו? וואָס ווילסטו? — האָט ער מיר אומגעדולדיג איבערגעפרעגט נאָך אַמאָל, און זיינע אויגן האָבן געשאָסן מיט פייער.

איך האָב זיך פאַר איהם דערשראָקען און האָב אויסגעשאָסען אין אַ געוויין.

— וואָס וויינסטו? — האָט ער מיר געפרעגט שוין ווייכער.

זיין ווייבערשער קול האָט מיר צוריקגעקערט מיין צונג און איך האָב געענטפערט:

— איך האָב מורא.

— פאַר וועמען?

— פאַר אייך.

— פאַר מיר?!

— יאָ.

— פאַר וואָס?

—איהר זייט אַ בייזער.

— קום אַהער, קינד. איך בין שוין גאָרניט קיין בייזער. שלעכטע מענשען מאַכען מיר בייז.

איך האָב מיט מיינע קליינע קולאַקלאַך גענומען אויסווישען די טרערען און בין צוטרוייליך צוגעגאַנגען צו איהם.

— וואָס זייט איהר אַזוי צוקיילט און צוריסען, זיידע?

— הינט זיינען מיר באַפאַלען. הינט בצורת אדם.

— וועלכע הינט? — האָב איך איהם איבערגעפרעגט.

— הינט וואָס האָבען אַ פּנים פון מענשען און רעדען ווי מענשען און געהען ווי מענשען.

— איך האָב אַזעלכע הינט ניט געזעהן! — האָב איך געזאָגט

— הלואי זאָלסטו זיי ניט זעהן! — און אַ גלעט געטאָן מיר איבער׳ן קעפּעל.

— וואו זיינען זיי דיר באַפאַלען?

— דו הערסט ניט, ווי זיי רייסען אויף דעם הימעל מיט זייער בילען? הערסט? — האָט ער געזאָגט און געוויזען מיט׳ן רעכטען

צייג־פינגער צום מזרח־זייט און צום מעריב־זייט און צום צפון־זייט און צום דרום־זייט.

איך האָב ווירקליך דערהערט אַזעלכע משונה׳דיגע קולות, אַזעלכע שרעקליכע, אַז איך האָב אָנגעהויבען צו ציטערען מיט אַלע מיינע גלידער. דאָס זיינען געווען ווילדע קולות פון מענשען, וואָס זיינען פאַר׳חיה׳ט געוואָרען, פאַרצווייפעלטע קולות פון געפייניגטע, געשרייען פון קליינע קינדער וואָס ווערען געמאַטערט. עס האָט אויסגעוויזען, אַזוי ווי די טהויערען פון גיהנם האָבען זיך געעפענט און פון דאָרטען האָבען זיך אַ שאָט געטאָן אַלע פיינט פון דער מענשהייט פון אַלע פאַרגאַנגענע דורות. די ערד האָט אונטער אונז געציטערט און די קולות זיינען צוגעקומען אַלץ נעהענטער, און צוגעקומען זיינען זיי פון אַלע זייטען אַזוי, אַז עס איז ניט געבליבען קיין פּלאַץ וואו צו אַנטרינען.

דער אַלטער האָט מיט אַ נערוועזע האַנט שטייפער אָנגענומען דעם שטעקען, זיינע ברעמען האָבען זיך נאָך טיעפער אַנגערוקט און זיינע ליפּען נאָך שטייפער איינגעצויגען.

איך האָב אויסגעבראָכען אין אַ הויכען געוויין.

— וואָס וויינסטו? — האָט ער געפרעגט שאַרף.

— זיי וועלען דיך דער׳הרג׳ענען.

— דער׳הרג׳ענען? — האָט ער אַרויסגערעדט, ציהענדיג דאָס וואָרט. — דער׳הרג׳ענען? יא, זיי בייסען טיעף, טיעף... דער׳הרג׳ענען ווילען זיי, דער׳הרג׳ענען...

די קולות זיינען געוואָרען נאָך שרעקליכער, זיי זיינען צוגעקומען אַלץ נעהענטער. אַ טיעפער וועהטאָג האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דעם אַלטענס אויגען. פון מינוט צו מינוט איז איהם איבערגעלאָפען אַ ציטער איבער׳ן קערפּער.

— האָסטו גאַרניט קיין קינדער, זיידע? — האָב איך איהם געפרעגט.

— קינדער? חא־חא־חא! איך האָב קינדער, און אַ סך קינדער אַזוי אַז עיז־הרע, געראָטענע קינדער, טייערע קינדער, וואוילע קינדער, חא־חא־חא!

זיין געלעכטער איז געווען אזא וואָס קומט פון האַלז און ווייזט זיך ניט אַרויס אין קיין מוסקול פון געזיכט, און וואַרפט אַן אַ שרעק אויף דעם, וואָס הערט איהם.

— וואו זיינען דיינע קינדער? — האָב איך איהם געפרעגט. — ווי קומט עס, אַז זיי זיינען ניטאָ נעבען דיר און העלפען דיר ניט, ווען דו ביזט אין אַזאַ עת־צרה?

— ווענען געהט היינטיגע צייטען אַן אַ טאַטע! האָט ער גע־זאָגט און אויף זיינע ליפּען האָט זיך באַוויזען אַ ביטערער שמייכעל.

— וואו זיינען זיי איצט? — האָב איך איבערגעפרעגט. — זאָג מיר און איך וועל אַריבערלויפען, אפשר וועלען זיי אָנקומען אין דער צייט.

— דיין טרחה וועט זיין אומזיסט.

— איז עס שוין צו שפּעט.

— ניט וואָס צו שפּעט, נאָר זיי וועלען ניט קומען.

— זיי וועלען לאָזען דעם טאַטען ממית׳ן און ניט קומען איהם צו הילף?

— זיי וועלען ניט קומען! — האָט ער געזאָגט, און פון האַרצען האָט זיך ביי איהם דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעריסען אַ זיפץ, אַ שווערער זיפץ. — זיי וועלען ניט קומען.

איך האָב איהם אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— זיי האָבען בילכערע זאַכען צו טאָן.

מיין פאַרוואונדערונג איז געוואָרען נאָך גרעסער.

— זיי האָבען בילכערע זאַכען צו טאָן. — האָט ער נאָך אַמאָל געזאָגט מיט אַ דומפּען קול. — זיי זיינען איצט באַשעפטיגט מיט אַ גרויסע ערפינדונג, ווי אַזוי אויסצוקאַסירען רייסעניש, צופּעניש, פליקעניש פון דער וועלט. און ווען הינט וועלען אויפהערען צו בייסען, צו רייסען, צו פליקען, וועל איך דאָך שוין ממילא ניט דאַרפען מורא האָבען פאַר זיי. מיין אינגסטער זוהן האָט מיר ניט לאַנג געשריבען, אַז אָט־אָט וועט ער די ערפינדונג מאַכען...

— אָבער דערווייל!...

— דערווייל זאָל מען מיר בייסען, זאָל מען מיר רייסען. א פּאָר פון מיינע קינדער האָבען זאָגאָר געזאָגט: „מה רעש, אז הינט פּאַלען אַן! קנאַפּ וואונדען האָט ער, וועט ער האָבען נאָך עטליכע!"

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען צו דער ערד און געמורמעלט צו זיך:

— מילא, הינט בייסען — דאָס איז זייער טבע, אָבער קינדער... קינדער זאָלען זיין אַזוי צו אַ טאַטען... קינדער אויף וועלכע איך האָב מיין געזונד אוועקגעלעגט... קינדער פאר וועלכע איך האָב זיך מפקיר געווען...

ווען דער אַלטער האָט ווידער אויפגעהויבען זיינע אויגען, האָב איך אין זיי דערזעהן טרעהרען.

א גרויסער הונט איז פון ערגעץ אַרויסגעשפּרונגען און האָט זיך מיט די ציינער איינגעגעסען דעם אַלטען אין פּוס.

איך האָב אָנגעהויבען צו שרייען: „ראַטעוועט!" — און אין מיטען געשריי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט.

די נקמה

1.

פון א העל־באלויכטענע איינשטאָקיגע הויז זיינען ארוים צוויי מאנסלייט. ווי נאָר די טיר האָט זיך פארמאַכט הינטער זיי, האָט איינער ביים צווייטען א פרעג געטאָן:

— נו, וואָס זאָגסטו, חיים?

— וואָס זאָל איך זאָגען? — האָט דער צווייטער, וועמעס נאָמען איז געווען חיים, געענטפערט שעמעוודיג.

— געפעלט זי דיר?

— יאָ! — האָט חיים געענטפערט קורץ.

— האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז זי איז א בילד־שעהנע מיידעל?

— יאָ, אָבער...

— וואָס אָבער?

— אָבער זי איז נאָך אזוי יונג...

— און וואָס האָסטו געוואָלט, אַן אַלטע מיידעל?

— ניין, אָבער זי זעהט נאָך אויס, ווי א מיידעלע פון א יאָהר פופצעהן.

— א חסרון, די כלה איז צו שעהן! אַזאַ מיידעל איז דאָך אַן אַנטיק... און דערצו אַזאַ פּקחית!

חיים שאָקעלט צו אין דער פינסטער מיט'ן קאָפּ אויף א צייכען, אַז ער איז איינשטימיג מיט איהם. ער האָט גאָר אַנדערש ניט אָנגעהויבען צו דענקען, אַז זי איז א קלוגע מיידעל: פּטור, ווי קען זיין א שעהנע מיידעל ניט קיין קלוגע?

— און ווי פיין זי רעדט! דאָס איז אָביסעל א לשון פון א מיידעל. ס'איז דאָך אויף בילעטען צו געהן הערען!...

חיים האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט אין מיטען דער גאַס. דער צווייטער איז אויך געבליבען שטעהן.

— זי האָט דאָך גאָרניט גערעדט! — האָט חיים געזאָגט, און דאָס האַרץ האָט זיך איהם אַ צאַפּעל געטאָן פאַר שרעק.

— ס'טייטש ניט גערעדט, — האָט דער צווייטער געזאָגט פאַר־וואונדערט. זי האָט דאָך די גאַנצע צייט גערעדט...

— וועמען מיינט איהר? — האָט חיים געפרעגט ערשטוינט.

— וועמען מיינסטו?

— איך מיין... איך מיין... איך... דאָס מיידעל וואָס איז גע־זעסען שטיל...

— וועלכע מיידעל! יענע קליינע פּאַטשוק, וואָס דאַרף נאָך האָבען דער מאַמען, זי זאָל איהר ווישען די נאָז?... דאָס איז אויך אַ מיידעל?

— און וועלכע האָט איהר געמיינט? — האָט חיים געפרעגט מיט כעס.

— וועלכע זאָל איך מיינען? איך מיין די כלה, די אמת'ע כלה, די וואָס האָט גערעדט!...

— אויב אַזוי האָבען מיר איינער דעם צווייטען ניט פאַר־שטאַנען, — האָט חיים געענטפערט מיט אַ זיפץ. — „אייער" מיידעל געפעלט מיר גאָרניט...

— פּו, פּו, פּו! צו מיינע שונאים'ש'ע קעפּ, צו זייער לייב און לעבען, צו זיין האָר און גאָר! געהערט? מען רעדט און מען רעדט מיט אַ מענשען אַ האַלבע שעה און לסוף לאָזט זיך אויס בוידעם...

ביי די לעצטע ווערטער האָבען זיך ביידע ריידענדע אַרויס־גערוקט פון דער פינסטערניש און זיינען באַלויכטען געוואָרען פון די בלאַסע שטראַהלען פון אַ לאַמטערנע, וואו זיי איז אויסגעקומען פאַרבייצוגעהן. איינער פון זיי איז געוועזן אַ קורצער אידעל מיט אַ צושויבערטע באָרד, מיט אַ פאַרשמאַלצענע היטעל, מיט אַ גאַנצען סמיעטניק פון שמעק־טאַבאַק אונטער דער נאָז און מיט אַ רויטע פּאַטשיילקע, וואָס האָט זיך האַלב אַרויסגעזעהן פון קעשענע, און דער צווייטער אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר צוואַנציג, געקליידעט

האַלב־מאַדיש. יעדער איינער האָט אין זיי גלייך געקענט דערקענען, ניט אונטערהערענדיג אפילו זייער געשפּרעך, אַז איינער פון זיי איז אַ שדכן און דער צווייטער חתן.

— בכן, וואָס־זשע איז איצטער? — האָט געפרעגט דער שדכן און אַ קראַץ געטאָן דעם קאָפּ.

— שדכנ׳ט מיר אויס יענער מיידעל און איהר וועט קריגען די זעלביגע שדכנות אייערע.

— פאַר מיר איז דאָס אַלץ איינס, — האָט דער שדכן געענטפערט. — אָבער אַזאַ מיידעל ניט צו וועלען, ווי איך בין אַ איד, איך ווייס שוין ניט, וואָס פאַר אַ וועלט עס ווערט היינט... אַסור אויב איך ווייס, ווער יענע מיידעל איז...

דער שדכן האָט באַגלייט חיים׳ן ביז אין שטוב און זיי האָבען זיך צושיידט.

אויף מאָרגען האָט דער שדכן אויסגעפונען, אַז יענע מיידעל איז טאַקע דער זאַגעגאַנטער כלה׳ס אַ פּלימעניצע און זי וואוינט די צווייטע הויז פון איהר מומען. אין אָנפאַנג איז ער געווען אין כעס, פאַרוואָס די כלה איז געווען אַזוי אומפאַרזיכטיג און האָט ניט משלח געווען די פּלימעניצע, ווען זי האָט געוואוסט, אַז אַ חתן דאַרף איהר קומען זעהן. נאָר ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז דער נייער מיידעל׳ס עלטערן לאָזען זיך אויך ריידען און עס געהט מיט׳ן שידוך אויף אַ לאַד, איז זיין כעס אַריבער און ער האָט פאַרטרונקען מיט אַ גוטען שנאַפּס.

.2

אויפ׳ן גאַנעק פון דער זעלבער הויז, פון וואַנען נעכטען ביי דער נאַכט זיינען אַרויסגעגאַנגען דער שדכן און דער חתן, זיצט איצט אַ פרויילין פון אַ יאָהר צוואַנציג און קוקט אין אַ בוך. איהר בליק בלאָנדזשעט אַרום די זייטלאַך און צייגט, אַז איהרע געדאַנקען זיינען איצט ווייט. פון דער צווייטער הויז האָט זיך באַוויזען אַ מיידעל פון אַ יאָהר פופצעהן מיט אַן אָנגעהויבענע געשטריקטע זאָק אין האַנט און איז צוגעגאַנגען צום גאַנעק.

— זעץ זיך, שפרה! — האָט געזאָגט דאָס פרייל׳ין וואָס האָט געלעזען און אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ פון בוך.

שפרה האָט זיך געזעצט.

— ווי געפעהלט דיר דער יונגערמאַן, וואָס דו האָסט געזעהן ביי אונז אין שטוב נעכטען?

— זעהר א שעהנער.

— דאָס איז מיין חתן.

— דו ביזט שוין א כלה? — האָט שפרה געפרעגט פאַרוואונדערט, וואָס זי האָט נאָך דערפון ניט געהערט.

— כמעט ווי.

שטיל.

— רחל! — האָט שפרה זיך אָפּגערופען אין א קורצע ווייל׳ע ארום און איז באַצייטענס רויט געוואָרען.

— וואָס?

— איך... איך האָב שוין אויך באַלד א חתן...

— ווער, דו?

— יא.

— א צוקערנעם? — האָט רחל געשפּאַסט.

שפרה האָט ברוגז׳דיג אַראָפּגעלאָזט די אויגען.

— נו, שאַ־שאַ! זיי ניט ברוגז! — האָט רחל צו איהר גענומען ריידען, ווי מען רעדט צו א קינד. — נו, שאַ־שאַ, זיי ניט אין כעס. ווי איז דיין חתן, א שעהנער?

— איך האָב איהם ניט געזעהן, נאָר די מאַמע זאָגט, ער איז זעהר א שעהנער.

— א קלוגער?

— די מאַמע זאָגט א קלוגער!

— א רייכער?

—שמואל אשר דעם וואַלדהענדלער׳ס זוהן.

— שמואל אשר׳ס זוהן? דאָס איז דאָך מיין חתן! — האָט רחל אויסגעשריען.

— די מאַמע זאָגט, מיין חתן! — האָט שפרה געענטפערט, שטאַמלענדיג.

— געה, דו ביזט א נאר!

—דו ביזט א נאר!

— שמואל אשר'ס זוהן איז דאך דער, וואס איז נעכטען גע־וועזן ביי אונז...

— ווייס איך? מסתמא ביזטו איהם ניט געפעלען געוואָרען.

רחל איז בלייך געוואָרען פון די לעצטע ווערטער און האָט אויסגעשריען:

— קום! קום צו דיין מאַמען און פרעג.

זיי זייען ביידע געשווינד אראָפּגעלאָפען פון גאַנעק און אריינגעלאָפען צו שפרה'ן אין שטוב. אויף רחל'ס פראַגע, ווער איז דער חתן, וואס זי האָט אויסגעקליבען פאַר איהר טאָכטער, האט זי באקומען א שאַרפען ענטפער:

— פע, מאוס, א מיידעל זאָל פרעגען וועגען חתנים!

— אבער זי זאָגט, אז ער איז שמואל אשר'ס זוהן! — האָט זיך רחל ווי פארענטפערט.

— און אז שמואל אשר'ס זוהן איז וואס? דו האָסט שוין א גראָען צאָפּ, וואס דו האָסט מורא פארזעסען צו ווערען?...

רחל האט פאַרביסען די ליפּען און איז אַרוים פון איהר ברו־דער'ס הויז באַליידיגט.

3.

די נאר איז רחל געבליבען.

אין א קורצער צייט אַרום איז אין קערבאַיעוו געפּייערט גע־וואָרען א גרויסאַרטיגע חתונה. די יונגע און שעהנע שפרה האָט חתונה געהאט פאַר שמואל אשר דעם וואָלהענדלער'ס זוהן און דאס פּאַר פּאָלק איז אַנגעקומען צו שפרה'ס עלטערען אויף קעסט.

די ערשטע צייט נאָך דעם חתונה איז דאס יונגע פּאַר פּאָלק געווען אזוי פארנומען מיט'ן קושען זיך, האַלזען זיך, האַלזען זיך, אז זיי האָבען קיינער ניט געזעהן וואָס עס טוט זיך אַרום זיי; האָט זיך עפּעס אויסגערוכט, אז קיינער, אויסער זיי, עקזיסטירט ניט, נאָר ביסלאכווייז, ביסלאכווייז האָט זיך דער שלייער, וואס איז געווען פאַרצווישען צווישען זיי און דער גאַנצער וועלט, גענומען

אַפּוויקלען און חיים האָט באַלד אויסגעפונען, אַז אויסער שפרה׳ן איז נאָך פאַראַן אַ גאַנצע וועלט.

די ערשטע, וועמען ער האָט באַגעגענט אין דער נייער וועלט, איז געווען רחל. רחל איז געווען איינע פון יענע פריילינס, וועלכע ווייזען זיך אויפ׳ן ערשטען בליק, אויב ניט מיאוס, דערפאַר אָבער ווייט ניט שעהן, נאָר וואָס מעהר מען קוקט זיך צו צו זיי, אַלץ מעהר רייץ געפינט מען אין זיי אויס. ער האָט דערזעהן רחל׳ען און ניט געגלויבט זיינע אויגען, אַז דאָס איז די זעלביגע, וועלכע ער האָט געזעהן דעם ערשטען מאָל, ווען ער איז געקומען צו זיי. ער האָט גענומען לאַנגווייל׳ען מיט זיין ווייב, מיט וועלכער ער האָט כמעט ניט געהאַט וועגען וואָס צו ריידען, און זוכען די געזעלשאַפט פון רחל׳ען. געהן ווייט האָט ער ניט געדאַרפט. אַלס נאָהענטע פאַרוואַנדטע פלעגען זיי געהן איינער צום צווייטען, און זי האָט זיך פון איהם ניט דערווייטערט. ער פלעגט מיט איהר אַפּזיצען שטונדען לאַנג און רעדען וועגען פאַרשידענע זאַכען. שטאָט צום רעדען האָט איהר ניט געפעהלט. זי האָט געהאַט געלייענט אַ מאָסע ביכער און איז געשטאַנען אין ענטוויקלונג אַ סך העכער פון איהם.

שפּעטער, ווען ער האָט אויסגעפונען דעם גרויסען אונטערשיד צווישען די ביידע פרויענצימער; דער אונטערשיד פון אַ שעהנע נאַרעלע, וואָס האָט געהייסען ווייב און אַ קלוגע, זעלבסט־שטענדיגע, מערקווירדיגע, באַ׳חנ׳טע פריילין, וואָס מען האָט איהם גע׳שדכנ׳ט פאַר אַ כלה און פון וועלכער ער אַליין האָט זיך ענט־זאַגט, האָט ער נאָך שטאַרקער גענומען וויכען פון זיין ווייב און איז מיט איהר ניט געזעסען קיין איבעריגע מינוט.

דאָס ווייב האָט אַנטקעגען דעם גאַרניט געהאַט און ער האָט זיך געקענט פאַרגינען זיין אין רחל׳ס געזעלשאַפט פיעל דאָס האַרץ געלוסט.

4.

אין אַ יאָהר אַרום איז רחל אַפּגעפאָהרען צו אַ שוועסטער אין וואַרשא און חיים, אָדער ווי ער האָט זיך די לעצטע צייט גערופען: יעפּים, איז געבליבען אַליין.

נור ניין, יעפים איז ניט געבליבען אליין. ווען ער זאל געווען בלייבען אליין, וואלט ער זיך געווען געפיהלט א סך בעסער, ווי איצט ווען ער איז געבליבען מיט זיין ווייב.

דאס ווייב איז איהם איצטער געווארען אומערטרעגליך. נאך קיינמאל האט ער צו איהר ניט געפיהלט אזא שנאה, ווי איצטער.

אמאל, נאך א לאנגען געשפרעך אין הויז צווישען די שטור־ביגע וועגען רחל׳ען, ווי איהר לעבט זיך דארטען אין ווארשא און ווי זי האט זיך פעסט גענומען צום לערנען און וואס פאר א פיינע שידוכים מען שלאגט איהר אן, און ווי זי קלויבט און קלויבט און לאזט צו קיין שידוך ניט צו, ווען יעפים איז נאך דעם געשפרעך ארויס פון צימער און געזעצט זיך פאר׳מרה־שחורה׳ט אויפ׳ן גאנ־נעק, איז שפרה אויך באלד ארויס און אנידערגעזעצט זיך נעבען איהם. אונטער דעם פרישען איינדרוק פון די ערצעהלונגען, וואס מען האט איצטער גערעדט וועגען רחל׳ען, האט שפרה דערצעהלט יעפימ׳ען די סצענע, וואס איז פארגעקומען ביי איהר מיט רחל׳ען יענעם פארנאכט, ווען זיי האבען זיך צונויפגערעדט וועגען זייערע חתנים... ער האט זיך נייגעריג צוגעהערט, ווי זי האט איהם איבער־געגעבען די סצענע און האט איין ווארט ניט איבערגעלאזט. נאר מערקווירדיג, אנשטאט א געלעכטער, ווי שפרה האט פון איהם ערווארטעט, האט יעפים א זיפץ געטאן.

די סצענע, וואס שפרה האט איהם איבערגעגעבען און דאס וואס מען האט אין שטוב פריהער דערצעהלט, אז רחל וויל ניט חתונה האבען, איז איהם פון קאפ ניט ארויס. ער האט איבער דעם געטראכט א לאנגע צייט און ער איז ענדליך געקומען צו א שלוס, אז רחל האט איהם ליעב און צוליעב איהם וויל זי ניט חתונה האבען.

ביי דער נייער ענטדעקונג איז ער אזש אונטערגעשפרונגען פאר פרייד, ער האט בשעת מעשה פארגעסען, אז ער איז שוין ניט מעהר קיין פרייער. — רחל האט איהם ליעב און וואס דארף ער נאך?

ער האט יענעם טאג געקושט שפרה׳ן פאר פרייד אזוי היציג, ווי די ערשטע צייט נאך דער חתונה.

נאָר באַלד האָט ער ערוואַכט פון זיינע פאַנטאַזיעס און האָט דערזעהן די קאַלטע ווירקליכקייט און ער האָט גענומען זוכען עצות ווי עררייכען זיין וואונש.

5.

יעפים איז ארויסגעקומען פון חסידים, נאָר ער איז קיין חסיד ניט געווען. מיט אַמאָל איז ער געוואָרען פרום און איז אוועקגע־פאָהרען צום רבי׳ן.

די סבה דערפון, האָט ער דעם ווייב ערקלעהרט, זיינען קינדער. שוין דריי יאָהר נאָך דער חתונה און קיין קינדער ניטאָ.

פון רבי׳ן איז ער געקומען מיט אַ סגולה, און פאַרטרויט די סגולה נאָר שפרה׳ן אַליין און אָנגעזאָגט איהר, אַז זי זאָל ניט וואגען דערצעהלען דערפון קיין מוטער נפש ניט, אויב זי וויל ניט פאַרבלייבען קיין בעזדעטניצע...

און די סגולה איז באַשטאַנען אין דעם, אַז יעפים זאָל זיך מיט איהר גט׳ן און באַלד חתונה האָבען צוריק...

און אַזוי ווי דערפון האָט קיינער ניט געטאָרט וויסען, האָט ער מיט איהר אָפּגערעדט, מאַכען דעם גט און די חתונה אין אַ דערבייאיגען שטעדטעל.

זי האָט איהם געפאָלגט און קיינעם ניט צו זאָגען קיין וואָרט איז זי מיט איהם אוועקגעפאָהרען מאַכען דעם גט און די חתונה.

6.

ביי שפרה׳ס עלטערן אין הויז איז אַ ליאַרעם, אַ געוואַלד, אַ געשריי. די מאַמע ברעכט די הענט און דער טאַטע לויפט אַרום און שרייט, קרובים שלאָגען אָפּ די שוועלען און מען סוד׳עט זיך און מען שאָקעלט מיט די קעפּ און מען זיפצט שווער.

פון דרויסען האָט זיך דערהערט דאָס רוישען פון רעדער.

פאַר׳ן שטוב זיינען געשטאַנען אַ פּאָר פערד און שפרה׳ס עלטערן זיינען באַלד אויסגעפאָהרען.

איבער׳ן שטאָדט האָט זיך דערוויילּ פאַנאַנדערגעטראָגען אַ קלאַנג, אַז שמואל אשר דעם וואַלדהענדלער׳ס זוהן האָט גע׳גט זיין ווייב.

אין שטעדטעל, וואו דער גט איז פארגעקומען זיינען צוזאמענ־געפאהרען אלע קרובים און מען האט גענומען פרעגען, פארשען, וואס דא איז געווען. שפרה האט דערצעהלט, ווי אזוי ער האט איהר אפגענארט מיט דעם גט און ווי ער וויל איצט מיט איהר ניט חתונה האבען צוריק. פון ווייטערדיגע פארשונגען האט זיך ארויסגעוויזען, אז יעפים איז ניט געווען ביים רבי׳ן, נאר ער איז געפאהרען קיין ווארשא זעהן זיך מיט רחל׳ען, און מען האט איהר גלייך ארויסגעשיקט א טעלעגראמע, זי זאל קומען וואס צום שנעל־סטען.

אויפ׳ן צווייטען טאג איז רחל געקומען.

אלע האבען זיך א שאט געטאן צו איהר.

— וואס איז געשעהן? — האט רחל געפרעגט.

— חיים האט שפרה׳ן אפגע׳גט! — האט איהר ברודער, דאס הייסט שפרה׳ס פאטער און נאך עטליכע קרובים מיט אמאל גע־ענטפערט.

— טא וואס האט איהר מיר געדארפט האבען אזוי עקסטרא?

— שפרה וויינט און קלאגט, אז זי וועט אהן איהם ניט לעבען.

— גוט. אבער וואס קען איך טאן דערצו? — האט רחל גע־פרעגט ווי פארוואונדערט.

— חיים דענקט מיט דיר חתונה צו האבען, — האט ווייטער דער ברודער געענטפערט.

רחל האט לאנגזאם אפגעקעהרט דעם קאפ אין יעפימ׳ס זייט, האט א ווארף געטאן אויף איהם א פארעכטליכען בליק און גע־ענטפערט צורייצט:

— יא, איך געדענק. עטליכע יאהר צוריק האט מען טאקע דערפון גערעדט, נאר ער האט דאן אויסגעקליבען איהר (האט רחל מיט׳ן פינגער אנגעוויזען אויף שפרה׳ן), איצט קען ער זיך האלטען מיט די צאצע... איך שענק אייך איהם אוועק... זייט געזונט! — און מיט די ווערטער האט זי גענומען איהר עק קלייד

אין האַנט, געעפּענט די טיר, אַ געשריי געטאָן: „איזוואָזשטשיק!“ און איז באַלד פאַרשוואונדען געוואָרען פון די אויגען.

* * *

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט „דער טאַטע ווידער גענומען די מאַמען“ און צופרידען איז געבליבען נאָר — רחל...

צוגאַנגען

גרינפעלד האָט חתונה געהאַט מיט בעלאַ'ן אַזוי, ווי אין אַמע־ריקאַ האָבען חתונה פיעלע יונגע לייט, וועלכע האַלטען ניט פון צערעמאָניעס. בעלאַ וואָלט געוועז פון דעם זעהר צופרידען, צו־פרידען כאָטש צוליעב דעם אַליין, וואָס זי האָט חתונה געהאַט ניט ווי אַלע, נור זעהר פיעל האָט איהר געקרענקט, וואָס זי האָט פון איהר גליק קיינעם ניט געקענט דערצעהלען, ווייל גרינפעלד האָט איהר שטאַרק געבעטען, זי זאָל פון זייער חתונה קיינעם ניט זאָגען.

פאַרוואָס וויל ער אַזוי? דאָס האָט זי ניט פאַרשטאַנען און האָט זיך גאָר מיט דער פראַגע ניט אָפּגעגעבען: זי איז געווען צופיעל שכור פון גליק, אַז אַזאַ פראַגע זאָל איהר אַרויף אויפ'ן געדאַנקען און זי האָט געגלויבט, אַז מסתמא ווייסט ער, וואָס ער וויל.

בעלאַ האָט קיינעם פון איהר חתונה ניט דערצעהלט, נאָר וואָס ווייטער האָט זי דערפון אַלץ מעהר געליטען. זי האָט זיך געפונען אין דער לאַגע פון יענע וואַנדרער, וואָס זיינען אַראָפּ־געקומען אהער פאַרהונגערטע, פאַרשמאַכטע, אָפּגעריסענע, אָפּגע־שליסענע און האָבען זיך דאָ דערשלאָגען ניט נאָר צו אַ פּאָר דאָלאַר אין פּאַקעט, נאָר אויך צו אַ גאָלדענעם „וואַטש־און־טשיין“, און הויבען אָן וואָס ווייטער צו פיהלען פון „וואַטש־און־טשיין“ ניט קיין פאַרגעניגען, נאָר אַ קלעמעניש פאַרוואָס זייערע שכנים פון דערהיים, וואָס זיינען געווען עדות פון זייער שרעקליכער נויט און דלות, קענען ניט זעהן די גאָלד אויף זיי.

בעלאַ האָט געשוויגען, נאָר וואָס ווייטער האָט זי אַלץ מעהר דערפון געליטען. איבערהויפּט האָט זי געפיהלט אַ שטאַרקען

וועהטאָג, ווען זיינער אַ באַקאַנטער אָדער אַ פריינט פלעגט צו איהם קומען, און ער פלעגט ענטוועדער איהר גאָר איגנאָרירען און ניט פאָרשטעלען איהר, אָדער איהר פאָרשטעלען ביי איהר אייגענעם פאַמיליע־נאָמען. פיעל מאָל האָט זי זיך געמאַכט האַרץ און געפּרואווט געבען אַנצוהערענישען, אויב מען קען זיך אַזוי אויס־דריקען אַז זי האָט דאָ אין צימער מעהרצו זאָגען אַלס אַ באַקאַנטע; זי האָט געפּרואווט אָנהויבען פאַר זיין באַקאַנטען אין די אויגען צו בעל־הבית׳עווען אין צימער, איבערשטעלען אַ חפץ פון איין אָרט אויפ׳ן צווייטען, זאָגאָר ווען מען האָט דאָס ניט געברויכט, אָדער פרעגען איהם עפּעס אין אַזאַ קול, וואָס האָט געהאַט פונקט אַזוי פיעל צו זאָגען, ווי: „איך בין דאָ ניט קיין פרעמדע, איך בין זיין ווייב“, נאָר נאָך אַ פּאָר אַזעלכע אַנצוהערענישען, באַמערקענדיג איינמאָל ווי דאָס בלוט האָט איהם אַריינגעשפּאַרט אין פּנים און אַ צווייטען מאָל ווי אַ שאָטען האָט זיך געלעגט אויף זיין געזיכט, האָט זי דאָס אויפגעהערט צו טאָן, און ווען יעמאַנד פלעגט דערנאָך קומען, פלעגט זי דאָס רוב אַרוים פון צימער.

נאָר דאָס איז בלויז געווען אַ קליינער פלעק אויף איהר ריינעם, בלויען הימעל. אין אַלעמען איז זי געווען גליקליך, אפילו מיט זיין פוילקייט און שוואַכקייט. זי האָט אויסגעפונען, אַז ער, גרינפעלד, וואָלט ניט געווען ער, ווען ער זאָל ניט זיין אַזוי פויל און שוואַך, און מיט פאַרגעניגען איז זי נעגאַנגען אין שאָפּ פאַרדינען פאַר זיך און פאַר איהם אויף אַ לעבען, ווייל פון זיינע לעסאַנס האָט ער איצט גאָר ווינציג געהאַט.

* * *

גרינפעלד האָט, דוכט זיך, ניט געהאַט קיינע אורזאַכען צו זיין מיט בעלאַ׳ן אומצופרידען. ער האָט זיך אין איהר דערוואַר־בען ניט נאָר אַ טרייע, איבערגעגעבענע דיענסט, וואָס פאָדערט ניט קיין באַלוינונג פאַר איהר אַרבייט, זאָנדערן אויך וואָס אַרבייט און האָרעוועט אַז אַ זייט און גיט איהם אָפּ אַלע פאַרדינסטען; נאָר, מערקווירדיג, — צופרידען איז ער געווען זעהר זעלטען, וואָס מעהר איבערגעבען זי איז צו איהם, אַלץ קעלטער איז ער געוואָרען

צו איהר און זעלטען, זעלטען האָט זי געכאַפּט אַ צופֿרידענע מינע אויף זיין געזיכט.

צופֿרידען האָט גרינפֿעלד ניט געקענט זיין, כל זמן אַנאַ ראָזענבערג איז איהם ניט אַרויס פֿון קאָפּ. און ווען האָט ער פֿון איהר אויפֿגעהערט צו דענקען? זיין געקרענקטע אייגענליעבע האָט איהם אויף איין מינוט ניט געלאָזט אַרויסלאָזען איהר פֿון זינען. עפּעס אַ פֿאַרבאָרגען קול האָט זיך מיט איהם אינווענינ געריצט: „אַ גרויסען זיעג האָסטו באַוויזען! פֿאַרליבט זיך אין אַ בעלאַ'ן! אַנאַ אָבער קען דיך ניט ליעבען!...“ און אין דעם מאָמענט האָט זיך אַנאַ געמאָלען אין זיינע געדאַנקען אין אַזעלכע רייצענד־שעהנע פֿאַרבען, אין וועלכע זי האָט פֿאַר קיין מענשען ניט ערשיינט, און בעלאַ איז איהם פּשוט געוואָרען עקעלהאַפֿט. איהם האָט אַזש אָפּגעטרייסעלט פֿון איהר, איהר גראָבע געזיכט מיט די גרויסע געלע זומער־שפּרענקלאַך, איהרע גראָבע אויסגעהאָרעוועטע הענט מיט די קורצע און ברייטע נעגעל; איהר גאַנג, אַמאָל ווי אַ טרוסיווע מייזעל, מיט ניט קיין זיכערע טריט, און אַ מאָל פֿרעך, האַרט, פֿאַר־ריסען דעם קאָפּ און אַרויסשטעלענדיג איהר גאַנצען קאָרפּוס פֿאָר־ווערטס, איהר הויכער געלעכטער מיט אַ ווייט־פֿאַנאַנדערגעעפֿענ־טען מויל — דאָס אַלעס אין פֿאַרגלייך מיט אַנאַ'ס צאַרטען, קלאָה־רען אינטעליגענטען געזיכט, מיט איהרע קליינע ווייסע הענטלאַך, איהר שטענדיג רוהיגער גאַנג און איהר זיסער שמייכעל, האָבען איהם ווייט ניט געקענט לאָזען זיין צופֿרידען. נאָר צום גליק האָט ער בעלאַ'ן אַ גאַנצען טאָג ניט געזעהן און אין אָווענד פֿלעגט ער אויף אַ לאַנגע צייט אַוועק פֿון שטוב אויף אַ לעסאָן אָדער שפּיעלן אַ שאַך ערגעץ אין אַ קאַפֿע־סאַלון, אָדער אויף אַ פֿאַרזאַמלונג ערגעץ וואו, און אויף אַזאַ אופֿן האָט זי איהם מיט איהר געגענוואַרט ווענינ געשטערט. ער האָט איהר איצט כמעט געזעהן זעלטענער, אַלס דאַן, ווען זי איז געווען זיינע אַ שילעריןּ, און די צייט ווען ער האָט איהר יאַ געזעהן, איז זי איהם געווען זעהר נויטינ. זייער באַגעגעניש איז שטענדיג אויס־געקומען ביים עסען אָדער טרינקען, און אויב די וואונד אין זיין האַרצען האָט זיך געעפֿענט, האָט ער לכל־הפּחות געהאַט אויף

ווערמען אויסצולאָזען זיין כעס. און אויסרעדען זיינען געווען זעהר פיעל: דאָ דערלאַנגט זי איהם אַ טעלער, ווי זי האָט געגעסען ביי איהר באָבען; דאָ זאָגט זי אַ וואָרט, וואָס מען קען הערען אויף דער יאַטקעווער גאַס. זי, פאַרשטעהט זיך, פלעגט ניט פאַר־שווייגען, נאָר דער סוף פלעגט זיך אויסלאָזען, אַז ער פלעגט ווערען ברוגז און זי האָט אינגוועניג גענומען פיהלען, אַז טאַקע די באָבע און די יאַטקעווער גאַס זיינען שולדיג אין דעם, און זי האָט נאָך שטאַרקער דערפיהלט, ווי ווייט זי דאַרף איהם שעצען, פאַרוואָס ער איז געבאָרען געוואָרען ביי עלטערן, וואָס האָבען אַן אייגען הויז און האָט ניט געדאַרפט לויפען אין שליחות אין יאַט־קעווער גאַס איינקויפען אַ פונט פלייש און בעטען אַ צולעג.

אַ האַלב יאָהר איז אַריבער.

די שברות פון גליק האָט ביי בעלאַ'ן גענומען איבערגעהן, און וואָס מעהר זי האָט גענומען זיך אויסניכטערען, אַלץ מעהר פעה־לערן האָט זי גענומען אויסגעפינען אין איהם און אַלץ גרעסער איז געוואָרען איהר אומצופרידענהייט.

איצט איז איהר ניט איינמאָל אַרויף אויפ'ן געדאַנק די פראַגע, אין וואָס פאַר אַ פאַרהעלטניסע געפינט זי זיך מיט איהם, און אַזוי ווי געפרעגט האָט זי זיך, זייענדיג אין כעס, האָט זי אויף דער פראַגע געגעבען זעהר אַ מיאוס'ן ענטפער פאַר זיך. פון איהר אייגענעם ענטפער האָט זיך איהר כעס נאָך מעהר צורייצט. זי האָט זיך אָנגערופען מיט די ערגסטע נעמען, און דער פועל־יוצא דערפון איז געווען, אַז זי האָט באַשלאָסען נעהמען אויך אַ שטיקעל דעה (פאַר מיינע פאַרהאָרעוועטע געלט — פאַרוואָס זאָל איך דאָס מוזען שטומען?) און האָט איהם גענומען מאַכען אָפענע סצענעס.

אַ צינגעל האָט זי געהאַט אַ געשליפענעם און אַ מענה לשון, אַז דער באַרמהאַרציגער גאָט האָט געמעגט רחמנות האָבען. זי האָט נאָר געוואָרט, אַז ער זאָל איהר אַ שטאָך טאָן מיט איהר אַרימער באָבען און זי האָט אויף איהם אויסגעגאָסען אַ ים פון פעך און שוועבעל: „מיין גרויסער פאַרדינער! דו וואָלסט דאָך שוין לאַנג די פיס אויסגעצויגען פון הונגער, ווען איך זאָל אויף דיר ניט האָרעווען!“

דאָס איז געווען אַ שטיקעל הקדמה, און די סאַמע גערימטע איז נאָך ערשט געקומען שפּעטער. גרינפעלד האָט ווייניגער פאַר אַלץ ערוואַרטעט אַזאַ פּאַטש אין פּנים פון בעלאַ׳ן און איז די ערשטע עטליכע מינוט געבליבען שטעהן מיט אַן אָפענעם מויל און נישט פאַרשטאַנען, פון וואַנען דאָס איז איהם געקומען. ער האָט נישט געוואָלט גלויבען זיינע אויערען, נאָר אַזוי ווי בעלאַ האָט געריערט גענוג דייטליך און אַזוי הויך, אַז אפילו אַ טויבער האָט געקענט הערען, איז ער געשטאַנען צומישט און אפילו נישט ברוגז געוואָרען. און צו באַוואונדערן — ער איז פיעל וויינער געוואָרען. שפּעטער איז ער יאָ אין כעס געוואָרען און האָט מיט איהר אַ גאַנצען טאָג נישט גערעדט, נאָר בעלאַ האָט זיך אויך געבלאָזען און האָט איין טריט נישט געמאַכט צו אַ שלום.

גרינפעלד האָט געפיהלט אַז אין בעלאַ׳ן איז געשעהן אַ גרויסע פאַראַנדערונג. זי איז שוין נישט מעהר יענע שטילע שעפעלע, וואָס האָט זיך געלאָזט טרעטען. אין איהר האָט זיך דערוועקט עפּעס אַ קראַפט, געגען וועלכער ער האָט זיך נישט געקענט שטעלען, נאָר ער האָט כמעט ווי נישט־באַמערקענדיג גענומען איהר נאָכגעבען.

ער האָט זיך געמאַכט נישט זעהענדיג און נישט הערענדיג, ווען אַ שטייגער אויף אַ פאַרזאַמלונג האָט זי איהרע חבר׳טעס אָנגעוויזען אויף איהם, און פאַרטרויט זיי אַ סוד אויפ׳ן קול, אַז דאָס איז איהר מאַן און דערצעהלט זיין גאַנצען יחוס, ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט, ווי רייך זיינע עלטערען זיינען, און האָט דערביי נישט געזשאַלעוועט קיינע פאַרבען. זי פלעגט אָפט אַרויפלעגען די פאַרבען אַזוי גערימט, אַז גרינפעלד, אונטערכאַפּענדיג איהרע ווערטער, פלעגט אויך באַגאָסען ווערען מיט אַ רויטע פאַרב... נאָר ער האָט געמוזט שווייגען. בעלאַ איז איהם געווען זעהר נויטיג...

איצט האָבען זיי זיך געביטען מיט זייערע ראָלען; איצט פלעגט זי איהם אָנטרעטען און ער פלעגט פאַרשווייגען, און ביי זיי ביידען אין די הערצער האָט זיך גענומען קלייבען אַ פיינדליכקייט — ביי איהר, פאַר וואָס ער האָט איהר אַזאַ לאַנגע צייט געטראָטען אומדערבאַרימלאָך און איבערהויפּט פאַר וואָס זי איז

געווען אַזאַ נאַר און געשוויגען (אַ טהייערע צאַצע! שווייגען האָב איך איהם געדאַרפט!) און ביי איהם — פאַרוואָס ער האָט זיך געמוזט מודה זיין, אַז ער טראָגט פון איהר איצט אַלעס איבער, ווייל זי אַרבייט אויף איהם, און דעם האַס, וואָס ער האָט געזאָלט האָבען צו זיך, האָט ער אָנגעווענדעט אין איהר זייט...

און אין דער נייער פּאַזע האָבען זיי אָפּגעלעבט נאָך אַ פּאָר יאָהר אָהן באַזונדערע נייעסען.

בעלאַ איז איינמאָל אַרויס פון איהר קאַלייע, האָט זיך גענומען וואַרפען אין אַלע זייטען, האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט און געוואָלט נעהמען די גאַנצע דעה.

די ערשטע און שווערסטע זאַך, וואָס זי האָט איצט געוואָלט דורכפיהרען איז געווען, איינשפּאַנען איהם אין דער אַרבייט.

— זאָג איך, וואָלסט געשטודירט. איך האָרעווע אָפּ עטליכע יאָהר און מיר דערשלאָגען זיך צו עפּעס אַ תכלית. אָבער אַזוי, וואָס? איך וועל קריעה רייסען, פאַרלירען די כחות ביי דער אַרבייט. איך האָב שוין אַזוי אויך קיין כחות ניט, גענוג געהאָרעוועט אין מיין לעבען, וואָס איז? דו וועסט דאָ קענען ליגען און טראַכטען וועגען — ווי רופט מען איהר? ראָזענבערג, צי וואָס?...

זי האָט מיט איהם אַזוי גענומען טענה'ן טאָג אין טאָג דאָס הייסט, אָבענד אין אָבענד, ווייל ביי טאָג איז זי געווען ביי דער אַרבייט און איינגערעדט מיט איהם אַזוי ביז שפּעט אין דער נאַכט, און דערנאָך ברוגז'דיג געגאַנגען שלאָפען און אויף מאָרגען ווידער ווידערהאָלט די זעלביגע מעשה, מיט מעהר פרישקייט.

גרינפעלד'ן איז דאָס לעבען נמאס געוואָרען פון איהר זויגעריי, נאָר דאָך האָט ער זיך צו דער אַרבייט ניט גענומען. ער האָט אַ פּאָר מאָל געפּרואווט אוועקצוגעהן פון שטוב אָהן סאַפּער, כדי אויסצומיידען אַן איבעריגע באַגעגעניש מיט איהר און איז זיך פאַרזעסען זעהר שפּעט, נאָר זי האָט איהם אָפּגעוואַרט, און ווען ער איז געקומען, האָט זי איהם געמאַכט אַזאַ סצענע, אַז ער האָט שוין חרטה געהאַט פאַר זיין אַנטלויפען.

אזא צאַנקעריי, זידלעריי, האָט אָנגעהאַלטען א היבשע צייט. בעלא האָט פיעל מאָל באַשלאָסען ניט צו געבען איהם פון איהרע פאַרדינסטען ניט איין פעני, זאָל ער זיך טאָן, וואס ער וויל; נאָר דאָס האָט זי ניט געקענט פועל'ן ביי זיך. א שוך, א קלייד פאַר איהם אדער רענט האָט זי געמאַכט א האָרץ און ניט געגעבען, אבער אין שטוב הוצאות האָט זי געמוזט געבען, ווייל געוואוסט האָט זי זעהר גוט, אז הונגער וועט איהם ניט אַרויסיאָגען פון שטוב און וועט איהם קיין רצון ניט איינגעבען צו זוכען ארבייט.

* * *

גרינפעלד האָט גענומען זוכען פּלענער, ווי צו מאַכען מיט די צאַנקעריי אַן ענדע. אין א שעהנעם פריהמאָרגען האָט ער בעלא'ן דערציילט, אז ער האָט באַשלאָסען אָפּצופאָהרען אין א דערבייאַי־גער קאַונטרי און געבען דאָרטען לעסאָנס. בעלא'ן איז דער פּלאַן גלייך ניט געפעלען געוואָרען און זי וואָלט איצט מרוצה געווען כאָטש אַרבייטען אָווער־טיים, אבי ער זאָל נור ניט אָפּפאָהרען. עפּעס האָט זי מורא געקראָגען אַרויסצולאָזען איהם פון איהרע הענט. נאָר דאָס מאָל האָט ער זיך איינגע'עקשנ'ט און איז אין גאָר א קורצע צייט אָפּגעפאָהרען.

וואָס זאָל בעלא טאָן? זאָל זי דערוויל בלייבען דאָ — און נאָכהער וועלען זיי זעהן.

פון פאָהרען צוזאַמען האָט קיין רעד ניט געקענט זיין. דאָס מופען האָט געדאַרפט קאָסטען געלט און דאָס האָבען זיי ניט געהאַט.

גרינפעלד האָט זיך אַרויסגעריסען ווי פון א גיהנום און האָט דערפיהלט, ווי א שווערע משא האָט זיך אַראָפּגעקייקעלט פון די פּלייצעס. ער האָט אין קאַונטרי אין פאַרלויף פון די ערשטע עטליכע וואָכען קיינע לעסאָנס געקראָגען, און אז ער האָט ענדליך געקראָגען צוויי לעסאָנס האָט ער אויך קוים־קוים געהאַט אויף צו דערהאַלטען דאָס לעבען, נאָר דאָך האָט ער זיך געפיהלט זעהר גוט. פיעל האָט ער ניט געברויכט. מיט איין פעני פינאַטס האָט ער געקענט פאַרשטאָפּען דעם מאָגען אויף א גאַנצען טאָג און א

גלאָז ביער מיט אַ פּרי־לאַנטש האָט געקענט זיין אַ גאַנצער יום־טוב.

אַז אַפּקומעניש פאַר איהם איז נאָר געווען צו שרייבען אַ בריעף צו בעלאַ׳ן. וואָס האָט ער איהר געקענט שרייבען? דעם אמת — האָט ער ניט געוואָלט, און אַ ליגען — איז איהם געווען שווער, און דעריבער טאַקע האָט ער זיך געסטאַרעט וואָס וויינציגער און זעל־טענער צו שרייבען. אין אַ חדשים צוויי ביז דריי אַרום האָט ער זיינע בריעף צו איהר אינגאַנצען געסטאָפּט.

* * *

צו דערזעלבער צייט, ווען די בריעף האָבען געסטאָפּט, האָט בעלאַ׳ן דערגרייכט אַ רעפּאָרט, אַז גרינפעלד האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונגע מיידעל. מען האָט דערצעהלט, אַז דאָס מיידעל איז אפילו נאָר אַ פּראָסטע, אָבער זעהר אַ שעהנע און זי פאַרדינט פיינע געלט. בעלאַ איז געבליבען ווי פון דונער געטראָפען און האָט אנפאַנגס ניט געוואָלט גלויבען. זי האָט גלייך אָוועקגעשיקט צו איהם אַ בריעף, נאָר ניט באַקומענדיג אויף׳ן שטעל פון איהם קיין ענטפער, איז זי געלאָפען צו זיינע אַלע באַקאַנטע און געוויינט און גע׳טענה׳ט און געקלאָגט פאַר זיי און געסטראַשעט, אַז זי וועט איהם פאַרקלאָגען אין קאָורט, און געריסען זיך גלייך צו פאָה־רען צו איהם, נאָר איהרע און זיינע באַקאַנטע האָבען אַנגעווענדעט אַלע כחות אריינצוזעגבען איהר שכל, זי זאָל ניט טאָן אַזאַ מין נאַרישקייט און זאָל זיך אַליין ניט שמוצען.

— אויב דאָס איז אמת, האָט איהר דעם בעסטען סימן, אַז ער ליעבט אייך ניט, און צווינגען יענעם מען זאָל ליעבען, קען מען ניט... אַזאַ זאַך פּאַסט פאַר אַ פּראָסטע מיידעל צו טאָן, אָבער ניט פאַר אַן ענטוויקעלטע, און אַזוי ווייטער. אנפאַנגס האָבען איהר די אַלע רעד אַלץ מעהר צורייצט און זי האָט אַלץ מעהר געסטראַשעט, נאָר ענדליך האָט זי מיט פאַרקריצטע צייהן און אַ פאַרסטשימעטע האַרץ צוגעגעבען, אַז פאַר אַ פאַרטגעשריטענעם מענשען פּאַסט ניט צו פיהרען אַזעלכע קייסעם אין קאָורט און איצט האָט זי גענומען לייענען אַ צעטעל, וואָס פאַר אַ שעהנער יונגערמאַן גרינפעלד איז, אַז פון דער ערשטער שעה, פאַרשטעהט

זי איצטער, האָט ער שוין געהאַט דעם געדאַנק אין קאָפּ און דער־ריבער האָט ער איהר ניט געוואָלט פאַרשטעלען אַלס זיין ווייב, און האָט אויסדערצעהלט אַלע זיינע חטאים, וואָס זי האָט נאָר באַמערקט אָדער חושד געווען פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זי האָט איהם געקענט.

נאָר דאָס אַלעס איז געווען אויף דער הייסער מינוט. אין אַ קורצע צייט אַרום האָט זי אויף איהם גענומען מלמד־זכות זיין און באַשולדיגען זיך אין דעם, און ווען זי האָט שפּעטער דערהאַלטען אַ בריעף פון איהם, וואו ער האָט ביי איהר געבעטען פאַרצייאונג און מודה געווען זיך פאַר איהר, אַז ער האָט זיך מיט איהר באַ־גאַנגען זעהר ניט פיין, האָט זי איהם מוחל געווען פון גאַנצען האַר־צען און געענטפערט איהם, אַז זי איז גרייט צונויפקומען מיט איהם צוריק... נאָר אויף דעם בריעף איהרען האָט זי שוין מעהר קיין ענטפער ניט באַקומען.

און דאָך באַשולדיגט זי איהם ניט. זי גלויבט דורכאויס, אַז זיין שוואַכקייט אָדער קראַנקהייט איז די איינציגע אורזאַכע דער־פון. ער מוז האָבען עמיצען, וואָס זאָל אַרום איהם אַרומגעהן, און קען מען דען אַ מענשען באַשולדיגען, פאַר וואָס ער איז שוואַך אָדער קראַנק?...

— ניין, ער איז ניט שולדיג, — זאָגט זי פאַר אַלע איהרע באַקאַנטע. — שולדיג איז ער נאָר, פאַרוואָס ער האָט מיר ניט געשריבען אָדער פאַר וואָס ער ענטפערט מיר ניט אויף מיין בריעף, אַבער אַזוי ניט.

מיין לאַנדסמאַן

— דאַכצער ע—ר'ם באַי! — האָט מיר אָפּגעשטעלט אַ רוסי־שער אידעל אויף קאַנאַל סטריט, אַננעהמענדיג מיר ביים אַרבעל און געפרעגט ניט דרייסט.

די פראַגע, שטוים איז זיך גלייך אַן, איז פון אַ לאַנדסמאַן. איך קוק זיך צו צו איהם און זעה זיין אויסגעריבענעם כאַלאַטעל, אויסגעמוליעטע קאַלאַשען פון די הויזען, פאַרפּוליעטען, פאַרשמיר־טען, צוקנייטשטען קאַפּעלושעל, זיין מאַגערע פאַרזאָרגטע געזיכט, און עס גיט מיר אָפּ מיט מיין גליקליכער היימאַט...

— וועל?

— געזונט זאָלסטו מיר זיין, יו אַנדערסטענד? אין ענגליש זאָגט מען צו אַלעמען: יו דו, נאַר וואָס זאָג איך אייך (כאַפּט ער זיך ווייטער אויפ'ן היימישען לשון), איהר ווייסט דאָך בעסער פאַר מיר, איהר אַ פּנים דערקענט מיר ניט — ניין? (ער ציהט אַ רגע דעם „ניין"). סטייטש, גרונם'ען ניט צו דערקענען!

נאַר אפילו איצטער, וויסענדיג שוין, אַז ער הייסט גרונם, האָב איך נאָך אַלץ ניט געוואוסט, ווער ער איז.

ער האָט מיר געקוקט אין די אויגען און געלייענט אין זיי. נאַר באַלד האָט ער זיך אַרומגעזעהן, אַז איך מאַטער זיך אומזיסט צו דערמאָנען.

— סטייטש, גרונם... גרונם... איך האָב פאַר אייער טאַטען סחורה געפיהרט.

— האַ־אַ! גרונם ד"מ... איך האָב זיך פאַרכאַפּט. ביי מיר פון האַלז האָט זיך שיער ניט אַרויסגעריסען זיין צונעמעניש, און דאָס וואָלט געווען זעהר ניט העפליך פון מיין זייט, ווייל אַ צו־נעמעניש האָט ער געהאַט זעהר ניט קיין שעהנעם: „גרונם די

מויד־מאָד". און אויב אפילו גרונם די מאָד איז געווען ניט קיין גרויסע חרפה דאָרטען, אין דער היים, פאַר גרונם דעם בעל־העגלה, איז אָבער דער צונעמעניש אַ באַליידיגונג פאַר גרונם דעם יענקי.

— איך האָב שוין לאַנג געהערט, אַז איהר זייט דאָ... איך געדענקט ניט, ווער עס האָט מיר אַמאָל דערצעהלט, אַז ע—ר'ס באַיטשיק איז דאָ. — ס'טייטש, ע—ר'ס באַיטשיק! אַ לאַנדסמאַן, יאָהרען־לאַנג געפיהרט סחורה פאַר'ן טאַטען. ע־ער! דאָ ווערט אַלץ פרעמד!

ביי די ווערטער רייסט זיך איהם אַרויס אַ זיפץ אויף די גוטע הונגעריגע און פראַצעוואַטע יאָהרען, וואָס ער האָט פאַרבראַכט איז בעל־העגלה'שאַפט און רוקט אונטער אויפ'ן אַלטען שטייגער די האַנט אונטער'ן קאַפּעלוש און גיט געשמאַק אַ קראַץ דעם קאָפּ.

ער מאַכט מיר פאַרוואָרפע, פאַרוואָס איך לאָז זיך ניט זעהן. ענדליך בעט ער מיר, איך זאָל זיין פלונית'טע פאַרשאַפען דאָס פאַרגעניגען און זאָל זיך ניט שעהמען אַריינגעהן צו איהם אין שטוב.

— עס וועט איהר ליכטיג ווערען אין די אויגען צו זעהן אַ לאַנדסמאַן. נאָד אַזאַ לאַנדסמאַן. איך וואוין טאַקע דאָ ניט ווייט, אין לודלאָו סטריט.

אַזעלכע צוויי אורזאַכען זיינען געווען איבער גענוג, אַז איך זאָל מיט חשק מאַכען אַ וויזיט מיין לאַנדסמאַן.

אויפ'ן וועג, אום מיר אַנצוטרייבען, דערצעהלט ער מיר, אַז ער איז ניט צו פאַרזינדיגען און הייסט מיר טייטשען, אַז ער איז גוט־אָפּ.

ער האָט מיר אַריינגעפיהרט אין אַ פינסטערליכע דירה, וואו אַ שטאַרקער גערוך פון שימעל און טוכלעקייט האָט זיך נעלאָזט הערען.

זיין ווייב האָט מיך ניט דערקענט, נאָר דערפרייט האָט זי זיך מיט מיר אַזוי, אַז זי האָט זיך פשוט צעוויינט.

— ס'טייטש אַ גאַסט! ס'טייטש אַ גאַסט! — האָט זי גע־טענה'ט, קוקענדיג אויף מיר מיט אָנגעפילטע אויגען פון טרעהרען און ווישענדיג זיי מיט'ן פאַרטוך.

אַז די ערשטע שמחה איז איהר אַריבער, האָט זי אַביסעל פאַר־פּראָוועט דעם פּאָרוק אויפ׳ן קאָפּ, האָט נאָך צוגעטראָגען דעם פּאָרטוך צו דער נאָז און אַ פרעג געטאָן מיר, גאָר אָהן המצאות: וואָס אַן ערד קען אַזאַ מענש ווי איך טאָן אין אַמעריקאַ.

איך האָב אָנשטאָט אַן ענטפער עפּעס אַ מורמעל געטאָן אונטער דער נאָז. זי קען זיין, וואָלט זיך באַנוגענט מיט דעם מורמעל; נאָר ער, ווייזט אויס, האָט שוין מן הצד געהערט עפּעס פון לאַנדס־לייט וועגען מיר און האָט פאַר מיר געענטפערט.

— נישקשה! מיט איהם האָבען מיר שוין פאַרדאגה׳ט! וואָלטען אַנדערע אַזוי געדאַרפט דאגה׳ן ווי ער.

ביי די ווערטער האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דער ווייב מיט גרויסקייט.

פון דרך־ארץ וועגען האָט זי קיין ווייטערע פראַגען ניט גע־מאַכט, נאָר איהם האָט זיך איצט געוואָלט רעדען. ער האָט, וואַרשיינליך געוואָלט ווייזען, אַז כאָטש ער איז אַ פּראָסטער מענש, פאַרשטעהט ער אַן ענין.

— פאַרוואָס זשע פרעגסטו ניט, וואָס? — טרעט ער צו צו איהר מיט אַ טענה.

זי גיט אַ קוועטש מיט די פּלייצעס, ווי איינער זאָגט, וואָס וועט זי ווייטער פרעגען, אַז מען האָט איהר ניט געענטפערט.

— ער איז אַ שרייבער! — האָט ער געזאָגט מיט אַזאַ ערנסטען טאָן, אַז איך האָב זיך שיער ניט צולאַכט.

ביי די ווערטער האָט ער אַ וואונק געגעבען צו איהר וואַזשנע מיט די אויגען און אַ הויב־טהוענדיג דעם גרויסען פינגער צום שטערן, געפרעגט איר:

— דו פאַרשטעהסט?

זי פאַרשטעהט, אַז דאָ שרייבט מען ניט קיין פּראָשעניעס, וואָרים די אַמעריקאַנער פאַרשטייען קיין גוי׳איש ניט, און אויב איך בין אַ שרייבער, מסתמא באַשטעהט די שרייבעריי אין איינ־לעגען פיינע בריעף און שרייבען שעהנע אַדרעסען, און זי ענט־פערט:

— פּטור, נו! וואָס־זשע? אַזאַ מענש וועט גייען אַרבייטען, ווי דו! דער טאַטע איז אַ סוחר אין דערהיים און דער זון וועט דאָ גייען אין פּעקטאָרי! ווי דען אַנדערש?

מיין לאַנדסמאַן בלייבט אומצופרידען פון דעם ווייב׳ס ענט־פער. דאָס וואָס ער האָט געהערט וועגען מיין אַרבייט פון די לאַנדסלייט קלעפּט עפּעס ניט מיט איהר ענטפער. ער פאַרשטעהט, אַז זי האָט געענטפערט ניט צום פּאָינט, נאָר וואו עס ליגט איהר טעות ווייסט ער ניט. איהם אַליין איז דער ענין אויך ניט אַזוי קלאָהר. ער ווענדעט זיך דעריבער מיט די אויגען צום טיר, ווי ער וואָלט מיר געבעטען, איך זאָל איהם דאָ אַרויסהעלפען.

מיר געפעלט די גאַנצע מעשה און איך שווייג. מיין לאַנדסמאַן, ניט דערוואַרטענדיג זיך אויף מיין ענטפער, פּרואווט איהר אַליין דערקלעהרען:

— ניין, ער שרייבט אין די פּייפּערס.

זי שאָקעלט צו מיט׳ן קאָפּ:

— אין די פּייפּערס — זאָל זיין אין די פּייפּערס.

— וואָס אַ פּייפּער איז ווייסט זי. די באָיטשיקלאַך שלאָגען איהר אַלע פאַרנאַכט אָפּ די שוועלען און באָטען איהר אָן פּייפּערס, ווייטער הערט זי פון די שכנות, ווי זיי דערצעהלען ווילדע, שרעק־ליכע מעשיות וועגען גנבות, גזלות, רציחות, פון וועלכע עס שטעלען זיך די האָר קאַפּויר און וועלכע זיי לייענען אויס אין די פּייפּערס.

מיין לאַנדסמאַן באַמערקט אָבער איהר גלייכגילטיגקייט און בלייבט נאָך מעהר אומצופרידען. ער האָט, וואָרשיינליך, געוואָרט, זי זאָל קריגען התפּעלות דערפון — ערשט זי שאָקעלט נאָר מיט׳ן קאָפּ!

— פאַרשטעהסטו? — געפינט מיין לאַנדסמאַן פאַר נויטיג ווייטער צו זאָגען. — פאַרשטעהסטו? ער שרייבט אַלץ פון קאָפּ. ער טראַכט אַליין אויס און שרייבט.

איצט האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מיר. צוערשט האָט זיך זיין בליק אָפּגעשטעלט ביי מיר אויבען, אויפ׳ן קאָפּ; ער האָט זיכער געדענקט, אַז ביי אַ מענשען וואָס שרייבט פון קאָפּ, דאַרף זיך עפּעס מערקען אויפ׳ן קאָפּ. דערנאָך אויף מיינע אויגען. זיין

בליק האָט אויסגעדריקט צופרידענהייט. איצט, דוכט זיך, האָט ער שוין גוט דערקלעהרט.

— אַכיבע אַזוי! — האָט מיין לאַנדסמאַנס ווייב געענטפערט אויך צופרידען. — איך טענה אַלץ מיט אונזערע טענערקעס, אַז אַלץ וואָס זיי שרייבען דאָרטען אין די פּייפּערס איז שקר וכזב און זיי גלויבען אין דעם תורת־לאַקשען... זיי לאַכען פון מיר, זיי זאָגען, איך בין אַ פּראָסטע אידענע. אמת, וואָס אמת־איז־אמת, אַ פּראָסטע בין איך, אָבער ניט קיין נאַר. איך לאָז זיך ניט אָנדרויען.

מיין לאַנדסמאַן ווייסט ניט, ווי צו האַלטען זיך איצטער. נאָר באַמערקענדיג אַ שמייכעל אויף מיינע ליפּען, דענקט ער, אַז דאָס ווייב האָט געזאָגט דאָס טאַקע, וואָס מען דאַרף און ער ווענדעט זיך שוין אַליין פּאַר זיך מיט אַ פראַגע:

— טאַקע אַלץ פון קאָפּ? פּראָסט אַזוי, גענומען און גע־שריבען פון קאָפּ? — עפּעס גלויבט זיך איהם ניט, אַז אַ מענש זאָל האָבען ביכולת אויסצוקלעהרען פון קאָפּ זאַכען.

— איהר לייענט ווען די פּייפּערס? — ענטפער איך איהם מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע.

— איך? ניין! מיר איז שווער צו לייענען אפילו מיט נקודות, און אָהן נקודות איז — טפררו! ניע אים מיעסטאַ!

— און מעשיות האָט איהר אויך קיינמאָל ניט געלייענט?

— אַלץ נישט. נאָר געהערט לייענען האָב איך.

— פאַרוואָס ניט אַליין?

— אַז מען האָט ניט געשמירט קינדווייז, געהט ניט איצ־טער...

מיין לאַנדסמאַן האָט דערווייל פאַרגעסען די פראַגע, וואָס ער האָט מיר געמאַכט, און איך בין געווען צופרידען פון דעם.

— איהר זעהט זיך דאָ מסתמא מיט דעם וואַלינטשיקס בחור? — גיט ער מיר ווייטער אַ פרעג און ענטפערט אַליין תיכף ומיד: פּטור, נו! ער איז דאָך אויך אַ שרייבער! פיינע עטליכע יאָהר איז ער אָפּגעזעסען אין מעסטשאַנסקע אופּראַווע, געמאַכט אַ פיינעם לעבען. דאָ איז ער אויף צרות. ער איז מיר אויך שולדיג

אַ פיינע פּאָר טאַלער. פאַרוואָס שרייבט ער ניט אין די פּיי־פּערס ?...

— צו אַלץ דאַרף מען האָבען מזל ! — האָט מיין לאַנדסמאַנ׳ס פרוי געענטפערט. — צוויי ברידער פון איין טאַטען־מאַמען, איז אויך געהט איינעם גוט און דעם אַנדערען שלעכט...

געטאַנצט אויף ביידענס חתונות

דזשייקאָב גאָלדינגער איז געווען אַ בחור, וואָס האָט געקענט דערלאַנגען אַבי־וועלכען שידוך אין זיין גראַד. ער איז געווען אַ רעטאַטשער און האָט פאַרדינט פיינע געלט. דערצו איז ער געווען אַ בחור ניט קיין פּראָסטער. ער האָט געהאַט שטענדיג עפּעס אַ פאַרטראַכטע אויסזעהן, האָט גערעדט, ווי איינער וועמען דאָס לעבען האָט שוין דערעסען, און מיידלאַך זיינען פאַר איהם אויס־געגאַנגען, יעדע האָט געוואָלט ווייזען איהם, אַז זי וועט פאַר איהם מאַכען דאָס לעבען פאַר אַ גן־עדן, און הגם זיי האָבען דאָס מיט׳ן מויל ניט געזאָגט, האָט ער דאָס אָבער געקענט לייענען אין זייערע אויגען.

נאָר, אויב ער האָט מיט׳ן מויל געזאָגט, אַז ער פיהלט זיך ווי אַן אָפּגעריסענע בלעטעלע פון אַ בוים, און דאָס לעבען אינטערע־סירט איהם גאָרנישט, איז זיין האַרץ ניט געווען דערביי. און זיין האַרץ איז ניט געווען דערביי, ווייל עס האָט שוין ניט געהערט צו איהם. צוויי מיידלאַך האָבען געהאַט זיין האַרץ און ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

די צוויי מיידלאַך זיינען געווען ראָזי און עני. ראָזי איז געווען אַ בילד־שעהנע מיידעל, אַ רייכע פאַרב אין די בעקלאַך, געוועלבטע ליפּען, אַ פאַרריסענעם נעזעל און אַזאַ קייל־עכדיגער קין־באַק, אַז מען האָט געדאַרפט ביישטעהן אַ גרויסען נסיון, ניט צו וועלען אָננעהמען פאַר׳ן קין־באַק און אַ גלעט טאָן. נאָר דערפאַר האָט געבלאָזען עפּעס אַ מין קעלט פון איהרע אויגען. אַזאַ קעלט קען מען אָפט זעהן אין די אויגען פון מיידלאַך, וואָס ווייסען אַז זיי זיינען שעהן.

ראָזי איז איהם געוועזן מעהר ווי געפעלען. זי האָט געפאַנגען זיין האַרץ באַלד נאָך דער ערשטער באַקאַנטשאַפט און ער האָט זיך געפיהלט גליקלאַך, ווען ער איז געוועזן מיט איהר אויף אַ באַל, אין טעאַטער, אויף אַ קאָנצערט. ער האָט שטאָלצירט מיט איהר שעהנקייט. נאָר יעדעס מאָל וואָס ער האָט געוואָלט עפענען זיין מויל און דערקלערען איהר, ווי ליעב ער האָט איהר, האָט ער זיך ווי אָפּגעשראָקען פאַר דער קאַלטקייט פון איהרע אויגען.

נאָר דערפאַר האָט ענני געהאַט זעהר וואַרימע אויגען. איהר בליק האָט אַריינגעדרונגען טיעף־טיעף אין זיין האַרצען און האָט דאָרטען פאַרשפּרייט אַ ווייכע, אַ ליעבליכע וואַרימקייט. ענני איז ניט געוועזן שעהן, הגם זי איז אויך ניט געוועזן מיאוס. זי האָט געהאַט אַ געוועהנליכע געזיכט, מיט פולע ליפּען. נאָר מיט איהר האָט זיך גאָלדינגער געפיהלט אַ סך היימישער. זיצענדיג נעבען איהר ביי איהרע עלטערען אין הויז האָט אויף איהם אַ בלאָז געטאָן אַ היימישער ווינטעל. זי האָט ביי איהם אַרויסגערופען די געדאַנקען פון אַ היים, פון קינדער, פון אַ רוהיג לעבען און ווען ער איז געזעסען נעבען איהר, האָט ער זיך בשום אופן ניט געקענט אָפּרייסען פון איהר. און ער האָט דערפיהלט די גאַנצע שטעבעדיגקייט פון איינזאַמקייט, וואָס וואַרט אויף איהם אין זיין צימער.

ווי זאָט ער איז ניט געקומען צו איהר אין הויז, האָט ער געמוזט דאָרטען עסען. ער האָט געמוזט דאָרטען אָנטאָן איבער זיך אַ כח און עסען, ווייל ער האָט געפיהלט, אַז ער וועט איהר פאַרשאַפען שמערצען, ווען ער וועט דאָס איהר ניט טאָן צוליעב. זי האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעלען זיך, ווי אַ סינגעלמאַן קען האָבען געגוג צו עסען אָדער צו טרינקען. איהר האַרץ האָט איהר פאַרקוועטשט מיט רחמנות, ווען זי האָט באַטראַכט, אַז פאַר אַ גלאָז טיי דאַרף ער צאָהלען פינף סענט. מען קען זיך שוין אַ סך פאַרגינען, ווען פאַר יעדער קלייניגקייט דאַרף מען צאָהלען מיט ניקעלס. ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז פאַר נאָז־טיכלאַך צאָהלט ער צו צוויי סענט פון שטיק פאַר וואַשען, איז זי ממש אין כעס געוואָרען און האָט זיך אַרויסגערופען, אַז זי וועט פאַר איהם וואַשען די טיכלאַך, נאָר דאָס האָט זי שוין ביי איהם ניט געקענט פועל'ן.

עס האָט פיעל מאָל געטראָפען, אז ווען ער איז מיט איהר גע־זעסען און זי האָט געצוויטשערט איבער איהם ווי א פויגעלע, און ער איז געווען פארטראַכט, און געטראַכט האָט ער, וואָס פאַר א גליקליך לעבען ער האָט געקענט האָבען, ווען ער זאָל מיט איהר חתונה האָבען, פלעגט ער זיך פּלוצלונג א כאַפּ טאָן:

— אה, עננִי, ווען איהר זאָלט וויסען —

און ער האָט זיך פּלוצים איבערגעהאַקט.

זיין קול איז אָבער געווען אזוי ווייך, ווען ער האָט אָנגעהויבען די פראַזע. עפּעס האָט זיך אין די ווערטער געהערט אזוי פיעל פאַרשפּרעכונג, האָפנונג, אז איהר מיידעלשע האַרץ האָט זיך א צאַפּעל געטאָן, און זי האָט געפיהלט, אז אין דעם מאָמענט ווערט איהר מזל אָנגע׳חתמ׳עט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען, און דערהערענדיג, אז ער האָט זיך אין מיטען איבערגעריסען, האָט זי א פרעג געטאָן מיט א לייכטען ציטער אין איהר שטימע:

— וואָס?

— גאָרניט! — האָט ער געענטפערט.

ער האָט ניט געקענט ענדיגען די פראַזע. ער האָט איהר שוין ניט געקענט זאָגען, וואָס ער דענקט וועגען איהר, ווייל אין דער מינוט איז פאַר זיינע אינערליכע אויגען ערשינען ראָזי׳ס גראַציעזע געשטאַלט אין איהר פולער, בלענדענדער שעהנקייט, און ער האָט זיך שיער ניט דערוואָרגען מיט די איבעריגע ווערטער, וועלכע זיינען איהם פאַרגליווערט געוואָרען אין האַלז. עננִי האָט אָבער געפיהלט, אז ער האָט איהר געוואָלט זאָגען עפּעס וויכטיגעס, עפּעס וואָס איז איהר שטאַרק נוגע, און זי האָט אָנגעהויבען ציהען איהם פאַר דער צונג.

— איהר ווערט האָבען זאַאיקעוואַטע קינדער. אז איהר האָט שוין אָנגעהויבען צו ריידען — רעדט ווייטער.

— עט, מאָלע וואָס עס כאַפּט זיך אַרויס! גאָרניט!

— פאַרט וואָס?

— גאָרניט.

— איהר מאַכט פריהער נייגעריג און נאָכדעם ווילט איהר ניט זאָגען.

— גאַרניט, גאַרניט, ריכטיג גאַרניט. איך האָב זיך פּלוצים דערמאַנט, אַז איך דאַרף נאָך היינט ערגעץ זיין.

און טאַקע ביי די ווערטער האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז אַרויס פון איהר הויז אומצופרידען. ער איז אוועק צו זיך אין צימער, האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין זיין איינזאַמע בעט און געטראַכט און ער איז ענדליך איינגעשלאָפען מיט אַ קללה אויף רבנו גרשון...

* * *

גאָלדינגער האָט אַזוי לאַנג געשלאָגען זיך מיט דער דעה, ביז ראָזי האָט געפונען אַ חתן, אַ פיינעם ביזנעסמאַן, וועלכער האָט געמאַכט גוטע געשעפטען און האָט זיך געקענט פאַרגינען צו האָבען אַ שעהנהייט פאַר אַ ווייב. דעמאָלט איז איהם קלאָהר געוואָרען, אַז טאַקע ראָזי האָט געהאַלטען זיין האַרץ און ער האָט איהר איצט געוואָלט דערקלעהרען, אַז זי זאָל עס האַלטען ווייטער. ער האָט איהר איצט גענומען נאָכגעהן ווי אַ שאָטען, הגם ער האָט זיך געמוזט האַלטען פון דערווייטענס און אָפּטרעטען דעם ערשטען פּלאַץ פאַר דעם גליקליכען חתן. נאָר ער האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אַז ער וועט צוריקגעווינען איהר ליעבע און זי וועט דעם שדוך אָפּלאָזען, און ער האָט זיך אַזוי לאַנג געדרעהט, ביז עננוי האָט אויך געקראָגען איהר באַשערטען און איהם איז אויסגעקומען צו טאַנצען מיט אַ צובראָכענעם האַרצען אויףביידע חתונות.

די גוטע מערכה

די מילך־לידי האָט געהאַלטען דעם קריגעל אין האַנט און האָט זיך ניט גערירט פון אָרט צו געהן אָנגיסען מילך. זי האָט זיך צוגעהערט צו דעם געשפּרעך פון די דריי ווייבער, וואָס האָבען גערעדט פאַר דער סטאַיקע.

— ...אַ פרוי זאָל בעסער ניט געבאָרען ווערען. נאָר אויף צרות ווערט זי באַשאַפען. אַ פאַרקויפטער קנעכט איז זי דאָס גאַנצע לעבען. וואָס, פרעג איך אייך, וואָס אומשטיינס געזאָגט, האָט זי? — האָט איינע, ווי עס שיינט פאַרטגעזעצט אַן אָנגעהויבענעם געשפּרעך.

— אָט דאָס איז דאָך מיין טענה! — האָט אַ צווייטע איהר איבערגעשלאָגען; — בעסער שטיינער צו טראָגען, איידער מיידלאַך געווינען. וואָס קען אַ מיידעל דערוואַרטען? צרות און צרות. דוכט זיך, איך אַרבייט אַזוי שווער און ביטער, ווי מיין מאַן, און אַז איך וועל וועלען מאַכען אַ חשבון, וועט מיר נאָך עפּעס דאַרפען אַרויסקומען. ניט קיין טאָג און ניט קיין נאַכט. ער, פּטור, ער ווייסט, אַז אין דער פריה דאַרף ער געהן צו דער אַרבייט און פאַרנאַכט קומט ער צוריק. אמת, מען קען ניט זאָגען, עס איז ניט קיין נחת צו זיצען אין שאַפּ אַ גאַנצען טאָג. אָבער איז דען מיין אַרבייט גרינגער? און אַז ער קומט פון שאַפּ און דער סאַפּער זאָל חס־ושלום ניט זיין פאַרטיג — אַי, אַי וועט דאָס ווערען אַ ליהודים! צושרייען זיך, אַז מען זאָל הערען אין דער צעהנטער גאַס, איז אַ קלייניגקייט. עס איז רעכט, אַז ער זאָל מיר עפּעס וואַרפען אין קאָפּ. אַי, וואָס? טאָמער האָבען די קינדערלאַך מיר געריסען ביים פאַרטוך, טאָמער — אַל תפתח פה לשטן — טאָמער בין איך געוועזען קראַנק, איך בין דאָך ניט מעהר ווי אַ זינדיגער מענש —

זיין דאגה! ער דאַרף פון קיין זאַך ניט וויסן: פּאַראוואַי און געפּטריט!

— געוויס. מען רייסט זיך נאָר אומזיסט פון הויט, — האָט געענטפערט די דריטע. — קיין פּאַדזשאַקע וועסטו ניט קריגן. וואָס דאַרפסט איהר בעסער? מיינער איז, זינדיגען זאָל איך גאָר ניט, טאַטעלע־פאָטער, מיט מיינע רעד, אַזאַ שלים־מזל, אַז זעקס חדשים אין יאָהר סטאַפּט ער, און ווען איך זאָל ניט האָבען מיינע פיער באָרדערס, וואָלטען מיר שוין לאַנג אויסגעגאַנגען פאַר הונגער. אפילו אין זיינע גוטע צייטען וואָלט איך קיינמאָל קיין גאַנצע פּאַר שיך ניט געהאַט. און וואָס טראָכט איהר? — דער דעה־זאָגער איז ער. ווען ער איז ביזי, איז ער — ריהר־מיך־ניט־אָן, זאָל גאָט אויסהיטען, אַז איך זאָל פאַרגעסען צו דער צייט אָנגרייטען איהם אַ פרישע פּאָר סקאַרפּעטקעס, מיין לעבען וועט ניט ווערטה זיין קיין פּעני, נאָר אפילו אין סלעק־טיים, ווען גאַנצענע טעג געהט ער אַרום, ווי אַ פריי־מאַיאָר, און ער ווייס נאָר פון קומען אַהיים עסען און שלאָפען, אַז איהם זאָל חס־ושלום צו דער מינוט ניט זיין, וואָס ער וויל — נו, נו! איהם אַרט ניט צי די באָרדערס וואָרטען אָדער ניט; וואָס געהט עס איהם אָן! אי, וואָס? — נו, פרעגן קשיות!

— מען איז אַליין שולדיג! — האָט זיך אָפּגערופען די מילך־ליידי, אַ שלאַנקע פרוי מיט אַ יונגע געזיכט, אָבער מיט טיפע קנייטשען אויפ'ן שטערן, וואָס האָבען באַוויזען, אַז זי האָט געהאַט איבערצוטראָגען אַ גוטען פּעקעל צרות. מען איז אַליין שולדיג, ווען מען זאָל אַליין זיך אַזוי ניט אונטערוואַרפען, וואָלטען די מענער אַזוי ניט געהערשעוועט. איך ווייס ניט, מיין מאַן גאָט צו דאַנקען, מאַכט ניט אַזעלכע העזיות און ער פאַרדינט גוטע געלט, הלואי אַ חוץ אונזער שאָדען אויף אונזערע גוטע פריינט געזאָגט געוואָרען. ער זאָגט מיר קיין מאָל קיין קרום וואָרט ניט. אַז ער קומט פון זיין אַרבייט און געפינט ניט קיין עסען, מאַכט ער זיך אַליין. פאַר וואָס ניט? קליין איז ער? ער פאַרשטעהט גאַנץ גוט, אַז ווען איך אַטענד די סטאָר, קען איך ניט זיין אַזוי אָפּגעגע־

בען צום שטוב. מען דאַרף נאָר קיין דרך ניט ווייזען; מען דאַרף זיי נאָר ניט ווייזען, אַז זיי זיינען עס די יחסנים.

— עס איז גרינג צו רעדען „ניט ווייזען קיין דרך", — האָט זיך אָפּגערופען די ערשטע. — אָבער ווי פיהרט מען דאָס אוים? אָך, איך וואָלט זעהר וועלען ווייזען מיינעם, אַז ער איז ניט קיין יחסן; אָבער מען דאַרף דאָך ביי איהם פּועל'ן, אַז ער זאָל דעם באַוויין אַנצונעמען.

— מען דאַרף דערצו קיין קונצען ניט האָבען! — האָט די מילך־לײדי געענטפערט, און איהר פיגור איז נאָך שלאַנקער געוואָרען. — מען מאַכט איינמאָל פאַר אַלע מאָל ביי זיך אָפּ ניט אונטערצוגעבען זיך, זאָל באַראַי די וועלט אונטערגעהן, און איהר וועט זעהן, אַ־אַ־אַ! ווי די מענער וועלען ווערען בעסער! אַ, געוויס, — האָט זי ווייטער פאַרטגעזעצט מיט אַן איראָנישען שמייכעל אויף די ליפּען, — אַז מען קריכט פאַר זיי אויף די לאַפּקעס, בריקען זיי זיך.

— אייך האָט דער אייבערשטער באַשערט מיט אַ גוטען מאַן און דעריבער פיהלט איהר ניט. אָבער ווען איהר וואָלט געווען אויף מיין אָרט און וואָלט געהאַט צו טאָן מיט אַזאַ מאַן, ווי מיינער איז, וואָלט איהר גאָר אַנדערש געזאָגט, — האָט געזאָגט די צווייטע קונה'טע.

— אודאי איז אייך גרינג צו רעדען, אַז דער אויבערשטער האָט אייך געבענשט מיט אַזאַ מאַן. אָבער וואָס טויגען מיר די קונצען, אַז אַזאַ שלים־מזל ווי מיינער איז, וואָס ווען ניט איך וואָלט אויף איהם שוין לאַנג אָנגעוואַקסען גראָז, פונדעסטוועגען איז ער דער מאַנסביל און איך די אידענע. ער איז דער שרייער און איך מוז אויסהערען; ער איז דער דעה־זאָגער און איך מוז פאָלגען.

ביי דער מילך־לײדי האָט זיך די פאַרב אין פּנים געביטען. אין דער מינוט איז אין סטאָר אַריין אַ קיילעכדיג אידעל מיט אַ שוואַרץ בערדעל און האָט געפיהרט פאַר'ן עלענבויגען אַ קליין מיידעל, איינגעריכט פון אויבען ביז אַראָפּ אין בלאַטע. קענטיג, אַז מען האָט איהר אַקאָרשט אַרויסגענומען פון אַ קאַליוזשע. דאָס מיידעל האָט געהאַלטען דעם קעפּעל אַרונטערגעלאָזט,ביידע

הענטלאך אויסגעשטרעקט מיט די פינגערלאך ווייט פאנאנדער־געשפרייט און האט ביטער געוויינט.

ביי דער מילך־לײדי האט זיך די פארב אין פנים געביטען.

— וואס איז דאס אזוינס? — האט זי געפרעגט.

— וואס איז דאס אזוינס? דו פרעגסט מיך, אדרבא, איך פרעג דיך, וואס איז דאס אזוינס? — האט דער מאן געזאגט מיט א בייזען טאן און האט א ווארף געטאן א בליק אויף די דריי ווייבער. — נאר מיר איז שוין גארניט קשה: אז די מאמע שטעלט זיך באלאקען מיט די קאסטימער, איז קיין וואונדער ניט, אז דאס קינד קריכט אין קאלוזשע. וואס זאל זי דען טאן? געה ריהר זיך! טו איהר געשווינד איבער! — איז ער ארויס אויפ'ן אויבער־קול און ווענדענדיג זיך צו די קאסטימער, האט ער שארף א פרעג געטאן — וועל, וואס דארפט איהר?

ער האט האסטיג אז עפען געטאן די לאדען פון סטאיקע און נאך האסטיגער איהר ארויפגעלאזט. דאס קערבעלע מיט די אייער, וואס איז געשטאנען אויף די זאוויעסקעס פון לאדען, האט זיך א קעהר געטאן און די אייער האבען זיך אראפגעקייקעלט אויף דער ערד און זיינען צובראכען געווארען.

— ליימענער גולם! — האט ער גענומען שרייען צו דער ווייב. דו האסט קיין אויגען ניט? וואס ביזטו? — בלינד? קענסטו זיך צו עפעס ניט צושטעקען, דו זאלסט קיין שאדען ניט מאכען. געה אוועק פון דאנען!

— דו האסט דאך דאס געטאן, ניט איך. איך האב זיך אפילו צום סטאיקע ניט צוגעריהרט, — האט זי קוים ארויסגעשטאמעלט.

— איך?! — האט ער אויסגעשריען, און זיינע אויגען האבען זיך אנגעגאסען מיט בלוט. — איך? האלט ס'מויל אויב דו ווילסט אוועק מיט א גאנצע קאפ. וואס ווילט איהר? — האט ער זיך פלוצים געווענדעט צו איינע פון די קאסטימער.

— מילך.

— דער קריגעל?

— ביי אייער ווייב.

ער האָט אַ ריס געטאָן דעם קריגעל ביים ווייב פון דער האַנט און איז צוגעגאַנגען צום קאָן אָנגיסען מילך. דאָס ווייב איז נאָך אַ רגע געשטאַנען צומישט. פלוצים האָט זי דעם פאַרטוך אַ הויב געטאָן און צוגעטראָגען איהם געשווינד צום געזיכט און האָט זיך צעוויינט.

די האַנאַראַוואַטע

— נו אדרבא, זאָג מיר, וואָס איז געווען די חכמה צו פאַרקויפען אַן איינגעפונדעוועטע ביזנעס? לאָמיר איצט אוועקלעגען אַט אַ זייט די טענות, צי דו האָסט זיך ביי מיר געדאַרפט אָנפרעגען אדער ניט. מילא, זאָל זיין ווי דו זאָגסט: „וואָס פאַרשטעהט אַ אידענע!” איך גיב דיר צו, אַז איך פאַרשטעה טאַקע גאָרניט, און מסתמא פאַרשטעהסטו דאָך שוין אַליין, אַז איך וועל שוין מעהר מיט דיין ביזנעס ניט האָבען צו טאָן. אויב דו מיינסט, אַז איך וועל ווייטער זיין אַזאַ שוטה און וועל זיך מקריב זיין פאַר דער ביזנעס, און דו וועסט זיך אַרומלויפען אַ גאַנצען טאָג און זוכען דעם נעכטיגען טאָג, האָסטו אַ גרויסען טעות. איין גאָט ווייסט, אַז איך האָב געטאָן מעהר ווי מיינע כחות האָבען מיר ערלויבט, צו מאַכען פון דעם קליינעם שאַפּעל אַ רעגעלע ביזנעס. גלויב מיר, עס איז מיר ניט געווען גרינג צו שטיקען זיך אין דעם קליינעם גריבעל הינטער דער סטאָר און זיין אַ בעל־הבית׳טע, און אַ מאַמע, און אַ קעכין און אַ ווייב און האָבען נאָך דערצו די גאַנצע סטאָר אויף מיינע הענט. און טאָמער איז דאָס נאָך אויך געווען ווענִיג, האָב איך נאָך אפילו געדאַרפט אויסלערנען זיך צו מאַכען פּאַטשינקעס, ווייל דו ביזט תמיד אַרומגעלאָפען און האָסט תמיד געהאַט צו אַטענדען זאַכען וואָס זיינען דיר ניט נוגע געווען —

אַנפאַנגס, ווען מאַטליע האָט אָנגעהויבען צו רעדען האָט אייזיק דעם גאָלדשמידט אָנגעכאַפּט עפּעס אַ מין חרטה. ער האָט געפיהלט אַ בושה, וואָס ער האָט זיך ניט מיישב געווען מיט דער ווייב אין אַזאַ וויכטיגען ענין, ווי צו פאַרקויפען אַ ביזנעס, וואָס זיי האָבען יאָהרען לאַנג אַרויפגעאַרבייט. ער האָט ביי איהרע ער־

שטע רעד דערפיהלט שטאַרקער ווי אַלע מאָל, אַז אויב זיי האָבען זיך אַרויפגעאַרבייט אויף אַ ביזנעס, איז דאָס געווען צו פאַר־דאַנקען נאָר איהר. ער וואָלט פאַרבליבען זיין גאַנץ לעבען אין שאָפּ, וואו ער האָט געאַרבייט פאַר צוועלף דאָלאַר אַ וואָך, ווען זי זאָל איהם מיט אַלע ראיות ניט דערוויזען אַז דאָס איז קיין תכלית ניט. און ניט נאָר האָט זי איהם איינגערעדט און צוגערעדט ער זאָל מאַכען אַ קליינעם שאָפּעל פאַר זיך, נאָר זי האָט ממש זיך געריסען פון הויט צו מאַכען פון דעם שאָפּעל אַ פיינע ביזנעס. און ווען זי האָט אָנגעהויבען צו רעדען מיט אַ נעבאַך־קול, האָט איהם ממש אַ ריס געטהאָן אין האַרצען, און ניט נאָר דערפאַר וואָס זי איז געווען די גאַנצע נשמה פון דער ביזנעס, נאָר ווייל ער האָט טאַקע פון איהר געהאַלטען אַז עולם ומלואו און גערעכענט, אַז ער איז ניט ווערטה צו פּוצען איהרע שיך. ער האָט שוין געהאַט בדעה צו פאַרענטפערען זיך, אַז דער פּרייז וואָס מען האָט איהם אָנגעבאָטען פאַר די ביזנעס האָט איהם לכתחילה געשיינט אַזאַ גוואַלדיג גרויסער, אַז ער האָט מורא געהאַט צו רעדען מיט איהר, טאָמער וועט זי זיך ברעקלען.

נאָר וועט מאַטליע האָט זיך גענומען אויס׳טענה׳ן און האָט איהם מיט דעם נעבאַך־טאָן געגעבען אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש, אַז ער האָט מיט דער ביזנעס גאָרניט געהאַט צו טאָן, האָט דאָס איהם שטאַרק פאַרדראָסען, און ער האָט זיך גלייך אָנגעצונדען און אויסגעשריען:

— געוועזען מאַין, וואָס איז געווען. פון היינט אָן וועסטו זיך ביי מיר אין די ביזנעס ניט מישען. מיר וועלען נעהמען רומס און אויספאַרנישען זיי און דו וועסט זיין אַ בעל־הבית׳טע דאָרטען. אָבער אין דער ביזנעס וועל איך זיין באָס. פאַרשטעהסט? באָס! און דו וועסט דערמיט גאָרניט האָבען צו טאָן. אַזוי? איך בין תמיד אַרומגעלאָפען און דו ביזט געווען די גאַנצע אָטענדערקע! אַ נעכטיגען טאָג האָב איך געזוכט און דו ביזט געווען אַ גאַנצער כל ולך! אַלרייט! מעהר וועסטו אין דער ביזנעס ניט אַריינ־שמעקען. איך וועל דיך אויפ׳ן שוועל ניט אַרויפלאָזען.

— און ווער וועט אַרומלויפען אַ גאַנצען טאָג?

— זאָל דיך דער קאָפּ ניט דאַרען פאַר מיר! איך האָב געמאַכט אַ לעבען איידער איך האָב דיך דערקענט.

— צוועלף דאָלאַרעס אַ וואָך!

— אָבער פאַרגעס ניט: אַ סטעדי דזשאָב!

— נאָר וואָס איז דער חילוק. איך וויל זיך מיט דיר ניט קריגען. גוט, גוט, גוט! דו און דו און נאָר דו! און איך בין זעהר צופרידען מיט׳ן באַרגיין.

מאַטליע האָט שוין מעהר ניט פּרובירט אויסצוזוכען די חכמה פון פאַרקויפען אַן איינגעפונדעוועטע ביזנעס, און דאָס איז ווידער ניט געפעלען געוואָרען אייזיק׳ן. איהם איז ניט געפעלען געוואָרען, וואָס ער האָט זיין ווייב אַזוי אָפּגעשניטען. דאָס האָט ער בשום אופן ניט געמיינט. ער האָט געקענט זיין ווייב און געוואוסט, אַז זי איז זעהר, ווי ער האָט עס גערופען, אַ האָנאַרעוואַטע. און פאַר דעם צוג אין איהר כאַראַקטער האָט ער זעהר מורא געהאַט. ביי לייטען רעדט מען זיך איבער און מען זאָגט איינער דעם צווייטען וואָס אין קאָרט שטעהט און באַלד פאַרגעסט מען וועגען דעם. מאַלע וואָס אַ מענש קען זיך אויסרעדען, ווען ער ווערט אין כעס. נאָר מיט איהר איז גאָר אַנדערש. ווען ער טרעט איהר גראָב אָן, קען זי האַלטען אויף איהם אַ רוגז יאָהרען און יאָהרען. ער האָט דעריבער איצט מורא געהאַט צו רעדען ווייטער טאָמער וועט ער זיך ווידער אַרויסכאַפּען מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס ער וויל ניט זאָגען, און האָט אפילו מורא געהאַט צו פאַרענטפערען זיך.

דערפאַר האָט ער גלייך אָנגעהויבען צו זוכען נאָכבאַרשאַפט, וואו ער זאָל קענען עפענען אַ גרעסערע סטאָר און איז אַלע ווײַלע געקומען מיט אַ רעפּאָרט און געפרעגט איהר עצה. ער האָט עס געטאָן שוין ניט אַזוי דערפאַר, וואָס זי האָט איהם אין דעם גע־קענט געבען גוטע פּונקטען, נאָר מעהר צוליב דעם, וואָס ער האָט איהר געוואָלט ווייזען באַשיינפּערלאַך, אַז אָהן איהר וויל ער זיך ניט אַ קעהר טאָן. נאָר אויף די אַלע אַזעלכע רעפּאָרטען האָט מאַטליע געענטפערט קורץ און שאַרף:

— דו ביזט דער באָס און דו ווייסט בעסער וואָס צו טאָן.

און זי האָט זיך טאַקע מעהר ניט געמישט און האָט איהם געלאָזט אַליין אויסזוכען אַ נאַכבאַרשאַפט און אַ סטאַר און אויס־פיקסען איהר ווי ער האָט פאַרשטאַנען. רומס האָבען זיי איצט געהאַט באַזונדערע און זי האָט זיך אָפּגעגעבען צו דער בעל־הבית׳יש־קייט. זי האָט אויף דער נייער סטאַר קיין חרם ניט אַרויפגעלעגט און פלעגט אַרויפקומען און זיצען אַ ווײַלע, אָבער ניט הינטער׳ן קאָנטער, און ווען ער פלעגט צו איהר צושטעהן, זי זאָל איהם צוהעלפען, האָט זי קאַלט ערקלעהרט, אַז זי האָט שוין איהר חלק געטאָן און געקראַגען די דאַנקבאַרקייט דערפאַר.

אָפט איז געקומען צו הייסע סצענען און ער פלעגט אַרויסגעהן פון זיך, וואָס זי האָט זיך איינגאַנצען אָפּגעטרייסעלט פון געשעפט. און האָט איהר גאַנץ שאַרף געזאָגט, אַז ווען די ביזנעס וועט פּלאַצען, וועט זי ליידען ניט ווייניגער פון איהם און זי וועט דעמאָלט וויסען פאַטשאָם פונט ליבאַ. נאָר דאָס איז אַלץ געווען אַרויס־געוואָרפען. זי האָט פון קיין זאַך ניט געוואָלט וויסען, און ביי די דאָזיגע אַלע סצענען, איז זי קיין מאָל פון די כלים ניט אַרויס און האָט אפילו קיין שטעכווערטלאַך ניט געגעבען, נאָר האָט רוהיג געענטפערט: ניין און ניין.

אייזיק האָט דעם געשעפט געשטעלט פון אָנפאַנג אָן אויף אַ ברייטען פוס. ער האָט געהאַט אַ גוטען נאָמען ביי די דזשוּלערי־הענדלער און זיין קרעדיט איז געווען גוט אויף פיינע עטליכע טויזענד דאָלאַר און ער האָט זיין סטאַר אויסגעפיקסט זעהר שעהן. נאָר פון קיין חשבונות האָט ער ניט געוואוסט. ער האָט ניט גע־וואוסט, צו דער סטאָק איז צו גרויס פאַר דער נאַכבאַרשאַפט צי ניט. ער האָט אָנגעקוואָלען, וואָס די שאַר־קייסעס האָבען פאַר־נומען דאָס אויג. און די דאָזיגע שמחה איז נאָר געשטערט גע־וואָרען, ווען עס איז געקומען דער סראָק פון אַן אָפּצאָהלונג. לויט דעם אויסלעג איז דער פדיון געווען זעהר אַ שוואַכער און ווען עס איז געקומען צו אַן אָפּצאָהלונג האָט ער זיך געמוזט העלפען מיט אַ גמילות־חסד. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס איז קיין נייעס ניט. יעדער ביזנעסמאַן מוז אָנקומען צו אַ גמילות חסד. נאָר וואָס ווייַ־טער זיינען די צאָהלונגען געוואָרען אַלץ שווערער און שווערער

און די גמילות חסדים זיינען געװאָרען אַלץ אָפּטער און אָפּטער. איצט האָט ער שוין געדאַרפט כאַפּען אַ גמילות חסד שוין ניט צו ענטפערען אַ צאָהלונג אין ביזנעס, נאָר צו דעקען אַ צװייטען און אַזוי האָבען זיך פאַר איהם אָנגעהויבען אַזעלכע זאָרגען, װאָס ער האָט קיין מאָל פריהער גאָרניט געװאוסט.

— דאָס איז אַלץ דו, דו! דו ביזט שולדיג! — האָט ער איינ־מאָל אין אָבענד קומענדיג אַהיים זיך געװענדעט צו זיין װייב.

— װאָס איז װייטער? — האָט מאַטליע געפרעגט רוהיג.

— עס איז גאָרניט װייטער. װאָס האָט מיר געפעהלט, אַז איך האָב געהאַט אַ סטעדי דזשאָב און האָב פון קיין שום קאָפּ־דרעהעניש ניט געװאוסט? דאָס ביזטו צו מיר צוגעשטאַנען, אַז איך זאָל געהן אין ביזנעס און פאַרדרעהען זיך אַ קאָפּ.

— און װאָס איז איצט געשעהן?

— װאָס איז, דיך אַ פּנים אַרט, װאָס עס טהוט זיך אין גע־שעפט? דו זיצט זיך דאָ װי אַ פּאַני און ביי מיר װערט דער מח צופּלאַצט. איך װעל עס ניט אויסהאַלטען! איך װעל בעסער צוריק־געהן אין אַ שאָפּ אַרבייטען.

— באַשולדיג מיר ניט פאַר די איצטיגע ביזנעס. איך האָב מיט דעם איצטיגען סטאָר גאָרניט צו טאָן. די סטאָר װאָס איך האָב אויפ־געבויט האָט דיך געשטעלט אויף די פיס און אַלס דאַנקבאַרקייט האָסטו יענע סטאָר פאַרקויפט און אפילו ניט געפונען פאַר נויטיג, פון יוצא װעגען, צו פרעגען מיך.

— דו הויבסט שוין װידער אָן מיט די פוילע שטיק!

— איך הויב גאָרניט אָן. דאָס האָסטו אָנגעהויבען. האַלט עס טאַקע אַזוי שלעכט?

— אין דער ערד! אין דער ערד! מיר האָט שוין דער מח אויסגעטריקענט.

זי האָט אפילו קיין אַהנונג ניט געהאַט, אַז די ביזנעס איז אַזוי שלעכט. פאַר די ערשטע סטאָר האָט ער אָפּגענומען מזומן זעקס טויזענד דאָלאַר און אויב ער האָט דאָ קיין גליקען ניט געמאַכט, האָט ער דאָך אויך ניט געקענט באַגראָבען אַזוי פיעל געלט. זי האָט זיך דעריבער אָנגערופען אומרוהיג:

— קען איך עפּעס העלפען?

— קיינער קען שוין ניט העלפען. עס איז שוין געקומען — און מיט די הענט האָט ער געוויזען אויפ׳ן האַלז.

און היינטיגס מאָל איז ער געווען גערעכט. ער האָט זיך אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז דער איינציגער אויסוועג איז נאָר געבליבען איבערצוגעבען די סטאָר די קרעדיטאָרען אין די הענט.

אייזיק איז געווען אוים מענש ווען דער אומגליק איז גע־שעהן. ער האָט געשריען, אַז ער וועט דעם בזיון ניט אויסהאַלטען און ער וועט זיך אַ מיתה אַנטאָן, און מאַטליע האָט געהאַט פון איהם אויסצושטעהן קאַלט און וואַרים. זי איז געבליבען רוהיג. נאָר איצט איז זי ווידער אַריין אין איהר פריהערדיגע ראָלע און האָט גענומען זוכען וועגען, ווי אַזוי צוריק צו עפּענען די הענט.

און ווען אייזיק האָט זיך איבערגעקאָכט און אויפגעהערט צו געוואַלדעווען, האָט ער ווידער, ווי אין די פריהערדיגע צייטען, געלאָזט זיך פיהרען פון דער ווייב. זי האָט געזאָגט און ער האָט געפאָלגט, און דער אומגליק האָט געבראַכט מעהר האַרמאָניע אין שטוב.

דער לענדלאָרד

— זייט איהר ניט, מיסטער, דער זעלביגער וואָס שרייבט אין די פּייפּערס? — האָט זיך צו מיר געווענדעט דער גלעזער, וואָס האָט אריינגעשטעלט אַ פּאָר נייע שויבען אין מיינע רומס.

ווען ער האָט באַקומען אַן ענטפער, אַז דאָס איז דער זעלביגער, האָט ער צופרידען געזאָגט:

— גוט, אויף מיינע נאמנות, וואָס איך זעה אייך. איך האָב פאַר אייך גאָר אַן אַנטיקעל. אויף מיינע אחריות, איהר קענט עס אריינשטעלען אין פּייפּער.

— אדרבא, לאָמיך טאָקע הערען.

ער האָט גענומען קנעטען מיט דעם גראָבען פינגער פון דער רעכטער האַנט דעם קיט, וואָס ער האָט געהאַלטען אויפ׳ן דלאָן פון דער לינקער, האָט זיך אָפּגעהוסט ווי אַ חזן פאַר׳ן זינגען, האָט אַ פּאָר מאָל געעפענט דאָס מויל און האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— עס ווייזט אויס, אַז עס איז אַ פאַני־זאַך, וואָס איהר קלייבט זיך צו דערצעהלען, אַז איהר שמייכעלט שוין באַצייטענס.

— אַ פאַני זאַך איז דאָס, נאָר שמייכלען שמייכעל איך ניט דערפון. איך שמייכעל פון זיך אליין. איך וויים ניט ווי אָנצוהויבען.

ער האָט מיט מעהר חשק גענומען קנעטען דעם קיט.

— אַ נפקא מינה ווי איהר וועט אָנהויבען. עס וועט שוין זיין גוט, ווי איהר וועט אָנהויבען. דער עיקר איז דאָך די מעשה, — האָב איך איהם צוגעגעבען חשק.

— זעהט, דאַכט זיך, הא, וואָס, גאָרניט? און דאָך... ווי זאָגט מען דאָס, אַז אַקס האָט אַ לאַנגע צונג און קען קיין שופר ניט בלאָזען.

— וועגען וועמען אדער וועגען וואס ווילט איהר דערצעהלען ?

— וועגען מיינעם א לאנדסמאן. איך האב דא איצט געהאט מיט איהם א פיינע מעשה. ער איז דא, יו נאו, געווארען א לענד־לארד, נאר מיינט ניט, אז ער איז חס־ושלום אי־אי, ער איז פון דער היים גאר ניט אזא גרויסער מיוחס. ביי אונז אין שטעדטעל האט ער זיך געריבען ארום אן אכסניא, אדער ווי זיי האבען דאס די לעצטע יאהרען אנגעהויבען צו רופען האטעל. מען דארף דאך אייך קיין פינגער אין מויל ניט לעגען, איהר שטויסט זיך דאך שוין אן מסתמא, וואס דער בחור האט געהאט צו טאן אין האטעל... און דער בעל אכסניא איז דוקא געווען א פיינער איד... מילא, וועמען געהט עס אן ? שלאגען זיי זיך קאפ אין דער וואנט. קיין גליקען האט ער, איך מיין מיין איצטיגער לענדלארד, ניט דער בעל אכסניא, ניט געמאכט. דער בעל אכסניא האט שוין געמאכט גאר גוט. ער איז געווען א יוסטער איינגעפונדעוועטער בעל־הבית און האט דארטען געמאכט בעסער, ווי איך דא. איהר זעהט דאך די גליקען, וואס איך האב דא געמאכט אין אמעריקא... יא, נאר וואס האב איך געוואלט זאגען ?

— קיין גליקען האט ער ניט געמאכט, אייער איצטיגער לענד־לארד, הייסט עס.

— דאט׳ס רייט. קיין גליקען האט ער ניט געמאכט. ניט קיינער האט אויף איהם געקוקט, ניט קיינער האט פון איהם גע־וואוסט און ניט קיינער האט פון איהם געהערט. אבער עס איז באשערט געווען דעם הולטאי אפצולעקען א פעטען ביינדעל און דאס האט איהם געשטעלט אויף די פיס. מאכט זיך אזא מעשה. אין אכסניא האט זיך איינגענאדזשעט עפעס א יונגער פראנטעל און האט געווארפען אן אויג אויפ׳ן בעל אכסניא׳ס טאכטער. מסתמא איז דאס געווען א שטראף פון גאט, פאר וואס אזא איד, ווי ר׳ ירוחם קלמנ׳ס — אזוי האט געהייסען דער בעל אכסניא, האט צוגעלאזט מאוס׳ע זאכען ביי זיך אין שטוב. מילא, וואס ווילט איהר, דער פראנטעל האט זיך אזוי לאנג געשפיעלט מיט׳ן בעל אכסניא׳ס טאכטער, ביז זי האט אנגעהויבען צו ווערען קיילעכדיגער ווי הע־כער. ביטער, א טרונק! ירוחם האט זיך ניט געוואוסט וואו צו

באַגראָבען פּאָר שאַנדע, און נאָך מעהר, וואו באַגראָבט מען איהר, די טאָכטער הייסט עס. אַזאַ מום אין אונזערע מקומות איז, ווי איהר ווייסט, קיין קאַטאָוועס. דאָ איז דאָס גאָרניט. אַרויסגעמופּט פון איין דירה און אַריין אין אַ צווייטע דירה און קיין האָהן וועט שוין ניט קרייען. דאָרטען קען מען אַזעלכע זאַכען ניט באַהאַלטען. מילא, וואָס זאָל איך אייך אַ סך דערצעהלען, ירוחם׳ען איז גע־בליבען איין ברירה: פאַרשלייערען זיין טאָכטער מיט מיין איצ־טיגען לענדלאָרד. ער האָט געזאָגט: אָל־רייט, אַ שידוך איז אַ שידוך, אָבער פאַר אַ מום דאַרף מען באַצאָהלען, און ער האָט זיך געהייסען אָוועקלעגען אָנדערהאַלבען טויזענד קאַרבאָנצעס; אָנ־דערהאַלבען טויזענד קאַרבאָנצעס ווי די בערען, און האָט גלייך געמאַכט יאָזדע קיין אַמעריקאַ.

דער פּאַדים פון דער ערצעהלונג האָט זיך פּלוצים איבערגעריסען ביי מיין גלעזער. ער איז געבליבען שטעהן מיט אַ האַלב אָפענעם מויל און האָט זיך ווידער גענומען מיט חשק קנעטען מיט׳ן גראָבען פינגער דעם קיט.

— און דאָ איז ער אַריין אין ריעל־עסטייט?

— ניין. ניט גלייך. אַ גרינער און ער האָט גלייך דערשמעקט, ווי מען קען מאַכען געלט אין אַמעריקאַ. אַ פּאָר חדשים האָט ער זיך צוגעקוקט, וואָס עס קומט פאָר אין אונזער געבענשטער שטאָדט ניו־יאָרק, און איז געוואָרען אַ ליסטער. ער האָט געדונגען אַ הויז אין דער דריי־און־צוואַנציגסטער סטריט, דאַכט זיך, אָדער מיט אַ פּאָר סטריטען ווייטער אָדער נעהענטער. איך געדענק ניט ריכ־טיג, נאָר דאָס איז געווען אין יענער געגענד. משמעות, זיין רייבען זיך אַרום דער אכסניא אין דער היים און האָבען צו טאָן מיט יענע נפשות, האָט איהם געהאָלפען דערשמעקען דעם ריכטיגען פּלאַץ פאַר איהם. קיין אָנשטענדיגע מענשען האָט ער ניט פאַר־דונגען קיין רומס אין זיין הויז. ער האָט נאָר אַריינגעלאָזט יענע נפשות און ווי עס ווייזט אויס, קענען זיי גוט באַצאָהלען. פאַר וואָס ניט? וואָס איז, זיי ווייסען אויך ווי שווער עס איז צו פאַרדינען אַ דאָלאַר? מילא, וואָס זאָל איך אַ סך ברייען: אין אַ פּאָר יאָהר האָט ער אָנגעקליבען אַ מטמון מיט געלט און ווער

ווייסט ווי רייך ער וואָלט געוואָרען, ווען עס לאָזט זיך ניט אָנהויבען די לעצטע יאָהרען אַ רדיפה אויף אַזעלכע ליסטערס...

דער גלעזער איז ווידער אנטשוויגען געוואָרען.

— איז דאָס אַלץ, וואָס איהר האָט געוואָלט דערצעהלען?

— ניין, ניין. איך וויל אייך דערצעהלען אַ פיינע מעשה. נאָר ניט אריינצופאַלען ווי אַ יון אין סוכה, האָב איך אייך געדאַרפט דערצעהלען ווער דער לענדלאָרד איז, ניט אמת?

— געוויס, געוויס; נאָר וואָס איז די מעשה?

— ווען ער איז געוואָרען אוים ליסטער, האָט ער זיך גענומען צו ריעל־עסטייט. ער האָט געקויפט איין הויז, נאָכדעם אַ צווייטע. איך וואוין ביי איהם שוין אַ פּאָר יאָהר און וואוין מיט איהם אין איין הויז. פון פאַר־אַ־יאָהרען האָט ער שוין מוסיף געווען צוויי מאָל רענט. דאָס לעצטע מאָל האָט ער מוסיף געווען רענט, נאָך איידער דער קאָך מיט׳ן רענט האָט זיך אָנגעהויבען. ווען דער גאַנצער קאָך איז געוואָרען, איז ער געלעגען אַ טוידט־קראַנקער. משמעות, ער איז נאָך קראַנק פון דער היים, ער האָט נאָך דאָרטען צוגעצויגען אַ מיאוס׳ע קראַנקהייט. ער איז שוין איצט געלעגען ביים שטאַרבען און מען האָט איהם געמאַכט אַן אָפּעריישאָן. ווי זאָגט מען דאָס, אַ הונט אַז ער פּגר׳ט, איז אויך אַ רחמנות, ובפרט אַ מענש און נאָך דערצו אַ לאַנדסמאַן. אַ מענש אַ לאַנדסמאַן שטאַרבט און ווי קען מען דאָס זיין אַזאַ, ווי זאָגט מען דאָס, און ניט אריינ־געהן מבקר חולה זיין? איך בין צו איהם אריינגעגאַנגען באַלד נאָך דער אָפּעראַציע. ער האָט זיך נאָך ניט אויסגעטשוכעט פון דעם שלאָף־טרונק, וואָס די דאָקטוירים האָבען איהם געגעבען, און ער האָט ניט געקענט וויסען, וואָס פון דער אָפּעריישאָן וועט ווערען, צי וועט ער געזונט ווערען אָדער אָפּטראָגען זיך אויף יע־נער וועלט. ווען ער האָט זיך אַזוי גענומען אויסטשוכען האָט ער מיך דערזעהן. איך בין צו איהם געשווינד צוגעלאָפען און האָב געמיינט, אַ קשיא אויף אַ אידען, אפשר וועט ער מיך בעטען, איך זאָל מיט איהם זאָגען וידוי, אָדער זעהן אויסהעלפען זיין ווייב, ווי זאָגט מען דאָס, אַ לאַנדסמאַן און קען איהם פון דער היים. ווייסט ווער איהר טאַטע איז און זי איז דאָך נאָך אַלעמען ניט

מעהר ווי אַ אידענע. איך בין געשווינד צוגעגאַנגען צו איהם און צוגעבויגען זיך, ווייל ער האָט געגערט זעהר שוואַך, קוים־קוים וואָס מען האָט געקענט הערען, און טרעפט וואָס ער האָט מיר געזאָגט?

— וואָס, אַן ערד?

— ליכטיגע רומס, ניט אמת? — זאָגט ער צו מיר. — יאַ די רומס זיינען ליכטיגע, — זאָג איך צו איהם. — דאָס זיינען דאָך די זעלביגע רומס וואָס מיינע. — זאָג איך צו איהם. איהר דאַרפט וויסען, אַז איך און ער וואוינען אויף איין זייט. ער וואוינט דאַונסטעירז און איך אַפּ־סטעירז. — אָ, יאָ, — זאָגט ער. — איהר האָט אויך אַזעלכע רומס און איך רעכען, אַז עס וועט קיין עולה ניט זיין אייך צו רייזען די רענט פון דעם נעקסטען מאַנאַט.

ער איז אנטשוויגען געוואָרען, האָט אַ ריס געטאָן די האַנט צום שטערן, ווי אַפּצעווישען דעם שוויים. עס ווייזט אויס, אַז ער איז פאַרמאַטערט געוואָרען דערצעהלענדיג. דאַן האָט ער אַ קוק געגעבען אויף מיר און געפרעגט:

— נו, וואָס זאָגט איהר?

די טאָכטער

עס איז געווען דער ערשטער אמת'ער נחת, וואָס חנה־דבורה האָט דערלעבט אין אמעריקא, ווען זי האָט אויסגעגעבען איהר עלטערע טאָכטער. דער שידוך איז געווען אַ גוטער און זי האָט קיין בעסערען זיך אפילו ניט געוואונשען פאַר איהר טאָכטער. דער איידעם איז געווען אַן אַמעריקאַנער יונגערמאַן און האָט געקראָגען גוטע שכירות און אַן אויסקוק אַרויפצואַרבייטען זיך, און אַ חוץ דעם, זיינען זיינע עלטערן געווען גוט־אָפּ.

באַקאַנט געוואָרען זיינען זיי אין דעם אָפיס וואו זיי האָבען ביידע געאַרבייט. זי איז דאָרטען געווען א סטענאָגראַפערקע און ער האָט אונטער זיך געהאָט אַ גאַנצען דעפּאַרטמענט.

חנה דבורה האָט געקוקט אויפ'ן שידוך, ווי אויף א גליק, וואָס איז איהר אַרונטערגעפאַלען פון הימעל. אַליין האָט זי דאָ אין אַמעריקא וועניג גליקליכע טעג געהאַט. פון אַ גוטער נאָר פאַר־אַרימטער פאַמיליע, האָט זי דאָ חתונה געהאַט אונטער איהר שטאַנד, און הגם איהר מאַן האָט פון איהר געהאַלטען אַן עולם ומלואה, איז ער געווען אַן איינגע'עקשנ'טער נאַר. זי אַליין האָט געהאַט אַ גוטען חוש פאַר ביזנעס, און ערמוטהיגט פון איהר, איז ער פון אַן אַרבייטער אַ ביזנעסמאַן געוואָרען און איינצייט האָבען זיי שוין געהאַט א געשעפט, וואָס איז ווערט געווען פיינע טויזענטער, נאָר דער איינגע'עקשנ'טער נאַר אין איהם איז אַרויסגעשפּרונגען און האָט בידים אַלץ איבערגעפיהרט, און מען האָט געדאַרפט אָנ־הויבען צוריק פון דאָס ניי, ווען די כחות זיינען שוין ניט מעהר יונג געווען.

און אַזוי ווי זי האָט זיך ניט באַנוגענט מיט'ן ערמוטיגען אַליין און האָט די ערשטע יאָהרען שווער געאַרבייט אי אין הויז

און אי אין געשעפט, איז זי טאַקע געבליבן גאָר אַהן כחות ביי דער צייט, ווען זיי האָבן פאַרלאָרן זייער ביסעל געלט, און עס איז געווען זעהר שווער אַנצוהויבן צוריק פון סאַמע אַנהויב אָן.

דער ערשטער אמת׳ער נחת איהרער איז געווען, ווען די טאָכ־טער האָט חתונה געהאַט, און ניט סתם חתונה געהאַט, נאָר טאַקע געטראָפען מיט׳ן שידוך. עס האָט געפרעהט דער מאַמעס האַרץ צו זעהן, ווי איהר איידעם האָט אויסגעפוצט די רומס, וואָס ער האָט גענומען אין א שעהנעם עלעווייטאָר־אַפּאַרטמענט, מיט׳ן רייכסטען מעבעל, מיט די שעהנסטע חפצים און מיט די פיינסטע כלים. זי האָט ממש הנאה געהאַט, ווען זי האָט פּרובירט אַ הויב טאָן אַ שטול, און ער האָט געוויזען שווערע געוויכט. איהר האַרץ האָט אַנגעקוואָלען, ווען זי האָט געטראָטען אויפ׳ן טעפּיך, און זי האָט געפיהלט, אַזוי ווי זי טרעט אויף הויכען ווייכען גראָז.

צייטענווייז פלעגט זי זיך דערמאָנען, ווי זי האָט גע׳חושב׳ט אין א קליינער רומקע הינטער דער סטאָר די ערשטע עטליכע יאָהר נאָך דער חתונה, און די דאָזיגע עראינערונג האָט נאָך פאַרגרעסערט איהר פרייד, וואָס אויף איהר טאָכטער׳ס מזל איז אויסגעפאַלען א בעסערע מערכה.

און ווי פאַר׳חידוש׳ט איז איינמאָל חנה דבורה געוואָרען, ווען איין טאָג איז זי געקומען באַזוכען איהר טאָכטער, האָט יענע איהר דערקלערט, אַז זי האָט באַשלאָסען צו זוכען ארבייט.

— וואָס איז, חס־ושלום עפּעס געשעהן מיט אַלבערט׳ן? — האָט די מוטער געפרעגט צושראָקען.

— ניין. קיין זאַך ניט געשעהן.

— וואָס דען?

— גאָרניט.

— סתם־אַזוי וועט דאָך דיר ניט איינפאַלען צו זוכען ארבייט?

— מיר געפעהלט ניט, ווי אַלבערט פאַרהאַלט זיך צו מיר.

— עפּעס אַנגעטראָטען? געבייזערט זיך? באַליידיגט?

— וואָס דיר פאַלט איין! איך וואָלט טאַקע וועלען זעהן, אַז ער זאָל מיר באַליידיגען!

— אויב אַזוי, פאַרשטעה איך דאָך ערשט ניט, וואו דער שוד קוועטשט דיר?

— וועל, אַלבערט איז שוין ניט מעהר, וואָס ער איז פריהער געווען. אַז ער קומט אַהיים און איך דערמאָן איהם וועגען אַ טעאַטער אָדער אַ קאָנצערט אָדער אַ באַל זאָגט ער, אַז איך זאָל נעהמען דיך און געהן מיט דיר. פאַר דער חתונה האָט ער זיך געדאַרפט בעטען ביי מיר.—

— נו, מאַך זיך ניט נאַריש און רעד ניט ווי אַ קינד, — האָט די מאַמע געענטפערט און זיך צולאַכט. — איך האָב געמיינט גאָט ווייסט, וואָס ביי אייך איז דאָ געשעהן!

— מיט עטליכע חדשים צוריק בין איך מיט איהם געווען אויף אַ באַל און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט ביי אַ טישעל און איך האָב איהם בשום אופן ניט געקענט אַפּרייסען פון דאָרטען. קוים פון יוצא וועגען האָט ער מיט מיר איינמאָל געטאַנצט. נאָר שפּעטער האָט ער זיך מיט דער מאָוס׳קייט, ווי הייסט זי? גוטמאַנ׳ס ווייבעל, אַזוי צוטאַנצט, אַז איך האָב איהם קוים אַוועקגעשלעפּט פון באַל.

— נו, דו ביזט אייפערזיכטיג און דאָס איז אַלץ.

— איך בין ניט אייפערזיכטיג. אויף וועמען זאָל איך זיין אייפערזיכטיג? אויף יענער מיאוס׳קייט? נאָר איך וועל בשום אופן ניט דערלאָזען, אַז ער זאָל אויף מיר קוקען ווי אויף אַן אַנגעוואָרפענע. איך קען מיין שטעדטעל אַליין באַשטעהן.

— וויים איך וואָס דיר איז איינגעפאַלען! — האָט די מוטער געזאָגט. דאַנק גאָט, וואָס דו האָסט ניט באַמערקט אין דיין מאַן עפּעס ערגערעס. קיין מאַן בלייבט ניט אַזוי נאָך דער חתונה, ווי ער איז געווען פאַר דער חתונה, און שלאָג זיך אַרויס די נאַרישקייטען פון קאָפּ.

— איך ענטפער שוין „עדם“ און איך מיין ערנסט וואָס איך רעד.

— צו מיינע שונאים׳ס קעפּ, צו דיין נאַרישען שכל! פון אַזאַ וואָוילטאָג וועסטו אין אַן אַפּיס געהן! און וואָס וועט ער זאָגען?

— מיר קימערט גאָרניט וואָס ער וועט זאָגן. איך וועל איהם ווייזען, אז איך קען מיין שטעדטעל באַשטעהן.

איצט האָט זיך חנה דבורה דערשראָקען אויף אַן אמת. ביז דער מינוט האָט זי געקוקט אויף דעם, ווי אויף אַ קאַפּריז פון אַ קליינער מיידעל. זי איז נאָך אַלץ געווען געוואוינט צו קוקען אויף איהר בעסיין, ווי אויף אַ קליין קינד. און זי האָט איצט גענומען רעדען מיט איהר ערנסט. זי האָט איהר פריהער געזוכט אריינצוגעבען איהר פּראַקטישען שכל און ווייזען איהר ווי די וועלט פיהרט זיך, און אַז זי דאַרף זיך רעכענען פאַר אַן אמת־גליקליכע, וואָס גאָט האָט איהר געבענשט מיט אַזאַ מאַן.

— אַז אַנדערע אויף דיין פּלאַץ, וואָלט ניט געוואוסט, ווי אַפּצודאַנקען דעם אויבערשטען פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט געטאָן. וואָס פעהלט דיר? וואָס גערט דיר אָפּ? דו האָסט דאָך ביי דיין מאַן פון פויגעל־מילך. הלואי אַ חוץ דיין שאָדען אויף אַלע אידישע טעכטער געזאָגט געוואָרען.

דערנאָך האָט זי איהר געוויזען, וויפיעל זי איז אויסגעשטאַנען פון איהר טאַטען. און עס איז געווען אַן אַך און וועה, אַז זי האָט מיט איהם געדאַרפט חתונה האָבען. מען האָט געדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזען אויסצוהאַלטען פון אַזאַ וואַריאַט ווי ער איז, און דאָך איז איהר קיינמאָל ניט איינגעפאַלען צו טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל שטערען דעם שלום־בית. און אַז די מאַמע האָט איהר גאַנצע האַרץ אויסגעגאָסען, האָט זיך די טאָכטער אָנגערופען:

— אָבער פאַרשטעה, מאַמע, אַז עס איז אַמעריקאַ! איך וועל זיך ניט לאָזען טרעטען מיט די פיס און איך וועל ניט זיין אַזאַ סלייוו, ווי דו ביזט געווען.

די מוטער האָט מעכאַניש אַ קוק געטאָן אויף די בריליאַנטענע אוירינגלאַך, אויף דעם זיידענעם סוועטער, אויף די זעמשענע שיך, וואָס די טאָכטער האָט געטראָגען, און האָט מיט האַרץ אויסגערופען:

— פוּ, זאָלט איהר ווערען!

— דהערי׳ז נאָ יוז, מאַמאָ. איך וועל זיך מיט דיר קיין מאָל ניט צוזאַמענרעדען. דיינע נאָשיאָנס זיינען אַלטמאָדישע.

מיט אַ געזונקענעם הארצען, מיט אַ טיפען עגמת־נפש, האָט חנה דבורה פאַרלאָזען די טאָכטער, און דעם גאַנצען וועג האָט זי געמורמעלט צו זיך:

— די וועלט איז משוגע, ניט אַנדערש ווי משוגע!

אַבי חתונה געהאַט

צו אַ רעדעל ווייבער פּאַר אַ גרויסע טענעמענט הויז איז צו־געגאַנגען אַ יונגע ווייבעל, אַ געוועזענע, ביז דער חתונה, פינישעריז, איצט אַ שטיקעל בעל־הבית׳טע, צוגאַסען פון מאַנ׳ס קעסט אין דער לענג און אין דער ברייט, און געפרעגט:

— וועמען האָט מען דאָס אַרויסגעוואָרפען? — ביי דער פראַגע האָט זי מיט די אויגען אַ קוק געטאָן אויף די אָרימע בעביכעס וואָס זיינען געלעגען אויפ׳ן סייד־וואָק.

— די שוואַרץ חנ׳עווודיגע ווייבעלע פון דאַונסטעירז! — האָט איהר אַ ווייבעל געענטפערט.

— ווי הייסט מ׳האָט זי אַרויסגעוואָרפען? פאַרוואָס? פאַר רענט?

— פאַר רענט! אומשטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ רענט מען צאָהלט דאָ! אודאי פיער דאָלאַר אַ וואָך.

— דריי! — האָט איינע פון רעדעל געענטפערט.

— נאָך בעסער! דריי דאָלאַר — אַ גרויסע מציאה!

— אָבער אַז דער מאַן האָט איהר ניט געגעבען? — האָט וויי־טער איינע געפרעגט.

— דער מאַן ניט געגעבען! הו! — האָט די געוועזענע פיני־שעריז געזאָגט מיט אַ קרים. — אַז דער מאַן האָט ניט געגעבען, געהט מען אַרבייטען.

— איצט איז סלעק...

— סלעק! און אַז סלעק איז וואָס־זשע איז? מען איז אָהן קינדער, פאַרשליסט מען די טיר, מען נעהמט דעם דזשעקעט און די העט און מ׳געהט אין אַ שאָפּ.

— ניטאָ קיין אַרבייט.

— וואָס וועט איהר מיר זאָגען, אַז פאַר איין מענשען איז ניטאָ קיין אַרבייט? וואָס וועט איהר מיר איינשמועסען, אַז די דעק איז שוין אַרויסגעפאַלען אין אַמעריקא און אַ מענש קען שוין ניט געפינען קיין אַרבייט? נעוועך מיין, אַז מ'וויל אַרבייטען — געפינט מען.

— הו! האָט די געוועזענע פינישערין ווייטער פאַרטגעזעצט, מאַכענדיג דעם „הו“ מעהר מיט דער נאָז, ווי מיט'ן מויל. — הו! אַז מען איז ניט קיין בעל־הבית'טע — וואָס פאַר אַ גוטס קען אַרויס־קומען? איהר זעהט אַ טעלער! קוקט, אדרבה, איך בעט אייך! — האָט זי זיך געווענדעט צו די ווייבער, ווייזענדיג אויף אַ פאַרשמוצ־טען טעלער, וואָס איז געלעגען צווישען די אַרויסגעוואָרפענע זאַ־כען. — האָט זי דען ניט געוואוסט נעכטען, אַז מען וועט זי היינט אַרויסוואַרפען? פאַר וואָס האָט זי ניט אויסגעוואַשען די טעלער?

— ס'קען זיין, וואָס מיינט איהר, — האָט זיך איינע אָנגערופען מיט אַ רחמנות פּנים, — עס קען זיין, וואָס מיינט איהר, עס איז איהר אין זינען ניט געלעגען. אַזאַ מעשה! וואָס מיינט איהר, צוויי חדשים נאָך דער חתונה און דער מאַן זאָגט שוין „יאַ טעביע ניע בענדאַ“?...

— נעוועך מיין, אַז מען איז אַ בעל־הבית'טע פאַרגעסט מען ניט אָזעלכע זאַכען, — האָט ווייטער געהעדט די געוועזענע פיני־שערין — האַ? זאָגט, איז דאָס אַ בעל־הבית'טע? אַט שלעפּען די קינדער די זאַכען, און וואו איז זי? פאַר וואָס שטעהט זי ניט און היט ניט די זאַכען? האַ? פאַר וואָס?

— וואָס מיינט איהר, — האָט די ווייבעל מיט'ן רחמנות־פּנים געענטפערט, — וואָס מיינט איהר, עס קען זיין זי שעמט זיך. אַ פאַרגעניגען אַ גרויסער, וואָס מיינט איהר, איז צו שטעהן און צוקוקען, ווי אַלע וועלען טייטען אויף איהר מיט די פינגער? און ווען? סך הכל צוויי חדשים נאָך דער חתונה!...

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, — האָט די נעוועזענע פינישערין אָנגעהויבען מיט יענעם מתיקות'דיג קול, אין וועלכען געוועהנליך פּאַלען אַריין ווייבער, ווען זיי הויבען אָן צו טרייבען רכילות אַדער

רעדען שלעכטס אויף ווערמען עס איז. — זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס איז די מעשה: צוויי חדשים נאָך דער חתונה און עס איז שוין אַזאַ טאַרעראַם?

— וואָס איז די מעשה? — האָט זיך אָנגערופען די ווייבעל מיט רחמנות־פּנים, אַ ריב טוענדיג מיט׳ן פאַרטוך דעם שווייס פון פּנים: — וואָס איז די מעשה? פון לויפער קען מען עפּעס ערוואַר־טען רעכטס?

— אַוועק דו שייגעץ איינער! — האָט אַ ווייבעל זיך אַ בייזער געטאָן אויף אַ קליינעם אינגעל, וואָס האָט אַרויסגעשלעפּט פון די דישעם אַ ספון און גענומען מיט איהר גראָבען ערד. — אַוועק, דו שייגעץ איינער! טשעפּע ניט פרעמדע זאַכען!

די ווייבעל מיט׳ן רחמנות־פּנים האָט ווייטער אָנגעהויבען:

— אויף אַ מיידעל וואָס מען זאָגט איז אַלץ ריכטיג. וואָס האָט איהר געפעהלט, זאָגט, איך בעט אייך, אַז זי האָט געאַרבייט אין אַ שאַפּ און האָט ניט געוואוסט פון קאָפּ־דרעהעניש... ניין, האָט זי זיך איינגעבלאַפּעט אין לויפער... נאַר, ווידער גערעדט, דער הונט איז ווערט דער שטעקען! וואָס איז זי אַליין, אויב ניט קיין לויפערקע? ביי נאַכט זיך אַרומגעדרעהט מיט באָיעס און אַרומגעיאָגט זיך אין די סטריטען מיט אַ וויסטעל... וואָס? גוטס קען עפּעס אַרויסקומען דערפון?

— שור, — פּאַטאַקעוועט די געוועזענע פינישערין. — שור, קיין גוטס קען דערפון ניט אַרויסקומען....

— האָט זי דען ניט געקענט וויסען, אַז דאָס וועט זיין דער סוף? הא, זאָגט! אַ באַי געהט אַרום פּוסט און פּאַס, וויל ניט אַרבייטען... מילא, טאַטע־מאַמע — גאָר ניט, פּאַרט אַ קינד, מען דענקט, אַז ער וועט ווערען עלטער, וועט ער ווערען מענערשער, ער וועט חתונה האָבען ווי געהעריג איז, וועט נעהמען נדן און וועט מאַכען אַ לעבען... אָבער זי, האָט זי דען ניט געזעהן וואָס ער איז? וואָס האָט זי זיך אין איהם איינגעבלאַפּעט?

— און וואָס זאָגען זיינע עלטערען? — פרעגט די געוועזענע פינישערין.

— זיי ווילען פון קיין זאך ניט וויסען... זיי געפעהלט ניט דער שדוך... אז אך און וועה! זיי שטעהט נאך ניט אן האָבען אזא ווייב פאר זייער לויפער... זיי האָבען איהם אָנגעזאָגט, אז אויב ער וועט זיי ניט פאָלגען, וועלען זיי איהם אפילו קיין צובראָכענעם שערבעל ניט געבען, זיי ווילען פון איהם ניט הערען און ניט וויסען, ער איז שוין גאָר זייערער קיין קינד ניט... ביי אונז, וואָס מיינט איהר, איז דאָס אַ סטראַשונאָק, אָבער דאָ — מען איז דאָך עפּעס אין אמעריקא נו, נו, וואָס קלעהרט איהר? געהט מען אוועק אין קאָורט און מען האָט חתונה... אַ נס, וואָס פרעמדע האָבען זיך אַריינגעמישט און מען האָט זיך צונויפגעלעגט און געמאַכט אַ חתונה ווי געהעריג איז, מיט אַ חופּה, ווי עס פיהרט זיך ביי אידען... אז ניט... טפו, ניט געדאַכט זאָל עס ווערען! זיי וואָלטען נאָך געלעבט ווי גוים...

— וואָס מיינט איהר? אַ הפקר וועלט איז דאָ, אַ הפקר וועלט — האָט צוגעגעבען נאָך אַ ווייבעל מיט אַ פרומע מינע.

— וואָס זאָגט איהר צו איהר פרומע צורה? — האָט נאָך אַ ווייבעל פון דער זייט איינגערוימט איהר שכנה אין אויער אַ סוד: — וואָס זאָגט איהר צו איהר פרומע צורה? ווי לאַנג איז, אז מען האָט וועגען איהר אויפגעהערט צו רעדען?... אַ פאַרשטאָבענע אויגען דאָס איז!...

— נו, און איצט האָב זיך אויך זיינע עלטערען ניט געלאָזט איבערבעטען? — האָט ווייטער געפרעגט די געוועזענע פינישערין.

— וואו? זיי ווילען ניט הערען און ניט זעהן. און דער בן־עלע דער תכשיט האָט צוויי וואָכען נאָך דער חתונה איהר אָנגעהויבען צו שלאָגען מכות רצח... ביי נאַכט קומט ער, צושלאָגט זיך מיט איהר אין בלוט אַריין און אין דער פריה אַנטלויפט ער צום טאַטען־מאַמען... וואָס מיינט איהר, ס׳איז דאָ אפּולע צו באַשולדיגען? ניט געפּרובט זאָל מען ווערען!...

— הם! — האָט זיך איינע פון רעדעל אָנגערופען: — טאַקע, וואָס מען זאָגט אויף ווייבער, איז אַלץ קאָרג!... כאָטשע מיט אַ לויפער, אָבי חתונה געהאַט!... האָט זי דען ניט געקענט וויסען, אז אזא סוף וועט איהר אויסגעהן? אָבי חתונה געהאַט!...